STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10316

HISTORISHE SHRIFTN

Hayim Shoys

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

היסטאָרישע שריפטן

חיים שוים

תרמ"ד — תשי"ד

חיים שוים

היסטאָרישע שריפטן

רעדאַגירט פון
אפרים אויערבאַך און אברהם מענעס

פאַרבאַנד פאַרלאַג

1956 ניו־יאָרק תשט"ז

HISTORISCHE SCHRIFTEN

Essays on Jewish History

By CHAIM SCHAUSS

Copyright 1956 *by*

FARBAND FARLAG, INC.

45 East 17th Street, New York, N. Y.

געדרוקט ביי די ברידער שולזינגער

Printed in the U. S. A. by

SHULSINGER BROS. LINOTYPING & PUBLISHING CO.

21 EAST 4TH STREET, NEW YORK 3, N. Y.

אינהאַלט:

פאָרוואָרט .... וו. געלבאַרד 7

דער טאַטע, ווי מיר האָבן אים געקאַנט............. מרים און עמוס שויס 9

חיים שויס — תלמיד־חכם און לערער.................. אברהם מענעס 19

דאָס געשטאַלט חיים שויס........................ אפרים אויערבאַך 25

גלות־בבל און שיבת־ציון 31

דער אָנהייב פון אידישן גלות 85

ארץ־ישראל אין דער צייט פון ערשטן חורבן 98

ארץ־ישראל און גלות אין דער צייט פון גלות־בבל 108

די מלוכה פון דער ערד און די מלוכה פון הימל 121

ש ב ת 139

ווי דער שבת האָט זיך אָנגעהויבן 139

די אידישע פאַמיליע 169

א חתונה ביי אידן 171

אַ אידיש קינד ווערט געבאָרן 208

אידישע שטעט 127

פ ר א ג 129

מ ה ר ״ ל 241

אַ אידישער קוואַרטאַל אין אַמאָליקע צייטן 256

געטאָס אין אייראָפּעאישע שטעט 266

מיין שטעטל גאָרזד 276

וואָלאָזשין 290

מענטש און גאָט 298

פאָרוואָרט

(עטלעכע ווערטער פון חיים שויס בוך־קאָמיטעט)

דאָס בוך „היסטאָרישע שריפטן", וואָס דער פאַרבאַנד פאַרלאַג גיט אַרויס, איז נאָר אַ טייל פון דער שרייבערישער פאָרשערישער ירושה וואָס חיים שויס האָט איבערגעלאָזט. מיר האַלטן אָבער אַז אין די עטלעכע גרעסערע און קלענערע עסייען וואָס גייען אַריין אין דעם בוך איז דאָ (בזעיר אַנפּין) דער תמצית פון זיינע דערגרייכונגען נאָך אַ משך פון עטלעכע צענדליק יאָר אַרבעט.

אַ קאָמיטעט פון פאַרבאַנד־חברים האָט זיך אָפּגעגעבן מיט צוגרייטן דאָס בוך און אויך צו שאַפן די מעגלעכקייט אַז עס זאָל דערשיינען. אָפּגערופן האָבן זיך די ערשטע חיים שויס׳ תלמידים, וואָס טראָגן נאָך אין זיך די ווארעמע דערמאָנונג פון זייער רבי׳ן, און פון זיין גירסא — די לימודים וואָס זיי האָבן ביי אים געלערנט.

זאָל מיר דאָ דערלויבט זיין צו זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן דעם רבין מיינעם וואָס האָט מיך, אַ דערוואַקסענעם מענטשן, ממש איבערגעקנאָטן און אידיש אויסגעפורעמט.

איך געדענק נאָך דעם טיפן איינדרוק וואָס האָט אויף אונז געמאַכט, ווען מיר האָבן, אַרום דעם יאָר 1916 אָדער 1917, געהערט צום ערשטן מאָל אַ לעקציע זיינע איבער אידישער געשיכטע. מיר האָבן דאַן אין אַ קליין שטעטל אין ניו־דזשוירזי אַראַנזשירט מיט אים אַ גאַנצע סעריע פון די לעקציעס, און מיר האָבן אָנגעהויבן צו קוקן אויף אידישע ווערטן מיט גאַנץ אַנדערע אויגן. באַזונדערס איז עס געווען ממש ווי אַן אַנטפּלעקונג פאַר דער אידישער אינטעליגענטער יוגנט, וואָס האָט אַמאָל געלערנט אין אַ ישיבה, און איז דערנאָך מיטגעריסן געוואָרן מיט דער השכלה און שפּעטער מיטן רעוואָלוציאָנערן אויפבראויז, וואָס האָט מבטל געווען אידישע ווערטן. מיר האָבן צוריק אָנגעהויבן דערקענען און אָפּשאַצן אונזער אַלטע קולטור. מיר זיינען צוריק אַריינגעקומען אינם היכל התורה, וואוהין חיים שויס האָט אונז מיט פיל ליבשאַפט אַריינגעפירט.

חיים שויס איז ניט געווען קיין קאַבינעט מענטש, נאָר אַן אמת׳ער פאָלקס מענטש, און איז טאַקע געקומען צום פאָלק. און מיט זיינע לעקציעס, אַרטיקלען, עסייען און ביכער, האָט ער אפשר צום ערשטן מאָל אַריינגעפירט דעם פאָלקס־אינטעליגענט אין דעם לאַבירינט פון תנ״ך און אידישע געשיכטע.

חיים שויס איז ניט געווען קיין שטייענדיק וואַסער. ער האָט זיין גאַנץ לעבן כסדר געלערנט, געזוכט און געפאָרשט. און איך געדענק מיט וואָס פאַר אַ שמחה ער איז צו מיר אַריין, זיין שכן און תלמיד, און האָט מיר דער־ציילט פון עפּעס אַ נייעם אויפטו, אַ ניי וואָרט, אָדער אַ נייעם פאַקט פון געשיכטע וואָס ער האָט אַנטדעקט.

שויס האָט זיך אַליין כסדר געלערנט און זיך אַנטוויקלט און איז גע־וואָרן מער אידיש נאַציאָנאַל אין זיין אויפפאַסונג. דאָס קען מען מערקן אין זיינע לעצטע ווערק, ווי די צוויי בענדער נביאים, אָדער אין זיינע עסייען, וואָס זיינען אַריין אין דעם איצטיקן בוך.

מיר דאַנקען אַלע וואָס האָבן אונז געהאָלפן אַרויסגעבן דעם בוך „היסטאָ־רישע שריפטן", די רעדאַקטאָרן — אפרים אויערבאַך און אברהם מענעס, חבר י. מ. בידערמאַן, וואָס האָט געטאָן די קאָרעקטור־אַרבעט, די באַאמטע פון פאַרבאַנד, די חברים בראון און סיגעל און חבר פישער פון פאַרבאַנד־פאַרלאַג.

אין נאָמען פון חיים שויס בוך־קאָמיטעט

וו. געלבאַרד, סעקרעטאַר

דער טאַטע, ווי מיר האָבן געקאַנט

(ביאָגראַפישע נאָטיצן און זכרונות)

מרים און עמוס שויס

אז די אַרויסגעבער פון אָט דעם בוך האָבן אונז פאַרגעלייגט מיר זאָלן אָנשרייבן די ביאָגראַפיע פון אונזער טאַטן ע"ה, האָבן מיר צום אָנהייב געמיינט, אַז עס פעלן אונז די קוואַליפיקאַציעס פאַר אַזאַ מין אַרבעט; מיר האָבן געמיינט אַז עס פעלט אונז די דערפאַרונג און שולונג. אונז האָט זיך אויך געדאַכט, אַז אונזער נאָענטקייט צום מענטשן וועט זיין אַ שטער אַרויסצו־ברענגען אַ באַלאַנסירטע, אָביעקטיווע ביאָגראַפיע. אָבער אַז מיר האָבן זיך דורכגערעדט מיט די רעדאַקטאָרן זיינען אַלע שטערונגען אָפּגעפרעגט און עלימינירט געוואָרן און מיר האָבן זיך אונטערגענומען צו טאָן די אַרבעט אַזוי גוט ווי מיר וועלן קענען. אונזער פּלאַן איז געווען זיך דורכצורעדן מיט מענטשן אין דער משפחה, וואָס האָבן געקענט דעם טאַטן זיין גאַנץ לעבן אָדער אַ טייל פון זיין לעבן, און אינאיינעם מיט וואָס מיר אַליין ווייסן און געדענקען צונויפצושטעלן די ביאָגראַפיע. מיט געשריבענע קוואַלן האָבן מיר זיך ווייניק געדאַרפט רעכענען, ווייל אַ חוץ אַ קורצער נאָטיץ אין זלמן רייזינ'ס „לעקסיקאָן" עקזיסטירן נישט, ווי ווייט מיר ווייסן, קיין קוואַלן. אַזוי אַרום זיינען די איינציקע קוואַלן פון אינפאָרמאַציע זכרונות פון קרובים. ליידער איז דאָס בילד וואָס קומט אַרויס פון די זכרונות נישט גאַנץ, טונקל אין אַ סך פּרטים, נעפּלדיק טיילווייז און בדרך כלל ווייט פון אַ פולער, עכטער ביאָגראַפיע אין דעם וויסנשאַפטלעכן זין. דעריבער וועלן מיר זיך מוזן באַנוגענען מיט דער באַגרעניצטער אינפאָרמאַציע וואָס מיר האָבן און פּרוּוון שאַפן אַ בילד וואָס איז אפילו אין טייל פּרטים אַביסל נעפּלדיק.

דער טאַטע, ע"ה, פלעגט גאַנץ אָפט דערציילן כל'ערליי זאַכן וועגן זיין געבורטס שטעטל, גאָרזד; וועגן מנהגים, פּירונגען, פּערזענלעכקייטן און דעם שטייגער לעבן אין אַ קליין ליטוויש שטעטל. דאָס איז געווען אַ טייל פון דעם אידישן וויסן וואָס ער האָט געוואָלט אַז מיר זאָלן באַקומען. וועגן זיך אַליין פלעגט ער זייער ווייניק דערציילן, אַ חוץ ווען דאָס האָט עפּעס אילוס־טרירט, באַלויכטן אַ מנהג, אָדער געהאַט אַ שייכות צו אַ פּערזענלעכקייט און אַזוי אַרום געדינט ווי אַ פּעדאַגאָגיש מיטל אונז צו לערנען.

דעם טאַטנס פאָטער האָט געהייסן הירשע און זיין מוטער — רחל־רויזע. דער זיידע הירשע איז געווען אַ מויערער פון ציגל־אַיוונס. ער איז געווען

אַביסל רייכער פון דעם דורכשניטלעכן אידן אין גאָרזד, האָט געפירט אַ גאַנץ באַלעבאַטיש הויז, מיט אַן ארײַנפאָר און אַ גרויסן גאָרטן און אַ פּאַכט. דאָס הויז איז געווען גרויס, שיין, פיין מעבלירט און מיט פּאָלירטע דילן. דער זיידע איז געווען זייער אַ קלוגער איד, אָבער קיין גרויסער למדן איז ער נישט געווען. אין זיין פרייער צייט פלעגט ער לערנען משניות. ער איז נאַטירלעך געווען אַ פרומער, אָבער ווייט פון אַ צדיק, און האָט שוין געהאַט „אויפגעקלערטע" נייגונגען. זיין פרוי, רחל־רויזע, איז געווען זייער אַ פּשוטע אידענע וואָס איז געווען אַ ווייטע קרובה פון איינעם פון די גאָרזדער רבנים. זי האָט געשטאַמט פון אַ משפחה גאַנץ פאַרמעגלעכע זאַמען־און פלאַקס־הענדלער. זי איז געווען אַ סך פרימער פון זיידן און אין שטעטל האָט מען זי געהאַלטן פאַר אַ צדיקת. זיי האָבן געהאַט פיר קינדער, צוויי זין און צוויי טעכטער; אַ זון יאַנקל און אַ טאָכטער הענע, עלטער פון טאַטן, און אַ טאָכטער שיינע, אינגער פון אים. אַ פינפט קינד, בנימין, איז צו דריי יאָר געשטאָרבן פון דיפטעריע. אַז דאָס קינד איז געשטאָרבן איז דער זיידע הירשע געווען אויסער זיך פון צער, אָבער די באָבע רויזע, וואָס איז גראָד געשטאַנען לעבן פענסטער, האָט אָפּגעוואָשן אירע הענט מיטן טוי וואָס אָפּן פענסטער און האָט תמימות׳דיק געזאָגט: ברוך דיין האמת. די מענטשן אין שטעטל האָבן זי באַוואונדערט פאַר איר פרומען, פּשוטן אָננעמען דעם גזר־דין.

אַז דער טאַטע, ע״ה, איז געבוירן געוואָרן האָט דער רב געהייסן אים אַ נאָמען געבן חיים־בנימין; חיים — לעבן און בנימין נאָכן פאַרשטאָרבענעם ברודערל.ביידע, סיי דער זיידע און סיי די באָבע, האָבן נישט געשטאַמט פון קיין גרויסן יחוס, ניט פון לומדות און ניט פון עשירות, נאָר ביידע זיינען געווען פון באַלעבאַטישע, פאַרמעגלעכע משפחות.

דאָס שטעטעלע גאָרזד, וואו דער טאַטע איז געבוירן געוואָרן און האָט פאַרבראַכט זיין יוגנט, ליגט אין קאָוונער גובערניע, אַן ערך צען־צוועלף מייל פון מעמל, און גאָר נאָענט צו דער פרייסישער גרעניץ. ניט ווייט זיינען די שטעטלעך יאָקאָבאָווע, קרעטינגע, פּאָלאַנגע (וואָס איז שוין קורלאַנד), קול, פּלונגיאַן און טעלז. גאָרזד האָט דאַמאָלסט געהאַט אַ פּאָר הונדערט משפחות, לרוב אידישע. דורך גאָרזד פליסט דער טייך מיניע, וואָס אויף אים האָט מען געפירט קלעצער קיין מעמל, וואו עס זיינען געווען פּאַפּיר־פאַבריקן. דער רוב אידן אין גאָרזד האָט זיך באַשעפטיקט מיט אַרבעט אין שייכות מיטן טייך און די קלעצער. עס זיינען אָבער אויך נאַטירלעך געווען קרעמער, שוסטערס, שניידערס, הענדלער, בעלי־עגלות, א. א. וו.

דער טאַטע איז געבוירן געוואָרן י״ג אדר תרמ״ד. אין עלטער צווישן

דריי און פיר יאָר האָט ער אָנגעהויבן גיין אין חדר. גלייך פון אָנהויב איז ער געווען אַן אויסגעצייכנטער תלמיד, מיט אויסערגעוויינלעכע כשרונות שנעל צו באַנעמען און לאַנג צו געדענקען. באַלד האָט ער שוין געלערנט חומש, נ״ך און גמרא. דער טאַטע האָט אַמאָל דערציילט, אַז צו ניין יאָר האָט ער שוין געלערנט גמרא מיט תוספות און מהרש״א און צו עלף יאָר דעם „שיטה מקובצת״. זיינע מלמדים האָבן כסדר גערעדט פון זיינע גוואַלדיקע פעאיקייטן און האָבן אים תמיד אַוועקגעשטעלט ווי אַ מוסטער פאַר די אַנדערע קינדער. קיין צו גרויסע התמדה האָט ער נישט אַרויסגעוויזן. ער איז געווען אַ גרויסער שטיפער, ער האָט אָבער אַזוי בליציק־שנעל פאַרשטאַנען און, וואָס נאָך וויכטיקער, אַזוי אייזנפעסט געהאַלטן אין זכרון, אַז אָן התמדה האָט ער גע־קענט אָן אַן ערך מער ווי די אַנדערע חדר־אינגלעך. אַז ער איז נאָך געווען אַ יונג אינגל האָט ער זיך גענומען צו לייענען זאַכן וואָס זיינע רביים וואָלטן זיי פאַרשריען פאַר טריף־פסול. ער פלעגט אפילו שטודירן דעם רוסישן לוח וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט און פון אים זיך אויסגעלערנט די נעמען פון אַלע מיטגלידער אין דער צאַרישער משפחה און די נעמען פון אַלע צאַרן פון, טיף אין מיטאַלטער ביז ניקאָלאַי דעם צווייטן.

ווען ער איז געוואָרן בר־מצוה האָט ער נאַטירלעך געהאַלטן אַ דרשה אין שול און מיט דער דרשה האָט געקלונגען דאָס גאַנצע שטעטל. נאָך דער בר־מצוה זיינען די דריי מלמדים פון גאָרזד און דער רב, ר׳ שבתאי, געגאַנגען שפּאַצירן אין וואַלד און האָבן געשמועסט צווישן זיך. דעם טאַטנס זיידע איז גראַד געגאַנגען הינטער זיי און האָט געהערט וואָס זיי רעדן. אין שטוב האָט ער דערנאָך איבערדערציילט, אַז זיי האָבן נאָר גערעדט פון דעם בר־מצוה בחורל און זיין דרשה. זיי האָבן נישט געקענט גלויבן, אַז אַזאַ יונג קינד זאָל האָבן אַזאַ וויסן און אַזאַ פאַרשטאַנד. דער רב אַליין האָט געזאָגט, אַז חיים־בענקע וועט אויסוואַקסן אַ גרויסער מענטש.

ביז צוועלף יאָר האָט דער טאַטע געלערנט אין חדר און דערנאָך באַ אַ רבי׳ן אין בית המדרש. אין דער צייט אומגעפער האָט ער שוין געקענט אַ פינף, זעקס מסכתות אויף קלאָר. אין די חדר־יאָרן איז ער אויך געגאַנגען אַ פּאָר זמנים צו אַ פּריוואַטן לערער, ביי וועמען ער האָט זיך געלערנט שרייבן און לייענען אַ דייטשמערישן אידיש, דייטש און רוסיש. צו פופצן יאָר האָט ער נאָכגעטאָן זיין עלטערן ברודער, יעקב, און האָט אָנגעהויבן לערנען תנ״ך און דקדוק פון „מסלול״ און „מורה הלשון״ און אַזוי אַרום אַ יאָר פינף געלערנט מיט גוואַלדיקער התמדה העברעאיש און געלייענט פון דער העברע־אישער ליטעראַטור אַלץ וואָס ער האָט געקענט קריגן אין דעם קליינעם שטעטל.

זיין ברודער, וואָס איז געווען אַ העברעאישער לערער אין מעמל און האָט זיך דאָרטן אויך אויסגעלערנט דייטש, האָט אים אויך אויסגעלערנט לייענען און פאַרשטיין די דייטשישע ליטעראַטור.

דער טאַטע האָט אַמאָל דערציילט, אַז ווען ער האָט זיך אָנגעהויבן לערנען דייטש האָט ער גענומען שילער׳ס „וואַלדשטיין", עס דורכגעלייענט, און איז שוין געווען אויפן וועג. דורך אַ קאָרעספּאָנדענץ־מעטאָדע האָט ער דערלערנט דייטש גרינטלעך און אויך באַקומען די עלעמענטאַרע ידיעות אין פראַנצויזיש און אַלגעמיינע לימודים. גלייכצייטיק איז ער געוואָרן אַ מאָדערנער העברעאישער לערער פון אַ גרופּע קינדער פון היינטוועלטיקע, ציוניסטישע עלטערן. נאָכן פּריזיוו איז דער טאַטע אַוועקגעפאָרן קיין דייטשלאַנד, כדי אַנצוקומען אין אוניווערסיטעט. אָבער איבער מאַנגל אין מיטלען האָט ער זיך געמוזט באַנוגענען מיט זעלבסט־בילדונג. ער האָט געלעבט אין פראַנקפורט־אַם־מיין, מעמל און וויסבאַדן, וואו ער פלעגט געבן פּריוואַטע לעקציעס אין העברעאיש ביי אַ פּאָר רייכע רוסישע אידן. דאָס יאָר לעבן אין וויסבאַדן האָט געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג פאַר זיין אַנטוויקלונג מחמת דער גרויסער קעניגלעכער לאַנדס־ביבליאָטעק, וואו ער האָט פאַרשלונגען אַ ים מיט ביכער. אַז ער איז צוריקגעקומען אַהיים קיין גראָדז, האָט ער דעביוטירט אין א. ליטווינ׳ס חודש־זשורנאַל „לעבן און וויסנשאַפט" מיט אַן איבערזעצונג פון א. דאַדעל׳ס אַ בראָשור „די רעליגיאָן פון דער צוקונפט". הגם ער האָט שוין מיט אַ צייט פריער געהאַט געשריבן לכתחילה אין העברעאיש (שירים), דערנאָך אין דייטש און ערשט לסוף איינגעזען, אַז די לאָגישסטע זאַך איז צו שרייבן אַף אידיש. אָבער ערשט אַ דאַנק ליטווינ׳ס אויפמונטערונג, האָט ער זיך אָנגעהויבן ערנסטער אָפּצוגעבן מיט ליטעראַרישער אַרבעט. אין „לעבן און וויסנשאַפט" האָט ער פאַרעפנטלעכט זיין ערשטע אָריגענעלע אַרבעט „אליהו, דער נביא פון בלוט און אייזן" (1910) און אויך לידער אין פערזן און אין פּראָזע. אין יאַנואַר 1910 איז ער אָנגעקומען קיין אַמעריקע. ביז פרילינג 1915 האָט ער געלעבט אין שיקאַגאָ, וואו ער האָט זיך פאַרנומען מיט געבן העברעאישע לעקציעס און אָפּגעגעבן די גאַנצע פרייע צייט צו שטודירן ביבל־קריטיק און סעמיטישע געשיכטע. ער פלעגט גאַנצע טעג זיצן און לערנען אין דער ביבליאָטעק פון „גאַרעט טעאָלאָגישן סעמינאַר" (פון די מעטאָדיסטן), נישט ווייט פון שיקאַגאָ. איינס פון די ווערק וואָס ער האָט גרינטלעך דורכשטודירט, האָט ער אַמאָל אונז דערציילט, איז געווען ב. שטאַדע׳ס „געשיכטע דעס פאָלקעס איזראַעל". שטאַדע איז געווען איינער פון וועלהויזנ׳ס וויכטיקסטע תלמידים און אין זיין נאָר־וואָס דערמאָנטן ווערק

גיט ער אַ גרינטלעכע סומירונג פון דער ביבלישער וויסנשאַפט ביז זיין צייט. אַט דאָס ווערק האָט דער טאַטע גרינטלעך דורכגעלערנט און אַזוי אַרום אויס־געבויט דעם פונדאַמענט פאַר זיין מערקווירדיקער קענטשאַפט אין דער מאָ־דערנער וויסנשאַפטלעכער תנ״ך־פאָרשונג.

פאַר דער צייט האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ ריי אַרטיקלען אויף פאַרשי־דענע טעמעס פון דער אידישער געשיכטע. אין 1915 האָט ער זיך באַזעצט אין ניו יאָרק. פון 1918 ביז 1948 איז ער געווען לערער פון תנ״ך און אידישער געשיכטע אין אידישן לערער־סעמינאַר. אין 1924 האָט ער חתונה געהאַט מיט זיין קוזינע טייבל קאַפּעל. אין 1925 איז געבוירן געוואָרן זיין זון עמוס און אין 1927 זיין טאָכטער מרים. אַ סך יאָרן איז ער געווען אַ מיטאַרבעטער אין „פאָרווערטס". ער האָט, אַ חוץ זיינע ביכער, פאַרעפנטלעכט אין „פאָר־ווערטס", אין „טאָג", און אין פאַרשידענע זשורנאַלן איבער זיבן הונדערט אַרטיקלען און עסייען אויף די פאַרשיידנסטע טעמעס פון דער אידישער גע־שיכטע און קולטור. אין 1948 האָט די שויס־משפחה פאַרלאָזט ניו־יאָרק און זיך באַזעצט אין לאָס אַנדזשעלעס. שוין אין 1944 האָט דער טאַטע געהאַט זיין ערשטע האַרץ־אַטאַקע און פון דאַמאָלסט־אָן איז ער געווען אַ שוואַכער מענטש. ספּעציעל די לעצטע יאָרן אין לאָס אַנדזשעלעס האָט ער ווייניק געקענט אַר־בעטן און געמוזט אַ סך רוען.

וועגן די וויכטיקסטע ווערק וואָס ער האָט פאַרפאַסט און זיין בייטראַג פאַר דער אידישער ליטעראַטור און דער פאַרשפּרייטונג פון תורה צווישן אידן שרייבן אַנדערע. ער איז געשטאָרבן זונטיק אינדערפרי זיבן אַזייגער, כ״ה תשרי, תשי״ד.

דער טאַטע האָט מיט גרויס איבערגעגעבנקייט און אויפמערקזאַמקייט אַכטונג געגעבן אויף אונזער דערציאונג, אידישלעך און בכלל. עס שווימען אויף אין אונזער זכרון אַ סך וואַרעמע דערינערונגען, וואָס האָבן דער־מיט אַ שייכות. מיר געדענקען, למשל, ווי דער טאַטע האָט אונז געפירט דאָס ערשטע מאָל אין דער קינדער אָפּטיילונג פון דער שטאָטישער ביבליאָטעק אויף דער 42טער גאַס. שרייבן האָבן מיר נאָך ניט געקענט, אָבער לייענען האָבן מיר שוין געקענט די גרויסע בילדער־ביכלעך פאַר קינדער. מיר זיינען געווען אַ יאָר פיר־פינף. מרים זעט נאָך פאַר די אויגן דאָס בילד ווי דער טאַטע נעמט איר קליין הענטל אין זיינער און שרייבט מיט איר דעם נאָמען אירן אויפן ביבליאָטעק־קאַרטל. פון דאַמאָלסט־אָן פלעגט אונז דער טאַטע ברענגען ביכער פון דער גרויסער ביבליאָטעק, וואו ער פלעגט סיווי דאַרפן זיין זייער אָפט פאַר זיין אייגענער אַרבעט, ביז מיר זיינען געוואָרן אַלט גענוג

צו פאָרן אַליין אין אַ ביבליאָטעק. מיר געדענקעןביידע ווי דער טאַטע פלעגט זאָגן וועגן מרים׳ען: „מ׳קען דאָך ניט אָנהאַלטן נאָך דיר. דו ,זופּסט׳ דאָך דורך די ביכער״. עס איז פאַר אים טאַקע געווען אַ שוועריקייט אַזוי אָפּט צו זוכן ביכער פאַר אונז, ווייל ער פלעגט אָוועקגעבן שעה׳ן אויסצוקלייבן פּאַסיקע זאַכן פאַר אונז צו לייענען. איינמאָל איז מרים געלעגן קראַנק אין בעט און האָט געלייענט וואָס דער טאַטע האָט גערופן אַ „שונד־ראָמאַן״. אַז מ׳האָט אים געפרעגט פאַרוואָס ער לאָזט אַזאַ יונג קינד לייענען אַ בוך וואָס איז פאַר דערוואַקסענע, האָט ער געלאַכט און געענטפערט: „און אַז זי וועט לייענען און נישט פאַרשטיין וועט איר עפּעס אויספעלן? אַבי זי לייענט נישט די גרויסע קלאַסישע ווערק איידער זי איז אַלט גענוג צו פאַרשטיין. דאָס וואָלט געווען אַ פאַרלוסט, ווייל זי וועט שוין דאָס ווערק אַ צווייט מאָל נישט לייענען״. און אַזוי איז טאַקע געווען. דער טאַטע האָט אונז אַזוי איינגעוואוינט אַז ווען מיר האָבן געוואוסט אַז דאָס איז אַ וויכטיק בוך האָבן מיר עס אָוועקגעלייגט, ווען מיר האָבן אין לייענען געזען אַז דאָס בוך איז צו דערוואַקסן. מיר זיינען טאַקע צוליב דער דאָזיקער אַטמאָספערע, וואָס דער טאַטע האָט געשאַפן, געבליבן מיט אַ טיפער איינגעוואָרצלטער ליבשאַפט צו ביכער.

מענטשן פלעגן וועלן וויסן: וואָס איז דער כישוף וואָס מיט אים באַצוי־בערט חיים שויס זיינע קינדער אַז זיי זאָלן אַזוי גערן לערנען אידישע לימודים? ער איז דאָך אַן אויסנאַם צווישן די געלערנטע מיט זיין דערפאָלג אין לערנען מיט די אייגענע קינדער. וואָס טוט ער?

מיר טראַכטן דערפון אַליין. וואָס פאַר אַ באַציאונג האָט דער טאַטע גע־האָט צו אונז און וואָס פאַר אַ מעטאָדן האָט ער אָנגעווענדט אונז צו קענען האַלטן אַזוי געשפּאַנט פון איין טאָג ביזן צווייטן?

עס איז שווער צו באַשרייבן וואָס אײנעמס געפילן זיינען געווען וועגן לערנען ווען מ׳איז געווען גאָר יונג. אין הויז האָבן מיר אַלע גערעדט נאָר אידיש. דער טאַטע פלעגט גאָרנישט ענטפערן, אַז מ׳האָט גערעדט ענגליש. ער פלעגט זאָגן אַז וועגן ענגליש זאָרגט ער זיך גאָרנישט — ענגליש וועלן מיר זיך שוין אויסלערנען אין סקול און אויף דער גאַס — זיין זאָרג איז פאַר אידישע און העברעאיש. דאָס טאָג־טעגלעכע לערנען איז געווען וואונדער־לעך ענג פאַרבונדן מיט דער גאַנצער אידישער סביבה, אין וועלכער מיר האָבן געלעבט. מיר האָבן זיך, למשל, גאָר זעלטן אָוועקגעזעצט פאָרמעל לערנען אידישע ליטעראַטור. ריידן און פאַרשטיין אידיש האָבן מיר ביידע געקענט פּערפעקט. ווען מיר האָבן ביידע אָנגעהויבן גיין אין דער אַלגעמיינער שולע איז אונזער אומגאַנגס־שפּראַך געווען אידיש און מיט ענגליש האָבן מיר גע־

האָט אַביסל שווערקייטן. עס זיינען אונז ביידן איינגעקריצט אין זכרון די אָוונטן, ווען מיר פלעגן זיצן אַלע צוזאַמען אין עס־צימער נאָך וועטשערע און מיר פלעגן „פאַרבייסן" מיט אַ מעשה'לע פון פרץ, אָדער שלום עליכם. גאַר גוט געדענקען מיר, ווי מיר פלעגן זיך קאַטשען פון געלעכטער פון „מאָטל פייסי דעם חזנ'ס". מיר פלעגן האָבן אַזויפיל הנאה, ווען דער טאַטע האָט פאַרגעלייענט פאַר אונז, אַז לייענען אידישע זאַכן איז פאַר אונז שפּעטער אין לעבן געוואָרן אַ נאַטירלעכע, אַנגענעמע זאַך. אָפטמאָל פלעגט דער טאַטע אונז גאַר פאַרלייענען מעשיות פון מדרש און אגדה אויף אידיש און מיר פלעגן זיך אַזוי שטאַרק וואונדערן ווי ער לייענט העברעאישע ווערטער און אַרויסקומען קומט גאַר אַרויס אידיש. פאַר אונז איז דאָס געווען אַ מין כישוף. און מיר האָבן גאַרנישט געוואוסט וויפל מיר האָבן פאַקטיש אין יענע וואַרעם־שטוביקע אָוונטן זיך אויסגעלערנט.

אין דעם טעגלעכן לערנען האָבן מיר גרינטלעך געלערנט תנ"ך, דקדוק און העברעאיש. מיר זיינען געווען אַן ערך פיר־פינף יאָר אַז מיר האָבן אָנגעהויבן לערנען אַ העברעאיש לערנבוך, ביז מיר זיינען באַקאַנט געוואָרן מיט די אותיות. גלייך נאָכדעם האָבן מיר אָנגעהויבן לערנען תנ"ך אין אַ פאַרקירצטער אויסגאַבע. עס האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט ביז מיר זיינען אַריבער צום פולן טעקסט מיטן פירוש פון ש. ל. גאָרדאָן. מיר פלעגן זיך פילן זייער דערוואַקסן ווען דער טאַטע פלעגט אונז אָנווייזן אויף די אינטערעסאַנטע הערות וואָס זיינען געווען אונטערן טעקסט. איבערזעצן פלעגן מיר אויף אידיש. דער טאַטע האָט דאָ אייגנטלעך „געשאָסן צוויי האָזן מיט איין ביקס". מיר האָבן זיך טאַקע גרינטלעך אויסגעלערנט אידיאָמאַטישן און ליטעראַרישן אידיש. דער טאַטע פלעגט בכיוון זיך באַנוצן מיט די לאַנגע, קאָלירדייכע ווערטער פון יהואש'ס איבערזעצונג; ווערטער ווי „גאָטספאָרכטיקייט", „מוטוויליקייט", „נידערטרעכטיקייט" האָבן אונז שטענדיק באַצויבערט מיט זייער קאָמפּליצירטקייט, ווען זיי האָבן זיך אַרונטערגעגליטשט פון אונזערע יונגע צינגעלעך.

אָבער מיר האָבן נישט געלייענט און איבערגעזעצט טרוקענערהייט. דער טאַטע פלעגט אונז כסדר אָפּשטעלן, כדי אונז צו דערקלערן אַ פּסוק, אָדער אַ טייל פון אַ פּסוק, וואָס איז פאַר אונז נישט געווען קלאָר. מיר זיינען געווען איינגעוואוינט צו קוקן אין די הערות אונטערן טעקסט. זייער אָפט פלעגן מיר טאַקע פאַרלירן דאָס אָרט, ווייל מיר פלעגן זיך פאַרטיפן אין די הערות און פאַרגעסן וואו מ'האַלט אין דעם טעקסט.

מיר געדענקען אויך די ספּעציילע תנ"ך־אויסגאַבע, וואָס דער טאַטע

פלעגט אַליין נוצן זיך איינצוקוקן און אָפטמאָל פלעגט ער זי אונז געבן ווי אַ באַזונדערע פּריווילעגיע. די ברעגעס פון די בלעטער זיינען געווען אָפּגעפאַרבט מיט גאָלד. געבונדן זיינען די ספרים געווען מיט אַ לײדיקן בלאַט צווישן יעדע צוויי געדרוקטע בלעטער און אויף אָט די ליידיקע בלעטער האָט דער טאַטע געהאַט אָנגעשריבן זיינע אייגענע הערות און הערות פון גרויסע תנ״ך־פאַרשער און ביבל־קריטיקער. מיר זיינען נאָך געווען גאַר יונג ווען מיר האָבן זיך „באַקאַנט״ מיט די אַלע באַרימטע נעמען אין תנ״ך־וויסנשאַפט און אַז מיר פלעגן שטיין פאַרחלומט און קוקן אין דעם טאַטנ׳ס ביכער־שראַנקען זיינען די נעמען אויף די טאָוולען געווען אַלטע פריינט.

דער טאַטע האָט באַנוצט אויך אַנדערע אופנים, כדי צו מאַכן דעם מאַטעריאַל וואָס מיר האָבן געלערנט לעבעדיק און בולט פאַר אונז. מיר געדענקען ביידע זייער קלאָר ווי מיר שטייען אין גרויסן מוזעי אין ניו־יאָרק, פאַרגאַפט פאַר אַ מומיע פון פּרעה מלך מצרים, אויסגעגראָבענע כרובים פון בבל, און אַנדערע איבערגעבליבענע רעשטלעך פון דעם לעבן פון דער אוראַלטער צייט. מיר געדענקען אַ רייזע וואָס מיר האָבן איין טאָג געמאַכט צו דעם אידישן מוזעי אין שעכטער׳ס סעמינאַר און ווי פאַרוואונדערט און פול מיט ציטער מיר זיינען געווען ווען מיר האָבן געזען אַ מאַנוסקריפּט פון מיטלאַלטער, וואָס אויף דער אונטערשטער שורה זיינער האָט מען געעקנט זין דעם רמב״מ׳ס אונטערשריפט.

אַז מיר האָבן געלערנט די געשיכטע פון די אידן אין דער גריכישער אָדער רוימישער צייט, האָבן מיר שוין מיט יאָרן פריער געהאַט אַ הינטערגרונט וועגן דעם לעבן פון די גריכן אָדער די רוימער. מיר האָבן שוין געוואוסט אויף אויסנווייניק די נעמען פון די אַלע געטער און געטינס זייערע, ווייל דער טאַטע האָט אונז געבראַכט מעשיות פון דער גריכישער און רוימישער מיטאָלאָגיע וועלכע מיר פלעגן ממש שלינגען. דער טאַטע האָט אונז אויך פאַראינטערעסירט צו לייענען אַרכעאָלאָגישע ביכער, געשריבן פאַר קינדער, וואָס האָבן דערציילט וועגן די אַלע אויסגראָבונגען פון יענע צייטן. אַז מיר האָבן געלייענט די ביכער האָבן מיר ביידע אָפט געטראַכט, אַז מיר וואָלטן געוואָלט ווערן אַרכעאָלאָגן ווען מיר וועלן אויסוואַקסן. און ניט נאָר האָבן מיר געלייענט וועגן דעם, נאָר מיר האָבן אַ סך פון די זאַכן געזען מיט די אייגענע אויגן אין מוזעיען. ווען דער טאַטע האָט גערעדט פון די געפונענע טאָוולען פון פלעקלעך־שריפט, אָדער דער בילדער־שריפט פון די עגיפּטער, האָבן מיר טאַקע געהאַט אַ קאָנקרעטן באַגריף פון וואָס ער האָט גערעדט. אַז ער האָט אונז געוואָלט דערקלערן אַ געאָגראַפישן ענין אין שייכות מיט דער

אַמאָליקער ארץ ישראל, פלעגט ער שנעל אַרויסנעמען די גאָר־גרויסע לאַנד־קאַרטע זיינע פון די ביבלישע לענדער און אונז ווייזן וואָס ער מיינט.

מיר האָבן אויך אַריינגעזאַפּט אין זיך די אַטמאָספערע און דאָס שטייגער לעבן פון דער אַלטער היים דורך די וואונדערלעכע מעשיות וואָס דער טאַטע פלעגט דערציילן וועגן זיין שטעטל. דעם טאַטנ׳ס שטעטל איז מסתּם געווען אַזאַ שטעטל און מיט די זילבע טיפּן מענטשן ווי אַלע אַנדערע שטעטלעך אין מזרח־אייראָפּע. אָבער אַז מיר זיינען געווען קינדער זיינען מיר געווען זיכער, אַז די מענטשן וואָס האָבן געוואוינט מיטן טאַטן אין גאָרוד זיינען גאָר געווען אויסנאַמען, ווייל ער האָט זיי אַזוי שיין און אַזוי בילדלעך אָפּגעמאָלן פאַר אונז. מיר פילן זיך עד היום נאָענט צו זיי, כאָטש מיר האָבן זיי קיינמאָל ניט געקענט. אַזעלכע טיפּן ווי „פּיוועו דער הויכער״, „עלקע די קליינע״, און דער שבת־גוי „יאַנע קוגל״ זיינען אונז גוט באַקאַנט. אויך פון די אַרומיקע ליטווישע פּויערים און די פּריצים, מיט וועמען די אידן אין שטעטל האָבן געהאַט עטוואָס אַ פאַרקער, פלעגט דער טאַטע דערציילן און מיר פלעגן זיך צוהערן מיט התפּעלות.

דער טאַטע איז געווען אַ מערקווירדיקע קאָמבינאַציע פון דעם מזרח־אייראָפּעאישן למדן און דעם מערב׳דיקן וויסנשאַפטסמאַן. ער איז געווען אויסערגעוויינטלעך אינפאָרמירט אין אידישקייט און אַלע אירע מאַניפעסטאַציעס. ער האָט זיך אפשר מער אויסגעצייכנט מיט זיין בקיאות ווי מיט זיין חריפות. זיין זכרון איז געווען מערקווירדיק שאַרף ביז די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן. פיל מאָל האָבן מיר געזען ווי ער באַווייזט וואָס ער פלעגט זאָגן וועגן זיך אַליין, אַז ווען ער לייענט עפּעס געדענקט ער עס, אפילו דאָס בוך און אויף וואָסער זייט עס שטייט. דעם תנ״ך האָט ער געקענט אַף אויסנווייניק. אויך אין אַלגעמיינעם וויסן איז ער געווען מערקווירדיק אינפאָרמירט. מיר פלעגן זיך פיל מאָל וואונדערן וויפל מער פון אונז ווייסט ער וועגן געגענשטאַנדן, וואָס מיר האָבן שטודירט אין אוניווערסיטעט און וואָס ער האָט זיך זיי אויסגעלערנט פון זיך אַליין.

אין זיין פּערזענלעכן לעבן איז ער געווען אַ מוסטער פון ריינקייט און פּינקטלעכקייט. ער איז אַלעמאָל געווען נעט געקליידט און האָט פיינט געהאַט פוילקייט, אָפּגעלאָזנקייט און אומפּינקטלעכקייט ביי אַנדערע. ער האָט קיינמאָל ניט פאַרפעלט צו האַלטן זיין וואָרט, צו דער מינוט און צו דער סעקונדע. אויב עס האָט זיך אַמאָל געמאַכט אין זיין לעבן ווען אַ ליגן וואָלט געווען נאַטירלעך, האָט ער נישט געוואוסט ווי מען טוט דאָס. זיין ערלעכקייט איז געווען אומ־נאַטירלעך. ער איז געווען אַ גרויסער עקשן און גאַנץ קאָנסערוואַטיוו. ער

האָט פיינט געהאַט לייכטזיניקייט. ער האָט זיך ווייניק פאַראינטערעסירט מיט „עולם־הזה" — זיין גרעסטער פאַרגעניגן איז געווען צו לייענען אַ בוך. ער האָט געהאַט אַ טייערן חוש פאַר הומאָר און איז געווען מלא וגדוש מיט מעשיות, אַנעקדאָטן, וויצן און משלים פאַר יעדער געלעגנהייט. בדרך כלל איז ער געווען אַ היציקער און אַן אויפגעקאָכטער מענטש. ער האָט נישט גע־קענט פאַרטראָגן מענטשן מיט מיינונגען וואָס זיינען באַזירט אַף לויטערער עם הארצות. זיינע פריינט זיינען לרוב געווען שרייבערס, לומדים, אינטעליגענטן. כאָטש ער האָט געקענט לייכט זיך אַפּשטעלן און רעדן מיט אַ פּשוטער אי־דענע אַף דער גאַס און האָט באמת ליב געהאַט אַלעמען.

נישט געקוקט אויף דעם וואָס ער האָט געהאַט אַזאַ אויסערגעוויינטלעכן זכרון און אַזויפיל וויסן, האָט ער זיך ביים שרייבן קיינמאָל נישט פאַרלאָזט אויף זיך. ער פלעגט יעדן פּונקט נאָכקוקן און איבערקוקן. אַ סך מאָל האָט אים גענומען דריי טעג אָנצושרייבן אַן אַרטיקל פאַר אַ צייטונג, אָבער דער אַרטיקל איז געווען פּינקטלעך אין יעדן פּרט. ער איז געווען זייער אַ באַשיי־דענער און האָט געוואוסט און אָנערקענט ווען אַנדערע זיינען געווען מער באַהאַוונט אין אַן ענין ווי ער. צום ביישפּיל, בנוגע פראַגן פון סטיל און אידיאָם אין אידיש האָט ער שטענדיק געפרעגט ביי אַנדערע. זיין דרך־ארץ פאַר לומדות און וויסן איז געווען גרויס, אָבער אין דער זעלבער מאָס האָט ער ניט געקענט פאַרטראָגן עם הארצות אין מענטשן, וואָס מאַכן אַן אָנשטעל פון געלערנטקייט.

אין הויז איז אַלעמאָל געווען אַן עקאָנאָמישער דוחק און די זאָרג פאַרן מאָרגנדיקן טאָג, ווייל פון זיין לומדות האָט דער טאַטע קוים געמאַכט אַ לעבן. און ער האָט געוואוסט, אַז ווען ניט די מאַמע וואָלט ניט געווען וואָס צו עסן. ער פלעגט זאָגן אַז אַנדערע פרויען, אַז מ'גיט זיי דריי טאָלער מאַכן זיי דערפון איינעם, אָבער טייבלען אַז מ'גיט איר איינעם מאַכט זי דערפון דריי. ער האָט אין אַלע הויז־זאַכן, קליידער, געלט און באַלעבאַטישקייט זיך אינ־גאַנצן פאַרלאָזט אַף דער מאַמען. ער האָט קיינמאָל נישט געקויפט אפילו אַ פּאָר זאָקן אַליין, אָן דער מאַמען.

דער טאַטע, ע״ה, איז געווען וואָס שעכטער האָט אַמאָל גערופן „דער אייביקער סטודענט". דעם טאָג פאַר זיין טויט איז ער געזעסן כמעט דעם גאַנצן טאָג און געלייענט, און געשטאָרבן איז ער לעבן זיינע ביכער. ער האָט באמת דורכגעפירט אין זיין לעבן וואָס עס שטייט אין פרק: „הוי מתלמידיו של אהרן אוהב שלום ורודף שלום, אוהב את הבריות ומקרבן לתורה".

חיים שויס — תלמיד חכם און לערער

אברהם מענעס

חיים שויס איז געווען איינער פון די באַדייטנדיקסטע תלמידי־חכמים אין אונזער דור. ער האָט זיך באַוויזן אין אונזער ליטעראַרישער וועלט מיט עטלעכע און פערציק יאָר צוריק, ווען ער האָט פאַרעפנטלעכט זיין ערשטע וויסנשאַפטלעכע אַרבעט אין „לעבן און וויסנשאַפט״ (1910) וועגן אליהו הנביא. זינט דאַן האָט חיים שויס אונז געשענקט אַ גרעסערע צאָל גרינטלעכע אָפּ־האַנדלונגען און כוללדיקע ווערק וועגן אידישער געשיכטע, תנ״ך־פאָרשונג און אידישן לעבנס־שטייגער.

חיים שויס האָט געשטאַמט פון ליטע. געבוירן אין 1884 אין גאָרזד, קאָוונער גובערניע, האָט ער באַקומען אַ טראַדיציאָנעל אידישע דערציאונג אין חדר און בית מדרש. ביסלעכוויז זיך באַקענט מיט דער השכלה ליטעראַטור פון יענער צייט און גענומען זיך פאַרטיפן אין תנ״ך. פאַרבראַכט דאַן אַ גע־וויסע צייט אין דייטשלאַנד, וואו ער האָט גרינדלעך שטודירט די תנ״ך־וויסנ־שאַפטלעכע ליטעראַטור. אין אין 1910 איז חיים שויס געקומען קיין אַמעריקע, האָט אָנגעהויבן מיטצואַרבעטן אין פאַרשיידענע אידישע זשורנאַלן, און דאָ האָט דער גורל אויף אים אַרויפגעוואָרפן גאָר אַ באַזונדער שליחות.

עס איז נייטיק וועגן דעם ספּעציעל צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער, מחמת אַ סך פון אונז האָבן שוין פאַרגעסן ווי אונזער אידיש־ראַדיקאַלע סביבה האָט אויסגעזען מיט אַן ערך דרייסיק־פערציק יאָר צוריק.

די גרויסע קולטור־רעוואָלוציע אין אונזער אידיש לעבן, וואָס האָט אָנ־גענומען אַזאַ שטורעמדיקע פאָרם אויפן שוועל פון אונזער יאָרהונדערט, האָט ממש געשאַפן אַ תהום צווישן דעם אידישן מענטשן פון היינט און דער אי־דישער וועלט פון אַמאָל. די מלחמה פון ליכט קעגן פינסטערניש האָט אָנגענו־מען מערקווירדיקע פאָרמען. אַלץ וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו דער אידישער פאַרגאַנגענהייט, פון שולחן ערוך ביז צום תנ״ך, איז באַצייכנט געוואָרן ווי רעאַקציע און פינסטערניש. אין אונדזער שיינער ליטעראַטור, אמת, האָט מען זיך ביסלעכוויז דערלויבט אַביסל מער טאָלעראַנץ. עס איז אויפגעקומען די ראָמאַנטיק פון חסידות און אויך פאַר די העלדן פון תנ״ך און דער אגדה האָבן אונדזערע קינסטלער אַרויסגעוויזן אַ סך פאַרשטענדעניש. גאָר אַן אַנדער קלימאַט האָט געהערשט אין אונדזער ראַדיקאַלער פּובליציסטיק. דאָ איז די מלחמה קעגן דער טראַדיציע נאָך ווייט ניט געווען פאַרענדיקט. און אפילו

די וואָס האָבן קיין אָפענע מלחמה ניט געפירט, האָבן זיך אָבער קיין עצה ניט געקענט געבן מיטן תנ״ך. עפּעס האָט זיי דער תנ״ך פאַרכישופט. די וואונדערלעכע געשטאַלטן פון חומש זיינען זיי געווען ליב און נאָענט. און דאָך, ווי קאָן עס אַ היינטוועלטיקער מענטש אָננעמען דעם ספר הספרים, דעם עצם יסוד פון דער אידישער טראַדיציע, בעת מען האַלט אין פירן אַזאַ פאַרביטערטע מלחמה מיט דער אַלטער יידישקייט?

ס'איז געווען נאָך אַ סיבה וואָס האָט פאַר אונדז ממש פאַרשלאָסן דעם צוגאַנג צום תנ״ך. יעדע תקופה האָט איר אייגענעם אופן ווי צו פאַרשטיין און ווי אויסצוטייטשן די פאַרגאַנגענהייט. מיר האָבן תמיד געלערנט דעם תנ״ך מיט אַ פירוש, מיט רש״י, מיטן רד״ק, מיטן משכילישן באור א. אַ. וו. אונדזערע מאַמעס האָבן געהאַט זייער חומש, דעם צאינה וראינה. אָן אַ פירוש קענען מיר אויך היינט דעם תנ״ך ניט לערנען. ווי שאַפט מען אַ פירוש צום תנ״ך פאַר דעם אידישן מענטשן, פון אונזער צייט? אָט די גרויסע היסטאָרישע אויפגאַבע האָט אויף זיך גענומען חיים שויס.

* * *

און געווען איז עס אַ שווערע, אַן אויסערגעוויינטלעך שווערע אויפגאַבע. דער וועג פון תורה איז ביי אונדז קיינמאָל ניט געווען קיין גרינגער, אפילו ווען מיר זיינען נאָך באמת געווען אַן עם הספר און דער דרך ארץ פאַרן תלמיד חכם איז געווען ממש אומבאַגרענעצט. אין אונדזער סביבה, ווען תורה איז שוין ווייט ניט די בעסטע סחורה, איז דער וועג פון דעם גרינטלעכן און באַשיידענעם געלערנטן ממש פול מיט שטרויכלונגען. קודם כל שטויסט מען זיך אָן אויף דער אַלטער שאלה פון דער הגדה: „מה העבודה הזאת לכם?“ צו וואָס איז עס נויטיק אָט דאָס גאַנצע גריבלען זיך אין די אַלטע שמות? אָט די פראַגע הערט איר ניט זעלטן אפילו פון גאַנץ ערנסטע מענטשן.

מיר זיינען אַזוי פיל געווען פאַרנומען מיט אונדזערע קעגנוואַרטס־פּראָבלעמען, אַז מיר האָבן ממש ניט געקענט פאַרשטיין, ווי אַזוי קען אַ מענטש אָפּגעבן אַ גאַנץ לעבן פאַר ענינים וואָס האָבן אַ שייכות צו אונזער אַמאָל. אָט די ביטול־באַציאונג צו גרינטלעכער וויסנשאַפטלעכער פאַרשונג האָט געבראַכט דערצו, וואָס עס איז אינגאַנצן ביי אונז נישט געשאַפן געוואָרן קיין וויסנשאַפטלעכע אַטמאָספערע. דער בעסערער אידישער לייענער בכלל איז אַן אויסגעצייכנטער לייענער. ער אָריענטירט זיך זייער גוט אין פּאָליטישע און סאָציאַלע פּראָבלעמען; ער לייענט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט אַ קינסטלעריש ווערק; ער איז אָבער לחלוטין ניט צוגעגרייט אָפּצושאַצן אַ

וויסנשאַפטלעכע, אַ פאַרשערישע אַרבעט. דאָס קען אגב פון אים קיינער ניט פאַרלאַנגען. על פי רוב איז נויטיק אַ פאַכמאַן כדי ווי געהעריק אָפּצושאַצן דעם ווערט פון אַן אָריגינעלער וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג. איר קענט פאַר אַ גאַנץ מיטלמעסיקן פּאָפּולערן אַרטיקל, אויב ער איז נאָר גלאַט אָנגעשריבן, קריגן מער אָנערקענונג ווי פאַר דער גרינטלעכסטער שטודיע, אין וועלכער איר האָט אַריינגעלייגט יאָרן פון שווערער אַרבעט. קוקט מען אין אונזערע קרייזן דעריבער אַזוי אָפּט אויף אַ געלערנטן ווי אויף אַ בטלן.

* * *

חיים שויס איז געווען דער איינציקער וואָס האָט פאַרעפנטלעכט אין אידיש אַ ריי גרעסערע גרינטלעכסטע ווערק וועגן תנ"ך. מען קען ניט זאָגן, אַז מען האָט ביי אונדז וועגן תנ"ך גאָרניט געשריבן. פאַראַן אַ געוויסע צאָל ערנ־סטע און אָריגינעלע אָפּהאַנדלונגען. על פי רוב אָבער האַנדלט עס זיך וועגן דרוש, און איך זאָג עס לחלוטין ניט לגנאי. דרוש איז אַ וויכטיקער ענין. מען מעג אוודאי שרייבן וועגן תנ"ך ווי אַ לייענער, ווי אַן אויפמערקזאַמער לייע־נער. חיים שויס האָט געשריבן וועגן תנ"ך ווי אַ לערנער און ער האָט כסדר געמאָנט פון זיינע תלמידים, זיי זאָלן ווערן לערנער. אין תוך גענומען באַ־שטייט דערין דער עיקר חילוק צווישן אונדזער קולטור־לעבן פון אַמאָל און אונדזער מאָדערנער קולטור. דער ייד פון אַמאָליקן שטעטל אין ליטע און פוילן איז געווען אַ לערנער, אַ למדן; דער היינטיקער אידישער מענטש, וואָס אינטערעסירט זיך מיט אונדזערע קולטור־ענינים איז אַ לייענער. זיך אומ־קערן צוריק צום תנ"ך האָט חיים שויס געגלויבט, מיינט, אַז מיר מוזן ווי־דער ווערן אַ פאָלק פון לערנער.

ווער עס האָט נאָר אַ בלעטער געטאָן די צוויי בענד „נביאים" וואָס חיים שויס האָט אַרויסגעגעבן, וועט גלייך באַמערקן מיט וויפיל רעספּעקט דער מחבר באַציט זיך דאָ צום לייענער. ער פאַרלאַנגט קיינמאָל ניט, אַז דער לייענער זאָל זיך אויף אים פאַרלאָזן, זאָל אים גלויבן אויפן וואָרט, נאָר ער פירט דעם לייענער אַריין אין די פאַרבאָרגענע חדרים פון דער וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג. אַחוץ דעם אָריגינעלן טעקסט מיט דער יידי־שער איבערזעצונג קומט צו יעדן קאַפּיטל אַ באַזונדער אַריינפיר אין אַ ריי קריטישע באַמערקונגען, וואו עס ווערן אויסגעטייטשט און דערקלערט די שווערע שטעלן אין טעקסט. מיר פאַרמאָגן אין אידיש זייער וויניק ספרים פון דעם מין, און וואָס איז נוגע דעם געביט פון תנ"ך איז חיים שויס בכל

אופן געווען דער ערשטער וואָס האָט דערהויבן דעם אידישן לייענער צו דער מדרגה פון אַ לערנער.

זיין ערשטע גרעסערע אַרבעט, וואָס איז דערשינען אין בוך־פאָרם, איז אַרויס אין 1916 אונטערן טיטול „ביבלישע געזאַנגען: די געזאַנגען פון חומש און נביאים ראשונים״. דאָס איז אייגנטלעך געווען די ערשטע אָריגינעלע אַרבעט (אין בוך־פאָרם) וועגן תנ״ך־פאָרשונג אויף יידיש. שפּעטער האָט דער מחבר פון די „ביבלישע געזאַנגען״ פאַרעפנטלעכט נאָך אַ גאַנצע ריי אַנדערע ווערק אויפן געביט פון תנ״ך און אידישער געשיכטע. צי זיינע וויכטיקסטע שטודיעס געהערן די שוין דערמאָנטע צוויי בענד „נביאים״. לײדער איז דעם מחבר ניט געווען באַשערט צו פאַרענדיקן דאָס גרויס געפּלאַנטע ווערק.

* * *

חיים שויס איז געווען אַן אַנהענגער פון דער מאָדערנער תנ״ך־פאָרשונג, און עס איז געווען זיין גרויסער אויפטו, וואָס ער האָט דעם בעסערן אידישן לייענער באַקאַנט מיט דער וועלט פון תנ״ך און מיט די פּראָבלעמען פון תנ״ך ווי מיר זעען עס היינט. צוליב דעם טאָקע איז אים אויך אויסגעקומען צו הערן אַ סך טענות און פאַרוואורפן. עס איז מיין טיפסטע איבערצייגונג, אַז אין דעם פונקט זיינען זיינע קריטיקער אינגאַנצן אומגערעכט. זיי האָבן פשוט ניט ווי געהעריק דורכגעטראַכט דאָס גאַנצע פּראָבלעם. זיי האָבן ניט דערזען דעם פשוטן פאַקט, אַז פאַרן היינטיקן אידישן לייענער איז דער תנ״ך אַ פאַרשלאָסן ספר אויב מען באַנוצט זיך ניט מיט די רעזולטאַטן פון דער מאָדערנער תנ״ך־וויסנשאַפט. ס'איז זייער לייכט צו קריטיקירן די אַזוי גערופענע ביבל־קריטיק אויב מען לערנט אַליין ניט קיין תנ״ך. אויב מען זעצט זיך אָבער ערנסט אַוועק און מען פּרובירט זיך פאַרטיפן אין דעם אָדער יענעם ספר, דאַן ווערט ערשט קלאָר, ווי שווער עס איז צו פאַרשטיין אַ פּרשה חומש אָדער אַ קאַפּיטל פון די נביאים. דער פלייסיקער לערנער פון תנ״ך איז דעריבער דאַנקבאַר יעדן געלערנטן, יעדן פאָרשער וואָס העלפט אים צו פאַרשטיין די גייסטיקע וועלט אין וועלכער עס האָבן געלעבט די דיכטער און דענקער פון דער ביבלישער צייט.

אָבער די ביבל־קריטיק, טענהן אייניקע, איז דאָך געשאַפן געוואָרן פון אַנטיסעמיטישע געלערנטע! אויך דאָס איז אַ טעות. געווען אַ צאָל אַנטיסע־

מיטיש געשטימטע געלערנטע צווישן די ביבל־קריטיקער. כאַראַקטעריסטיש איז עס אָבער ניט. עס איז אויך ריכטיק, אַז אַ סך ניט־יידישע געלערנטע גייען צו צום תנ״ך מיט קריסטלעכע פאָראורטיילן. דאָס איז פאַרשטענדלעך און מענטשלעך אפילו. מוז מען דעריבער זיין פאָרזיכטיק, ווען מיר באַנוצן זיך מיט די פאָרשונגען פון דעם אָדער יענעם געלערנטן. דאָ גילט דער אַל־טער כלל: ר׳ מאיר רמון מצא תוכו אכל קליפתו זרק. דער יידישער געלערנ־טער מוז זיין געגעוג באַהאַוונט אין דעם ענין, גענוג זעלבסטשטענדיק, כדי צו וויסן וואָס אויסצוקלייבן און וואָס אַרויסצוואַרפן, וואָס איז תוך און וואָס איז קליפה. בלינד אָפוואַרפן אַלץ וואָס די מאָדערנע תנ״ך־וויסנשאַפט האָט אויפגעטאָן איז אַ גרויסער טעות און נאָך אַ גרעסערער אומזין. עס באַווייזט בלויז, אַז דער תנ״ך אינטערעסירט אונדז ניט. מיר קענען זיך באַגיין אָן פירושים, ווייל מיר קענען זיך באַגיין אָן דעם תנ״ך. חיים שויס האָט געהאַט אַן אַנדער צוגאַנג: ער האָט מיטן תנ״ך געלעבט, ער האָט ניט געקענט רוען, אויב ער האָט אַ פסוק ניט פאַרשטאַנען, אויב אַ ענין איז אים ניט געווען קלאָר האָט ער געזוכט אַ ענטפער. ער האָט עס געזוכט ביי די אַלטע יידישע מפרשים און ער האָט עס געזוכט ביי די מאָדערנע תנ״ך־פאָרשער. גאָר אַנ־דערש איז אויב מען אינטערעסירט זיך ווייניק מיטן תנ״ך, אויב מען איז אין בעסטן פאַל ניט מער ווי אַ לייענער. דאַן האָט מען ניט קיין פראַגן און מען זוכט ניט קיין ענטפערס.

אַוועקמאַכן מיט דער האַנט די גאַנצע מאָדערנע תנ״ך־פאָרשונג מיטן תירוץ פון אַנטיסעמיטיזם איז, לויט מיין מיינונג, די גרעסטע אומגערעכטי־קייט. איז עס אַנטיסעמיטיזם, ווען אַ מאָדערנער געלערנטער נעמט אָן, אַז דאָס קאַפּיטל „על נהרות בבל״ איז געשאַפן געוואָרן אין דער צייט פון גלות בבל? אַז ניט דוד המלך נאָר די אומגליקלעכע פאַרטריבענע זיינען געווען די זינגער פון אָט דעם אַזוי טיף רירנדן קאַפּיטל? ווערט דערמיט דער ווערט פון „על נהרות בבל״ געמינערט, ווען מיר פאַרבינדן עס מיט דער צייט פון דער גרויסער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע?

איך וואָלט געקענט ברענגען נאָך און נאָך אַזעלכע ביישפּילן. דאָס בעסטע וועט אָבער זיין אָפּצושיקן דעם לייענער צו די צוויי בענד „נביאים״ פון שויס. ער וועט דאַן דערפילן, ווי עס ווערט אָפט ליכטיק אין די אויגן, ווען מען באַקאַנט זיך מיט די רעזולטאַטן פון דער מאָדערנער תנ״ך־פאָרשונג.

ניט ווייניקער וויכטיק און ווערטפול זיינען די פאָרשונגען פון חיים שויס אויפן געביט פון יידישן לעבנסשטייגער, אַחוץ אַ ריי אַרטיקלען און אָפּהאַנד־לונגען אין פאַרשיידענע פעריאָדישע אויסגאַבעס פאַרדינען דאָ באַזונדערס

דערמאָנט צו ווערן דאָס „יום טוב בוך״, וואָס איז אויך דערשינען אין ענגליש אונטערן טיטול „דהי דזשואיש פעסטיוואַלס״, און זיין „דהי לייף־טיים אָוו איי דזשו״ (לײדער דערשינען נאָר אין ענגליש), וואו עס ווערן באַהאַנדלט די יידישע מנהגים אין שייכות מיט די וויכטיקסטע געשעענישן אינעם לעבן פון דעם יחיד. די גרויסע באַדייטונג פון זיינע ווערק וועגן אידישן לעבנסשטייגער באַשטייט דערין, וואָס דער מחבר האָט אונדז דאָ געגעבן אַ בילד פונעם היס־טאָרישן וועג פון אונדזערע טראַדיציעס און מנהגים פון דער עלטסטער צייט ביז ממש צום היינטיקן טאָג. אַ מער סיסטעמאַטיש ווערק פון דעם פאַרנעם איז מיר ניט באַקאַנט אין אונזער גאַנצער וויסנשאַפטלעכער ליטעראַטור.

דאָס געשטאַלט חיים שויס

אפרים אויערבאַך

חיים שויס, טראַכט איך אַ סך מאָל, איז געווען מער ווי אַ אידישער היסטאָ־ריקער, ער איז געווען אַן איבערלעבער פון דער אידישער געשיכטע. ער האָט די געשיכטע אונזערע געטראָגן אין זיין געביין. ער האָט זי אַלעמאָל אויפסניי אַנטפּלעקט, געפונען אַ נייעם קנייטש אין איר, געלערנט פון איר אַ נייעם מוסר השכל פאַר אונזער היינטיקייט. אַז ער האָט די אידישע געשיכטע גרינטלעך געקענט און איז צו איר צוגעגאַנגען מיט אַ גרויס־וויסנשאַפטלעכער מאָס, איז אָפּגערעדט. ער האָט אָבער פאַרשטאַנען, אַז די געשיכטע אונזערע איז אַזוי גרויס, אַזוי טיף־אידיש און אַזוי אוניווערזאַל דערהויבן, אַז ס'איז ניט גענוג אַנצואווענדן צו איר די מאָס פון וויסנשאַפט. אַ סך מאָל קען זיך טרעפן אַז אין דער וויסנשאַפט־מאָס זאָל די אידישע געשיכטע איינשרומפּן, ווערן אַ סך קלענער ווי זי איז. צו דער אידישער געשיכטע, האָט ער מיר נישט איינמאָל געזאָגט, דאַרף מען אַ חוץ וויסן אויך האָבן פאַנטאַזיע. אַמאָל איז די אידיש־געשיכטלעכע פאַנטאַזיע מער אמת, ווי די געשיכטלעכע פאַקטן. אַ פאַלק, וואָס האָט די געשיכטע זיינע אויסגעשמידט אין פייער פון שליחות, וואַקסט־אַריבער די טרוקענע פאַקטן. פאַנטאַזיע איז ביי אַזאַ פאַלק די געשיכטלעכע ווירקלעכקייט, פאַקטן ווערן ביי אַזאַ פאַלק לעגענדע.

די עטלעכע יאָר, וואָס איך האָב אים צוגעהאָלפן אויף די צוויי ביכער נביאים, האָב איך פון אים אַ סך געלערנט, דער עיקר האָב איך אים אַליין דערלערנט. אַזויווי מיר האָבן געלעבט אין שכנות, איז געווען אַז ער איז אַריינגעקומען צו מיר מיט אַ בינטל כתבים, אָדער איך בין אַריינגעקומען צו אים. אַז איך בין אַריינגעקומען צו אים, האָט ער זיך אויפגעהויבן פונם בענקל ביים גרויסן שרייב־טיש און איז מיר אַנטקעגנגעגאַנגען. דורך די דיקע גלעזער זיינע האָב איך געזען ווי די אויגן זיינען אים פאַרהויכט און הינטערן דינעם רייכל ברענען פייערלעך. דאָס פּנים איז אים געווען פאַרפלאַמט און אויסגעקומען איז ביי מיר, ווי איך וואָלט אַ פּאָעט איבערגעשלאָגן אינמיטן שרייבן אַ ליד. צום אָנהויב האָב איך נישט פאַרשטאַנען פונוואָס ער איז אַזוי פיבערדיק אויפגערודערט. נאָר דערנאָך האָב איך דערזען אַז ביי דער אַרבעט האָט ער אין זיך אַליין געשאַפן אידישע געשיכטע, אַז דער פּראָצעס פון שרייבן אידישע געשיכטע איז ביי אים געווען אַ פּאָעטישע איבערלעבונג, נישט וויי־ניקער אפשר ווי ביי אַ פּאָעט שרייבן אַ ליד.

אַ טיפע איבערלעבונג איז ביי מיר געווען צו זען, ווי ער האָט געטראָגן די ציגל אויפצובויען דאָס ירמיה־געשטאַלט. חדשים האָט געדויערט דער בוי, ער האָט פריער אויסגעפּאַנטאַזירט יעדער ציגל און דערנאָך, אַז ער האָט אים אריינגעצעמענטעוועט אינם געביי, איז געווען ווי ער וואָלט אַריינגעזונגען אַ ליד אינם נביאישן געשטאַלט. ער האָט איבערגעלעבט די שעפערישע פרייד, אַז ער האָט געזען ווי דאָס געשטאַלט וואַקסט, דער מענטש־בנין פורעמט זיך אויס, גאַנציקט זיך.

פּסוק־צו־פּסוק האָט ער געטראָגן צום ירמיה־בנין. שורה־צו־שורה האָט ער געקייטלט. וואָרט־צו־וואָרט האָט ער צוגעהעפט. ער האָט דעם נביא פון צער איבערגעשאַפן, ער האָט אי געשאַפן די קינסטלערישע ביאָגראַפיע זיינע, אי אים אַזוי טיף־פאַרמענטשלעכט, אַז אַרויסגעוואַקסן איז אַ געשטאַלט, וואָס איז דראַמאַטיש און ליריש, פול מיט ליידן און דורכגענומען מיט מענטש־פרייד. אַ גרויס ווערק איז פאַר מיינע אויגן געוואַקסן, אַ קינסטלערישער היסטאָרישער בנין האָט זיך פאַר מיר אויפגעהויבן, — איך האָב אָנגעהויבן צו באַוואונדערן דעם פּאָעט פון דער אידישער געשיכטע, — חיים שויס׳ן.

בטבע איז ער געווען אַ שטילער מענטש, אַ צוריקגעהאַלטענער, געערעדט האָט ער געמאָסטענע רייד, נאָר אַז ער האָט זיך אָנגעשטויסן, — אין אַן אַרטיקל, צי אַן עסעי, — אויף געשיכטלעכע אומפּינקטלעכקייטן, איז ער גע־וואָרן אויפגעקאָכט און דאָס קול זיינס, אין די העכערע אָקטאַוועס, איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ פאַלצעט. דעם גרעסטן רוב פון זיין דערוואַקסענעם לעבן האָט ער אָפּגעגעבן אויף לערנען אַנדערע, אָבער צו תלמידים, וואָס זיינען גע־ווען רוי אינם געשיכטע־לימוד, איז ער געווען מילד, ער האָט צו זיי קיין טענות נישט געהאַט. פאַרקערט, די תלמידים האָט ער פאָטערלעך אָנגענומען ביי די הענט און זיי געפירט מיט ליבשאַפט אויפן צעאַקערטן פעלד פון דער אידישער געשיכטע. מענטשן, וואָס האָבן זיך געהאַלטן פאַר בקיאים אין גע־שיכטע און אין דער אמת׳ן זיינען זיי געווען בלינדע אָנטאַפּערס פון די גע־שיכטע־בלעטער, — אָט־די מענטשן האָט ער נישט פאַרטראָגן. ביי אים איז אויסגעקומען, ווי זיי קומען אַריין מיט בלאָטיקע שטיוול אין דעם גאָרטן, וואָס ער האָט אים אַזוי אויסגעאיידלט, אַזוי אויסגעכאַוועט. געטראָפן האָט, אַז תלמידים, וואָס האָבן פון אים געגאַשט עטלעכע לעפל וויסן, האָבן זיך מיישב־געווען אַליין צו ווערן געשיכטע־קענער און געשיכטע־שרייבער. חיים שויס האָט פון אָנהויב געצערנט אויף זיי, דערנאָך האָט ער איבערגעלעבט טיפן טראַגיזם דערפון וואָס ער האָט צוגעהאָלפן אַז עם־הארצות זאָל זיך ביי אידן באַזעצן אויבנאָן. וואָרים צו עם־הארצות, וואָס וויל לערנען דאָס פאָלק, איז ער

געווען אַזוי סענסיטיוו, אַז ער איז אַזש אַ סך מאָל דערגאַנגען ביז קרענקלעכ־קייט.

געגומען האָט זיך עס דערפון וואָס געווען איז ער אין זיין כאַראַקטער און אין זיין באַוואוסטזיניקן איינשטעל, אַ גייסטיקער פּאַלקיסט. בעת ער האָט דאָס גאַנצע לעבן זיינס נישט אויפגעהערט אַליין צו לערנען, האָט ער אויך געפילט אין זיך אַן אינערלעך שליחות צו לערנען דאָס פּאָלק. די גרעסטע הנאה איז ביי אים געווען, אַז ער איז זיך צונויפגעקומען מיט תלמידים און „געזאָגט פאַר זיי תורה". נאָך גרעסער איז געווען די הנאה זיינע צו הערן ווי תלמידים נע־מען־אויף די תורה, וואָס ער לערנט זיי, און זיינען שוין בכח אַליין אָפּצולערנען „אַ בלאַט געשיכטע". ער איז אָבער נישט געווען קיין לערער, ווי לערער זיינען ביי אונז אָנגענומען, ער איז געווען אַן איבערשאַפער, אַן איבערקנעטער פון אידישע מענשן. זיין אידייע איז געווען, אַז געשיכטלעכע פאַקטן זיינען פאַר זיך אַליין נישט מער ווי זריעה־קערנדלעך, וואָס פון זיי דאַרף ערשט אַרויסוואַקסן אַ גאַנץ געוויקס. און וואָס איז דאָס געוויקס? דער אַרומנעמענדיקער קוק אויף דער אידישער געשיכטע, אַריינדרינגען אין איר, געפינען אין איר אַ זין, וואָס זאָל זיין אַ וועגווייזער פאַרן אידישן מענטשן אין אַלע צייטן. דערפאַר דער־שמעקט איר ממש זיינעם אַ תלמיד, איר דערקענט אים באַלד ווי איר הויב־אָן מיט אים צו רעדן פון ענינים וואָס האָבן אַ שייכות מיט אידישקייט און אידישן וויסן. ער האָט אויף די תלמידים אַרויפגעלייגט זיין חותם נישט נאָר אין וויסן, — אויך אין גייסטיקן באַנעם, אפילו אין דרך החיים, דערקענט איר דעם חותם וואָס חיים שויס האָט אויף זיי אַרויפגעלייגט. איבערן גאַנצן לאַנד זיינען צעשפּרייט זיינע תלמידים, וואָס אַ סך פון זיי זיינען שוין טאַטעס און מאַמעס פון דערוואַקסענע קינדער, אָבער זיי לעבן נאָך מיטן גייסט וואָס ער האָט אין זיי איינגעפלאַנצט. ער איז געווען זייער רבי נישט נאָר אינם זין פון לערנען, — ער האָט אָנגעצונדן אין זיי אַ פייערל, ווי אַ חסידישער רבי האָט אַמאָל אָנגעצונדן אין זיינע חסידים. אַז איך האָב אַמאָל געזען ווי די תלמידים רינגלען אים אַרום, — אי מיט היימישקייט, אי מיט יראת הכבוד, — איז ביי מיר אויסגעקומען ווי ער וואָלט געפּראַוועט טיש.

דער „טיש" זיינען איז געווען אָנגעגרייט מיט כל טוב, — מיט אַלט־אי־דישער געשיכטע, מיט ניי־אידישער, מיט הלכה און אגדתא, מיט תורה און נביאים, מיט פולסירנדיק, היינטצייטיק אידיש לעבן, אפילו מיט האַרבלעך־טערפּקען הומאָר. און דער שטוביקער טיש זיינער איז געווען געגרייט מיט פריינטלעכקייט, לרוב מיט ליבשאַפט, צום מענטשן. ער איז די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן געווען אַ גרויסער בעל־יסורים, שווערע קראַנקהייטן האָבן

אים געפּלאָגט, אָבער אין גאַנצן איז ער געווען מונטער און פאַר מענטשן האָט ער נישט אַרויסגעוויזן ווי גרויס די פיזישע יסורים זיינע זיינען. אַמאָל האָט דער קוק זיינער, הינטער די דיקע אויגנגלעזער, אַ בלאַנדזשע־געטאַן, איר האָט דערכאַפּט אין אים פאַרלוירנקייט, אָבער נאָר אויף אַ רגע, ער האָט זיך באַלד גענומען אין די הענט אַריין און געקוקט אויף איר מיט אַ מילדקייט, וואָס האָט דורכגעשיינט דורכן דיקן גלאָז און האָט איר געוואַרעמט. אָבער דער קוק איז צו דער אייגענער צייט געווען אַ יסורים׳דיקער, וואָרים נישט נאָר מיט פיזישע יסורים איז ער געווען געשטראָפט, אויך מיט גייסטיקע, און די גייסטיקע יסורים האָבן זיך אויף אים געלייגט אַ סך שווערער, ווי די פי־זישע. זיי זיינען געווען די שפּיציקע, שטעכיקע דערנער אויף זיין לעבנסוועג.

אַ באַהאַלטענעם טראַגיזם, וואָס געטראָגן האָט ער אים מיט דער ווערדע פון אַ תלמיד חכם, האָט ער איבערגעלעבט. ער איז געווען דער ערשטער פאַרשפּרייטער פון תורה צווישן וועלטלעכע אידן אין אַמעריקע. מיט איבער פערציק יאָר צוריק האָט ער אָנגעהויבן דורכצופירן דאָס שליחות, וואָס ער האָט גענומען אויף זיך, — צו פאַרשפּרייטן אידיש וויסן סיי אין געשריבענעם, סיי אין גערעדטן וואָרט. ער איז געווען דער ערשטער צונויפשטעלער פון אַ אידישער פאָלקס־געשיכטע, וואָס מיט אַ פיר צענדליק יאָר צוריק האָט זי גע־עפנט די טויערן פאַר דער אידישער פאָלקס־אינטעליגענץ צוצוקומען צו די אוצרות פון אונזער עבר, וואָס זיינען געווען פאַר אים פאַרשלאָסן. ער האָט אָנגעשריבן דאָס „יום־טוב בוך״, וואָס איז ביז היינט נאָך אַ וויכטיק פאָלקס־בוך, — פּאָפּולער געשריבן, אָבער מיט געשיכטלעכער ערודיציע, מאַלעריש און תוכיק. אין זיין לערעריי האָט ער געהאַט צענדליקער, אפשר הונדערטער, תלמידים וואָס האָבן מיט דאָרשט געטרונקען פונם וויסנס־ברונעם, וואָס ער האָט פאַר זיי אָנטפּלעקט. נאָר מיט דער צייט איז דער אידיש־קרייז געוואָרן אַלץ ענגער און ענגער, די יאָרן האָבן שויס׳ן פאַרעלנט, דאָס שליחות זיינס האָט זיך אָנגעהויבן אויסצושעפּן, — נישט אין אים אַליין, נאָר אין דער אידיש־סביבה, וואָס איז געווען פאַר אים די לופט, דער גייסטיקער קלימאַט זיינער.

אַמאָל, אַז עטלעכע אַמאָליקע תלמידים זיינען זיך צונויפגעקומען ביי אים אין שטוב, האָט זיך אין אים אָנגעצונדן דאָס פייערל פון גלויבן, אָבער לאַנג האָט עס נישט געברענט, וואָרים ער האָט גוט געוואוסט, אַז נישט דער אייבי־קער פלאַם פונם סנה איז עס, נאָר אַן אָפּגעברענט פייער, וואָס הויבט אַמאָל אָן, קאַפּריזנע, צו שפּריצן פונקען. דורך די לעצטע יאָרן פון עלנט און באַ־האַלטענעם יאוש האָט ער אָנגעשריבן די צוויי ביכער נביאים, וואָס האָבן אים געגעבן שעפערישע טרייסט, אָבער ביז די ביכער האָבן דערזען די

ליכטיקע וועלט האָט ער געהאַט אַ סך יסורים און, אַז זיי זיינען שוין אַרויס, האָט אים געמאַטערט דער ספק, צי זיי וועלן דערגיין צום אידיש־וועלטלעכן פאָלק, פאַר וועמען ער האָט זיי געשריבן. ער האָט דאָס בוך „אַ איד פונם וויגל ביזן קבר" אָנגעשריבן אויף אידיש, אָבער אַרויס איז עס אין ענגליש, אין אידיש איז עס נאָך ביז היינט נישטאָ. און סע איז איינס פון די אינטערע־סאַנטסטע פאַרשעריש וועדק אין אונזער ליטעראַטור, — געשריבן דער־ציילעריש, פול מיט צאַפּלדיק לעבן און אַ טיפן קוק אויף אונזערע מנהגים.

ער איז געווען עלנט, ווי יעדער שעפרישער אידישער מענטש איז עלנט, אָבער זיין עלנט איז געווען נאָך שאַרפער, וואָרים דאָס שעפערישקייט זיינס האָט געדאַרפט די לופט פון פאָלק צום אָטעמען. ער האָט אויף זיך גענומען דאָס שליחות צו ברענגען דעם פאָלק וויסן, די ערשטע יאָרן אין אַמעריקע האָט ער געהאַט אַן אילוזאָריש פאָלק, אָבער מיט די יאָרן איז די אילוזיע אפילו צערונען. ער האָט זיך געראַנגלט מיטן טרויער, וואָס האָט אים באַוועלטיקט. ער האָט פונם עלנט געפּרואווט אויספורעמען אַ גייסטיקן אָנהאַלט פאַר זיך, אָנ־שפּאַרן האָט ער זיך געוואָלט אויפן עלנט, אָבער אַ סך מאָל האָט זיך אפילו דער אַנטרינערישער אָנשפּאַר אַרויסגעשאַרט פון אונטער אים, — געבליבן איז דער נאַקעטער, דער בייזער, דער נאַגנדיקער עלנט.

נאָר געשען איז דאָ אַ מעטאַמאָרפאָזע, אַז גראָד דער עלנט, גראָד דער יאוש, האָבן אַרויסגערופן אין אים אַ ליריזם, וואָס ער האָט ביז איצט נישט חושד־געווען, אַז ער פאַרמאָגט אים. אַז מיר קוקן זיך צו צו די ווערק, וואָס ער האָט געשאַפן אין די יאָרן פון עלנט, זעען מיר ווי זיי זיינען אַנדערש נישט נאָר אין לשון, אין סטיל, אויך אין אינערלעכן ריטם זיינען זיי אַנדערש. ער איז געוואָרן מער זינגער ווי זאָגער; ער האָט זיך אַליין אַריינגעטיפט אין די געשטאַלטן פון אַ ישעיה, אַן עמוס, אַ ירמיה, אַ מיכה, וואָס ער האָט גע־שאַפן. ער האָט זיך אַליין ליריש אַרויסגערעדט אין דעם באַשרייבונג פון זיין געבוירנשטעטל גאָרזד, און פון די אַנדערע אידישע שטעט און שטעטלעך, וואָס ער האָט באַשריבן. און די לעצטע, נישט־פאַרענדיקטע אַרבעט זיינע, „שיבת־ציון", וואָס גייט־אַריין אין איצטיקן בוך, איז אויך אַן אייגנאַרטיקער אויסדרוק פונם מענטשלעכן עלנט, וואָס ער האָט אין זיך געטראָגן, אפילו פונם ביטערן יאוש.

אָפט האָט ער מיט מיר איינגע'טענה'ט, אַז די אידישע ליטעראַטור איז זיך אַליין שולדיק אַ גרויסן חוב: געשיכטלעכע געשטאַלטן. פאַרוואָס שרייבט איר נישט קיין גרויסע פּאָעמע, וואָס אין איר זאָלן זיך ראַנגלען העלדן פון אונזער געשיכטע? האָט ער געהאַט צו מיר טענות. און ער האָט פאַר מיר

געמאָלן מאָמענטן אין אונזער געשיכטע, וואָס זיינען נישט נאָר פול מיט דראַמאַטיזם, נאָר אויך מיט סימבאָליזם וואָס טראָגט אין זיך אייביקייט און אוניווערזאַליזם. די גרויסע אידישע דראַמע, האָט ער געזאָגט, איז אין אונזער געשיכטע.

פאַרוואָס שרייבט איר אַליין נישט? האָב איך אים אַמאָל סתם אַזוי אַ פרעג־געטאָן. ער האָט זיך פאַרטראַכט, אָנגעהויבן עפּעס צו זאָגן און נישט דערזאָגט. איך האָב אָבער דאָס נישט־דערזאָגטע אַרויסגעפילט פון אים: ער האָט נישט געגלויבט אין זיינע כוחות קינסטלעריש צו שאַפן געשטאַלטן. אמת, ער האָט געשאַפן אַ ישעיה, אַ ירמיה, וואָס זיינען אין תוך קינסטלערישע שאַפונגען, אָבער דאָס איז דאָך געשיכטע, נישט קיין קונסט. נאָר אַרומגעטראָגן האָט ער זיך מיטן חלום פון אַ גרויס־היסטאָרישער דראַמע. אויב איך האָב קיין טעות נישט, האָט ער זיך אפילו פאַרמאָסטן אויף דער אחאב־דראַמע און איז געבליבן אינמיטן. ער איז אָבער אין זיין טרויער, אינם עלנט זיינעם, געוואָרן לירישער אין די היסטאָרישע אַרבעטן. ער האָט אָנגעהויבן צו בויען היסטאָרישע בנינים, געשטאַלטיקן געשיכטע, אויסזינגען אידיש־געשיכטלעכע העלדן. ווי ביי יעדן קינסטלערישן מענטשן, איז דער עלנט געוואָרן אין אים אַ קוואַל פון שאַפן, דער טרויער האָט אים פאַרטיפט. דאָס אידישע וואָרט, וואָס צום אָנהויב האָט ער עס געוואָלט אַרויסזאָגן אַזוי פשוט, אַז יעדער איד זאָל עס פאַרשטיין, האָט ער, אינם עלנט זיינעם, אָנגעהויבן צו שליפן מיט דין־קינסטלערישע אינסטרומענטן.

אויף די צוויי ביכער נביאים האָב איך מיט אים געאַרבעט און צווישן איין בוך און דעם צווייטן איז געווען אַ שטח פון אַ פיר יאָר. גרעסער אָבער, ווי דער שטח פון צייט, איז געווען דער שטח פון סטיליסטישן, שפּראַכלעכן שפּרונג צווישן די צוויי ביכער. ביים ערשטן בוך האָב איך זיך מיט אים געדאַרפט אַמפּערן איבער אַ וואָרט, — ער האָט געוואָלט דאָס פשוט׳סטע, אַפילו פריי־מיטיווע וואָרט — וואָרים דער עולם דאַרף דאָך פאַרשטיין, — און איך האָב אין אים געוואָלט אַריינרעדן דאָס בילדלעכע וואָרט. ער האָט זיך בשום אופן נישט געוואָלט אָפּקערן פונם פאָלקס־לשון און אפילו אין די איבערטייטשונגען פונם תנ״כ׳ישן טעקסט האָט ער זיך אויך געראַנגלט קעגן דעם שיינעם, דעם פּאָעטישן וואָרט. אַז ס׳איז געקומען צום צווייטן בוך, האָב איך באַלד דערקענט דעם שינוי אין אים. אַז ער האָט מיר געבראַכט דאָס ערשטע קאַפּיטל, האָב איך דערזען ווי אַנדערש ער האָט אָנגעהויבן צו שרייבן. ער האָט נאָך, אמת, אַלץ גע׳טענה׳ט, אַז אידן דאַרפן פאַרשטיין, אָבער זיין אייגענער מאַנוסקריפּט האָט שוין געאָטעמט מיט קינסטלערישער דורכטראַכטונג פונם וואָרט. ער האָט

שוין אַריינגעבראַכט ריטם אין זיין סטיל, ער האָט זיך שוין נישט געשפּאָרט, אַז איך האָב פאַרביטן אַ פּשוט וואָרט אויף אַ בילדלעכן. אַז איך האָב אים, פאַרן תנ״כישן טעקסט, אַמאָל געגעבן אַ וואָרט, וואָס אים איז עס געווען פרעמד, האָט ער מיך געפרעגט: איז עס אַלט־אידיש? סע איז. האָט ער עס אָנגענומען. אַמאָל אַז ס׳איז אויסגעקומען צו קאָמבינירן אַ וואָרט, צו שאַפן אַ נייעם ניואַנס פון אַ וואָרט, האָט ער זיך געפרייט דערמיט. ער האָט שוין מוחל געווען דאָס פאַרשטענדלעכקייט פאַרן ברייטן עולם, אים האָט דערהויבן דער נייער בייג, ער האָט דאָס בילדלעכע וואָרט ממש אויסגעפּרואווט אויף דער צונג, צו שפּירן דעם קינסטלערישן טעם דערפון.

אָבער אויב איך האָב געביטן דאָ און דאָרט אַ וואָרט, איז דער עיקר אָבער געווען ער, דער איבערבייט אין אים אַליין. מיר דאַכט זיך, אַז די געשטאַלטן פון ישעיה און ירמיה וואָלט ער נישט אויפגעבויט מיט אַזאַ מייסטערשאַפט, ווען דער איבערבייט וואָלט אין אים נישט פאָרגעקומען. נאָכמער, דער אויער זיינער האָט אָנגעהויבן צו הערן דאָס גאָרזדער לשון, נאָר נישט סתם לשון, נאָר דעם געזונטן, קינסטלערישן, מעטאַלענעם קלאַנג פונם לשון. ער האָט זיך דערמאָנט צענדליקער ווערטער פון געבוירנשטעטל, דאָס היימישע לשון האָט ממש אָנגעהויבן אַרויסצוזינגען פון אים און ער האָט עס געפּרואווט אָנווענדן אין זיין שרייבן. אים איז דערעסן, האָט ער גע׳טענה׳ט, דאָס זשורנאַליסטישע לשון, וואָס האָט אין אַמעריקע פאַרביליקט אידיש. ער האָט אָנגעהויבן צו הערן אין זיך דאָס גאָרזדער לשון און האָט זיך דערקלונגען צו אַן אייגענעם סטיל אין די לעצטע ווערק זיינע. דער עלנט האָט אים שרייבעריש דערהויבן.

אַ שווער לעבן האָט ער אָפּגעלעבט, ער האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין עקאָנאָמישע זיכערקייט, בפרט די לעצטע יאָרן, אָבער ער האָט דאָס שווערע לעבן געטראָגן מיט דער גאווה פון אַ תלמיד־חכם, וואָס איז דורכגעדרונגען מיטן באַוואוסטזיין, אַז ער זאַמלט אַ רייכע גייסטיקע ירושה. חיים שויס האָט די גייסטיקע ירושה אָנגעזאַמלט, דאָס איצטיקע בוך איז אַ טייל פון דער ירושה זיינער.

גלות בבל און שיבת ציון

- וווענד־פונקט אין דער אידישער געשיכטע
- גייסטיקער קריזיס אין דער צייט פון גלות בבל
- אָנהייב פון אַ נייער תקופה

גלות בבל און שיבת־ציון

די צייט, וואָס מיר אידן לעבן היינט אין איר, רופט מען „די צווייטע שיבת ציון״. איז דערפאַר כדאי זיך אַביסל צו פאַרטיפן אין דער ערשטער „שיבת ציון״ און צו באַטראַכטן די כוחות און קאָנפליקטן וואָס האָבן דאַמאָלסט געווירקט אין אידישן לעבן.

„שיבת־ציון״ איז אַ נאָמען פאַר אַן ערך די ערשטע הונדערט יאָר נאָכן גלות־בבל, די ערשטע הונדערט יאָר פון דער פערסישער וועלט־הערשאַפט. אין דעם דאָזיקן יאָרהונדערט האָבן אידן אויפגעבויט אַ נייעם בית־המקדש, אַ נייע ירושלים און אַ נייע טעאָקראַטישע מדינה אין יהודה, אַרום ירושלים. אָבער ניט נאָר אַ נייע מדינה האָבן אידן אויפגעבויט, דאָס אידישע לעבן בכלל איז דעמאָלט איבערגעבויט געוואָרן אויף נייע יסודות.

אָט דער היסטאָרישער פּראָצעס, דער איבערבוי פון אידישן לעבן נאָכן גלות־בבל, וואָס מ׳רופט „שיבת־ציון״, איז געווען דער רעזולטאַט פון צוויי פּאַראַלעלע כוחות אין דער אידישער געשיכטע — ארץ־ישראל און גלות. דאָס אָרט, די בינע, וואו די שיבת־ציון דראַמע ווערט אָפּגעשפּילט, איז ארץ־ישראל, ריכטיקער יהודה; אָבער די הויפּטהעלדן אין דער דראַמע זיינען אידן פון גלות: זרובבל, עזרא, נחמיה.

ירושלים און שומרון

עדואַרד מייער, דער וועלט־באַרימטער היסטאָריקער, האָט געזאָגט, אַז דער ווידעראויפבוי פון בית־המקדש און פון דער נייער ירושלים אין דער פּערסישער עפּאָכע איז אַ היסטאָרישע געשעעניש, וואָס האָט ניט קיין גלייכן צו זיך אין דער גאַנצער וועלטגעשיכטע. נישט געווען נאָך אַזאַ פאַל, אַז די קינדער און קינדסקינדער פון מענטשן, וואָס זיינען דורות צוריק פאַרטריבן געוואָרן פון אַ הייליקער שטאָט אין אַ פרעמדן לאַנד, זאָלן זיך אומקערן צוריק און אויפבויען די דאָזיקע שטאָט און איר הייליקטום.

אָבער פאַרוואָס טאַקע האָט פּאַסירט מיט אידן אין יענע צייטן אַזוינס, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן ניט געהאַט ביי קיין אַנדער פאָלק? די פראַגע קען נאָך שאַרפער און בולטער געשטעלט ווערן. מיר דאַרפן גאָר ניט גיין צו אַנדערע פעלקער. מיר קענען עס פרעגן אויך בנוגע אידן גופא. פאַרוואָס

האָבן די פאַרטריבענע אידן פון ירושלים און יהודה געהאַט אַ שיבת־ציון, אָבער די פאַרטריבענע אידן פון שומרון און ישראל האָבן ניט געהאַט קיין שיבת־שומרון ?

די דערקלערונג פאַר דעם איז אַ גאַנץ פּשוטע. שומרון איז געווען, אמת טאַקע, אַ שיינע שטאָט, אַ „שטאָלצע קרוין", ווי ישעיה האָט זי גערופן (כ״ח, 1). אָבער זי איז געווען ניט מער ווי אַ פּאָליטישער צענטער, ניט מער ווי די הויפּט־שטאָט פון מלכות־ישראל. קיין הייליקע שטאָט איז זי ניט געוואָרן ביי אידן. וואָרים זי איז געווען אַ נייע שטאָט, ערשט אויפגעבויט פון עמרי מלך ישראל (מלכים א, ט״ז 24). זי האָט פאַרמאָגט אַ קעניגלעכן טעמפּל. אָבער דאָס פאָלק האָט וועגן איר ניט געשאַפן קיין פרומע מעשה, קיין לעגענדע, וואָס זאָל זי פאַרהייליקן אין אַלעמענס הערצער. אַרומגעוועבט מיט פרומע מעשות פון די אַלטע צייטן און פאַרהייליקט ביים פאָלק זיינען גאַר געווען אַנדערע, אַ סך עלטערע שטעט אין מלכות־ישראל, ווי: בית־אל, שכם, דן. די פאַרטריבענע אידן פון ישראל, אין דער צייט פון חורבן שומרון, האָבן, בכן, ניט געהאַט אַן איינאיינציקע הייליקע שטאָט, נאָר וועלכער זיי האָבן אַלע געזאָלט בענקען. אויב בענקען נאָך אַ הייליקער שטאָט, האָט איין פאַרטריבענער איד פון מלכות־ישראל געבענקט נאָך בית־אל, אַ צווייטער — נאָך שכם, אַ דריטער נאָך דן, און אַזוי ווייטער.

אַנדערש איז אָבער געווען מיט די אידן וואָס זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון מלכות־יהודה 136 יאָר נאָכן חורבן שומרון. פאַר זיי איז ירושלים געווען די איינאיינציקע הייליקע שטאָט, און דער בית־המקדש אויפן באַרג ציון — דאָס איינאיינציקע הייליקע אָרט, וואָס „גאָט האָט אויסדערוויילט צו מאַכן דאָרטן רוען זיין נאָמען". די דאָזיקע הייליקע שטאָט האָבן זיי, אין הונגער און דאָרשט, פאַרטיידיקט אַנדערטהאַלבן יאָר צייט קעגן נבוכדנצר׳ס חיל; און אַז זיי זיינען פון איר פאַרטריבן געוואָרן, האָבן זיי אַלע געבענקט בלויז נאָך איר, נאָך „גאָט׳ס שטאָט", און שפּעטער זיך צו איר צוריק אומגעקערט.

פאַרוואָס אָבער האָבן די אידן פון יהודה יאָ געהאַט אַן איינאיינציקע הייליקע שטאָט און די אידן פון ישראל האָבן עס ניט געהאַט ? ווי־אַזוי איז עס געקומען צו דעם, אַז ירושלים זאָל ווערן די איינאיינציקע הייליקע שטאָט פאַר אַלע אידן, דער הויפּט־מאָטיוו פון די אידישע תפילות און דער ציל פון דער פרומער אידישער בענקשאַפט און האָפענונג אין אַלע דורות פון די אַלטע צייטן ביז אויף אונזערע טעג ?

כדי דאָס צו פאַרשטיין, מוזן מיר גיין אַ לאַנגן מהלך אויף צוריק אין דער אידישער געשיכטע. מיר מוזן אָנהייבן פון אָנהייב, פון די אַלטע הייליקע

ערטער, וואָס אידן האָבן געפונען אין ארץ־ישראל ביי די עלטערע איינוואוינער פון דעם לאַנד, די כנענים.

די ציוויליזאַציע און רעליגיע פון די כנענים

אין דער צייט פון חורבן שומרון האָבן אידן, איבערהויפּט די אידן אין מלכות־ישראל, געהאַט נאָר־וואָס אָנגעהויבן זיך אַרויסצושיילן פון דעם כנעני'שן געצנדינסט, פון דער נאַטור־רעליגיע, דעם בעל־קולט, וואָס זיי האָבן איבערגענומען פון די כנענים, בעת זיי האָבן זיך באַזעצט אין ארץ־ישראל. די כנענים האָבן שוין הונדערטער יאָרן פריער געוואוינט אין דעם לאַנד און דאָרטן אַנטוויקלט אַ העכערע ציוויליזאַציע. זיי האָבן געדינט זייערע געטער אויף די הויכע ערטער, די בערג. די דאָזיקע לאָקאַלע הייליקטימער האָבן זיי גערופן „במות". עס זיינען געווען קלענערע במות, אונטערן פרייען הימל, און עס זיינען אויך געווען, אין די גרעסערע שטעט, במות מיט שיינע אויסגעבויטע טעמפּלען. אַז אידן האָבן זיך באַזעצט אין דעם לאַנד כנען, האָבן זיי זיך דורכגעמישט מיט זייערע כנעני'שע שכנים, האָבן איבערגענומען זייער ציוויליזירטן שטייגער לעבן און האָבן ממילא אויך איבערגענומען זייערע הייליקע ערטער, די במות, און דאָרטן געדינט דעם גאָט פון ישראל מיט דיזעלביקע פאָרמען פון קולט, מיט וועלכע די כנענים האָבן געדינט זייערע נאַטור־געטער, די „בעלים" — מיט אַ הייליקן שטיין (מצבה), אַ הייליקן בוים אָדער סלופּ (אשרה) און אפילו אויך מיט אַ הייליקן אָקס, אַ געשניצטן פון האָלץ (פסל), אָדער אַ געגאָסענעם פון בראָנז (מסכה).

אַז די בני־ישראל, וואָס זיינען געקומען פון מדבר, האָבן איבערגענומען אין ארץ־ישראל די העכערע ציוויליזאַציע, וואָס זיי האָבן דאָרטן געפונען, ווערט דערציילט פּשוט און קורץ אין חומש דברים: „און עס וועט זיין, אַז יהוה דיין גאָט וועט דיך ברענגען אין דעם לאַנד וואָס ער האָט געשוואוירן צו דיינע פאָטערס, צו אַברהם, צו יצחק און צו יעקב, דיר צו געבן — גרויסע און שיינע שטעט וואָס דו האָסט ניט געבויט, און הייזער פול מיט כל־טוב וואָס דו האָסט ניט אָנגעפילט, און אויסגעהאַקטע ברונימער וואָס דו האָסט ניט אויסגעהאַקט, וויינגערטנער און איילבערט־גערטנער וואָס דו האָסט ניט געפלאַנצט, און דו וועסט עסן און דו וועסט זאַט זיין" (דברים ו, 10־11). פונקט אַזוי קורץ ווערט דערציילט אין ספר שופטים ווי אַזוי די בני־ישראל האָבן זיך דורכגעמישט מיט די כנענים און איבערגענומען זייערע הייליקע ערטער און זייערע פאָרמען פון קולט: „און די בני־ישראל זיינען געזעסן

צווישן דעם כנעני, דעם חיתי, און דעם אמורי, און דעם פריזי, און דעם חיוי, און דעם יבוסי, און זיי האָבן זיך גענומען זייערע טעכטער פאַר ווייבער, און די אייגענע טעכטער האָבן זיי געגעבן צו זייערע זין, און זיי האָבן געדינט זייערע געטער" (שופטים ג, 5־6).

אָבער דאָך זיינען די אַריינגעוואַנדערטע בני־ישראל ניט געוואָרן אַ פאָלק פון כנענים, נאָר פאַרקערט גאָר: די כנענים זיינען אַסימילירט געוואָרן אין דעם פאָלק ישראל. די אידן האָבן זיך אַ סך אָפּגעלערנט פון די כנענים און זיך אויסערלעך צוגעפּאַסט צו זייער קולטור און רעליגיע. אָבער זיי האָבן דאָך נישט אויפגעהערט צו גלויבן אין דעם גאָט פון ישראל, זייער גאָט פון די מדבר־טעג. אויך אין די במות האָבן זיי, הגם אויף דעם כנעני'שן שטייגער, געדינט דעם גאָט פון זייערע עלטערן, וועלכער האָט זיי אַרויסגעפירט פון מצרים. די אידן האָבן געזוכט צו פאַראידישן די כנעני'שע במות און האָבן זיי פאַרבונדן מיט די אָבות. מ'האָט דערציילט, אַז אין די אוראַלטע טעג האָבן די אָבות דאָרטן געבויט מזבחות און גאָט האָט זיך דאָרטן צו זיי באַוויזן און זיי צוגעזאָגט, אַז ער וועט דאָס לאַנד אָוועקגעבן צו זייערע קינדער פאַר אַן אייביקן אייגנטום. אין חברון האָט זיך גאָט באַוויזן צו אברהמ'ען, אין באר־שבע — צו אברהמ'ען און צו יצחק'ן, און אין שכם און אין בית־אל — צו אברהמ'ען און צו יעקב'ן (בראשית י"ב, 6־8; י"ג, 3־4, 14־18; י"ח, 1; כ"א, 33; כ"ו, 23־25; כ"ח, 10־22; ל"ג, 18־20; ל"ה, 1, 7). דאָס הייליקטום פון דן איז ניט געווען פאַרבונדן מיט קיינעם פון די אָבות, אָבער די כוהנים דאָרטן האָבן געצויגן זייער יחוס פון משהן (שופטים י"ח, 30). דאָך האָבן די דאָזיקע מעשות, וואָס האָבן געזוכט צו פאַרבינדן די אַלטע כנעני'שע הייליקטימער מיט דעם פאָלק ישראל און זיין גאָט, סוף־כל־סוף זיי ניט געראַטעוועט. עטלעכע צענדליק יאָר פאַר דעם חורבן ירושלים, אין די טעג פון יאשיהו מלך יהודה, זיינען אָט די אַלע אוראַלטע הייליקטימער אָפּגעשאַפט געוואָרן, ווי אַ מיאוסער געצנדינסט, וואָס אידן האָבן איבערגענומען אין די אַלטע צייטן פון זייערע כנענישע שכנים. זייער אַלעמענס פלאַץ האָט פאַרנומען איינאיינציק הייליק אָרט — דער בית־המקדש אויפן באַרג ציון. ירושלים ווי אַ אידישע הייליקע שטאָט איז געווען די אינגסטע צווישן די הייליקע שטעט אין ארץ־ישראל. אָבער דורך אַ סך היסטאָרישע אומשטענדן האָט זי, אין סוף פון יאָרהונדערטן, אַרויסגעשטויסן אַלע אַלטע הייליקע שטעט פון דעם לאַנד, איז געוואָרן „די" הייליקע שטאָט פאַר אַלע צייטן, און איז געוואָרן נאָך מער ווי דאָס — די צוקונפטיקע הויפטשטאָט פון גאָט'ס מלוכה, די מלוכה פון אייביקן פרידן פאַר אַלע פעלקער פון דער וועלט.

ירושלים, די שטאָט פון די „יבוסים", ווערט אַ אידישע הייליקע שטאָט

ירושלים איז געוואָרן אַ אידישע שטאָט ערשט אונטער דוד'ן, אין אַ צייט ווען די אַנדערע הייליקע ערטער איבערן לאַנד, די „במות", זיינען שוין עט־לעכע הונדערט יאָר געווען פאַרהייליקט ביי אידן. פאַר דוד'ס צייט איז ירושלים געווען אַ כנעני'שע שטאָט, באַוואוינט פון דעם כנעני'שן שבט יבוס. דעריבער איז יבוס געווען אין יענער צייט אַ צווייטער נאָמען פאַר ירושלים. אַ איד האָט דערמאָלט ניט געוואָלט בלייבן איבערנעכטיקן אין אַזאַ פרעמדן, ניט־אידישן אָרט ווי ירושלים. אָט דעם צושטאַנד טרעפן מיר אין ספר שופטים אין דער מעשה פון דער „פילגש בגבעה". מיר הערן דאָרטן ווי אַ איד פון הר־אפרים, ער און זיין קנעכט און זיין קעפסוויב, רייטן אויף אייזלען פון בית־לחם צוריק אַהיים, און עס ווערט דאָרטן דערציילט:

„אַז זיי זיינען געווען לעבן ירושלים, און דער טאָג איז שוין געווען שטאַרק אַראָפּ־געגנידערט, האָט דער קנעכט געזאָגט צו זיין האַר: קום, לאָמיר איינקערן אין דער דאָזיקער שטאָט פון די יבוסים און לאָמיר איבערנעכטיקן אין איר. האָט זיין האַר צו אים געזאָגט: מיר וועלן ניט איינקערן אין אַ שטאָט פון פרעמדע, נישט פון די בני־ישראל; לאָמיר בעסער גיין ווייטער ביז גבעה" (שופטים י"ט, 11־12).

נאָכדעם ווי דוד איז געוואָרן מלך איבער גאַנץ ישראל, האָט ער איינגענו־מען ירושלים פון די יבוסים און עס געמאַכט פאַר דער הויפּטשטאָט פון זיין מלוכה; און די פעסטונג פון ירושלים, דעם „הר ציון", האָט ער צוגענומען פאַר אייגענס און עס גערופן אויף זיין אייגענעם נאָמען „דוד'ס שטאָט" („עיר דוד"). ער האָט דאָרטן אויפגעשטעלט זיין קעניגלעכע רעזידענץ, וואו פעניקישע בוי־מייסטערס פון צור האָבן אויפגעבויט פאַר אים אַ פּאַלאַץ פון צעדערהאָלץ (שמואל א, קאַפּ. ה).

אָבער דוד האָט זיך ניט באַנוגענט מיט מאַכן ירושלים בלויז פאַר דער הויפּטשטאָט, פאַר דעם פּאָליטישן צענטער פון זיין מלוכה; ער האָט געזוכט זי צו מאַכן אויך פאַר דעם מיטלפּונקט פון דעם רעליגיעזן לעבן פון אידישן פאָלק, פאַר אַ הייליקער שטאָט פאַר אַלע שבטים פון ישראל. פאַר דעם צוועק האָט ער געבראַכט קיין ירושלים דעם הייליקן ארון און אים אַוועק־געשטעלט אין אַ צוגעגרייטן געצעלט אויפן הר־ציון. ניט אין דער שטיל האָט עס דוד געטאָן, נאָר מיט אַ גרויסן פּאַראַד, ווי דאָס ווערט אַזוי לעבעדיק באַשריבן אין זעקסטן קאַפּיטל פון שמואל ב'. דער ארון האָט נאָך געשטאַמט פון דער מדבר־צייט. אַ לענגערע צייט, פאַר דער גרינדונג פון דער מלוכה, איז דער ארון געשטאַנען אין דעם היכל פון שילו אין הר־אפרים. אָבער זיין הייליקייט

איז פאַרשוועכט געוואָרן, ווען ער איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די אידישע פּיינט, די פּלישתים. הגם די פּלישתים האָבן דערנאָך אים אָפּגעשיקט צוריק צו די בני־ישראל, איז אָבער ביים פאָלק שטאַרק צעטרייסלט געוואָרן דער גלויבן אין אים און קיינער האָט זיך אויף אים מער ניט אַרומגעקוקט. אַ האַלב פאַרגעסענער איז ער געשטאַנען ביי איינעם אין הויז. איצט, מיטן ברענגען קיין ירושלים דאָס אוראַלטע הייליקטום, האָט דוד פאַרבונדן זיין מלוכה און זיין נייע הויפּטשטאָט מיט די טראַדיציעס פון דער מדבר־צייט, מיט משה׳ן. אגב, איז דער ארון, דאָס הייליקטום פון הר־אפרים, ביי דוד׳ן אויך אַ מיטל צוצובינדן צו זיך און צו ירושלים די שבטים פון צפון.

דאָס חשיבות און די הייליקייט פון ירושלים איז נאָך אַ סך מער געשטיגן, ווען שלמה האָט אויפגעבויט דעם בית־המקדש, און אום סוכות, אין אַ יום־טוב׳דיקער פּראַצעסיע פון דעם פאָלק, מיט דעם אָנטייל פון די עלטסטע פון אַלע שבטים פון ישראל, האָט ער געבראַכט דעם ארון פון דעם געצעלט אין „דוד׳ס שטאָט״ און אים אַוועקגעשטעלט אין קודש־הקדשים פון זיין נייעם טעמפּל (מלכים א, ח). אָבער עס איז ניט אַזוי אַ טעמפּל, ווי גרויס און רייך ער זאָל ניט זיין, וואָס מאַכט אַן אָרט הייליק אין דעם גלויבן פון פאָלק. אַן אַן ערך וויכטיקער איז די פרומע לעגענדע, וואָס מיט איר ווערט דאָס דאָזיקע אָרט אַרומגעוועבט. אַ מעשה מוז דערציילט ווערן פון אַ געטלעכער דערשיינונג, וואָס האָט זיך דאָרטן באַוויזן. צו פאַרבינדן ירושלים מיט די מעשות פון די אָבות, אָדער פון אַנדערע לעגענדאַרישע געשטאַלטן פון די עלטערע צייטן, פאַר דער גרינדונג פון דער מלוכה איז שוין געווען צו שפּעט. יענע לעגענדעס זיינען שוין געווען פאַרפּיקסירט אין מויל פון פאָלק און פאַרקניפּט מיט די עלטערע הייליקטימער פון דעם לאַנד. די הייליקייט פון דעם אָרט, וואו דער בית־המקדש איז געשטאַנען, איז דערפאַר פאַרבונדן מיט אַ מעשה וואָס זאָל האָבן פּאַסירט אין דער צייט פון דוד׳ס מלוכה. אין דוד׳ס צייט, ווערט דערציילט אין דער דאָזיקער מעשה, האָט איינמאָל גאָט׳ס צאָרן זיך צעברענט אויף ישראל און ווי אַ שטראָף האָט גאָט אָנגעשיקט אַ מגפה אויף דעם לאַנד. די מגפה האָט שוין געהאַט דערגרייכט ירושלים, אָבער זי האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים הר־ציון, ביי דעם אָרט וואו אַ כנעני׳שער לאַנדאייגנטימער אַרונה (אָדער אָרנן) דער יבוסי, האָט געהאַט זיינע פעלדער און זיין שייער צו דרעשן די תבואה. לעבן דעם דאָזיקן שייער איז געשטאַנען דער „מלאך המשחית״, דער מלאך פון פעסט, גרייט אומצוברענגען ירושלים. אין יענעם טאָג איז גד דער „זעער״ (חוזה) געקומען צו דוד׳ן און אים אין גאָט׳ס נאָמען געהייסן אויפשטעלן אַ מזבח אין שייער פון ארונה דעם יבוסי. דוד האָט באַלד אָפּגעקויפט דעם

שייער פאַרן פולן פרייז, האָט דאָרטן אויפגעבויט אַ מזבח צו גאָט, אויף וועלכן ער האָט מקריב געווען אַ סך קרבנות, און די מגפה האָט זיך גלייך אָפּגעשטעלט אין גאַנצן לאַנד. דוד האָט דעמאָלט פאַרשטאַנען, אַז „דאָס איז דאָס אָרט צו בויען אַ הויז פאַר גאָט און אַ מזבח פאַר גאַנצאָפּפער פאַר ישראל" (שמואל ב, כ"ד; דברי הימים א, כ"א־כ"ב 1; דברי הימים ב, ג 1).

אין דער דאָזיקער מעשה ליגט אַ דאָפּלטע כוונה. ערשטנס ווערט דאָ דערקלערט, אַז דאָס אָרט וואו שלמה האָט אויפגעבויט דעם בית־המקדש איז הייליק פאַר אידן, ווייל גאָט האָט זיך דאָרטן באַוויזן צו דוד'ן און אים געהייסן אויפבויען אַ מזבח פונקט אויף דעם פּלאַץ וואו ס'איז שפּעטער געשטאַנען דער „מזבח העולה", אָדער „מזבח הנחושת", דער גרויסער בראַנזענער מזבח, אין פאָרהויף פון בית־המקדש. צווייטנס, ווערט דאָ אויך אַרויסגעבראַכט, אַז דאָס דאָזיקע הייליקע אָרט האָבן אידן ניט איינגענומען מיט מיליטערישער גבורה, נאָר דוד האָט עס אָפּגעקויפט פון אַ יבוסי פאַרן פולן געלט־ווערט („בכסף מלא").

ירושלים „אַ" הייליקע שטאָט און ירושלים „די" הייליקע שטאָט

שלמה, דאַרף מען אָננעמען, האָט געוואָלט, אַז זיין נייער, פּראַקטיקער בית־המקדש זאָל פאַרטונקלען אַלע עלטערע הייליקטימער איבערן לאַנד, אַז ער זאָל ווערן אַ צענטראַל הייליקטום פאַר אַלע שבטים. אָבער איין זאַך איז זיכער: שלמה'ן האָט קיינמאָל ניט געקאָנט קומען אויפן געדאַנק, אַז זיין קעניגלעך הייליקטום זאָל מיט דער צייט אינגאַנצן אַרויסשטויסן אַלע עלטערע הייליקטימער פון לאַנד, און אַז טויזנטער יאָרן נאָך אים זאָל ירושלים נאָך אַלץ זיין „די" הייליקע שטאָט, ניט נאָר פאַר אידן, נאָר אויך פאַר אַלע אַנדערע פעלקער.

מיר קענען נישט וויסן וואָס פאַר אַ ראָלע ירושלים וואָלט געשפּילט אין אידישן לעבן אין די יאָרהונדערטן נאָך שלמה'ן, ווען אידן וואָלטן געבליבן פאַראייניקט אין איין מלוכה. אָבער נאָך שלמה'ס טויט זיינען אידן צעטיילט געוואָרן אין צווי באַזונדערע מלוכות — אָדער ריכטיקער: אין צווי פעלקער — צייטנווייז פריינטלעך און צייטנווייז פיינטלעך איינע קעגן די אַנדערע. אַריבער צווי הונדערט יאָר האָבן אַזוי עקזיסטירט זייט־ביי־זייט די צווי באַזונדערע מלוכות, די גרעסערע מלוכה, ישראל, אין צפון, און די קלענערע, יהודה, אין דרום; און אין אָט דער צייט האָט גאָר קיין רייד נישט געקאָנט זיין, אַז אידן פון מלכות־ישראל זאָלן האַלטן ירושלים פאַר אַ הייליקער שטאָט. אין דער גמרא ווערט דערציילט, אַז ירבעם בן־נבט האָט געשטעלט שומרים

אויף די וועגן נישט צו לאָזן די אידן פון זיין מלוכה עולה־רגל צו זיין קיין ירושלים (גיטין, דף פ״ח, עמוד א). אָבער דאָס איז בלויז אַ שיינע פאַנטאַזיע פון שפּעטערע צייטן, ווען מ׳האָט שוין אינגאַנצן נישט פאַרשטאַנען די אַלטע פאַרגאַנגנהייט און מ׳האָט זיך גאָרניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז אַ איד, ווער ער זאָל ניט געווען זיין, האָט ניט געבענקט נאָך ירושלים און האָט ניט גע־וואָלט עולה־רגל זיין אַהין. אָבער דער היסטאָרישער אמת איז, אַז ס׳איז גאָר ניט נייטיק געווען צו שטעלן שומרים אויף די וועגן, ווייל די אידן פון מלכות־ישראל, וואָס זייער לאָזונג איז געווען: „מיר האָבן ניט קיין חלק אין דוד׳ן און קיין ירושה אין ישי׳ס זון״, האָבן בכלל ניט עולה־געווען קיין ירושלים, די הויפּטשטאָט פון דוד׳ס דינאַסטיע. פאַר די אידן אין מלכות־ישראל איז בית־אל געווען אַן ערך הייליקער ווי ירושלים. דער „שייער פון אָרנן היבוסי״ האָט זיך בשום־אופן ניט געקאָנט פאַרגלייכן אין הייליקייט מיט דער „מצבה״, דעם הייליקן שטיין פון בית־אל, וואָס די אידישע לעגענדע האָט אים געמאַכט פאַר יעקבֿ׳ס צוקאָפּנס. אויף דעם דאָזיקן שטיין, האָבן אידן דערציילט, איז געשלאָפן דער פאָטער פון אידישן פאָלק און דאָ האָט זיך אין חלום צו אים באַוויזן דער גאָט פון ישראל און אים צוגעזאָגט, אַז „דאָס לאַנד וואָס דו ליגסט דערויף וועל איך דיר אַוועקגעבן און דיינע קינדער״. דאָס אייגענע איז געווען בנוגע די אַנדערע הייליקע ערטער. ווי שוין פריער געזאָגט, האָבן זיי אַלע געהאַט אַן עלטערן יחוס און טיפערע וואָרצלען אין דעם גלויבן פון פאָלק ווי דער באַרג ציון.

אָבער ניט נאָר ווי אַ הייליקע שטאָט, נאָר בכלל ווי די הויפּטשטאָט פון מלכות־יהודה, האָט ירושלים אין יענע צייטן פון די באַזונדערע אידישע מלוכות ניט געשפּילט קיין גרויסע ראָלע. ניט אין דער קליינער, האַלב־נאָמאַדישער מלוכה׳לע אין דרום, נאָר אין דער גרויסער, אַגריקולטורעלער מלוכה פון די צפון־שבטים איז געלעגן דער שווערפּונקט פון אידישן פאָלק. ניט אין ירושלים, נאָר אין שומרון און אין תרצה, אין שכם און אין בית־אל האָט דאַמאָלסט גע־ברויזט דאָס אידישע לעבן. דאָרטן האָט זיך נאָכאַנאַנד געטומלט און געקאָכט מיט דעם פּאָליטישן פּאַרטיי־קאַמף, וואָס האָט אָפט געפירט צו בלוטיקע דינאַסטישע איבערקערענישן; דאָרטן איז געווען דער צענטער פון דער רעפאָרמיסטישער באַוועגונג קעגן „בעל״, קעגן דער ציוויליזאַציע און דעם גאַנצן סאָציאַלן און רעליגיעזן שטייגער לעבן, וואָס אידן האָבן איבערגענומען פון די כנענים; און דאָרטן זיינען אויפגעטראָטן די ערשטע גרויסע נביאים, די אידעאָלאָגן און וויכטיקסטע פירער פון דער דאָזיקער באַוועגונג. עמוס, דער ערשטער פון די נביאים וואָס זייערע רייד זיינען געבליבן פאַרשריבן אין

ביכער, איז געווען פון תקוע, אַ שטעטל אין יהודה; אָבער ווען ער האָט געהערט דאָס קול פון גאָט, וואָס האָט אים גערופן: „גיי זאָג נביאות צו מיין פאָלק ישראל", איז ער ניט געגאַנגען קיין ירושלים, נאָר קיין שומרון און בית־אל.

אַזוי־אַרום האָט עס ניט געקאָנט פּאַסירן, אַז ירושלים זאָל ווערן „די" הייליקע שטאָט פאַר אַלע אידן כל־זמן עס האָט עקזיסטירט מלכות־ישראל מיט אירע אַלטע פאַרהייליקטע ערטער. דאָס אָבער שליסט ניט אויס די מעג־לעכקייט, אַז טעאָרעטיש איז שוין אין יענע צייטן געווען ביי אידן אַ ריכטונג, אַ שיטה אַזאַ, וואָס האָט געהאַלטן, אַז דער קולט מוז זיין צענטראַליזירט; אַז אויב דינען איין גאָט, קען מען עס נאָר אין איין אָרט. עס קאָן גריילעך זיין, אַז די אָנהענגער פון דער דאָזיקער ריכטונג האָבן, אַחוץ דעם, געהאַלטן, אַז מיטן אָפּשאַפן די „במות" איבערן לאַנד וועט מען פאַר איין וועג אויך קענען אָפּשאַפן די מיאוסע פאָרמען פון כנענישן געצנדינסט, וואָס מ'האָט פון דור־דורות פּראַקטיצירט אין די דאָזיקע פּראָווינציעלע הייליקע ערטער. אין דעם עלטסטן געזעצבוך וואָס מיר האָבן אין חומש, אין „ספר הברית", ווערט אָנ־געזאָגט, אַז „אין יעדן אָרט וואו איך מאַך דערמאָנען מיין נאָמען וועל איך קומען צו דיר און דיך בענטשן" (שמות כ, 21). עס הייסט: מ'קען דינען גאָט אומעטום, ניט בלויז אין איין איינציקן אָרט. דער געזעצגעבער וואָלט ניט גע־פונען פאַר נייטיק דאָס אָנצוזאָגן, ווען עס וואָלט אין ערגעץ ניט אַרויסגעשטעלט געוואָרן די פאָדערונג צו צענטראַליזירן דעם קולט.

מ'דאַרף אָננעמען, אַז די שיטה פון איין מזבח, פון איין הייליקטום פאַר אַלע אידן, איז אויפגעקומען ביי די כוהנים אין ירושלים. אין מלכות־יהודה, וואו די באַפעלקערונג מחוץ פון ירושלים איז מערסטנס באַשטאַנען פון פּאַס־טוכער פון שאָף, איז בכלל געווען שטאַרק די אַלטע טראַדיציע פון משה'ס צייט און מ'איז דאָרטן ניט געווען אַזויפיל כנעניזירט, אַזויפיל איינגעטונקען אין דער ציוויליזאַציע און די קולט־פאָרמען פון די כנענים, ווי אין מלכות־ישראל. אין ירושלים איז טאַקע אויך געמאַכט געוואָרן דער ערשטער פּרואוו צו רייניקן דעם אידישן קולט פון זיינע כנענישע עלעמענטן. שוין ניט לאַנג נאָך דער שפּאַלטונג פון דער מלוכה האָבן אסא מלך יהודה און זיין זון יהושפט אָפּגעשאַפט אין ירושלים דעם קולט פון דער געטין אשרה, אָדער עשתורת (מלכים א, ט"ו, 12־13; כ"ב, 47). עס קען דערפאַר גריילעך זיין, אַז די כוהנים אין ירושלים, וואָס האָבן קענטיק דורכגעפירט די דאָזיקע קולטישע רעפאָרם מיט דער הילף פון דעם מלך, האָבן שוין דעמאָלט אָנגעהויבן צו פּריידיקן אָפּצושאַפן די במות.

אַזוי האָבן זיך אַ לענגערע צייט געראַנגלט ביי אידן די צוויי ריכטונגען: פון דינען גאָט אומעטום, אין אַלע במות, אָדער אים דינען נאָר מיט איינאייציקן מזבח אין איין היילקטום, ביז די פּאָליטישע געשעענישן האָבן די צווייטע ריכטונג דערפירט צו אַ נצחון.

דער ערשטער פּאַרבאַדינג פאַר דעם איז געווען דער אונטערגאַנג פון מלכות־ישראל. 136 יאָר פאַרן חורבן ירושלים האָט סרגון מלך אשור איינגענומען שומרון, און די גרויסע, שטאַרקע מלוכה פון די צפון־שבטים האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן. אַלע הייליקע ערטער פון מלכות־ישראל זיינען אריינגעפאַלן אין די הענט פון דעם פיינט, און ביים פאָלק איז דאָס געווען אַ באַוויז, אַז גאָט האָט זיי נישט באַשיצט און ממילא זיינען זיי ניט הייליק. אַ לאַנגע צייט זיינען זיי אַלע געווען פאַרשוועכט און האָבן ניט געקאָנט קאָנקורירן מיט ירושלים. והראיה, קורץ נאָכן חורבן ירושלים גייען אין אַ טרויער־פּראָצעסיע אַכציק אידן פון שכם, שילו און שומרון קיין ירושלים. זיי טראָגן מעל־אָפּפער און ווייראויך מקריב־צו־זיין אויף די חורבות פון בית־המקדש (ירמיה מא, 5). מיר זעען דערפון, אז אפילו נאָכן חורבן ירושלים האָט דער באַרג ציון ניט פאַרלוירן זיין פאַרהייליקייט ביי די אידן אין דער טעריטאָריע פון מלכות־ישראל. ערשט דריי־פיר הונדערט יאָר נאָכן חורבן שומרון, שוין נאָך דער שיבת־ציון עפּאָכע, ווערט דאָרטן דער באַרג גריזים אַרויסגעשטעלט ווי אַ קאָנקורענט צו דעם באַרג ציון. אָבער דאָס געהערט שוין צו אַ ווייטערדיקן קאַפּיטל. מיר האַלטן דאָ נאָך דערווייל ביי דער צייט צווישן חורבן שומרון און חורבן ירושלים.

אין דער צייט פון חורבן שומרון זיינען אויך אין יהודה נאָך געווען אַנדערע הייליקע ערטער מחוץ פון ירושלים. אויך זיי זיינען אין אַ קורצער צייט אַרום איינגענומען געוואָרן פון דעם פיינט און פאַרשוועכט געוואָרן ווי הייליקע ערטער. בלויז איינאיינציקע שטאָט איז געבליבן ניט איינגענומען פון די חיילות פון אַשור — ירושלים.

אַרום צוואַנציק יאָר נאָכן חורבן שומרון איז אויך די קליינע מלכות־יהודה אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם קעסלגרוב פון דער וועלט־פּאָליטיק, און מיט אַלע אַנדערע הויפּטשטעט פון די מלוכות אין סיריע און ארץ־ישראל האָט זיך אויך ירושלים געטרייסלט אונטער די טריט פון סנחריב׳ס מעכטיקע חיילות.

ישעיה הנביא און די רעטונג פון ירושלים

סנחריב האָט איינגענומען אַלע שטעט פון יהודה. דער ספר מלכים דער־ציילט קורץ: „און אין פערצנטן יאָר פון דעם מלך חזקיהו האָט אַרויפגעמאַר־שירט סנחריב דער מלך פון אשור אויף אַלע באַפעסטיקטע שטעט פון יהודה און האָט זיי איינגענומען". סנחריב אַליין דערציילט אין זיינע אויפשריפטן, אַז די צאָל פון די באַפעסטיקטע שטעט אין יהודה, וואָס ער האָט איינגענומען, האָט דערגרייכט זעקס־און־פערציק און אַז 200.150 נפשות האָט ער פאַר־טריבן קיין אַשור. דאָס לאַנד איז געווען אַ וויסטעניש, די שטעט פאַרברענט אין פייער, בלויז ירושלים האָט זיך געראַטעוועט. אָבער אויך „די טאָכטער ציון איז איבערגעבליבן ווי אַביידל אין אַ ווייִנגאָרטן, ווי אַ וואַכשטיבל אין אַ פעלד פון אוגערקעס, ווי אַ באַלאַגערטע שטאָט" (ישעיה א, 7־8)

אין תנ"ך ווערט דערציילט, אַז סנחריב האָט געשיקט אַ גרויסן חיל קיין ירושלים מיט אַ פאָדערונג אים איבערצוגעבן די שטאָט. סנחריב אַליין דער־ציילט אין זיינע אויפשריפטן, אַז „ער האָט פאַרשפאַרט חזקיה׳ן פון יהודה אין זיין הויפטשטאָט ירושלים ווי אַ פויגל אין אַ שטייג". עס האָט געהאַלטן דערביי, אַז אָט־אָט זאָל ירושלים טיילן דעם גורל פון שומרון. ווען דאָס וואָלט געשען, וואָלט זיך אין יענער צייט כמעט ווי געענדיקט די געשיכטע פון אידישן פאָלק. סנחריב וואָלט פאַרטריבן די איינוואוינער פון ירושלים אין די ווייטע געגענטן פון אַשור, און עס וואָלט שפּעטער ניט געווען קיין שיבת־ציון פּונקט ווי עס איז קיינמאָל ניט געווען קיין שיבת־שומרון. מיט דעם אונטערגאַנג פון דער אידי־שער מלוכה וואָלטן אידן ניט געהאַט מיט וואָס אָנצוהאַלטן זייער קיום ווי אַ באַזונדערער פאָלק, ניט אין ארץ־ישראל און ניט אין די גלות־לענדער.

אָבער ירושלים האָט זיך ניט אונטערגעגעבן אונטער סנחריב׳ן. „פון ירושלים איז אַרויסגעקומען אַן איבערבלייב און אַן אַנטרינונג פון באַרג ציון", און אַ גרויסן חלק אין דעם האָט געהאַט ישעיה הנביא. ער האָט אין גאָט׳ס נאָמען געהייסן אויסהאַלטן און ניט איבערגעבן די שטאָט, און חזקיה, להיפּוך צו זיין פאָטער אחז׳ן, האָט אים געפאָלגט. ישעיה׳ס נביאות איז מקוים געוואָרן. אַ פעסט איז אויסגעבראָכן אין סנחריבס אַרמיי און זי האָט זיך גע־מוזט האַסטיק צוריקציען. יונג און אַלט זיינען געשטאַנען אויף די פלאַכע דעכער פון די הייזער צו זען מיט די אייגענע אויגן, ווי דער פיינט איז מער ניטאָ לעבן שטאָט (ישעיה כ"ב, 1־2).

מ׳טאָר אָבער ניט מאַכן קיין טעות און מיינען, אַז אידן האָבן דאַמאָלסט אָפּגעהאַלטן אַ פאָליטישן נצחון איבער אשור. פאַרקערט גאָר: מיר ווייסן פון

די אשורישע אויפשריפטן, אַז אין יענער צייט, נאָכן צוריקצוג פון ירושלים, האָט אשור דערגרייכט דעם העכסטן פונקט אין איר אויסשפּרייטונג און מי־ליטערישער מאַכט. מלכות־יהודה איז אַ לענגערע צייט נאָך געלעגן אונטער־געדריקט אונטער דער אייזערנער הערשאַפט פון דעם „גרויסן מלך, דעם מלך פון אשור". די באַדייטונג פון סנחריב׳ס צוריקצוג פון ירושלים איז געלעגן גאָר אין אַן אַנדער ריכטונג: עס האָט איינגעגרונטעוועט און באַפעסטיקט ביים פאָלק דעם גלויבן אין דער אויסשליסלעכער הייליקייט פון ירושלים. וויבאַלד זי איז געווען די איינציקע שטאָט, וואָס גאָט האָט באַשיצט קעגן דעם פיינט, איז עס געווען אַ קלאָרער באַווייז, אַז דאָס איז די איינאיינציקע הייליקע שטאָט, גאָט׳ס שטאָט.

אַ גרויסע ראָלע אין דעם האָט געשפּילט ישעיה הנביא. ישעיה איז געווען דער ערשטער נביא וואָס גאָט איז געווען ביי אים פאַרבונדן מיטן בית־המקדש אין ירושלים. פון אליהו הנביא ווערט דערציילט, אַז ווען ער האָט גע־זוכט אַן אַנטפּלעקונג פון גאָט, איז ער גאָר אַוועקגעגאַנגען פון ארץ־ישראל העט־ווייט אין מדבר צו דעם הייליקן באַרג חורב, אָדער סיני (מלכים א, י״ח, 8). אין די נבואות פון עמוס און הושע האָט גאָט ניט קיין שום אָרט־פאַרבינדונג (דער צווייטער פּסוק אין עמוס „גאָט וועט שרייען פון ציון און פון ירושלים וועט ער אַרויסלאָזן זיין קול..." שטייט אויך פריער אין יואל ד. 16 און פּאַסט זיך ניט אַריין בשום אופן אין דעם גאַנג פון עמוס׳עס געדאַנקען). פאַר מיכה המורשתי, ישעיה׳ס בן־דור, שטייט ירושלים אויף איין מדרגה מיט שומרון. ביידע זיינען זיי פאַר אים הויפּטשטעט פון זינדיקע מלוכות, צענטערס פון געצנדינסט און פון סאָציאַלן אומרעכט, און אויף ביידע זאָגט ער פאָר־אויס דעמזעלביקן ביטערן סוף: עס וועט ווערן פון זיי וויסטע פעלדער און פּוסטע פעלדער (א, 5־7; ג, 9־12). ישעיה אָבער זאָגט ניט פאָראויס קיין אונ־טערגאַנג פון ירושלים. גאָט, זאָגט ישעיה, וועט שיקן אַ שטראָף אויף ירושלים, ווייל זי איז אַ שטאָט פון כאַבאַרניקעס און מערדער. אָבער דאָס אומגליק, וואָס וועט קומען אויף איר, וועט נאָך לייטערן ווי מיט לויג איר פּסולת. דער־נאָך, נאָך איר רייניקונג, ווען עס וועלן איבערבלייבן אין איר „די אַנט־רונענע פון ישראל", וועט זי בליען ווי אַ שטאָט פון גערעכטיקייט, ווי אַ גע־מיינדע פון פרומע און הייליקע. פאַר ישעיה׳ן איז ירושלים ניט בלויז די הויפּטשטאָט פון מלכות־יהודה. זי איז פאַר אים די שטאָט „וואו גאָט האָט געלייגט אַ גרונטשטיין". אין אַלע אַנדערע הייליקע ערטער האָט דער גאָט פון ישראל זיך בלויז אַמאָל באַוויזן צו איינעם פון די אָבות, אָדער פון די גבורים אין די אוראַלטע צייטן. אָבער אין ירושלים איז גאָט אַלעמאָל. „די

גאַנצע ערד איז פול מיט גאָט׳ס פּראַכט״, דאָך אָבער „רוט גאָט פון די חיילות אויפן באַרג ציון״. דאָ איז זיין שטענדיקע היים. „ער האָט אַ פייער אין ציון און אַן אויוון אין ירושלים״. ישעיה אַליין האָט איבערגעלעבט זיין ערשטע עקסטאַ־טישע וויזיע ווי אַ נביא אין בית־המקדש אויפן באַרג ציון. ער האָט דאָרטן געזען, דערציילט ער, ווי גאָט זיצט אין היכל אויף אַ הויכן דערהויבענעם טראָן, אַרומגערינגלט מיט זעקס־פליגלדיקע שרפים. אָט די שטאָט זיינע און זיין הייליקטום וועט גאָט באַשיצן קעגן די אַטאַקעס פון אַשור. „גאָט פון די חיילות וועט אַראָפּנידערן מלחמה צו האַלטן אויפן באַרג ציון״ און „ער וועט באַשיצן ירושלים ווי פלאַטערנדיקע פייגל באַשיצן זייער נעסט״ (א, 26־21, ד, 4־2; ו, 1־3; ח, 18; כ״ח, 16; ל״א, 4־5, 9. די באַקאַנטע נבואה פון „באחרית הימים״, וואָס שטייט אין ישעיה אָנהייב ב און אין מיכה אָנהייב ד, שטאַמט פון אַ שפּעטערער צייט און וועט באַהאַנדלט ווערן אין אַ ווייטערדיקן קאַפּיטל).

די דאָזיקע נביאישע רייד ישעיה׳ס וועגן ירושלים זיינען דאַמאָלסט מקוים געוואָרן און זיינען טיף אַריינגעדרונגען אין די אידישע הערצער. אין ספר מלכים ווערט דערציילט, אַז שוין חזקיה האָט אָפּגעשאַפט די במות. אָבער דאָס קען ניט זיין היסטאָריש ריכטיק, ווייל עטלעכע קאַפּיטלען ווייטער הערן מיר, אַז די אָפּשאַפונג פון די במות האָט ערשט דורכגעפירט חזקיה׳ס אוראייניקל יאשיהו. אויב אין יאשיהו׳ס צייט זיינען נאָך געשטאַנען די במות, האָט דאָך חזקיה זיי ניט אָפּגעשאַפט; סיידן אָנצונעמען, אַז חזקיה האָט געמאַכט אין דער ריכטונג אַן אָנהייב וואָס האָט זיך ניט איינגעגעבן. טעאָרע־טיש, מעג מען זאָגן, זיינען אידן לכל־הדעות געווען צוגעגרייט פאַר דעם שוין אין חזקיה׳ס צייט, נאָכדעם ווי סנחריב האָט אויפגעגעבן די באַלאַגערונג פון ירושלים. אָבער פאַר דער פּראַקטישער דורכפירונג פון דעם פּרינציפּ „איין גאָט — איין הייליקטום״ זיינען די אומשטענדן געוואָרן רייף ערשט אַ צייט שפּעטער, אונטער יאשיהו׳ן.

יאשיהו׳ס רעפאָרם

אין אכצנטן יאָר פון יאשיהו מלך יהודה, אַרום אַכציק יאָר נאָך סנחריב׳ס צוריקצוג פון ירושלים און עטלעכע־און־דרייסיק יאָר פאַרן חורבן, איז דורכגעפירט געוואָרן אַ גרויסע רעפאָרמאַציע אין מלכות יהודה, וואָס מיט איר האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע צייט אין דער אידישער געשיכטע. אָן דער דאָזיקער רעפאָרמאַציע קענען מיר זיך גאָר ניט פאָרשטעלן דעם המשך פון אידישן

לעבן אין די ווייטערדיקע דורות ניט אין ארץ־ישראל און ניט אין די לענדער פון דער אידישער צעשפרייטקייט.

עס ווערט דערציילט אין מלכים ב (קאַפּ. כ״ב־כ״ג), אַז אין אַכצענטן יאָר פון דעם מלך יאשיהו האָט דער כוהן־גדול חלקיהו געפונען אַ באַהאַלטענע „ספר התורה״ אין בית־המקדש. ער האָט זי איבערגעגעבן שפן הסופר, דעם „גרויסוויזיר״, און שפן האָט זי פאָרגעלייענט פאַר דעם קעניג. דאָס בוך האָט געמאַכט אַ גוואַלדיקן רושם אויף יאשיהו׳ן, ער האָט באַלד צונויפגערופן אַ פאָלקס־פאַרזאַמלונג אין בית־המקדש און ער האָט פון אַ הויכער טריבונע פאָרגעלייענט דאָס געפונענע בוך פאַר דעם פאַרזאַמלטן עולם און האָט אויף די געבאָטן פון דעם דאָזיקן בוך באַנייט דעם אַלטן בונד (ברית) פון משה׳ס צייט צווישן גאָט און זיין פאָלק. עס איז שוין פון לאַנג אָנגענומען כמעט פון אַלעמען, אַז אין חומש דברים האָבן מיר דאָס דאָזיקע געפונענע בוך פון דער תורה אינאיינעם מיט אַ סך הוספות, וואָס זיינען שפּעטער צוגעשריבן געוואָרן.

די געזעצן פון דעם דאָזיקן „ספר התורה״ זיינען געוואָרן די קאָנסטיטוציע פון דעם אידישן פאָלק און זיינען תיכף דורכגעפירט געוואָרן. מ׳האָט אַרויס־געוואָרפן און צושטערט אַלץ וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיט דעם אשורישן קולט פון דער זון, דער לבנה און די שטערן און אַלץ וואָס איז נאָך געווען איבערגעבליבן פון דעם כנעני׳שן געצנדינסט; מ׳האָט אָפּגעשאַפט און טמא געמאַכט אַלע במות און דערקלערט ירושלים פאַר דעם איינאיינציקן הייליקן אָרט, וואו מ׳מעג מקריב זיין קרבנות צו גאָט; און מ׳האָט קענטיק אויך דורכ־געפירט נאָך אַ סך סאָציאַלע און הומאַניטאַרישע געזעצן, וואָס מיר געפינען זיי אין חומש דברים. אונז דאָ אינטערעסירן בלויז די צוויי הויפּטפּונקטן אין יאשיהו׳ס רעפאָרם: די צענטראַליזירונג פון קולט אין ירושלים און די פאַר־געטערונג פון אַ „ספר התורה״, פון אַ געשריבענעם בוך, ווי דעם אַבסאָלוטן, אייביקן אויסדרוק פון גאָט׳ס ווילן. דאָס זיינען געווען די צוויי יסודות, וואָס אויף זיי איז באַנייט געוואָרן די אידישע מלוכה אונטער יאשיהו׳ן און אויף זיי איז אויך איבערגעבויט געוואָרן דאָס אידישע לעבן אין דער שיבת־ציון עפּאָכע.

יאשיהו׳ס רעפאָרם איז געווען דער רעזולטאַט פון אַן אינערלעכן היסטאָ־רישן פּראָצעס אין אידישן לעבן, פון אַ לאַנגן סאָציאַלן און רעליגיעזן געראַנגל אין דער אידישער מלוכה, וואָס האָט זיך געצויגן אַ פּאָר הונדערט יאָר. אָבער די פּראַקטישע דורכפירונג פון דער רעפאָרם קען פאַרשטאַנען ווערן נאָר אין דער ראַם פון דער פּאָליטישער סיטואַציע אין דער וועלט פון יענער צייט. דאָס אַרויסוואַרפן די בילדער און הייליקע זאַכן פון די אשורישע געטער האָט

באַטייט, אַז יאשיהו האָט זיך דערקלערט פאַר אומאָפּהענגיק פון אשור. אויב מ׳האָט אויסגעראַמט פון ירושלים אַלץ וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו דעם נאַציאָנאַלן קולט פון אשור, דעם קולט פון די שטערן־געטער, און מ׳האָט אַרויסגעטריבן די אשורישע פּריסטער, די „כמרים״, האָט מען זיכער אויך אַרויסגעטריבן די אשורישע באַאַמטע און אויפגעהערט שיקן דעם יאָר־צינז קיין נינוה.

* * *

דאָס איז געווען קורץ נאָך דעם טויט פון אַשורבאַניפּאַל, סנחריב׳ס איייניקל, דעם לעצטן גרויסן מלך פון דער אשורישער אימפּעריע, וואָס האָט זיך געצויגן פון קליינאַזיע און דעם אינזל ציפּערן ביז דעם פּערסישן ים־צונג, און פון קאַווקאַז ביז די ברעגן פון דעם ניל. איצט איז די אשורישע וועלט־הערשאַפט אַלץ מער און מער זיך צעפאַלן. מצרים און מדי זיינען שוין אונטער אַשורבאַניפּאַל געוואָרן זעלבסטשטענדיק, און באַלד נאָך אַשורבאַניפּאַל׳ס טויט האָט זיך אויך בבל דערקלערט פאַר אומאָפּהענגיק.

אַ דראַנג נאָך נאַציאָנאַלער פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט האָט דאַמאָלסט אַרומגעכאַפּט די פעלקער פון נאָענטן מזרח, און אויך איבער די בערג פון יהודה האָבן זיך געטראָגן נייע ווינטן. אין ירושלים איז מען געווען זיכער, אַז דער וועלט־ריז, וועלכער האָט אַרויפגעלייגט זיין שווערן יאָך אויף אַלע פעלקער, שטייט אויף ליימענע פיס און וועט באַלד צוזאַמענברעכן; די קליינע פעלקער וועלן אַלע ווערן פריי; און דער גוטער און פרומער יאשיהו וועט קעניגן איבער אַ גרויסער אידישער מלוכה וואָס וועט זיך שפּרייטן „פון מדבר ביזן לבנון און פון דעם פּרת ביזן הינטערשטן ים״ (דברים י״א, 24).

יאשיהו׳ס רעפאָרם האָט באַצוועקט איבערצובויען די באַפרייטע אידישע מלוכה אויף נייע רעליגיעזע און סאָציאַלע יסודות. אָבער אויסגעלאָזט האָט זיך גאָר אַנדערש. דרייצן יאָר נאָך דער דורכפירונג פון דער רעפאָרם איז יאשיהו געפאַלן טויט אויפן שלאַכטפעלד, און די אידישע מלוכה וואָס איז באַפרייט געוואָרן פון אשור, איז אַרונטערגעפאַלן אונטערן יאָך פון בבל און איז באַלד אינגאַנצן אונטערגעגאַנגען. אָבער די ווירקונג פון יאשיהו׳ס רע־פאָרם האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט. זי האָט געפירט גאָר צו אַנדערע רעזולטאַטן. זי האָט צוגעגרייט די אידן פון מלכות־יהודה צו לעבן ווי אַ באַזונדער פאָלק אין דער פרעמד, אין גלות, אָן אַן אייגענער מלוכה. ווען ניט די רעפאָרם, וואָלטן די אידן אין מלכות־יהודה אין דער צייט פון חורבן ירושלים געשטאַנען

אויף דעמזעלביקן שטאַפּל, מיט דעמזעלביקן רעליגיעזן וועלטבאַנעם און דעמ־זעלביקן רעליגיעזן שטייגער לעבן, ווי די אידן אין מלכות־ישראל מיט 100־150 יאָר פריער, אין די יאָרן פון חורבן שומרון.

מיר מוזן זיך דערפאַר שאַפן אַ קלאָרע פאַרשטעלונג פון דעם שטייגער לעבן און דעם קוק אויף דער וועלט ביים פאָלק אין מלכות־ישראל ווי אַ הינטער־גרונט אַנטקעגן יאשיהו׳ס רעפאָרם. אַ קלאָר בילד פון דעם גיט אונז הושע, דער נביא וואָס האָט געלעבט אין באַרגלאַנד אפרים אין דער צייט פון דעם אונטערגאַנג פון מלכות־ישראל. ער גיט עס אונז אין עטלעכע פסוקים וואָס מיר ברענגען דאָ:

שייער און קעלטער וועט זיי ניט פיטערן,
און דער וויין וועט זיי אָפּנאַרן.

זיי וועלן ניט וואוינען אין יהוה׳ס לאַנד,
און אפרים וועט גיין צוריק קיין מצרים,
און אין אשור וועלן זיי עסן טמא שפּייז.

זיי וועלן ניט גיסן צו גאָט קיין וויין,
און עס וועלן אים ניט געשמאַק זיין זייערע שעכטאָפּפער;

ווי טרויער־ברויט וועט עס זיין פאַר זיי,
אַלע וואָס עסן דאָס וועלן ווערן טמא.

וואָרים זייער שפּייז וועט זיין נאָר פאַר זייער הונגער,
עס וועט ניט קומען אין גאָט׳ס הויז.

וואָס וועט איר טאָן אין יום־טוב׳דיקע טעג,
און אין דעם טאָג פון גאָט׳ס יום־טוב?

(הושע ט, 2־5)

הושע גיט דאָ אַ וואָרענונג צו די אידן אין מלכות־ישראל, אַז עס קומט באַלד אַ ביטערער גלות. זיי וועלן פאַרטריבן ווערן אין אַ פרעמדן לאַנד. עס איז קיין חילוק ניט פאַר הושע׳ן צי דאָס גלות־לאַנד וועט זיין מצרים, אָדער אשור. אין קיין שום פרעמדן לאַנד, איז הושע זיכער, וועלן אידן ניט קענען זיין קיין באַזונדער פאָלק און פירן זייער אידישן שטייגער לעבן.

הושע רעדט דאָ צום פּשוט׳ן פאָלק, צו פּויערים אין הר־אפרים. ער רעדט מיט זייער שפּראַך, לויט זייער וועלט־באַנעם און זייערע רעליגיעזע השגות. אין דעם פרעמדן לאַנד, זאָגט זיי הושע, וועלן זיי מער ניט האָבן זייערע פעלדער און ווייגערטנער, זייערע שייערן און קעלטערס. דער עיקר אָבער איז: זיי וועלן מער ניט וואוינען אין גאָט׳ס לאַנד, „ארץ יהוה", דאָס לאַנד פון יהוה,

דעם גאָט פון ישראל, אַזוי האָט ארץ־ישראל געהייסן ביים פאָלק. פונקט אַזוי האָט דאָס פאָלק גערופן דעם גאָט פון ישראל „אלוהי הארץ", דער גאָט פון דעם לאַנד (מלכים ב, י"ז, 26־27). נאָר אין גאָט'ס לאַנד איז מען טהור און מ'עסט טהור'ע שפּייז. אַלע אַנדערע לענדער מחוץ פון ארץ־ישראל זיינען „אדמה טמאה", טרייפענע ערד, אויף אונזער לשון (עמוס ז, 17). אַפילו אויב אידן וועלן דאָרטן האָבן וואָס צו עסן, וועט אָבער זייער שפּייז זיין טמא, ווי דאָס עסן וואָס מ'גיט דעם אָבל נאָך דער קבורה פון דעם מת.

פליייש האָבן אידן אין יענע צייטן געגעסן זעלטן. נאָר אויף אַ יום־טוב, אָדער ביי אַ יום־טוב'דיקער געלעגנהייט, ווען מ'האָט געמאַכט אַ סעודה, האָט מען געשאָכטן אַ בהמה. אָבער שעכטן און עסן פליייש איז אין די עלטערע צייטן, פאַר יאשיהו'ס רעפאָרם, געווען אַ רעליגיעזער אַקט. דאָס האָט באַטייט מקריב זיין אַ קרבן שלמים און האָט געהייסן „זבח". דאָס בלוט האָט מען געשפּריצט און די פעטע חלקים האָט מען פאַרברענט אויפן מזבח, און דאָס איבעריקע האָבן דערנאָך געגעסן אַלע וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער סעודה. אַזוי ווי דאָס איז געווען גלייכצייטיק אַ קרבן, אַ „זבח שלמים", האָט מען געמוזט זיין טהור, כדי צו קענען עסן פליייש. אַ מזבח צו פּראַווען אַ „זבח" האָט מען אין יענע צייטן ניט באַדאַרפט ווייט זוכן. אַ במה מיט אַ מזבח האָט מען געהאַט אין אַלע שטעט און דערפער. אַ לעבעדיק בילד פון אַ סעודה אין אַ במה מיט דרייסיק באַטייליקטע געסט האָבן מיר אין דער מעשה ווי שאול קומט צו שמואל'ן און שמואל פאַרבעט אים צו דער סעודה אין דער במה און זעצט אים אַוועק אויבנאָן (שמואל א, ט, 19, 22־24). הושע זאָגט דערפאַר, אַז אין פרעמדן לאַנד וועלן אידן ניט האָבן מער די דאָזיקע אידישקייט. זיי וועלן מער ניט עסן קיין פליייש וואָס מ'האָט אַ טייל פון דעם מקריב געווען צו גאָט. זיי וועלן עסן פליייש בלויז צו זעטיקן זייער הונגער („כי לחמם לנפשם", „לחם" באַטייט אויך דאָס פליייש פון דעם קרבן).

אָבער מער ווי אַלץ אין דעם אידישן שטייגער לעבן איז דער אידישער יום־טוב געווען ענג פאַרבונדן מיט דער ארץ־ישראל'דיקער ערד. הושע פרעגט דערפאַר די אידן פון מלכות־ישראל: וואָס וועט איר טאָן אין דעם פרעמדן לאַנד מיט די יום־טובים, באַזונדערס נאָך מיט דעם גרעסטן און פריילעכסטן פון אַלע יום־טובים, דעם „חג יהוה" — סוכות? (שופטים כ"א, 19־21).

אָט דער אידישער שטייגער לעבן, וואָס האָט אין הושע'ס צייט געקאָנט אָפּגעהיט ווערן בלויז אין ארץ־ישראל, איז אַרום הונדערט יאָר נאָכן חורבן שומרון צעבראָכן געוואָרן דורך יאשיהו'ס רעפאָרם. מיט דער צענטראַליזירונג פון קולט אין איין אָרט, אין ירושלים, האָט עסן פליייש אויפגעהערט צו זיין

אַ קולטישער ריטואַל, פאַרבונדן מיט מקריב זיין אַ קרבן. יעדער איינער האָט צו יעדער צייט און אומעטום עס געמעגט טאָן. מ׳האָט ניט באַדאַרפט פאַר דעם קיין מצבה און מ׳האָט ניט באַדאַרפט זיין טהור. עס איז געוואָרן אַ וואָכע־דיקע זאַך, און מ׳האָט עס געקענט טאָן אין בבל און אין מצרים אַזוי גוט ווי אין ארץ־ישראל. איין דין נאָר האָט מען באַדאַרפט אָפּהיטן: ניט עסן דאָס בלוט. דאָס געזעץ פון חומש דברים זאָגט אָן דערפאַר: „וויפיל דיין האַרץ געלוסט מעגסטו שעכטן און עסן פליש נאָך דער מזל־ברכה נאָך וואָס יהוה דיין גאָט האָט דיר געגעבן, אין אַלע דיינע טויערן, דער וואָס איז טמא און דער וואָס איז טהור מעג עס עסן. נאָר דאָס בלוט זאָלט איר ניט עסן, אויף דער ערד זאָלסטו עס אויסגיסן אַזוי ווי וואַסער״. אַביסל ווייטער ווערט דער אייגענער אָנזאָג געגעבן נאָך ברייטער און שטאַרקער (דברים י״ב, 15־16; 20־24).

אַזוי ווי מקריב צו זיין אַ קרבן צו גאָט האָט מען פון איצט־אָן געמוזט גיין קיין ירושלים, האָט מען עס געוויינלעך אָפּגעלייגט אויף די יום־טובים, ווען מען האָט עולה־רגל געווען אין דער הייליקער שטאָט. אין טאָג־טעגלעכן לעבן האָט די פרומקייט זיך איצט אויסגעדריקט אין תפילה מער ווי אין קרבן, און תפילה־טאָן צו גאָט האָט אַ איד געקענט אין אַלע ערטער און אַלע לענדער.

וואָס איז שייך די יום־טובים, האָבן זיי מיט דער רעפאָרם אָנגעהויבן דורכמאַכן אַ טראַנספאָרמאַציע וואָס האָט זיי מיט דער צייט געגעבן גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער. ביז דעמאָלט זיינען זיי געווען נאַטור־פייערונגען, ענג פאַרקניפּט מיט די סעזאָנען פון יאָר, און האָבן געטראָגן דעם כאַראַקטער פון דאָרפישע הוליאַנקעס. איצט, מיט דער אָפּשאַפונג פון די לאָקאַלע הייליק־טימער, זיינען זיי געוואָרן נאַציאָנאַלע פייערונגען, וואָס האָבן פאַראייניקט דאָס גאַנצע פאָלק ביי דעם איינאיינציקן מזבח פון יהוה אין ירושלים. אַלץ מער און מער ווערן זיי פאַרגייסטיקט, ביז זיי ווערן אינגאַנצן אָפּגעריסן פון דער נאַטור און ווערן הייליקע צייטן פון דעם הייליקן גאָט, וואָס קענען אָפּ־געהיט ווערן אומעטום, אין אַלע לענדער פון דער וועלט.

אַזוי־אַרום זיינען די אידן אין מלכות־יהודה, אין די יאָרן פון חורבן ירושלים, געשטאַנען אויף אַ סך אַ העכערן שטאַפּל אין זייער רעליגיעזן לעבן איידער די אידן אין מלכות־ישראל אין הושע׳ס צייט. ניט נאָר זיינען די פאַרטריבענע אידן פון מלכות־יהודה ניט אונטערגעגאַנגען אין גלות, נאָר פאַר־קערט גאָר: ערשט אין גלות זיינען זיי געלייטערט געוואָרן און האָבן אַרויס־

געבראַכט דעם העכערן טיפּ אידישקייט וואָס מיר טרעפן אין די צייטן פון צווייטן בית־המקדש.

ירמיה און די הייליקייט פון ירושלים

ווען ניט יאשיהו׳ס רעפאָרם, ווען ניט די אויסשליסלעכע פאַרהייליקונג פון ירושלים, וואָלט ניט געקומען צו קיין שיבת־ציון, צו קיין אויפבוי פון אַ נייער ירושלים און אַ ניי אידיש לעבן נאָכן גלות־בבל. עס וואָלט ממילא אויך ניט געווען דער גאַנצער וואונדערלעכער המשך פון אידישן לעבן פון יענע אַלטע צייטן ביז היינט. עס וואָלט אין יענעם פאַל אויך ניט געווען ניט קיין קריסטנטום און ניט קיין איסלאַם און עס וואָלט געווען גאָר אַן אַנדער וועלטגעשיכטע אין די לעצטע פאַר טויזנט יאָר. דאָס געפינען פון דער תורה — דאָס בוך דברים — און די רעפאָרם פון יאשיהו איז דערפאַר איינע פון די גאָר־גרעסטע געשעענישן ניט נאָר אין דער אידישער געשיכטע, נאָר אויך אין דער געשיכטע פון דער גאַנצער מענטשהייט.

פאַרקערט, אָבער, מעג מען אויך זאָגן, אַז ווען ניט יאשיהו׳ס רעפאָרם וואָלט אפשר גאָר ניט געקומען צו דער מלחמה מיט בבל און דעם צוזאַמענבראָך פון דער אידישער מלוכה. מ׳וואָלט ממילא גאָרניט באַדאַרפט בויען קיין נייעם בית־המקדש און קיין נייע ירושלים. מיר קענען היינט גאָרניט באַרעכענען און גאָרניט אויספאַנטאַזירן וואָס עס וואָלט אין דעם פאַל געוואָרן פון דער אַלטער ירושלים און דעם המשך פון אידישן פאָלק.

דער אויפשטאַנד קעגן נבוכדנצר׳ס הערשאַפט איז געשטאַנען אונטער דעם צייכן פון יאשיהו׳ס רעפאָרם, פון דער אומבאַגרענעצטער פאַרהייליקונג פון ירושלים און איר הייליקטום, דעם בית־המקדש אויפן באַרג ציון. די כוהנים, די סקאַרבאָווע מאַסן־נביאים, וואָס זיינען מיטגעגאַנגען מיטן שטראָם און האָבן שטענדיק פאַראויסגעזאָגט נאָר גוטס, און אַ גרויסער טייל פון פאָלק זיינען געווען זיכער, אַז איצט, נאָכדעם ווי מ׳האָט דורכגעפירט די געבאָטן פון דעם געפונענעם בוך פון גאָט׳ס תורה, קען מען זיין זיכער, אַז גאָט וועט באַשיצן זיין איינאיינציק הייליקטום, און נאָך מעכטיקער ווי אין חזקיה׳ס צייט וועט ער אויפשטיין קעגן זיינע פיינט, וואָס וועלן זיך דערוועגן אויסצושטרעקן זייער האַנט קעגן ציון — זיין הייליקן באַרג.

קעגן דעם דאָזיקן בטחון, דער איינגעגלויבטקייט אין דער אומצעשטערלעכקייט פון דעם בית־המקדש אין ירושלים, האָט ירמיה געפירט אַ ביטערן קאַמף צענדליקער יאָרן און האָט איינגעשטעלט פאַר דעם זיין לעבן.

דאָס ערשטע מאָל איז ירמיה עפנטלעך אַרויסגעטראָטן קעגן אָט דער פאַרגלויבטקייט אין אָנהויב פון יהויקים׳ס הערשאַפט, אַרום צוואַנציק יאָר פאַרן חורבן ירושלים. ער האָט דערביי שיר־שיר ניט פאַרלאָרן זיין לעבן.

דאָס איז געווען באַלד נאָך יאשיהו׳ס טויט, נאָכדעם ווי פּרעה נכו האָט אַוועקגעשיקט יהואחז׳ן, דעם זון פון יאשיהו, אַ געשמידטן אין קייטן קיין מצרים און אַוועקגעזעצט אָנשטאָט אים אויפן קעניגלעכן טראָן אין ירושלים זיין ברודער יהויקים. פּרעה נכו האָט דעמאָלט אַוועקגעמאַרשירט מיט זיין חיל צום טייך פּרת צו, וואו ער איז אין אַ קורצער צייט אַרום צעשלאָגן געוואָרן פון נבוכדנצר׳ן. ירושלים איז אין אָט־דעם וועלט־טומל, נאָכן אונטערגאַנג פון דער אשורישער אימפּעריע, געבליבן אומבאַשעדיקט. האָבן אידן געזאָגט, אַז וואָס עס זאָל ניט פּאַסירן, צי פּרעה נכו וועט צעשלאָגן נבוכדנצר׳ן, אָדער נבוכדנצר וועט צעשלאָגן פּרעה נכו, אָבער מיט איין זאַך איז מען זיכער — אַז גאָט וועט באַשיצן זיין הייליקע שטאָט.

דער צוזאַמענשטויס צווישן ירמיה׳ן און די היפּערפּאַטריאָטן פון ירושלים איז פאָרגעקומען אין פאָרהויף פון בית־המקדש. עס איז געווען אַ גרויסער יום־טוב — פּסח, אָדער סוכות. מאַסן עולי־רגל׳ניקעס פון אַלע שטעט און דערפער אין מלכות־יהודה זיינען זיך צונויפגעקומען אין די פאָרהויפן פון בית־המקדש. דער געדיכטער עולם איז געווען אין אַ יום־טוב׳דיקער שטימונג. אין דער לופטן האָבן זיך געטראָגן די אויסרופן „היכל יהוה!“ און „נצלנו“ — מיר זיינען געראַטעוועט, אונז וועט קיין אומגליק ניט טרעפן, ווייל אונזער גאָט וועט באַשיצן זיין היכל, דעם בית־המקדש אין ירושלים.

ירמיה האָט מער ניט געקאָנט צוריקהאַלטן גאָט׳ס וואָרט וואָס איז געקומען צו אים. ער האָט געוואוסט, אַז ער שטעלט־איין זיין לעבן. אָבער ער האָט זיך ניט געשראָקן און מיט שאַרפע, פייערדיקע ווערטער האָט ער געזאָגט דעם פאַרזאַמלטן פאָלק:

אַזוי האָט געזאָגט יהוה פון די חיילות, דער גאָט פון ישראל: בעסערט אייערע וועגן און אייערע מעשים, און איך וועל אייך לאָזן וואוינען אין דעם דאָזיקן אָרט. פאַרלאָזט זיך ניט אויף די פאַלשע רייד, אַזוי־צו־זאָגן: עס איז דער היכל פון יהוה, דער היכל פון יהוה, דער היכל פון יהוה. נאָר אויב בעסערן וועט איר בעסערן אייערע וועגן און אייערע מעשים, אויב טאָן וועט איר טאָן רעכט צווישן מענטש און מענטש; דעם פרעמדן, דעם יתום און די אלמנה וועט איר טאָן ניט אונטערדריקן; און אומשולדיק בלוט וועט איר ניט פאַרגיסן אין דעם דאָזיקן אָרט; און נאָך פרעמדע געטער וועט איר ניט נאָכגיין, אייך צום שאָדן; דעמאָלט וועל איך אייך לאָזן וואוינען אין דעם דאָזיקן אָרט, אין דעם לאַנד וואָס איך האָב אַוועקגעגעבן אייערע עלטערן, פון אייביק ביז אייביק. זעט, איר פאַרלאָזט זיך אויף די פאַלשע רייד וואָס נוצן ניט. ווילט איר גנב׳ענען, מאָרדן און נואפ׳ן, און שווערן פאַלש, און אָפּפערן צום בעל און נאָכגיין נאָך פרעמדע געטער וואָס איר האָט ניט געקענט, און קומען און זיך אַוועקשטעלן פאַר מיר אין דעם דאָזיקן הויז, וואָס מיין נאָמען ווערט גערופן אויף אים, און

זאָגן: „מיר זיינען געראַטעוועט!" כדי צו טאָן אַט די אַלע אומווירדיקייטן? איז אַ רויבער־הייל געוואָרן אין אייערע אויגן דאָס, דאָזיקע הויז, וואָס מיין נאָמען ווערט גערופן אויף אים? גייט נאָר אַריבער צו מיין אָרט אין שילו, וואָס איך האָב דאָרטן פריער געמאַכט רוען, מיין נאָמען, און זעט וואָס איך האָב געטאָן צו אים איבער דער שלעכטסקייט פון מיין פאָלק ישראל. און איצט, ווייל איר טוט אַט־די אַלע מעשים, זאָגט גאָט, וועל איך דערפאַר טאָן צו דעם הויז, וואָס מיין נאָמען ווערט גערופן אויף אים, וואָס איר פאַרלאָזט זיך אויף אים, אַזוי ווי איך האָב געטאָן צו שילו. און איך וועל אייך פאַרוואַרפן פון מיין פנים, אַזוי ווי איך האָב פאַרוואָרפן אַלע אייערע ברידער, דעם גאַנצן שטאַם פון אפרים.
(ירמיה ז)

מיר זעען דאָ ירמיה׳ס קוק אויף דער הייליקייט פון ירושלים. ער לייקנט ניט, אַז אויפן בית־המקדש ווערט גערופן גאָט׳ס נאָמען. אָבער די הייליקייט פון בית־המקדש איז ניט קיין אַבסאָלוטע. פונקט אַזוי ווי איצט אין ירושלים, האָט גאָט אַמאָל, אין דער שופטים־צייט, געמאַכט רוען זיין נאָמען אין שילו. דאָך אָבער האָט גאָט זי ניט באַשיצט און געלאָזט דעם פיינט זי חרוב מאַכן. די הייליקייט פון בית־המקדש, האָט ירמיה געזאָגט, הענגט דער עיקר אָפּ פון דעם וואָס פאַר אַ לעבן עס פירן די אידן וואָס קומען זיך אין אים צונויף; און אַזוי ווי אידן פירן אַ זינדיק לעבן, איז דער בית־המקדש באמת גאָר ניט קיין הייליקער אָרט, נאָר איז געגליכן צו אַ רויבער־הייל. גאָט וועט אים דערפאַר צעשטערן אַזוי ווי ער האָט אין די אַמאָליקע צייטן חרוב געמאַכט דאָס הייליקטום פון שילו, און פון מלכות־יהודה וועט ווערן דאָס אייגענע וואָס איז געוואָרן פון מלכות־ישראל.

די כוהנים, די סקאַרבאָווע נביאים און אַ פאַנאַטישער, צערייצטער המון, וואָס איז געשטאַנען אונטער זייער השפעה, האָבן אַ כאַפּ־געטאָן ירמיה׳ן און געשריען מיט באַנומענע קולות, אַז אים קומט מיתה, ווייל ער האָט געלעסטערט דעם בית־המקדש. ירמיה איז אַרויסגעקומען אַ לעבעדיקער פון דעם דאָזיקן צוזאַמענשטויס מיט דעם צערייצטן המון נאָר דערפאַר וואָס אחיקם בן־שפן, גדליה׳ס פאָטער — איינער פון די חשוב׳סטע פירשטן אין קעניגלעכן הויף — האָט זיך אָנגענומען פאַר אים און אים באַשיצט (ירמיה כ״ו).

אָבער ירמיה איז לויט זיין נאַטור געווען, און זיין גאַנץ לעבן געבליבן, אומדערשראָקן. פון דעם צוזאַמענשטויס אין בית־המקדש ביזן חורבן ירושלים, אַרום צוואַנציק יאָר נאָכאַנאַנד, האָט ער געשטעלט זיין לעבן אין סכנה אין זיין קאַמף קעגן דער שעדלעכער אילוזיע, וואָס איז געבליבן פון ישעיה׳ס צייט, אַז גאָט וועט באַשיצן זיין הייליקע שטאָט. פאַרקערט גאָר, ירמיה איז געווען זיכער, אַז ירושלים איז אַ זינדיקע שטאָט און מוז דערפאַר חרוב ווערן: „אפילו אויב איר זאָלט שלאָגן דעם גאַנצן חיל פון די כשדים וואָס האַלטן מלחמה אויף אייך, און עטלעכע פאַרוואונדעטע זאָלן בלייבן פון זיי, וועלן זיי

אויפשטיין איטלעכער אין זיין געצעלט און וועלן פאַרברענען די דאָזיקע שטאָט אין פייער" (ירמיה ל"ז, 10).

באַלד נאָכן חורבן, אין די פּאָר חדשים וואָס ירמיה איז געזעסן ביי גדליה'ן אין מצפה, האָט ער געשריבן אַ נײַ בוך, אַ בוך פון טרייסט (אין קאַפּ. ל־ל"ג). ער רעדט דאָרטן פון אַ נייעם אויפבוי נאָכן חורבן, פון אַן אינערלעך־באַנייטן און פאַראייניקטן אידישן פאָלק, וואָס וועט ווידער אויפבויען זיין לאַנד. „אויף די בערג פון שומרון וועלן אידן ווידער פלאַנצן וויינגערטנער", און „אין די שטעט פון דעם באַרגלאַנד, אין די שטעט פון דער שפלה, און אין די שטעט פון נגב, און אין לאַנד בנימין, און אַרום ירושלים, און אין די שטעט פון יהודה וועלן די שאָף ווידער דורכגיין אונטער די הענט פון אַ ציילער".

ירמיה, זעען מיר דאָ, דערוואַרט נאָכן חורבן אַ נייעם אויפבוי אין אַלע טיילן פון דעם לאַנד. אָבער קיין נייע ירושלים און קיין נייעם בית־המקדש אויפן באַרג ציון דערמאָנט ער ניט דערביי. וואָס־וואָס, נאָר אַ בית־המקדש מיט כוהנים און מיט אַ קרבנות־קולט איז ניט געווען ירמיה'ן צום האַרצן. ער האָט איבערהויפּט ניט געהאַלטן פון קולט, פון דינען גאָט מיט אויסער־לעכע רעליגיעזע פאָרמען: „צו־וואָס דאַרף איך ווייראוך וואָס קומט פון שבא, און דעם טייערן געווירצראָר פון אַ ווייטן לאַנד? אייערע גאַנצאָפּפער וויל איך ניט, און אייערע שעכטאָפּפער זיינען מיר ניט אָנגענעם. איך האָב ניט גערעדט מיט אייערע עלטערן און האָב זיי ניט אָנגעזאָגט אין דעם טאָג וואָס איך האָב זיי אַרויסגעפירט פון דעם לאַנד מצרים וועגן אַ גאַנצאָפּפער, אָדער אַ שעכטאָפּפער. בלויז דאָס דאָזיקע וואָרט האָב איך זיי געזאָגט, אַזוי־צוזאָגן: הערט צו מיין קול, און איך וועל זיין אייער גאָט, און איר וועט זיין מיין פאָלק; און איר זאָלט גיין אין דעם וועג וואָס איך זאָג אייך אָן, כדי עס זאָל אייך גוט זיין" (ו, 20; ז, 21־23).

ניט אין אַ באַנייטער ירושלים זעט ירמיה דעם נייעם אידישן אויפלעב נאָך דער קאַטאַסטראָפע פון דעם חורבן, נאָר אין אַ באַנייטן פאָלק. די באַניי־אונג, זאָגט ירמיה, וועט פאָרקומען ניט אין דעם גאַנצן כלל, נאָר אין יעדן יחיד. יעדער איינער, פון קליין ביז גרויס, וועט האָבן די ריכטיקע השגה פון גאָט און וועט אַרומטראָגן גאָט'ס תורה ניט אויפגעשריבן אין אַ בוך, נאָר אויפגעשריבן ביי זיך אין האַרצן. דעמאָלט וועט גאָט שליסן אַ נייעם בונד מיט דעם הויז ישראל און דעם הויז יהודה (ל"א, 30־33).

ירמיה'ס הויכער, אוניווערסאַלער וועלטבאַנעם האָט געהאַט אַ השפּעה בלויז אויף אַ קליינעם טייל פון פאָלק, אויף יחידי־סגולה. קיין אידיש פאָלקס־לעבן האָט מען אויף דעם ניט געקאָנט בויען. ווען די פאַרטריבענע אידן אין

בבל וואָלטן אַלע געווען ירמיה׳ס אָנהענגער, וואָלטן געווען גלייכגילטיק צו דער הייליקייט פון ירושלים, וואָלטן געווען קעגנער פון דער עבודה אין בית־המקדש און וואָלטן געהאַלטן, אַז בבל מוז ווערן זייער נייע היים און זיי מוזן דאָרטן תפילה־טאָן צו גאָט פאַר דעם גליק פון דער שטאָט וואוהין זיי זיינען פאַרטריבן געוואָרן (ירמיה כ״ט, 4־7) — וואָלט עס ניט געקומען צו קיין שיבת־ציון. ניט ירמיה, נאָר יחזקאל, ירמיה׳ס יונגערער בן־דור, איז געווען דער אידעאָלאָגישער פאָטער פון שיבת־ציון און פון דעם גאַנצן המשך פון אידישן לעבן נאָכן גלות־בבל.

(דאָס ירמיה־בוך אין זיין אָריגינעלן נוסח האָט זיך דעריבער ניט אַריינ־געפּאַסט אין די אומשטענדן און די פאָרמען פון אידישן לעבן אין דער שפּעּ־טערדיקער צייט, ווען עס איז שוין געווען אויפגעבויט דער צווייטער בית־המקדש און ירושלים איז שוין געווען די הויפּטשטאָט פון אַ אידישער מדינה אונטער דער הערשאַפט פון די כוהנים, ווי ווייט אידן האָבן געהאַט אויטאָ־נאָמיע אין דער וועלט־אימפּעריע. די סופרים, די איבערשרייבער פון די הייליקע ספרים, האָבן דערפאַר אַריינגעשטעלט אין דעם ירמיה־בוך אַ סך הוספות, וואָס גלאָריפיצירן ירושלים, דעם בית־המקדש און אַפילו די כוהנים, וואָס ירמיה האָט זיין גאַנץ לעבן זיי געשטראָפט און פאַרלייקנט. דרך־אגב, אויך צו די רייד פון אַ סך אַנדערע נביאים, וואָס האָבן פאָראויסגעזאָגט פורעניות און חורבן, האָט מען אין יענער נאָך־גלות׳דיקער תקופה צוגעשטעלט נבואות פון טרייסט פון אַנאָנימע נביאים. עס מעג דאָ אויך באַמערקט ווערן, אַז ס׳איז היינט אָנגענומען פון אַלעמען, אַז „איכה״ איז אַ זאַמלונג פון פאַר־שידענע אַנאָנימע קלאָגלידער, געשאַפן אין דער תקופה פון גלות־בבל, אָבער ניט אין דערזעלביקער צייט; און אַז ירמיה האָט צו דעם קיין שום שייכות ניט).

יחזקאל און די הייליקייט פון ירושלים

פון אויבנאויף מעגן יחזקאל׳ס נבואות זיך לייענען ענלעך צו ירמיה׳ס. אויך יחזקאל זעט פאָראויס די אומפאַרמיידלעכע קאַטאַסטראָפע, דעם חורבן פון ירושלים און דעם אונטערגאַנג פון דער אידישער מלוכה; און אויך ער שרייבט נאָכן חורבן אַ בוך פון טרייסט. אָבער לויט זיין גאַנצן מהות, זיין אויפטריט און זיין רעליגיעזן באַנעם איז יחזקאל געווען גאָר אַן אַנדער טיפּ נביא ווי ירמיה.

יחזקאל איז געווען דער ערשטער נביא וואָס האָט געלעבט אין גלות, אויף פרעמדער ערד. ער איז פאַרטריבן געוואָרן פון ירושלים אין גלות־יהויכין,

עלף יאָר פאַרן חורבן. אין ירושלים איז ער געווען אַ כוהן אין בית־המקדש, קענטיק איינער פון די חשוב'ע כוהנים; און אין גלות, צווישן די פאַרטריבענע אידן אין בבל, איז ער זעקס יאָר פאַרן חורבן אויפגעטראָטן ווי אַ נביא. אַזוי־אַרום איז ער געווען כוהן און נביא אין איין מענטשן, אַ כוהן אין דעם מאַנטל פון אַ נביא; מיט עקסטאַטישע וויזיעס און רעליגיעזער צעשטורמטקייט און צעפלאַמטקייט ווי אַ נביא, און מיט דער פּינקטלעכקייט און דעם געוואַלדיקן אינטערעס אין דעם הייליקן אָרט, אין דער עבודה פון בית־המקדש ווי אַ כוהן.

אין ערשטן טייל פון יחזקאל־בוך, אין די נבואות פון די יאָרן פאַרן חורבן, שטראָפט יחזקאל ירושלים נאָך שאַרפער, נאָך הילכנדיקער ווי ירמיה. ער מאָלט אַ מיאוס בילד פון ירושלים. ער מאָלט עס מיט שרעקלעכע גוזמאות, מיט געדיכטער פאַרב. ער רופט ירושלים „בלוטיקע שטאָט", „פאַרזשאַווער־טער טאָפּ" און מיט אַנדערע נאָך מיאוס'ערע נעמען. ער שטייגט אין דעם אַריבער אַלע זיינע פאָרגייערס. ישעיה, למשל, האָט געזאָגט, אַז ירושלים איז איצט, אין זיין צייט, געוואָרן פאַרדאָרבן. אָבער אין די פריערדיקע צייטן איז זי געווען אַ „קריה נאמנה", אַ געטרייע שטאָט פול מיט גערעכטיקייט (א, 21). יחזקאל איז אַ סך שטרענגער, עקסטרעמער און גוזמא'דיקער. ער זאָגט, אַז ירושלים איז אַלעמאָל געווען פול מיט זינד, מיט געצנדינבסט. וואָרים זי איז לכתחילה געווען אַ כנעני'שע שטאָט — באַוואוינט פון כנענים, אמורים און חיתים. פון אָט די געצנדינערישע פעלקער שטאַמען אָפּ די אידן פון ירושלים, און עס איז קיין וואונדער ניט וואָס זיי פירן אַ לעבן ווי געצנדינער: „מענטשנקינד, לאָז וויסן ירושלים אירע אומווערדיקייטן, און זאָלסט זאָגן: אַזוי האָט געזאָגט יהוה דער האַר צו ירושלים: דיין אָפּשטאַם און דיין געבורט איז פון דעם לאַנד פון דעם כנעני; דיין פאָטער איז געווען אַן אמורי און דיין מוטער אַ חיתית" (קאַפּ. ז, ט, ט"ז, כ"ב, כ"ג, כ"ד).

אָבער יחזקאל איז געווען אַ האַרטער, קאַלטער און בייזער שטראָפער נאָר ביזן חורבן. ווי נאָר עס איז אָנגעקומען צו די פאַרטריבענע אידן אין בבל די שרעקלעכע ידיעה, אַז ירושלים איז געפאַלן (הוכתה העיר), איז ער געוואָרן גאָר אַן אַנדערער. פון אַ שטראָפער איז ער געוואָרן אַ טרייסטער. דער חורבן האָט אויף די צוויי גרויסע נביאים פון יענער צייט, ירמיה און יחזקאל, געהאַט אַ פאַרקערטע ווירקונג ווי אויף די דיכטער פון די איכה־לידער. יענע פּאָעטן זיינען געווען אָפּטימיסטיש פאַרן חורבן און פעסימיסטיש נאָכן חורבן. כל־זמן ירושלים איז נאָך געשטאַנען, האָבן זיי פעסט געגלויבט, אַז „דער אונטערדרי־קער און פיינט וועט ניט אַריינקומען אין אירע טויערן"; און אַז די קאַטאַס־

טראָפּע איז געקומען, זיינען זיי געוואָרן פאַרצווייפלט און האָבן זייער ביטערע פאַרצווייפלונג, זייער שוואַרצן פּעסימיזם אויסגעדריקט אין די האַרצרייסנדיקע קלאָגלידער פון איכה. ירמיה און יחזקאל זיינען, פאַרקערט, געווען פּעסימיס־טיש פאַרן חורבן. זיי האָבן פאָראויסגעזען דעם צוזאַמענבראָך פון דער אידי־שער מלוכה און די פאַרוויסטונג פון דער הייליקער שטאָט. אָבער באַלד נאָכן חורבן זיינען זיי געוואָרן אָפּטימיסטיש און האָבן פאָראויסגעזען אַ נייעם אויפ־לעב פון אידישן פאָלק און אַ נייעם אויפבוי פון אידישן לאַנד.

דער פּעסימיזם פון די איכה־דיכטער האָט אויך באַהערשט די קאָלאָניע פון די „גולים״, וואָס זיינען אינאיינעם מיט יחזקאל׳ען פאַרטריבן געוואָרן קיין בבל אין גלות־יהויכין. זיי זיינען ווי צעשמעטערט געוואָרן פון דער ידיעה, אַז דער פיינט האָט איינגענומען ירושלים. זיי האָבן איצט שוין געמוזט זיך מייאש זיין פון זייער האָפענונג צו גיין באַלד צוריק אַהיים. יחזקאל האָט געהערט ווי זיי זאָגן: „פאַרטריקנט זיינען אונזערע ביינער און פאַרלוירן איז אונזער האָפענונג; פאַרשניטן זיינען מיר״; און ער איז געקומען צו זיי מיט זיין וואונדערלעכער, דערהויבענער וויזיע פון דעם טאָל מיט די „עצמות יבשות״.

יחזקאל איז שטאַרק קעגנעריש צו די ארץ־ישראל׳דיקע אידן וואָס זיינען ניט פאַרטריבן געוואָרן אין גלות, — „די וואָס וואוינען אין די דאָזיקע חורבות אויף דער ערד פון ישראל״. ער מאָלט אַ שוואַרץ בילד פון זייער רעליגיעז־מאָראַלישן לעבן, און ער זאָגט פאָראויס, אַז עס רוקן זיך אָן נייע אומגליקן אויף זיי און דאָס גאַנצע לאַנד, וואָס זיי מיינען, אַז זיי האָבן עס אָפּגע׳ירש׳נט, וועט ווערן חרוב און וויסט (ל״ג, 23־29).

אָבער זיינע גלות־ברידער טרייסט יחזקאל, אַז זיי שטייט נאָך פאָר אַ ליכטיקע צוקונפט. גאָט, זאָגט ער זיי, וועט די פאַרטריקנטע סקעלעטן אַרויס־נעמען פון זייערע קברים, זיי אויפלעבן און ברענגען צוריק אויף דער ערד פון ישראל. ניט נאָר די אידן, וואָס זיינען איצט פאַרטריבן געוואָרן פון מלכות־יהודה, אויך די אידן וואָס זיינען שוין מער ווי הונדערט יאָר צוריק פאַרטריבן געוואָרן פון מלכות־ישראל, וועט גאָט ברענגען צוריק קיין ארץ־ישראל. ער וועט איינזאַמלען די קינדער פון ישראל פון אַלע פעלקער אַרום און וועט פון די אַלע גלות־אידן מאַכן אַ ניי פאָלק, געריייניקט פון אַלע אומ־רייניקייטן און אומווערדיקייטן, אַ ניי פאָלק מיט אַ ניי האַרץ און אַ נייעם גייסט. דאָס וועט זיין איין פאַראייניקט פאָלק, ניט צוויי פעלקער צעטיילט אין צוויי באַזונדערע מלוכות. בראש פון דעם באַנייטן פאָלק וועט שטיין אַ צווייטער דוד, אַ פּרינץ פון דוד׳ס דינאַסטיע. ער וועט ניט זיין קיין הערשער,

ווי די פריערדיקע מלכים, נאָר אַ פּאַסטוך וועט ער זיין און וועט אָפּהיטן זיין פאָלק ווי אַ פּאַסטוך זיינע שאָף. ער וועט אויך ניט טראָגן דעם אַמאָליקן טיטול „מלך", נאָר „נשיא", פירשט, וועט ער הייסן. אונטער דער השגחה פון דעם נשיא, דעם צווייטן דוד, וועלן אידן פירן אַ פרום לעבן, וועלן היטן גאָט׳ס געזעצן, און גאָט וועט שליסן מיט זיי אַן אייביקן בונד פון פרידן; און זיי וועלן זיצן אין דעם לאַנד וואו זייערע עלטערן זיינען געזעסן און דאָרטן לעבן אין זיכערקייט און שפע, זיי און זייערע קינדער און קינדסקינדער ביז אייביק (ל"ד, ל"ו, ל"ז).

אַזוי ווייט רעדט יחזקאל דער נביא. אָבער ענדיקן ענדיקט יחזקאל זיינע טרייסט־רייד ניט ווי אַ נביא, נאָר ווי אַ כוהן. ער קען זיך ניט פאָרשטעלן דאָס גייסטיק־באַנייטע פאָלק אין דער צוקונפט אָן אַ הייליקן אָרט, אָן אַ באַנייטער עבודה אין אַ נייעם בית־המקדש, און ער ענדיקט מיט די ווערטער: „און איך וועל אַוועקשטעלן מיין הייליקטום צווישן זיי אויף אייביק. און מיין וואוינונג וועט זיין ביי זיי, און איך וועל זיין זייער גאָט און זיי וועלן זיין מיין פאָלק. און די פעלקער וועלן וויסן, אַז איך יהוה הייליק ישראל, ווען מיין הייליקטום וועט זיין צווישן זיי אויף אייביק" (ל"ז, 26־28).

אָבער וואָס פאַר אַ סאָרט בית־המקדש און וואָס פאַר אַ סאָרט ירושלים האָט עס געזאָלט אויפגעבויט ווערן, ווען דער גלות וועט זיך ענדיקן און די גלות־אידן, די „פאַרטריקנטע סקעלעטן", וועלן אַרויס פון זייערע קברים און אָנהויבן אַ ניי לעבן אויף דער ערד פון ישראל? דאָס טאָר ניט זיין אַזאַ בית־המקדש ווי דער פריערדיקער, וואו ער, יחזקאל, איז אין זיינע אינגערע יאָרן געווען אַ כוהן, אַ בית־המקדש וואו מ׳האָט זיך געבוקט צו דער זון און וואו ווייבער זיינען געזעסן און באַוויינט דעם טויט פון דעם גאָט תמוז (יחזקאל ח, 14־16). דער נייער בית־המקדש טאָר אויך ניט שטיין אין אַזאַ ירושלים ווי די פריערדיקע איז געווען, וועלכע ער, יחזקאל, האָט נאָך געדענקט און וועלכע ער האָט אין די יאָרן פאַר איר חורבן אַזוי שאַרף און ביטער פאַרדאַמט.

יאָרן און יאָרן האָט יחזקאל געטראַכט פון דעם ביז עס האָט זיך אויסגעלייטערט אין אים די וויזיע פון אַ נייער ירושלים און אַ נייער אָרדענונג אין אַ באַנייטער ארץ־ישראל. די דאָזיקע וויזיע פאַרנעמט די לעצטע ניין קאַפּיטלעך אין זיין בוך.

יחזקאל'ס וויזיע פון אַ נייער ירושלים

יחזקאל באַשרייבט עס ווי אַ גאָט־זעאונג וואָס איז געקומען צו אים. ער דערציילט, אַז אין פערצנטן יאָר נאָכן חורבן, אין אַ מאָמענט פון רעליגיעזן עקסטאַז, האָט ער געפילט ווי „די האַנט פון גאָט" טראָגט אים אַוועק פון בבל קיין ארץ־ישראל און לאָזט אים דאָרטן אַראָפּ אויף זייער אַ הויכן באַרג, וואָס זעט אויס ווי אַ שטאָט וואָלט געווען אויסגעבויט אויף אים. אויף דעם דאָזיקן באַרג באַווייזט זיך צו יחזקאל'ן אַ מלאך אין דעם געשטאַלט פון אַ מאַן. „זיין אויסזען איז ווי פון בראָנז, אין האַנט האַלט ער אַ פלאַקסענע שנור און אַ ראָר צו מעסטן, און ער שטייט אין טויער. און דער מאַן האָט צו מיר גערעדט: מענטשנקינד, זע מיט דיינע אויגן, און מיט דיינע אויערן הער, און לייג־צו דיין האַרץ צו אַלץ וואָס איך וויז דיר, וואָרים כדי דיר צו וויזן ביזטו אַהער געבראַכט געוואָרן; דערצייל אַלץ, וואָס דו זעסט, צו דעם הויז ישראל" (מ, 1־4).

יחזקאל פאָלגט דעם מלאך און פאַרצייכנט פּינקטלעך אַלץ וואָס ער זעט און הערט. ער באַשרייבט דעם צוקונפטיקן בית־המקדש מיט אַלע פּרטים: אַלע הויפן און אַלע בנינים, אַלע טויערן און אַלע קאַמערן, אַלע זיילן און אַלע דעקאָראַציעס, יעדע זאַך אָפּגעמאָסטן די לענג און די ברייט, אַזוי גענוי, אַזוי פּינקטלעך, ווי נאָר אַ כהן האָט עס געקאָנט טאָן. יחזקאל האָט עס באַשריבן פון זכרון, לויט ווי ער האָט עס געדענקט פון דעם ערשטן בית־המקדש וואו ער איז געווען אַ כהן.

ניט נאָר באַשרייבט יחזקאל דעם צוקונפטיקן בית־המקדש אַרכיטעקטאָניש, ער באַשרייבט אויך גענוי די אָרדענונג אינעווייניק, דעם „סדר העבודה", דעם פּערסאָנאַל און אַלע הייליקע צערעמאָניעס וואָס דאַרפן אָפּגעריכט ווערן אין הייליקטום אין די וואָכעדיקע טעג, אין די שבתים און אין אַלע יום־טובים. יחזקאל ברענגט דאָ אַריין אַ סך ענדערונגען אין דער אָרדענונג פון בית־המקדש. אָט־די נייע דינים, וואָס יחזקאל שרייבט־פאָר, האָבן אַלע איין כוונה, איין צוועק: מ'טאָר ניט טאָן קיין זאַך וואָס פאַרשוועכט די הייליקייט פון גאָט'ס הויז, „דעם אָרט פון מיין טראָן און דעם אָרט פון מיינע פוסטריט, וואָס איך וועל דאָרט רוען צווישן די קינדער פון ישראל אויף אייביק" (מ"ג, 7).

דער נייער בית־המקדש, ווי יחזקאל האָט אים פאָראויסגעזען, האָט זיך געגנייטיקט אין אַ נייער אידעאַלער ירושלים און אין אַ נייער אָרדענונג אין אידישן לעבן בכלל. אַלץ האָט זיך געמוזט פירן ביי אידן אַזוי, אַז עס זאָל ניט פאַרשוועכט ווערן גאָט'ס הייליקער נאָמען. און יחזקאל האָט צוגעטראַכט

אַ נייע קאָנסטיטוציע פאַר דעם באַנייטן אידישן פאָלק אין ארץ־ישראל, אַן אוטאָפּיע אַזאַ.

אין יחזקאל׳ס פּלאַן פאַר דער אידישער צוקונפט איז ארץ־ישראל ניט מער קיין מאָנאַרכיע, נאָר אַ טעאָקראַטיע, אַ סאָרט רעליגיעזע מדינה. בראש פון דער מדינה שטייט אַ נשיא. אָבער ער איז ניט קיין הערשער און האָט ניט די פונקציעס פון דעם אַמאָליקן מלך. דער אלף און דער תיו פון אַלע אידישע אינטערעסן איז דער בית־המקדש אויפן באַרג ציון, און אַלץ וואָס דער נשיא האָט צו טאָן איז צו זען, אַז די עבודה אין בית־המקדש זאָל אָנגיין אין דער געהעריקער אָרדענונג.

די אַמאָליקע פונקציעס פון דעם מלך, ווי דער אויבער־ריכטער פון דעם פאָלק, האָט דער נשיא ניט. די כּוהנים זיינען איצט די שופטים, און טאָמער ווערט עמיצער געקרייוודעט אין אַ משפט, וועט גאָט אַליין זיך אָננעמען פאַר אים (מ״ד, 24; ל״ד, 17, 22). אויך קיין פּאָליטישע און מיליטערישע פונקציעס האָט דער נשיא ניט. ער קאָמאַנדירט ניט קיין חיל און פירט ניט קיין פּאָליטיק מיט אַנדערע לענדער. די אידישע רעליגיעזע מדינה האָט מער קיין שונאים ניט. אַלע שכנים־פעלקער אַרום ליגן צעשלאָגענע — עמון, מואב, אדום, צור, צידון און די פּלישתישע שטעט ביים ברעג ים. זייער מפּלה איז אַ שטראָף פון גאָט פאַרוואָס זיי האָבן זיך געפרייט מיטן אידישן אומגליק, מיטן חורבן ירושלים. אויך מצרים איז חרוב און פאַרוויסט. דאָס האָט גאָט זי געשטראָפט, וואָס זי איז געווען אַ פאַלשער אָנלען פאַרן הויז ישראל. אידן האָבן זיך פאַרבונדן מיט איר קעגן אשור און קעגן בבל און זיך מיט איר אָפּגענאַרט (כ״ה־ל״ב, ל״ה).

זיצן אידן ווידער אין זייער לאַנד און לעבן דאָרטן רואיק און זיכער. אָבער עס איז נאָך געבליבן איין אידישער פיינט, אַ געפערלעכער פיינט, אַ פאָלק אַזאַ פון רייטערס. יחזקאל רופט דעם דאָזיקן פיינט מיט אַ סאָרט פאַרשטעלטן נאָמען „גוג אין לאַנד פון מגוג״ *) פון העט־וויט אין צפון וועט גוג קומען מיט זיינע מחנות צו פאַרטיליקן די אידן. גאָט אַליין וועט אים פאַרנאַרן און ברענגען אויף די בערג פון ישראל, כדי ער זאָל דאָרטן צעשלאָגן ווערן און גאָט׳ס נאָמען זאָל געהייליקט ווערן אין די אויגן פון די פעלקער. ניט אידן מיט זייער מיליטערישער גבורה, נאָר גאָט אַליין וועט מאַכן אַ תל פון גוג׳ן

*) „גוג ארץ המגוג״, ל״ח, 2 אין בראשית י, 2 און דברי הימים א, א, 5 איז מגוג דער נאָמען פון אַ פאָלק. אַזוי אויך אין יחזקאל ל״ט, 5. אין תלמוד איז „גוג ומגוג״ אַ נאָמען פון צוויי פעלקער וואָס וועלן זיך פאַרבינדן קעגן אידן אין משיח׳ס צייטן.

און זיינע חיילות „מיט פעסט און מיט בלוט, מיט אַ פלייצנדיקן רעגן און מיט האָגלשטיינער, מיט פייער און מיט שוועבל״ (ל״ח־ל״ט).

אַזוי־אַרום האָבן אידן מער קיין שום שונא ניט און „זיי זיצן אויף זייער ערד אין זיכערקייט און קיינער שרעקט זיי ניט״. אויך קיין עקאָנאָמישע פּראָבלעמען און סאָציאַלע קאָנפליקטן זיינען ניטאָ אין דער נייער ארץ־ישראל וואָס יחזקאל זעט פאָראויס. ניטאָ דאָרטן מער קיין רייכע וואוכערניקעס און אָרעמע בעלי־חובות, קיין רייכע לאַנדאייגנטימער און פאַרשקלאַפטע פּויערים, ווי דאָס איז געווען פאַרן חורבן. יחזקאל שאַפט אַ „קלאַסנלאָזע״ געזעלשאַפט אין זיין צוקונפטיקער ארץ־ישראל.

יחזקאל מאַכט עס גאַנץ פשוט. ער טיילט איין ארץ־ישראל אין גלייכע חלקים, לויט די צוועלף שבטים פון ישראל, און טיילט דאָרטן צו יעטווידערן אידן אַ גלייכן חלק לאַנד. עס קימערט אים גאָרנישט וואָס ניט אַלע שבטים פון די אַמאָליקע צייטן האָבן אין זיין צייט נאָך עקזיסטירט. דער שבט ראובן און דער שבט שמעון, דהיינו, זיינען פון לאַנג שוין ניט געווען. יחזקאל רעכנט זיך אויך ניט מיט דער פיזיקאַלישער געאָגראַפיע פון ארץ־ישראל, מיט די בערג און די טאָלן. ער ציט דורכן גאַנצן לאַנד גראַדע ליניעס. דעם עבר־הירדן לאָזט ער אויס לגמרי פון חשבון. דאָרטן האָבן אין יענער צייט גע־וואוינט צופיל גויים, האָט יחזקאל אים ניט געוואָלט אַריינגעמען אין זיין אידעאַלער אידישער מדינה. דעם מערב׳דיקן טייל פון ארץ־ישראל טיילט ער איין אין דרייצן גלייכע חלקים, דרייצן פאַסן לאַנד געצויגן ווי אַ שנור צווישן מזרח און מערב, צוועלף חלקים פאַר די צוועלף שבטים פון ישראל און איינעם אַ דרייצנטן פאַר ירושלים. אין אַט־דעם חלק וועט שטיין דער בית־המקדש, דאָרטן וועלן אויך ליגן שטיקער לאַנד פאַר די כוהנים און די לויים, און אויך אַ שטיק לאַנד פאַר דעם נשיא. די צוועלף פאַסן לאַנד פאַר די צוועלף שבטים וועלן ליגן זיבן אין צפון־זייט און פינף אין דרום־זייט פון ירושלים.

אַזוי־אַרום איז יעטווידער איד אין ארץ־ישראל, אין יחזקאל׳ס אוטאָפּיע, פאַרזאָרגט מיט אַ נחלה און האָט ניט קיין דאגות חיונה. אַפילו אַ פרעמדער, ניט קיין געבוירענער איד, וועלכער וואוינט צווישן אידן, אויב ער האָט קינ־דער געבוירענע אין ארץ־ישראל, קריגט ער אַ גלייכן חלק לאַנד אין דעם שבט וואו ער וואוינט, פונקט ווי אַ געבוירענער איד (מ״ז, 13־23).

אין דעם לאַנד הערשט אַ שפע. „דאָס דאָזיקע פאַרוויסטע לאַנד איז געוואָרן ווי דער גאָרטן פון עדן״ (ל״ו, 35). אפילו דער מדבר־יהודה איז געוואָרן פרוכטבאַר, און דער ים־המלח האָט אינגאַנצן געביטן זיין נאַטור און איז געוואָרן אַן אָזערע מיט זיסן וואַסער. די דאָזיקע ענדערונג אין דער נאַטור

פון יענער געגנט האָט געבראַכט אַ וואונדערלעך וואַסער אַזאַ, וואָס פליסט פון ירושלים גלייך אין ים־המלח אַריין. דאָס דאָזיקע וואַסער טוט וואונדער, ווייל עס קומט אַרויס פון בית־המקדש, פון אונטערן געטלעכן טראָן.

דער מלאך אין דעם געשטאַלט פון אַ מענטשן, וואָס יחזקאל זעט באַלד אין אָנהויב פון זיין וויזיע, דערזעלביקער מלאך וואָס ווייזט אים דעם נייעם בית־המקדש מיט אַלע פרטים, ווייזט אים אויך ווי פון אונטערן שוועל פון בית־המקדש,ביים מזרח׳דיקן אַריינגאַנג, קוועלט־אַרויס וואַסער. דער מאַן מיט דער מעסטשנור אין האַנט מעסט־אָפּ טויזנט איילן ווייטער צו מזרח און פירט דורך יחזקאל׳ן דורכן וואַסער וואָס גרייכט אים ביז די קנעכלעך. ער מעסט־אָפּ נאָך טויזנט איילן, און דאָס וואַסער גרייכט שוין יחזקאל׳ן ביז די קני. נאָך טויזנט איילן — און דאָס וואַסער איז אים שוין ביז די לענדן. נאָך טויזנט איילן — און עס איז שוין אַ טייך וואָס מ׳קען ניט דורכגיין. מ׳מוז אים שוין אַריבערשווימען.

פליסט אַזוי דער טייך מיט זיין וואונדער־וואַסער ווייטער און ווייטער צו מזרח ביזן ים־המלח, און אויףביידע ברעגן זיינע צעוואַקסן זיך ביימער וואונדערלעכע, וואָס צייטיקן אַלע חודש נייע פרוכט צום עסן. אויך די בלעטער פון די בוימער זיינען ניט קיין געוויינטלעכע. זיי ווערן קיינמאָל ניט פאַרוועלקט און זיינען אַ רפואה פאַר קראַנקע.

ווי נאָר דער טייך פאַלט אַריין אין ים־המלח, ווערט דאָס וואַסער פון ים־המלח אויסגעהיילט פון זיין געזאַלצנקייט און ווערט פול מיט פיש. יחזקאל זעט ווי פישערס פאַרלייגן זייערע נעצן אין ים־המלח און שלעפּן אַרויס אַלערליי מינים פיש, אַזויפיל ווי מ׳שלעפּט אַרויס פון ים־הגדול (מיטללענדי־שער ים).

אָבער וואו וועלן אידן נעמען זאַלץ, אויב פון ים־המלח וועט ווערן אַן אַזערע מיט זיס־וואַסער? אויך פאַר דעם האָט יחזקאל געזאָרגט. ביי די ברעגן פון ים־המלח, זאָגט ער, וועלן בלייבן זומפּן און גריבער מיט געזאַלצענעם וואַסער, וואָס וועט קלעקן פאַר זאַלץ פאַר אַלע אידן (מ״ז).

די נייע ירושלים, וואָס יחזקאל זעט אין זיין וויזיע, איז פאַר אים אַזוי הייליק, אַז אים געפעלט גאָר ניט מער דער אַלט־כנעני׳שער נאָמען ירושלים*),

*) שוין אין די אַמאַרנאַ־טוולען (אַנטדעקט געוואָרן אין 1887), וואָס שטאַמען אַן ערך פון 1400 פאַר דער אָנגענומענער צייטרעכענונג, אַרום 400 יאָר פאַר דוד המלך, הייסט די שטאָט „אורוסאַלים״. אין צוויי שטעלן אין תנ״ך הייסט זי געקירצט („ומלכי צדק מלך שלם״, בראשית י״ד, 18; „ויהי בשלם סוכו״, תהלים ע״ו, 3). עס איז היינט אַ באַקאַנטע זאַך, אַז דער „שלם״ פון „ירושלם״ האָט ניט צו טאָן מיט שלום, פרידן, נאָר מיטן נאָמען

און ער גיט איר דערפאַר אַ שפּאָגל־נייעם נאָמען: „יהוה שמה" — גאָט איז דאָרטן.

די אוטאָפּיסטישע שטריכן אין יחזקאל׳ס פּלאַן פאַר דער אידישער צו־קונפט זיינען געבליבן אַ פאַנטאַזיע פון אַ נביא, אַ גאָט־זעער. די פאַרטריבענע אידן פון מלכות־ישראל זיינען ניט געקומען צוריק און זיך ניט פאַראייניקט אין איין פאָלק מיט די צוריקגעקערטע אידן פון מלכות־יהודה. ארץ־ישראל איז ניט צעטיילט געוואָרן אין גלייכע חלקים צווישן די צוועלף שבטים פון ישראל, און דער ים־המלח איז געבליבן עד־היום געזאַלצן און אָן אַ לעבעדיק באַשעפעניש. אָבער די פּראַקטישע דינים און איינפירונגען, וואָס יחזקאל האָט פאַרגעשריבן פאַר דעם נייעם, צוקונפטיקן בית־המקדש, זיינען שפּעטער געוואָרן דער יסוד, וואָס אויף אים איז אויפגעבויט געוואָרן די אידישע טעאָ־קראַטישע מדינה נאָכן גלות־בבל.

„ביי די טייכן פון בבל"

ווען מיר לייענען דעם ספר ירמיהו, ליגט, פאַרשטייט זיך, אונזער גאַנצע סימפּאַטיע אויף ירמיה׳ס זייט. אָבער מיר טאָרן אויך ניט צו שטאַרק פאַר־משפּטן ירמיה׳ס קעגנער און פאַרפאָלגער, וועלכע האָבן געפירט די מלחמה קעגן בבל מיט דער האָפענונג אויסצוקעמפן פאַר אידן נאַציאָנאַלע פרייהייט.

די דאָזיקע קעגנער ירמיה׳ס, וועלכע האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ פאַר־רעטער און געזוכט אים אומצובריינגען, זיינען געווען פאַרפירט פון אַ טאָפּל־טער אילוזיע, אַ פּאָליטישער און אַ רעליגיעזער. פּאָליטיש האָבן זיי געגלויבט, אַז מיט דער מיליטערישער הילף פון מצרים וועט זיך זיי איינגעבן זיך צו באַפרייען פון נבוכדנצר׳ס יאָך; און רעליגיעז האָבן זיי געגלויבט, אַז „אַן אונטערדריקער און אַ פיינט וועט קיינמאָל ניט קומען אין די טויערן פון ירושלים", אַז גאָט וועט קיינמאָל ניט איבערענטפערן צו דעם פיינט זיין הייליקע שטאָט, דאָס אָרט וואָס „ער האָט אויסדערוויילט דאָרטן צו מאַכן רוען זיין נאָמען".

מ׳מיינט געוויינלעך, אַז די אידן, וואָס האָבן פאַרפירט די מלחמה קעגן בבל, האָבן אינגאַנצן פאַרלוירן און געבראַכט בלויז אַ חורבן אויף אידן. דאָס

פון אַ כנעניש גאָט „שלם". פון דעם דאָזיקן כנענישן גאָט שטאַמט אויך דער נאָמען שלמה. קיין וואונדער ניט דעריבער וואָס דער נאָמען איז ניט געווען צום האַרצן נתן הנביא, און ער האָט אים געביטן אויף דעם מער אידישן נאָמען ידידיה. — זעט שמואל ב, י״ב, 24־25.

איז טאָקע ריכטיק. אָבער די זעלביקע אידן האָבן געבראַכט נאָך עפּעס — דעם אידישן אויפבוי נאָכן גלות. די אידן, וואָס האָבן אין דער צייט פון דער פּערסישער הערשאַפט אויפגעבויט אַ נייע ירושלים און אַ נייעם המשך פון אידישן לעבן, זיינען עס געווען די קינדער, די אייניקלעך און די אוראייניקלעך פון יענע אידן, וועלכע האָבן געהאָלפן פאַרטיידיקן די הייליקע שטאָט קעגן נבוכדנצר׳ס חיילות און וועלכע האָבן געשוואוירן ביי די טייכן פון בבל קיינמאָל ניט צו פאַרגעסן ירושלים.

די געפילן און דעם וועלטבאַנעם פון די דאָזיקע אידן האָט אויסגעדריקט אַ תהילים־זינגער אין יענער צייט אין דעם באַקאַנטן תהלים־געזאַנג, וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער „על נהרות בבל״:

ביי די טייכן פון בבל זיינען מיר געזעסן
און געוויינט, אַז מיר האָבן זיך דערמאָנט אָן ציון.
אויף די ווערבעס אין איר
האָבן מיר אויפגעהאָנגען אונזערע האַרפן.

וואָרים דאָרטן האָבן אונזערע פאַנגער
פאַרלאַנגט פון אונז לידער,
און אונזערע פייניקער — פריילעכע געזאַנגען:
זינגט אונז אַ ציון־געזאַנג!

ווי קענען מיר זינגען גאָט׳ס געזאַנג
אויף פרעמדער ערד?
אויב איך וועל דיך פאַרגעסן, ירושלים,
זאָל מיר איינדאַרן *) מיין רעכטע האַנט!

זאָל צוגעקלעפּט ווערן מיין צונג צו מיין גומען,
אויב איך וועל דיך ניט געדענקען,
אויב איך וועל ניט דערמאָנען ירושלים
אויף מיין העכסטער שמחה.

(תהלים, קל״ז)

דער דאָזיקער תהלים־דיכטער שטעלט פאָר מיט זיך דעם קלאַס אידן, וואָס זיינען אין זייער רעליגיעזן וועלטבאַנעם און מיט זייערע טיפסטע רעליגיעזע געפילן און בענקשאַפטן געווען און געבליבן אויף דור־דורות באַהעפט מיט ארץ־ישראל און דער עיקר מיט ירושלים. אַלע לענדער פון דער וועלט, מחוץ פון ארץ־ישראל, זיינען פאַר אָט־די אידן געווען „פרעמדע ערד״ (אדמת נכר), וואו מ׳האָט ניט געקאָנט זינגען קיין געזאַנגען לכבוד דעם גאָט פון

*) תכחש, אָדער תיבש, ימיני. זעט אבן־עזרא אויף דעם פסוק: „ויש אומרים שפירושו תיבש״.

ישראל. ווי ישעיה הנביא אין זיין צייט, האָבן אויך די דאָזיקע אידן פון יענע צייט געגלויבט, אַז „די גאַנצע ערד איז פול מיט זיין פּראַכט", און פון דער אַנדערער זייט האָבן זיי געגלויבט, אַז „גאָט פון די חיילות רוט אויפן באַרג ציון".

אָט־די פאַרטריבענע אידן אין גלות־בבל זיינען געווען די ערשטע צו בענקען נאָך ציון. ערשט אין גלות האָבן אידן זיך פאַרבענקט נאָך זייער הייליקער שטאָט, פון וועלכער זיי זיינען פאַרטריבן געוואָרן. בענקשאַפט נאָך גאָט איז ביי די דאָזיקע אידן געווען כמעט אידענטיש מיט בענקשאַפט נאָך ירושלים:

שיק דיין ליכט און דיין אמת,
זיי זאָלן מיך ברענגען
זיי זאָלן אויך ברענגען
צו דיין הייליקן באַרג און צו דיינע וואוינונגען.

(תהלים מ"ג, 3)

עס בענקט, עס גייט אויס מיין זעל
נאָך די הויפן פון גאָט;
מיין האַרץ און מיין לייב זינגען
צום לעבעדיקן גאָט.

(תהלים פ"ד, 3)

אין אַן אַנאָנימער נבואה, וואָס שטאַמט פון די לעצטע יאָרן פון גלות־בבל (צוגעשטעלט צו דעם סוף פון ספר ירמיהו), איז דער אַנאָנימער נביא מעורר די גולים אין בבל: „איר אַנטרינער פון שווערד, גייט, שטעלט זיך ניט אָפּ; דערמאָנט פון דער וויטן גאָט, און טראַכט פון ירושלים" (ירמיה נ"א, 50). פאַר דעם דאָזיקן אַנאָנימען נביא זיינען גאָט, דער גאָט פון ישראל, און ירושלים געקניפּט און געבונדן. זיי גייען צוזאַמען. דערמאָנט זיך אַ איד אָן זיין גאָט, דערמאָנט ער זיך שוין ממילא אויך אָן ירושלים.

אָבער ניט אַלע פאַרטריבענע אידן אין בבל האָבן אַזוי געפילט און גע־טראַכט. עס זיינען דאָרטן געווען אויך אַ סך אידן פון גאָר אַנדערע ריכטונגען. אַ סך האָבן לגמרי פאַרגעסן אָן דעם גאָט פון ישראל און זיך אַסימילירט אין דער רעליגיע און ציוויליזאַציע פון בבל. אויף דער אַנדערער זייט זיינען געווען אַ סך געטרייע אידן, וואָס זיינען אין גלות דורכגעדרונגען געוואָרן מיט דער מאָנאָטעאיסטישער גאָט־השגה פון די גרויסע נביאים און זיינען געוואָרן אוניווערסאַליסטישע אידן. גאָט איז פאַר זיי געווען אַן אַלוועלטלעכער באַגריף אָן וואָסערע נאַציאָנאַלע און לאָקאַלע באַשרענקונגען. ער איז ניט געווען בלויז דער גאָט פון ישראל, נאָר דער גאָט פון אַלע פעלקער; און מ'האָט אים ניט

באַדאַרפט דינען גראָד אין איין באַשטימטן אָרט, אין אַ בית־המקדש אויפן באַרג ציון, נאָר מ׳האָט אים געקענט דינען אומעטום, אין דער גאַנצער וועלט, פון אויפגאַנג פון דער זון ביז איר אונטערגאַנג. אויך די דאָזיקע אוניווער־סאַליסטישע ריכטונג געפינען מיר ביי אַ תהלים־דיכטער פון יענער צייט:

הללויה!
לויבט, איר קנעכט פון גאָט,
לויבט דעם נאָמען פון גאָט!
זאָל זיין געבענטשט גאָט׳ס נאָמען
פון איצט ביז אויף אייביק.

פון אויפגאַנג פון דער זון ביז איר אונטערגאַנג
זאָל זיין געלויבט גאָט׳ס נאָמען.
דערהויבן איבער אַלע פעלקער איז גאָט,
איבער די הימלען איז זיין פּראַכט.

ווער איז ווי יהוה, אונזער גאָט,
וואָס טראָגט אויבן הויך,
וואָס קוקט נידעריק אַראָפּ,
אין די הימלען און אויף דער ערד?

ער שטעלט אויף פון שטויב דעם אָרעמאַן,
פון מיסט דערהויבט ער דעם אביון.
אים צו זעצן מיט פירשטן,
מיט די פירשטן פון זיין פאָלק.

ער מאַכט די עקרה זיצן אין הויז
אַ פריילעכע מוטער פון קינדער.
הללויה!

(תהלים ק״ג)

מיר געפינען זיך דאָ אין גאָר אַן אַנדער וועלט ווי אין די פריער־גע־בראַכטע תהלים־געזאַנגען. נישטאָ דאָ קיין „פרעמדע ערד״ וואו אַ איד קען ניט זינגען קיין לויבגעזאַנג צו זיין גאָט. אַפילו ניט מיט איין וואָרט ווערט דאָ ניט דערמאָנט ניט ירושלים, ניט גאָט׳ס הייליקער באַרג און ניט די הויפן פון גאָט׳ס הויז. גאָט איז דאָ ניט „דער אויפבויער פון ירושלים, וועלכער וועט איינזאַמלען די פאַרשטויסענע פון ישראל״, נאָר דערהויבן איז ער איבער אַלע פעלקער, ער שטעלט־אויף פון שטויב אַלע אָרעמע און געדריקטע; און אומעטום, פון זונאויפגאַנג ביז זונאונטערגאַנג קען מען זינגען לויבגעזאַנגען צו זיין הייליקן נאָמען. (דיזעלביקע אַלוועלטלעכע השגה פון גאָט, מיט כמעט די אייגענע אויסדרוקן, טרעפן מיר אויך אין מלאכי: „פון אויפגאַנג פון דער

זון ביז איר אונטערגאַנג איז מיין נאָמען גרויס צווישן די פעלקער, און אין יעדערן אָרט ווערן אָפּפער געבראַכט צו מיין נאָמען", א, 11).

דעם דאָזיקן קאָנפליקט אין דעם אידישן גלויבן צווישן דער אַלוועלט־לעכקייט פון גאָט און זיין לאָקאַלער באַגרענעצטקייט אויף זיין הייליקן באַרג אין ירושלים, האָט אַ שרייבער אין יענער צייט געזוכט אויסצוגלייכן אין אַ לאַנגער תפילה, וואָס ער האָט אַריינגעלייגט שלמה׳ן אין מויל ביי דעם חנוכת־הבית פון בית־המקדש.

ער לאָזט שלמה׳ן זאָגן, אַז, אמת טאַקע, גאָט וואוינט ניט אין קיין שום אָרט אויף דער ערד. אַפילו די הימלען און די הימלען פון די הימלען קענען אים ניט אריינגעמען, אַ פשיטא שוין דער בית־המקדש אין ירושלים. דאָך אָבער האָט גאָט געזאָגט, אַז אין דעם דאָזיקן אָרט זאָל זיין נאָמען זיין און אַז דאָרטן זאָל זיין אַ צענטראַלער פונקט פאַר די תפילות פון אַלע מענטשן, פון אידן און אויך פון פרעמדע, פון ניט־אידן וואָס האָבן אָנגענומען דעם אידישן גלויבן. אַלע זאָלן תפילה־טאָן אין דעם בית־המקדש אין ירושלים, אָדער אין דער ריכטונג אַקעגן אים, און פון דאָרטן וועט גאָט אויפנעמען די תפילות אין הימל, וועט פאַרגעבן די זינד און געבן יעדן מענטשן לויט זיינע וועגן (מלכים א, ח, 22־53).

די אוניווערסאַליסטישע אידן פון יענער צייט האָבן געהאַט אַ ברייטן רעליגיעזן וועלטבאַנעם און אַ דערהויבענע השגה פון גאָט, אָבער קיין נייעם אויפבוי און קיין נייעם המשך פון אידישן פאָלק נאָכן גלות־בבל האָבן זיי ניט געשאַפן. דאָס האָבן געטאָן די אידן, וואָס האָבן ביי די טייכן פון בבל גע־שוואוירן קיינמאָל ניט צו פאַרגעסן ירושלים און האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו זינגען גאָט׳ס געזאַנג אויף פרעמדער ערד.

אַ זון אָדער אַן אייניקל פון די דאָזיקע גולים אין בבל, וועלכע האָבן ניט אויפגעהערט צו בענקען נאָך ירושלים, איז קענטיק געווען אויך דער גרויסער אַנאָנימער נביא פון גלות־בבל, וואָס זיינע רייד זיינען צוגעשטעלט געוואָרן צום ישעיה־בוך (פון קאַפּיטל מ׳ אָן *).

---

*) דאָס דאָזיקע בוך ציט זיך פון אָנהויב קאַפּיטל מ׳ ביזן סוף קאַפּיטל נ״ה. פון קאַפּיטל נ״ו ביזן סוף בוך איז אַ זאַמלונג נבואות פון אַן אַנאָנימען נביא, אָדער גיכער פון מערערע אַנאָנימע נביאים, וואָס האָבן געלעבט נאָך דעם גרויסן אַנאָנימען נביא, שוין אין דער עפּאָכע פון שיבת־ציון. זיי זיינען מעגלעך געווען באַאיינפלוסט פון אים.

די נייע צייט און דער נייער נביא

עטלעכע און צוואַנציק יאָר נאָכן חורבן ירושלים, אַרום צען יאָר נאָכדעם ווי יחזקאל האָט געהאַט זיין וויזיע פון אַ נייער ירושלים און אַ נייעם בית־המקדש, איז נבוכדנצר געשטאָרבן, און מיט זיין טויט הויב זיך אָן די ירידה פון דער אימפּעריע פון די כשדים.

פאַר די פאַרטריבענע אידן אין בבל האָט זיך דעמאָלט באַוויזן דער ערשטער ליכטשטראַל זינט די פינצטערע טעג פון חורבן. אויל־מרודך, נבוכדנצר׳ס זון און נאָכפאָלגער, האָט באַפרייט יהויכין מלך יהודה פון געפענגעניש און אים געגעבן אַ פּלאַץ ביים קעניגלעכן טיש.

אַרום אַ צענדליק יאָרן נאָכדעם איז אַ נייער שטערן אויפגעגאַנגען אין מזרח. כורש, דער מלך פון דער קליינער פּרס, האָט איינגענומען די גרויסע מדי (די היינטיקע אַזערבאַיזשאַן) און איז געוואָרן דער מלך פון פּרס און מדי פאַראייניקט אין איין מלוכה. אין די נאָענטע פאַר יאָר האָט כורש איינגענומען דעם גרעסטן טייל קליינאַזיע און אַ טייל פון מעסאָפּאָטאַמיע און איז געשטאַנען גרייט פאַר אַן אַטאַקע אויף בבל, די שטאָלצע וועלטשטאָט ביי דעם אונטערשטן לויף פון דעם טייך פּרת. אָבער כורש האָט נאָך געוואַרט אַכט יאָר מיט דעם. ערשט אין יאָר 538 (פאַר דער אָנגענומענער צייטרעכענונג), 48 יאָר נאָכן חורבן ירושלים, האָט ער איינגענומען בבל, און עס האָט זיך אָנגעהויבן די עפּאָכע פון מלכות־פּרס, פון דער פּערסישער וועלט־הערשאַפט אין דעם נאָענטן מזרח. נאָכדעם ווי קאַמביזעס, כורש׳עס זון, האָט איינגענומען מצרים, האָט די פּערסישע וועלט־אימפּעריע זיך געצויגן פון אינדיע ביז עטיאָפּיע („מהודו ועד כוש״). די דאָזיקע אימפּעריע איז געשטאַנען צוויי הונדערט יאָר, ביז זי איז דעראָבערט געוואָרן פון אַלעקסאַנדער מוקדון און עס האָט זיך אָנגעהויבן די צייט פון דער גריכישער וועלטהערשאַפט. אָבער מיר האַלטן נאָך דערווייל ביי די לעצטע יאָרן פון דער בבל־מלוכה.

אין יענע יאָרן איז פאַר ווייטזעעוודיקע מענטשן געווען קלאָר, אַז בבל וועט באַלד אַריינפאַלן אין כורש׳עס הענט. געווען ניט ווייניק אידן, וואָס האָבן אין פאָראויס זיך געפרייט מיט דער מפּלה פון בבל, מיט דער נקמה וואָס גאָט וועט נעמען פון איר. זיי האָבן אויך געהאָפט, אַז איצט „וועט גאָט וועט שטראָפן דעם מלך פון בבל און זיין לאַנד אַזוי ווי ער האָט געשטראָפט דעם מלך פון אשור, וועט ער ברענגען ישראל צוריק צו זיין פּיטערפּלאַץ וואו ער וועט זיך פּיטערן אויפן כרמל און בשן, און זיין זעל וועט זיך זעטיקן אין באַרגלאַנד אפרים און אין גלעד״ (ירמיה, נ, 18־19).

אָבער קיין צופיל אידן אין בבל זיינען ניט געשטאַנען גרייט צו גיין צוריק אין דער אַלטער היים, פון וועלכער מ׳איז געווען פאַרטריבן שוין מיט קאַרגע פופציק און — וואָס איז שייך די גולים פון גלות־יהויכין — זעכציק יאָר צוריק. אַ גרויסער טייל פון די אידן, וואָס זיינען נאָכן חורבן געזעסן ביי די טייכן פון בבל און געוויינט, ווען זיי האָבן זיך דערמאָנט אָן ציון, איז שוין געווען טויט. דער יונגער דור, אויך אַ סך פון די וואָס האָבן נאָך געדענקט די אַלטע היים, האָבן אונטער דער צייט זיך צוגעוואוינט צו דעם לעבן אין דער פרעמד, און עס איז געוואָרן פיל אָפּגעשוואַכט אין זיי די בענקשאַפט נאָך ציון. בבל איז אין יענער צייט געווען דאָס רייכסטע לאַנד אין נאָענטן מזרח, און עקאָנאָמיש איז די אָרעמע יהודה און די וויסטע ירושלים זיכער ניט געווען קיין צוצי פאַר די גולים.

נאָך ערגער איז געווען דאָס וואָס אַ סך אידן זיינען אין דעם האַלבן יאָר־הונדערט פון גלות געוואָרן שטאַרק צעטומלט אידעאָלאָגיש. געווען אידן וואָס האָבן געזאָגט, אַז אויב דער גאָט פון ישראל האָט איבערגעגעבן ירושלים אין די הענט פון די כשדים און לאָזט זי ליגן וויסט און חרוב שוין אַרום פופציק יאָר, איז דאָס אַ באַווייז, אַז ער האָט זי פאַרלאָזן און פאַרגעסן, אַז זי איז ניט מער, אָדער איז גאָר אפשר קיינמאָל ניט געווען, זיין הייליק אָרט, וואָס ער האָט אויסדערוויילט פון אַלע שבטים פון ישראל צו מאַכן דאָרטן רוען זיין נאָמען. און וואָס איז דאָס בכלל פאַר אַ גלויבן, ביי וועלכן אידן האַלטן זיך? האָט ניט דער גאָט פון ישראל געוויזן ווי הילפלאָז ער איז לגבי מאַרדוך און נבו — די מעכטיקע געטער פון בבל? און פאַרוואָס איז געקומען אידן אַזאַ חורבן, אַזאַ בראָך? די נביאים האָבן עס דערקלערט ווי אַ שטראָף פון גאָט פאַר די אידישע זינד. אָבער זיינען דען אידן שוין ניט גענוג אָפּגעקומען פאַר זייערע זינד? געווען קענטיק אויך אַ סך אידן וואָס האָבן ניט געגלויבט, אַז כורש, אַפילו אויב ער זאָל שוין טאַקע באמת איינגעמען די אומבאַצווינגלעכע בבל, וועט ברענגען די גאולה. דער גואל וואָס האָט געזאָלט צעברעכן דעם יאָך פון די פעלקער און אויפשטעלן דאָס קעניגרייך פון דוד המלך, האָט געמוזט שטאַמען פון דוד׳ס פאַמיליע, האָבן די דאָזיקע אידן גע׳טענה׳ט; ווי קען דאָס זיין, אַז אַ פּערסישער מלך זאָל ברענגען די גאולה?

צו באַקעמפן די דאָזיקע געדאַנקען, צו פאַרטרייבן די דאָזיקע ספקות, די דאָזיקע געדריקטע שטימונגען ביי די אידן אין בבל אין יענע יאָרן, זיי צו־צוגרייטן פאַר אַ נייער צייט וואָס האָט אין קומען, און זיי צו וועקן און אויפ־צומונטערן צו גיין צוריק אין דעם לאַנד פון די אָבות און דאָרטן צו בויען

אַ נייעם המשך פון אידישן פאָלק — איז אויפגעטראָטן אַ נייער גרעסערער נביא.

איבער סיבות וואָס מיר ווייסן זיי ניט, איז דער נאָמען פון אָט דעם נביא געבליבן אומבאַקאַנט. פאַראַן אין תנ"ך אַ סך נבואות פון אומבאַקאַנטע נביאים. כדי אויסצוצייכענען דעם דאָזיקן אַנאָנימען נביא, דעם מחבר פון די דער־הויבענע נבואות אין צווייטן טייל ישעיה, פון די אַנדערע אַנאָנימע נביאים, רופט מען אים געוויינלעך „דער גרויסער אומבאַקאַנטער נביא".

דאָס איז געווען גאָר אַן אַנדער סאָרט נביא ווי די גרויסע נביאים פאַרן חורבן ירושלים. יענע נביאים, פון עמוס'ן ביז יחזקאל'ן, זיינען געווען גרויסע שטראָפערס, פאָראויסזאָגערס פון אומגליק. זיי האָבן ממש געריסן פאָסן פון אידן. פאַר אַזעלכע נביאים איז איצט, נאָכן חורבן, אין די אומשטענדן פון גלות, מער קיין פּלאַץ ניט געווען. מ'האָט ניט באַדאַרפט מער קיין שטראָפערס. שטראָפן קען מען נאָר אַ געזונטן און שטאַרקן, אָבער אַ קראַנקן, שוואַכן און צובראָכענעם מענטשן זאָגט מען ניט קיין מוסר, נאָר מ'טרייסט אים. וואָס אידן האָבן איצט, אין די לעצטע יאָרן פון גלות־בבל, באַדאַרפט איז געווען אַ טרייסטער. אַזאַ נביא מיט אַ נייעם צאַרטן וואָרט פון טרייסט און האָפענונג, אַ נביא וואָס איז געקומען ניט פאָרויסצוזאָגן אַ חורבן, נאָר אָנזאָגן די גאולה, איז געווען דער גרויסער אַנאָנים, וואָס זיינע נביאישע רייד הויבן זיך אָן מיט די ווערטער: „טרייסט, טרייסט מיין פאָלק!"

ירושלים, זאָגט דער דאָזיקער נביא, וועט מער ניט ליגן פאַרוויסט. אמת טאַקע, זי איז געווען אַ זינדיקע שטאָט, ווי ירמיה און יחזקאל האָבן געזאָגט; אָבער זי איז שוין אָפּגעקומען פאַר אַלע זינד, און באַלד הויבט זיך אָן פאַר איר אַ נייע, גליקלעכע צייט:

רעדט צום האַרצן פון ירושלים
און רופט צו איר,
אַז זי האָט געענדיקט איר דינסט,
אַז ס'איז באַצאָלט איר שולד,
אַז זי האָט באַקומען פון גאָט'ס האַנט
טאָפּלט פאַר אַלע אירע זינד.

(מ, 1־2)

דער נביא הערט אַ געהיימע שטים, וואָס באַפעלט צו מאַכן אַ וועג אין מדבר צווישן איראַק און ארץ־ישראל. ער פאַרשטייט תיכף וואָס דאָס באַטייט: דאָס דאַרף זיין אַ וועג פאַר אידן צו גיין פון גלות צוריק אַהיים, קיין ירושלים און די שטעט פון יהודה:

אַ קול רופט:
ראַמט־אָפּ אין מדבר אַ וועג פאַר יהוה,
גלייכט־אויס אין סטעפּ אַ שטעג פאַר אונזער גאָט!

יעטווידער טאָל זאָל דערהויבן ווערן,
און יעטווידער באַרג און הויך זאָל דערנידעריקט ווערן.

דאָס קרומע זאָל ווערן גלייך,
און די באַרגיקע ערטער — אַ פלוין.

(מ, 3־4)

די גאולה ליגט ניט אין דער ווייטער צוקונפט. ניט אין „אחרית הימים", אין סוף פון די טעג, ווען זי קומען, נאָר זי האָלט אָט שוין אין מקוים ווערן. זי שפּראָצט, זי וואַקסט, מ׳קען זי שוין ממש אָננעמען מיט דער האַנט:

דערמאָנט ניט דאָס פריערדיקע,
טראַכט ניט וואָס איז געווען אַמאָל.
אָט טו איך אַ נייעס,
איצט שפּריצט עס אַרויס,
דערקענט איר עס ניט?
יאָ, איך וועל מאַכן אין מדבר אַ וועג,
אין דער וויסטעניש טייכן.

(מ״ג, 18־19)

דער גרויסער אומבאַקאַנטער נביא איז ניט געווען קיין עקסטאַטישער זעער, ווי די נביאים אין די פריערדיקע צייטן, פאַרן גלות; נאָר ער איז גיכער געווען אַ רעליגיעזער דענקער און אַ פּאָלעמיקער, באַשאַנקען דערצו מיט אַן אומגעוויינלעכער פּאָליטישער קראַפט און אַן אומבאַגרענעצטער פאַנטאַזיע.

צוויי געדאַנקען זיינען די הויפּט־טעמע פון זיין בוך. איין געדאַנק איז די איינהייט פון גאָט, און דער אַנדערער איז דער גורל און דאָס שליחות פון דעם אידישן פאָלק צווישן די פעלקער פון דער וועלט. דאָס זיינען צוויי געדאַנקען וואָס אין פלוג זיינען זיי זיך גאָר סותר איינער דעם אַנדערן. אָבער ביי דעם דאָזיקן נביא זיינען זיי צונויפגעשמאָלצן אין איין גאַנצן האַרמאָנישן וועלטבאַנעם.

אין די עלטערע צייטן, פאַרן גלות, האָבן אידן זיך נאָך געראַנגלט מיט דעם גלויבן אין איין גאָט. ערשט אין גלות־בבל איז דער אידישער מאָנאָ־טעאיזם געוואָרן קלאָר און דורכגעטראַכט, און זיין שאַרפסטן און דערהויבנסטן אויסדרוק האָט ער געפונען אין די קלינגענדיקע און זינגענדיקע פערזן פון דעם גרויסן אומבאַקאַנטן נביא.

ניטאָ מער ווי דער איינאיינציקער גאָט. ניטאָ קיין רעטער און קיין העלפער אויסער אים:

אַזוי האָט געזאָגט יהוה, דער קעניג פון ישראל,
און זיין אויסלייזער, יהוה פון די חיילות:
איך בין דער ערשטער און איך בין דער לעצטער,
און אַחוץ מיר איז ניטאָ קיין גאָט.

(מ״ד, 6)

דער נביא מאַכט חוזק פון די איקאָנעס און פון אַלע וואָס בוקן זיך צו זיי. דאָס רעדט ער צו די אידן, וואָס זוכן זיך צו אַסימילירן אין דער היידנישער סביבה און בוקן זיך צו די סטאַטועס פון מאַרדוך און נבו — די הויפּט־געטער פון בבל:

זאָלן אָפּטרעטן אויף צוריק, זאָלן זיך שעמען,
די וואָס פאַרלאָזן זיך אויפן געשניצטן בילד,
די וואָס זאָגן צו געגאָסענע געצן:
איר זייט אונזערע געטער.

(מ״ב, 17; אויך מ, 19־20, מ״א, 6־7; מ״ד, 9־20)

דאָס גאַנצע היידנטום, מיט זיינע סטאַטועס פון די געטער, מיט זיינע מכשפים, טרעפער און שטערנזעער, איז איין גרויסע טיפּשות און פּלוידעריי, איין גרויסער ליגן. דער איינאיינציקער, אמת׳ער גאָט, וועלכער האָט אַליין, ניט בשותפות — פון נאָך אַנדערע געטער, אַלצדינג באַשאַפן, וועט באַלד מאַכן פון דעם אַ תל:

ער פאַרשטערט די צייכנס פון די ליגנערס,
און די וואָרזאָגערס צעדולט ער;
ער קערט אום די חכמים אויף צוריק,
און מאַכט נאַריש זייער וויסן.

(מ״ד, 24־25)

דער איינאיינציקער גאָט איז אויך דער פירער פון דער געשיכטע פון די פעלקער, און דער ציל פון דער וועלטגעשיכטע איז, אַז „פון אויפגאַנג פון דער זון ביז איר אונטערגאַנג זאָל מען וויסן, אַז ניטאָ אויסער מיר, איך בין יהוה, און ניטאָ מער״; אַז „צו מיר זאָל קניִען יעדער קני, זאָל שווערן יעדער צונג״ (מ״ה, 6, 23).

דער נביא איז דורך־און־דורך אַן אוניווערסאַליסט. ער דערוואַרט די באַלדיקע גאולה פאַר אַלע פעלקער פון אַלע לענדער. אַלע וועלן באַלד אָננע־

מען די אידישע אמונה, וועלן אַוועקוואַרפן זייערע פּאַליטעאיסטישע רעליגיעס, און עס וועט זיך אָנהויבן אַ נייע צייט פון רעכט און ישועה פאַר אַלע מענטשן. די וואָלקנס וועלן רעגענען מיט גערעכטיקייט, און פון דער ערד וועט שפּראָצן און וואַקסן יושר (מ״ה, 8).

אָבער ניט געקוקט אויף זיין אוניווערסאַליזם, איז דער אומבאַקאַנטער נביא דאָך פון אָנהויב ביזן סוף נאַציאָנאַל. דער אַלמעכטיקער און אַלוועלט־לעכער גאָט, וועלכער איז דער פירער פון דער וועלטגעשיכטע, האָט אויס־דערוויילט ישראל פאַר זיין קנעכט *) מיט אַ דערהויבענער שליחות צו זיין אַ ליכט פאַר די פעלקער, זיי צו לערנען דעם גלויבן אין איין גאָט:

און דו ישראל מיין קנעכט,
יעקב, וואָס איך האָב דיך אויסדערוויילט,
די אָפּשטאַמערס פון אברהם מיין פריינט;

וואָס איך האָב דיך אָנגענומען פון די עקן ערד,
און פון אירע ווינקלען האָב איך דיך גערופן,
און געזאָגט צו דיר: מיין קנעכט ביזטו,
איך האָב דיך אויסדערוויילט און דיך ניט פאַרוואָרפן.

(מ״א, 8־9)

אָבער אידן האָבן ניט פאַרדינט אַזאַ גרויסקייט צו זיין גאָט׳ס אויסדער־וויילטער קנעכט. זיי האָבן זיך פאַרזינדיקט, און גאָט האָט געבראַכט אויף זיי אַ חורבן און אַ גלות:

ווער האָט איבערגעגעבן צו פּלינדערער יעקב,
און ישראל צו רויבער?
איז עס דען ניט גאָט, וואָס מיר האָבן געזינדיקט צו אים,
און ניט געוואָלט גיין אין זיינע וועגן,
און ניט צוגעהערט זיין לערנונג?

און ער האָט אויסגעגאָסן אויף אים זיין גרימצאָרן,
און דאָס געוואַלט פון מלחמה;
און עס האָט אים אַרומגעכאַפּט מיט אַ פייער,
און ער האָט ניט באַמערקט,

---

*) „עבד המלך״, דעם קעניג׳ס קנעכט, באַדייט אין תנ״ך דעם קעניג׳ס ליבלינג, זיין מיניסטער אָדער אַדיוטאַנט. זעט שמואל א, כ״ט, 3; שמואל ב, ט״ו, 34; מלכים ב, כ״ב, 12, כ״ה, 8. דיזעלביקע באַדייטונג האָט „עבד״ אויך אויף די זיגלען וואָס מ׳האָט אויסגע־גראָבן אין ארץ־ישראל פון די תנ״ך־צייטן, ווי: „לשמע עבד ירבעם״, „לשבניהו עבד עוזיהו״, „לאביהו עבד עוזיהו״. אויך „עבד יהוה״ באַדייט: גאָט׳ס ליבלינג, זיין וויזיר, זיין אַדיוטאַנט.

און אים געברענט,
און ער האָט זיך ניט גענומען צום האַרצן.

(מ״ב, 24־25)

אָט דאָס אַלץ געהערט שוין צו דער פאַרגאַנגענהייט. גאָט האָט אָפּגעווישט די אידישע זינד און וויל זיי מער ניט דערמאָנען:

איך האָב אָפּגעווישט ווי אַ כמאַרע דיינע פאַרברעכנס,
און ווי אַ וואָלקן דיינע זינד;
קער זיך אום צו מיר,
וואָרים איך האָב דיך אויסגעלייזט.

(מ״ד, 22)

גאָט אַליין איז דער אויסלייזער פון ישראל, און כורש איז אַ ווערקצייג אין זיין האַנט צו ברענגען די גאולה. שוין לאַנג פאַרויס האָט גאָט באַשטימט, אַז כורש זאָל באַזיגן די פעלקער, זאָל איינגעמען בבל און זאָל באַפרייען די פאַרטריבענע אידן פון זייער גלות:

אַזוי האָט געזאָגט גאָט צו זיין געזאַלבטן, צו כורש׳ן,

וואָס איך האָב אים אָנגענומען ביי דער רעכטער האַנט
צו אונטערוואַרפן אונטער אים פעלקער,
צו עפענען פאַר אים טירן,
און טויערן זאָלן ניט בלייבן פאַרשלאָסן.

איך גיי פאַר דיר פאַרויס,
און מאַך גלייך די קרומע וועגן;
בראָנזענע טירן צעברעך איך,
און אייזערנע ריגלען צעהאַק איך.

צוליב דעם קנעכט מיינעם, יעקב,
און צוליב ישראל, מיין אויסדערוויילטן,
האָב איך דיך גערופן ביי דיין נאָמען,
דיך באַטיטלט, הגם דו קענסט מיך ניט.

איך האָב אים דערוועקט מיט גערעכטיקייט,
און אַלע זיינע וועגן וועל איך אויסגלייכן;

ער וועט בויען מיין שטאָט,
און מיינע פאַרטריבענע וועט ער אַרויסלאָזן.

(מ״ה, 1־2, 4, י״ג)

אָבער וועלן די פאַרטריבענע אידן האָבן חשק און מוט צו גיין צוריק אין

דער אַלטער היים? דער נביא דערמוטיקט און רופט זיי צו פאַרלאָזן בבל. זאָל מען זיך ניט שרעקן פאַר דער היץ און דער שרעקעניש פון די מדבריות צווישן בבל און ארץ־ישראל. ווי אין די אוראַלטע צייטן, אַרויסגייענדיק פון מצרים, אַזוי אויך איצט, אַרויסגייענדיק פון בבל, וועט גאָט מאַכן, אַז עס זאָל זיך אין מדבר גיסן וואַסער פון אַ פעלז:

גייט אַרויס פון בבל, אַנטלויפט פון די כשדים!
מיט אַ קול פון געזאַנג זאָגט עס און לאָזט עס הערן.
טראָגט עס פונאַנדער ביזן ענד פון דער ערד.
זאָגט: גאָט האָט אויסגעלייזט זיין קנעכט יעקב.

זיי האָבן ניט געדאָרשט ווען ער האָט זיי דורך וויסטענישן געפירט.
וואַסער פון פעלז האָט ער געמאַכט רינען פאַר זיי.
ער האָט געשפאָלטן דעם פעלז,
און וואַסער האָט זיך געגאָסן.

זיי וועלן ניט הונגערן און ניט דאָרשטן,
און עס וועט זיי ניט פלאָגן די היץ און די זון,
וואָרים זייער דערבאַרעמער וועט זיי באַגלייטן,
און ביי קוואַלן וואַסער וועט ער זיי פירן.

(מ״ח, 20־21; מ״ט, 10)

די וויזיע פון אַ נייער ירושלים אין דעם בוך פון גרויסן אומבאַקאַנטן נביא

מער ווי אַלץ פאַרכאַפּט אונז היינט אין דעם בוך פון גרויסן אומבאַקאַנטן נביא זיין וויזיע פון אַ נייער ירושלים. עס איז אַ פאַנטאַסטיש בילד וואָס ער זעט און מאָלט, אַן אוטאָפּיע, אָבער אַן אַנדער סאָרט אוטאָפּיע ווי יחזקאל׳ס. ער לאָזט זיך ניט אַריין אין פרטים פאַר דער צוקונפט. ער מעסט ניט מיט קיין מעסטשנור די נייע ירושלים. פאַר אַ נייעם בית־המקדש האָט ער איבערהויפּט גאָר קיין אינטערעס ניט. עס קימערט אים אויך ניט די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אָרדענונג אין דער נייער אידישער מדינה — ווער עס וועט זיין איר הויפּט און ווי דער באָדן וועט זיין פאַרטיילט. אַנדערש ווי יחזקאל, פאַרנעמט זיך ניט דער אומבאַקאַנטער נביא מיט אַזעלכע פּראַקטישע ענינים. אין זיין צעפלאַמטער פאַנטאַזיע זעט ער בלויז איין בילד: אַ נייע, וואונדערלעכע ירושלים פול מיט אידן, וואָס האָבן זיך אין איר צונויפגעזאַמלט פון אַלע עקן וועלט, פון אַלע לענדער און אַלע פעלקער. מיט אַ געוואַלדיקער

פּאָעטישער קראַפט און מיט אַן אומבאַגרענעצטער באַגייסטערונג מאָלט ער פאַר אונז דאָס דאַזיקע בילד אין זיינע ציון־לידער. ער מאָלט עס ווי דאָס וואָלט געווען אַ ווירקלעכקייט, ווי ער וואָלט עס ממש געזען מיט זיינע אייגענע אויגן.

מיר האָבן אין די דאָזיקע ציון־לידער אַ שלל מיט דראַמאַטישע סצענעס, בילדער און דיאַלאָגן. מיר הערן דאָ ווי עס רעדן: גאָט און זיין נביא, ירושלים און אירע פאַרטריבענע קינדער. מיר קענען דאָ געבן נאָר עטלעכע פראַגמענטן פון דעם.

אָט זעען מיר אַ סצענע. ירושלים, פערזאָניפיצירט ווי אַ פרוי, ווי אַ מאַמע וואָס האָט פאַרלאָרן אירע קינדער, ליגט אַ גע'חלש'טע. זי איז באַ־טויבט פון אַ גיפטיקן געטראַנק, וואָס גאָט האָט איר געגעבן אויסצוטרינקען. דער נביא וועקט און מונטערט זי. ער זאָגט איר, אַז זי וועט שוין מער ניט טרינקען פון דעם דאָזיקן גרימצאָרנדיקן כוס. גאָט וועט עס איצט אַריינטאָן אין דער האַנט פון אירע פיינט, אירע פייניקער, און זי, די הייליקע שטאָט, וועט זיך באַפרייען פון די שטריק, וואָס זי האָט געטראָגן אויף איר האַלז ווי אַ געפאַנגענע, און וועט זיך ווידער אָנטאָן אירע פּראַכטיקע קליידער:

דערוועק דיך, דערוועק דיך, שטיי אויף, ירושלים,
וואָס דו האָסט געטרונקען פון גאָט'ס האַנט
דעם כוס פון זיין גרימצאָרן,
געטרונקען און אויסגעזויגן דעם בעכער פון באַטויבונג.

ניטאָ ווער זאָל זי פירן
פון אַלע זין וואָס זי האָט געבוירן,
און ניטאָ ווער זאָל האַלטן איר האַנט
פון אַלע זין וואָס זי האָט אויפגעהאָדעוועט.

די ביידע האָבן דיך געטראָפן —
ווער באַדויערט דיך?
פאַרוויסטונג און בראָך, הונגער און שווערד —
ווער טרייסט דיך?

דיינע זין ליגן גע'חלש'טע אין די עקן פון אַלע גאַסן,
ווי אַ ווילד־אָקס אין נעץ;
פול מיט דעם גרימצאָרן פון יהוה,
מיט דעם אָנגעשריי פון דיין גאָט.

דעריבער, הער דאָס צו, דו עלנטע,
וואָס איז פאַר'שיכור'ט, אָבער ניט פון ווייַן;
אַזוי האָט געזאָגט דיין האַר יהוה,
דיין גאָט וואָס נעמט זיך אָן פאַר זיין פאָלק:

זע, איך האָב אַוועקגענומען פון דיין האַנט דעם כוס פון באַטויבונג,

דעם בעכער פון מיין גרימצאָרן וועסטו מער ניט טרינקען.
און איך וועל עס אַריינטאָן אין דער האַנט פון דיינע פייניקער,
וואָס האָבן געזאָגט צו דיר: „בייג זיך איין און מיר וועלן אַריבערגיין!"
און דו האָסט געמאַכט ווי די ערד דיין רוקן,
ווי אַ גאַס פאַר דורכגייער.

וואַך־אויף, וואַך־אויף,
טו־אָן דיין שטאַרקייט, ציון;
טו־אָן דיינע פּראַכטיקע קליידער,
ירושלים, דו הייליקע שטאָט!
וואָרים עס וועט מער ניט קומען אין דיר
קיין ערל און קיין טמא.

שאָקל דיך אָפּ פון דעם שטויב,
שטיי־אויף, געפאַנגענע ירושלים;
מאַך זיך לויז די שטריק פון דעם האַלדז,
געפאַנגענע טאָכטער ציון!

(נ"א, 17 — נ"ב, ב)

מיר בלעטערן דאָס בוך אַ שטיקל אויף צוריק, און מיר לייענען אַן אַנדער ציון־ליד. דאָ זעען מיר ניט קיין סצענע. מיר הערן נאָר ווי מ'רעדט. עס איז אַ דיאַלאָג צווישן גאָט און ירושלים, וואָס ווערן דאָ פּערזאָניפיצירט ווי מאַן און ווייב, ווי אַ טאַטע און אַ מאַמע. ירושלים ווערט דאָ פאַרגעשטעלט ווי אַ מוטער, וואָס האָט אָנגעוואוירן אירע קינדער און איז אַ פאַרלאָזענע פון איר מאַן. (אויך אין מדרש איכה ווערט ציון פאָרגעשטעלט ווי אַ פרוי אָנגעטאָן אין שוואַרצן, וואָס טרויערט אויפן טויט פון אירע זיבן זין.):

און ציון האָט געזאָגט:
פאַרלאָזן האָט מיך יהוה,
און גאָט האָט פאַרגעסן אָן מיר.

גאָט ענטפערט ציון, אַז ער האָט ניט פאַרגעסן, אַז זיין ליבשאַפט צו איר איז נאָך שטאַרקער ווי די ליבשאַפט פון אַ מוטער צו איר קליין קינד. דער פּלאַן פון דעם נייעם מויער, וואָס וועט געבויט ווערן אַרום איר, איז טאַטואירט אויף זיינע האַנטפלאַכן און ער האַלט עס שטענדיק פאַר זיינע אויגן:

קען אַ פרוי פאַרגעסן איר ברוסטקינד,
קיין רחמנות ניט צו האָבן אויף דעם זון פון איר לייב?
אַפילו ווען אָט־די זאָלן פאַרגעסן,
וועל איך אָבער דיך ניט פאַרגעסן.

זע! אויף די האַנטפלאַכן האָב איך דיך אויסגעקריצט,
דיינע מויערן זיינען שטענדיק פאַר מיר.

איצט נעמט דער נביא דאָס וואָרט. ער זאָגט אָן ציון די גוטע בשורה, אַז אירע קינדער איילן זיך צו קומען צוריק צו איר; און אַז אירע צעשטערער און פאַרוויסטער, די באַאַמטע און די סאָלדאַטן פון די כשדים, וועלן באַלד אַרויס פון איר. אַזויפיל אידן וועלן קומען זיך באַזעצן אין דער נייער ירושלים, אַז עס וועט דאָרטן ניט זיין גענוג פּלאַץ פאַר זיי. דער נביא זאָגט איר פאַרויס, אַז זי, די מוטער ציון, וועט זיין געפּלעפט, ווען זי וועט זען ווי עס קומען צו איר אַזויפיל אידן געבוירענע און אויפגעוואַקסענע אין אַ פרעמדן לאַנד. זי וועט פרעגן צי דאָס זיינען טאַקע אירע קינדער, אָדער קינדער פון אַן אַנדער מוטער:

עס קומען איילִיק דיינע קינדער,
עס גייען אַרויס פון דיר דיינע צעשטערער און פאַרוויסטער.

הויב־אויף דיינע אויגן אַרום דיר און זע:
אַלע האָבן זיי זיך איינגעזאַמלט און קומען צו דיר.
אַזוי ווי איך לעב, זאָגט גאָט,
אַז דו וועסט זיי אַלע אָנטאָן ווי אַ צירונג,
און זיי אַרומבינדן ווי אַ כלה.

וואָרים דיינע חורבות און דיינע וויסטענישן,
און דיין לאַנד דאָס צעשטערטע —
איצט וועסטו ענג ווערן פון איינוואוינער,
און עס וועלן דערווייטערט זיין דיינע פאַרטיליגערס.

דיינע אַנגעוואוירענע קינדער וועלן נאָך זאָגן אין דיינע אויערן:
ענג איז מיר דאָס אָרט,
רוק דיך אַוועק, איך זאָל קענען וואוינען.

און דו וועסט זאָגן אין דיין האַרצן:
ווער האָט מיר די דאָזיקע געבוירן?
איך בין דאָך אָן קינדער, עלנט,
פאַרטריבן און געפאַנגען *),
און אָט־די ווער האָט אויפגעהאָדעוועט?
איך בין דאָך געבליבן אַליין,
אָט־די — פון וואַנען זיינען זיי?

עס שעפּט זיך ניט אויס ביי דעם נביא די דאָזיקע באַליבטע טעמע זיינע: דער צוריקקער פון די צעשפּרייטע אידן. אָט זעט ער איז זיין פאַנטאַזיע ווי

*) סורה־אסורה (עהרליך). איפה־מאיפה (רד"ק).

די פעלקער, וואָס אידן זיינען אין זיי צעשפּרייט, טראָגן די אידישע זין און טעכטער אויף דער פּלייצע און אין בוזעם פון מאַנטל, אַזוי ווי מ׳פלעגט טראָגן אַן עופעלע אין יענע צייטן, און ברענגען זיי קיין ציון:

זע, איך הויב־אויף צו די פעלקער מיין האַנט,
און צו די אומות שטעל איך אויף מיין פאַן,
און זיי וועלן ברענגען דיינע זין אין בוזעם,
און דיינע טעכטער וועלן געטראָגן ווערן אויפן פּלייצע.

(מ״ט, 14־22)

אַ שליח לויפט איליק איבער די ארץ־ישראל׳דיקע בערג. ער לויפט צו ירושלים צו מיט דער בשורה פון גאָט׳ס ישועה: אַז אָט קומען צו איר צוריק די אידן פון די גלות־לענדער, אַז זיי מאַרשירן און גאָט גייט זיי פאָרויס ווי זייער פירער. די וועכטערס אויף די טורעמס זיינען די ערשטע דאָס צו זען, און עס ברעכט־אויס ביי זיי אַ שטורעמדיקע פרייד, ווען פאַר זייערע אויגן קערט זיך גאָט אום קיין ציון. דערזעען עס די חורבות פון ירושלים, און זיי זינגען אַלע אינאיינעם דאָס געזאַנג פון דער גאולה. די צוקוקער פון דער דאָזיקער היסטאָרישער דראַמע זיינען די פעלקער פון דער וועלט. זיי קוקן און גאַפן ווי גאָט האָט אַנטבלויזט זיין הייליקן אָרעם צו ווייזן אַלעמען זיין מאַכט:

ווי שיין זיינען אויף די בערג
די פיס פון דעם אַנזאָגער
וואָס לאָזט הערן שלום,
וואָס זאָגט־אָן גוטס,
וואָס לאָזט הערן הילף,
וואָס זאָגט צו ציון:
עס קעניגט דיין גאָט!

האָרך! דיינע וועכטערס הויבן־אויף זייער קול,
זיי זינגען אינאיינעם,
וואָרים אויג־אין־אויג זעען זיי
ווי גאָט קערט זיך אום קיין ציון.

זינגט און יובלט אינאיינעם,
איר חורבות פון ירושלים!
וואָרים גאָט האָט געטרייסט זיין פאָלק,
ער האָט אויסגעלייזט ירושלים.

גאָט האָט אַנטבלויזט זיין הייליקן אָרעם
פאַר די אויגן פון אַלע פעלקער,

און אַלע עקן פון דער ערד וועלן זען
די ישועה פון אונזער גאָט.

(נ״ב, 7־10)

די נייע ירושלים וועט זיין פון איניווייניק און פון אויסנווייניק אַ געטלעכע שטאָט. זי וועט געבויט ווערן פון בוימייסטערס, וואָס האָבן געלערנט די בויקונסט ניט פון מענטשן, נאָר פון גאָט אַליין. דער מויער אַרום שטאָט וועט גלאַנצן פון ווייטן מיט זיינע פּראַכטיקע קאָלירן, ווייל אַלץ אין אים — די פונדאַמענטן, די טויערן און די טורעמשפּיצן — וועט זיין געמאַכט פון טייערע, קאָלירטע איידלשטיינער. איניווייניק אין שטאָט וועט הערשן אַ ניי לעבן. עס וועט דאַרטן ניט זיין מער קיין שום אונטערדריקונג און קיין שום שרעק, נאָר די גאַנצע שטאָט וועט זיין פול מיט גערעכטיקייט, פרידן און גליק:

דו עלנטע, געטריבענע פון שטורעם,
דו ניט־געטרייסטע,
זע, איך פּאַס־איין דיינע שטיינער אין שטאַראַגדן,
און לייג דיינע פונדאַמענטן אין סאַפּירשטיינער.

און איך מאַך דיינע טורעמשפּיצן פון רובין,
און דיינע טויערן פון גאַרפינקלשטיינער,
און דיין גאַנצע איינפאַסונג פון איידלשטיינער.

און אַלע דיינע בויער זיינען געלערנטע פון גאָט,
און גרויס איז דאָס גליק פון דיינע קינדער.

אויף גערעכטיקייט וועסטו זיין אויפגעשטעלט,
דו וועסט זיין וויט פון אונטערדריקונג,
וועסט פאַר קיינעם קיין מורא ניט האָבן,
אויך ניט פון אַ בראָך,
וואָרים דאָס וועט ניט קומען נאָענט צו דיר.

(נ״ד, 11־14)

די נייע ירושלים, וואָס יחזקאל און דער גרויסער אַנאָנים מאָלן פאַר אונז מיט זייער נביאישער וויזיע, איז גאָט׳ס שטאָט אין דעם דערהויבענסטן זינען. זי איז שוין כמעט די „ירושלים של מעלה״, די ירושלים פון הימל, וואָס מיר טרעפן אין גמרא און, נאָך פריער, אין די אַפּאָקריפישע ביכער. *)

*) די אידישע ספרים וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אין די צייטן פון צווייטן בית־המקדש און זיינען ניט אַריינגענומען געוואָרן צווישן די הייליקע ספרים פון תנ״ך.

די „ירושלים של מטה“, די ערדישע ירושלים, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן נאָכן גלות־בבל, האָט געהאַט אַ גאַנץ ווייטע שייכות צו דער אידעאַלער, הימלדיקער ירושלים, וואָס יחזקאל און דער גרויסער אומבאַקאַנטער נביא האָבן איז זייער וויזיע פאַרויסגעזען. אָבער אָן דער וויזיע פון דער אידעאַלער, הימלדיקער ירושלים וואָלט ניט געווען קיין שיבת־ציון נאָכן גלות־בבל און קיין אויפבוי פון אַ נייעם אידישן המשך.

עס איז ניט געווען קיין גרינגע זאַך פאַר 42 טויזנט אידן צו וואַנדערן פון בבל דורך מדבריות קיין ירושלים. עס האָט זיך געפאָדערט פאַר דעם דער רוף פון אַ ברויזנדיקן ענטוזיאַסט, פון אַ גרויסן וויזיאָנער, אַזאַ ווי עס איז געווען דער גרויסער אומבאַקאַנטער נביא.

די תקופה „שיבת־ציון“

מיר האָבן דאָ ביז אַהער געגעבן אַן איבערבליק איבער דער געשיכטע פון ירושלים ווי אַ הייליקע שטאָט ביי אידן ביז נאָכן גלות־בבל. דאָס איז געווען אַ היסטאָרישער אַריינפיר צו דער טעמע שיבת־ציון. איצט קומען מיר צו דער טעמע גופא.

די צייט פון שיבת־ציון — די הונדערט יאָר פון דעם סוף גלות־בבל ביז דער גרינדונג פון דער באַנייטער אידישער געמיינדע אין ירושלים דורך עזרא און נחמיה — איז די וויכטיקסטע תקופה אין דער גאַנצער געשיכטע פון אידישן פאָלק. אָבער ווי וויכטיק יענע עפּאָכע איז, אַזוי ניט קלאָר, אַזוי נעפּלדיק איז זי. עס איז געבליבן זייער ווייניק היסטאָרישע מאַטעריאַלן פון יענער צייט. פון אַ סך געשעענישן האָבן מיר ניט מער ווי אַ רמז. בפירוש ווערט וועגן זיי ניט דערציילט. אַ סך פּעריאָדן אין יענע הונדערט יאָר זיינען לגמרי אַ ווייס בלאַט. מיר הערן ווי עס גייען אַוועק צענדליקער יאָרן, שטילע יאָרן, אַזוי ווי עס וואָלט אין זיי לחלוטין גאָרנישט פּאַסירט און גאָרנישט זיך געענדערט אין אידישן לעבן. אויך ניט אַלץ וואָס ווערט דערציילט וועגן דער און יענער גרויסער געשעעניש איז קלאָר און זיכער ווען און ווי אַזוי דאָס איז געשען. די ביכער עזרא און נחמיה, דער הויפּט־קוואַל פאַר דער אידישער געשיכטע פון יענער צייט, זיינען פול מיט סתירות און שטאַרק צעפּלאָנטערט. עס איז לייכט צו זען, אַז ס'איז ניטאָ אין זיי קיין ריכטיקער המשך, אַז די קאַפּיטלען שטייען ניט אומעטום אויפן ריכטיקן פּלאַץ, אַז זיי האָבן ניט קיין ריכטיקן כראָנאָלאָגישן סדר.

שוין מער ווי אַ האַלבער יאָרהונדערט ווי די קריטישע תנ"ך־פאָרשער

זיינען פאַרנומען מיט דער פאָרשונג פון דער דאָזיקער תקופה אין דער אידי־שער געשיכטע און זוכן זיך אין איר פונאַנדערצוקלייבן. די געשעענישן פון יענער צייט שטייען שוין היינט פיל קלאָרער פאַר אונז. אַ נייַ ליכט אויף דער תקופה האָבן געוואָרפן אויך די אַרכעאָלאָגישע אַנטדעקונגען, די נייע היס־טאָרישע מאַטעריאַלן, וואָס מ׳האָט אויסגעגראָבן פון יענער צייט.

מיר דאָ, אַז מיר באַנוצן זיך מיט די נייע פאָרשונגען און אַרכעאָלאָגישע אַנטדעקונגען, דאַרפן זיך ניט פיל פאַרנעמען מיט די פאַרשיידענע סברות און פלוגתא׳ס פון די תנ״ך־פאָרשער. וואָס אונז אינטערעסירט דאָ איז דער עצם־ענין פון דער „ערשער שיבת־ציון״ — ווי אַזוי די הייליקייט פון ירושלים און די בענקשאַפט נאָך איר פון די פאַרטריבענע אידן האָט געבראַכט צו דעם, אַז דאָס וואָס האָט אויסגעזען ווי דער סוף — דער צוזאַמענבראָך פון דער אידישער מלוכה און די פאַרטרייבונג אין לאַנד פון דעם פיינט — זאָל ווערן אַ נייער אָנהויב, אַ נייער המשך פון אידישן פאָלק.

איין זאַך איז זיכער און מוז שוין דאָ פאָרויס געזאָגט ווערן: דער דאָזיקער היסטאָרישער פּראָצעס האָט זיך געצויגן זייער לאַנג, אַרום הונדערט יאָר, און דאָס איז געווען פאַר אידן אַ צייט פון גרויסע און ליכטיקע האָפענונגען און אויך פון גרויסע און שווערע אַנטוישונגען. די אַנטוישונגען זיינען מיט דער צייט פאַרגעסן געוואָרן, אָבער די האָפענונגען זיינען קיינמאָל ניט פאַרלאָשן געוואָרן. זיי האָבן ניט אויפגעהערט טליען אין אידישע הערצער פון יענע צייטן אָן ביזן היינטיקן טאָג.

כורש און דער אָנהייב פון שיבת־ציון

די הונדערט יאָר שיבת־ציון דאַרפן איינגעטיילט ווערן אין עטלעכע פּער־יאָדן. דער ערשטער פעריאָד נעמט־אַריין אַכצן יאָר, פון דעם יאָר 538 (פאַר דער אָנגענומענער צייטרעכענונג), ווען כורש האָט איינגענומען בבל, ביז דעם יאָר 520, דעם צווייטן יאָר פון דריוש. לאָמיר דאָ זען וואָס מיר ווייסן יאָ אויף זיכער און וואָס מיר ווייסן ניט פון די געשעענישן אין אידישן לעבן אין יענע אַכצן יאָר.

כורש האָט פון לכתחילה־אָן אָנגעשטעלט זיין אימפּעריע אויפן יסוד פון רעליגיעזער אויטאָנאָמיע פאַר די פעלקער וואָס ער האָט איינגענומען. די מלוכות פון אַשור און בבל האָבן געזוכט צו באַפעסטיקן זייער איבערהערשאַפט דורכן צעדריקן די איינגענומענע פעלקער אַזוי פולשטענדיק, אַז זיי זאָלן מער ניט האָבן קיין שום מעגלעכקייט זיך צו שטעלן אַנטקעגן און צו רעוואָלטירן.

כורש׳עס פּאָליטיק איז געווען פונקט פאַרקערט: צו געבן אינערלעכע פרייהייט אַלע פעלקער פון זיין אימפּעריע, און ביי דעם דאָזיקן פּרינציפּ האָבן זיך גע־האַלטן אַלע זיינע נאָכפאָלגער.

אין אַן אויפשריפט, וואָס מ׳האָט אויסגעגראָבן פון כורש׳ן, רימט ער זיך, אַז די געטער און די פעלקער, וואָס זיינען געווען צונויפגעזאַמלט אין בבל, האָט ער צוריקגעשיקט אין זייערע טעמפּלען און זייערע אַלטע היימען. אַזוי ווי אידן האָבן ניט געהאַט קיין בילדער פון גאָט, קיין געצן, האָט כורש דערפאַר צוריקגעשיקט קיין ירושלים די הייליקע כלים פון בית־המקדש.

אַחוץ וואָס כורש איז בכלל געווען פריינטלעך צו די באַהערשטע פעלקער, האָט ער געהאַט אַ באַזונדערן גרונט אַרויסצואווייזן זיין לייטזעליקייט צו אידן, דערפאַר וואָס ער האָט שוין דעמאָלט געהאַט אין זינען איינצונעמען מצרים, אַן אונטערנעמונג וואָס זיין זון און נאָכפאָלגער, קאַמביז, האָט דורכ־געפירט. פאַר דעם דאָזיקן צוועק איז נייטיק געווען די געטריישאַפט פון די איינוואוינער אין ארץ־ישראל. דער קאָנפליקט צווישן מזרח און מערב, אין וועלכן די אידישע מלוכה איז צעדריקט געוואָרן, האָט איצט געווירקט לטובה פון די אידן. אַחוץ אין ארץ־ישראל און אין בבל זיינען דעמאָלט געווען אַ סך אידן אויך אין מצרים. עס האָט זיך דערפאַר געלוינט כורש׳ן צו זיין גוט צו אידן.

כורש האָט איבערגעגעבן די הייליקע כלים צו ששבצר (שעשבאַצאַר), ער זאָל זיי ברענגען קיין ירושלים. אַזוי ווערט דערציילט אין עזרא אין צוויי שטעלן. אין איין שטעל ווערט דער דאָזיקער ששבצר אָנגערופן „נשיא" (פירשט) פון יהודה און אין דעם אַנדערן שטעל איז זיין טיטול „פּחה" (פּעכאַ, גובערנאַטאָר, עזרא א, 2; ה, 14). ווער ששבצר איז געווען, ווי זיין פאָטער האָט געהייסן — ווערט ניט אָנגעגעבן. מיר ווייסן אויך נישט וואָס מיט אים איז געשען נאָכדעם ווי ער איז געקומען אין ירושלים. מיר ווייסן נאָר, אַז אַכצן יאָר שפּעטער, אין צווייטן יאָר פון דריוש, ווען מ׳הויבט אָן בויען דעם צווייטן בית־המקדש, איז דער פּחה אין יהודה שוין ניט מער ששבצר, נאָר זרובבל. איין זאַך איז זיכער: אַז ששבצר איז ניט אידענטיש מיט זרובבל, ווי מ׳האָט אַמאָל געמיינט. וואָריםביידע נעמען זיינען ניט קיין העברעאישע, נאָר בבלי׳שע. אַ איד האָט דעמאָלט געמעגט האָבן איין נאָמען אַ העברעאישן און איינעם אַ בבלי׳שן, ווי דאָס ווערט דערציילט אין דער מעשה פון דניאל׳ן און זיינע דריי חברים (דניאל א, 7). אָבער דערזעלביקער מענטש האָט ניט געקענט טראָגן צוויי פאַרשיידענע בבלי׳שע נעמען. צווייטנס, אונטער דריוש׳ן, ווען דער בית־המקדש איז שוין געווען ווייט אַריינגעבויט און דער סאַטראַפּ

פון סיריע קומט קיין ירושלים און פרעגט די אידישע פאַרשטייער ווער עס האָט זיי דערלויבט עס צו בויען, זאָגן זיי אים ניט, אַז כורש האָט עס געהייסן זרובבל׳ען טאָן, נאָר זיי פאַררופן זיך אויף אַ באַפעל פון כורש׳ן צו ששבצר׳ן (עזרא, ה, 14).

פון אַלע השערות און סברות וועגן ששבצר׳ן איז נאָך אַלץ די בעסטע די טעאָריע, אַז ששבצר איז אידענטיש מיט שנאצר, דעם פערטן זון פון דעם מלך יהויכין (ששבצר־שנבצר־שנאצר, דברי הימים א, ג, 18). די פּערסער האָבן גערן אַוועקגעזעצט היימישע פּרינצן פאַר גובערנאַטאָרן אין די איינגע־נומענע לענדער. יהויכין איז שוין געווען טויט, האָבן זיי באַשטימט זיינעם אַ זון פאַר פּחה אין יהודה. פאַרוואָס זיי האָבן אויסגעקליבן פאַר דעם אַמט יהויכינ׳ס פערטן זון און ניט דעם עלטסטן, שאלתיאל׳ן, זרובבל׳ס פאָטער, קענען מיר ניט וויסן.

ששבצר איז לכל־הדעות געווען און געבליבן אַ בלאַסע פיגור, אָן אַ וויכ־טיקער ראָלע אין דער אידישער געשיכטע. ער האָט ווינציק־וואָס אויפגעטאָן. עס ווערט דערציילט, אַז דער דאָזיקער ששבצר האָט „געלייגט דעם פונדאַ־מענט פון גאָט׳ס הויז אין ירושלים" (עזרא ה, 16). אָבער אין חגי און זכריה הערן מיר, אַז ערשט אַכצן יאָר שפּעטער, אין צווייטן יאָר פון דריוש׳ן, האָט זרובבל געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר דעם צווייטן בית־המקדש. ששבצר׳ס פונדאַמענט איז אפנים געווען אַזוי קליין און מינדערווערטיק, אַז אין פאַרלויף פון אַכצן יאָר איז פון אים ווינציק־וואָס געבליבן און מ׳האָט געמוזט לייגן אַ נייעם פונדאַמענט. עס זעט אויס פון חגי און זכריה, אַז אין יענעם פּעריאָד, פאַר דריוש׳ן, זיינען די אידן אין יהודה געווען אָרעם און געדריקט עקאָנאָמיש און האָבן ניט פאַרמאָגט די מיטלען פאַר אַזאַ גרויסער אונטערנעמונג ווי בויען אַ נייעם בית־המקדש (חגי, א, 6, 10־11; ב, 15־19; זכריה, ח, 10־12).

אָבער אָרעמקייט איז ניט געווען די איינציקע סיבה פאַרוואָס עס איז אונטער כורש׳ן כמעט גאָרנישט געטאָן געוואָרן פאַר דעם אויפבוי פון אַ נייער ירושלים. אָבער פריער מוזן מיר באַהאַנדלען די עיקר׳דיקע פראַגע: דער צוריקקער פון די גלות־אידן.

דאָ איז חיים שויס געבליבן אין זיין אַרבעט „שיבת־ציון".

דער טויט האָט דאָ פאַרענדיקט שויס׳עס שעפעריש לעבן.

דער אָנהייב פון אידישן גלות

דער באַטייט פון דעם וואָרט גלות האָט זיך געביטן במשך פון דער צייט. אין תנ״ך מיינט עס: פאַרטרייבן ווערן מיט געוואַלד, אין אַ פרעמדן לאַנד. שפּעטער, ווען דער רוב פון אידישן פאָלק האָט געלעבט צעשפּרייט איבער דער וועלט, האָט גלות מער ניט געמיינט — צו ווערן פאַרטריבן, נאָר צע־שפּרייט זיין איבער די לענדער פון דער וועלט מחוץ ארץ־ישראל. אין מיטל־אַלטער און אין אַנדערע צייטן האָט גלות געקראָגן נאָך אַנדערע באַדייטונגען.

דעם באַטייט פון צעשפּרייטקייט האָט דאָס וואָרט גלות אין תלמוד און אין מדרש. אין תלמוד ווערט דערציילט ווי רבן גמליאל איז געזעסן אויף אַ טרעפּ אויפן הר־הבית און לעבן אים איז געשטאַנען יוחנן סופר, דער סעקרע־טאַר פון סנהדרין, מיט דריי אָפּגעשניטענע שטיקער פּאַפּירוס. און רבן גמליאל האָט אים דיקטירט דריי צירקולאַרן: איינעם „צו אונזערע ברידער פון גליל״, אַ צווייטן „צו אונזערע ברידער פון דרום״ און אַ דריטן „צו אונזערע ברידער פון גלות בבל, פון מדי און פון די אַנדערע גלותן פון ישראל״. אין די דאָזיקע צירקולאַרן לאָזט רבן גמליאל וויסן אַלע אידן אין די ווייטע לענדער, אַז דאָס יאָר איז אַן עיבור־יאָר (סנהדרין י״א). גלות באַטייט דאָ: אידישע קהילות אין אַנדערע לענדער מחוץ ארץ־ישראל.

דעם אייגענעם באַטייט האָט אויך געהאַט דאָס וואָרט גלות אין דעם טיטול „ריש גלותא״, וואָס עס האָט געטראָגן דער אידישער פירשט, דער פּאָליטישער פאָרשטייער פון די אידן אין בבל. נאָכן ערשטן חורבן ירושלים זיינען אידן געווען אין בבל אין גלות, ווייל נבוכדנצר האָט זיי אַהין פאַרטריבן. אָבער נאָכן צווייטן חורבן האָט מען אידן ניט פאַרטריבן קיין בבל, נאָר זיי האָבן זיך אַליין, מיטן אייגענעם ווילן, דאָרטן באַזעצט אין גרויסע צאָלן, ווייל אין ארץ־ישראל איז דער אידישער מצב געווען זייער אַ שלעכטער. נאָך בר־כוכבאָס אויפשטאַנד איז בבל געוואָרן די נייע אידישע היים, וואו אידן זיינען אַנטלאָפן פון די רדיפות און נויטן אין ארץ־ישראל, אונטער דער רוימישער הערשאַפט. „ריש גלותא״ האָט, בכן, באַטייט ניט דער הויפּט פון אידן וואָס זיינען אין גלות, וואָס האָבן געלעבט אין עלנט אין אַ פרעמד לאַנד, נאָר דער הויפּט פון די אויטאָנאָמע אידישע קהילות אין בבל.

וואָס איז שייך גלות, אין דעם זינען פון פאַרטריבן ווערן אין אַ פרעמד לאַנד, ווייסן מיר גענוי ווען די אידישע גלותן זיינען פאָרגעקומען, ווען די

מלכים פון אַשור און פון בבל האָבן פאַרטריבן אַ צאָל אידן פון ארץ־ישראל. אָבער דאָס אידישע פאָלק, וואָס לעבט שוין אַזוי לאַנג צעשפּרייט איבער דער וועלט, שטאַמט ניט פון יענער קליינער צאָל אידן, וואָס איז פאַרטריבן געוואָרן פון ארץ־ישראל, נאָר פון די גרויסע מאַסן, וואָס האָבן פרייוויליק עמיגרירט פון ארץ־ישראל און זיך באַזעצט אין אַנדערע לענדער.

ווען מיר רעדן דאָ וועגן דעם אָנהייב פון אידישן גלות, באַנוצן מיר זיך מיט דעם וואָרט גלות אין דעם זינען פון צעשפּרייטקייט. ווען האָבן אידן אָנ־געהויבן עמיגרירן פון ארץ־ישראל און זיך באַזעצן אין אַנדערע נאָענטע און ווייטע לענדער?

די אָנגענומענע מיינונג ביז איצט איז געווען, אַז צוערשט האָבן אידן זיך באַזעצט אין פרעמדע לענדער מחמת גירושים און ערשט שפּעטער האָבן זיי זיך צעשפּרייט מיטן אייגענעם ווילן. מ׳נעמט געוויינלעך אָן, אַז ביזן גלות־בבל איז ארץ־ישראל געווען דאָס איינציקע לאַנד, וואו אידן האָבן געלעבט. וואָרים די עטלעכע צענדליק טויזנט אידן פון מלכות־ישראל, וועמען מען האָט פאַרטריבן אין די ווייטע לענדער פון אשור, 136 יאָר פאַרן חורבן פון ירושלים, די אַזוי גערופענע „עשרת השבטים״, האַלט מען געוויינלעך פאַר פאַרפאַלענע. מ׳נעמט געוויינלעך אָן, אַז זיי האָבן זיך באַלד אויסגעמישט מיט די פעלקער אַרום, הגם עס איז ניטאָ קיין גרונט פאַרוואָס מ׳זאָל אַזוי אָננעמען. אויף יעדן פאַל האָט מען ביז אונזער יאָרהונדערט ניט געוואוסט פון קיין אידישע ישובים אין די אַלטע צייטן פאַרן גלות־בבל. די פאָרשער האָבן אפילו גאָר ניט געפּרואווט זיך פאַרטיפן אין דעם ענין.

אַזוי־אַרום האָט מען אַמאָל געמיינט, און אַ סך מיינען נאָך אַזוי ביז היינטיקן טאָג, אַז ערשט אין דער גריכישער צייט, נאָך אַלעקסאַנדער מוקדונס דעראָבערונגען, האָט זיך אָנגעהויבן די פרייוויליקע צעשפּרייטונג פון די אידן איבער דער ברייטער וועלט. פריער אָבער, איבערהויפּט פאַרן גלות־בבל, האָבן אידן געוואוינט נאָר אין ארץ־ישראל.

אָט־דעם היסטאָרישן צוגאַנג דאַרף מען איצט רעווידירן. מיר מוזן אָנ־נעמען, אַז שוין פאַרן ערשטן חורבן פון ירושלים זיינען אידן געווען צע־שפּרייט איבער די לענדער אַרום ארץ־ישראל. נאָך מער, עס ווייזט אויס, אַז אפילו שוין איידער מלכות ישראל איז אונטערגעגאַנגען, פאַרן חורבן שומרון, האָבן אידן אַרויסגעוואַנדערט פון ארץ־ישראל און זיך באַזעצט אין די לענדער אַרום. דער אידישער גלות, אין זינען פון ווערן צעשפּרייט, האָט, הייסט עס, זיך אָנגעהויבן אַ צייט פריער ווי דער אידישער גלות, אין זינען פון ווערן פאַרטריבן.

מיר ווייסן פון ספר מלכים, אַז שוין אין אחאבס צייט האָבן אידישע סוחרים געהאַט אין דמשק אַן אייגענעם קוואַרטאַל מיט באַזאַרן. ווען אחאב האָט אין צוויי מלחמות צעשלאָגן ארם, האָט בן־הדד, דער מלך פון דמשק, געזאָגט צו אחאבן: „די שטעט, וואָס מיין פאָטער האָט צוגענומען פון דיין פאָטער וועל איך אומקערן, און גאַסן זאָלסטו דיר מאַכן אין דמשק, אַזוי ווי מיין פאָטער האָט געמאַכט אין שומרון" (מלכים א׳, כ׳, 34). מיר לערנען אַרויס פון דעם, אַז אחאבס פאָטער, עמרי, איז צעשלאָגן געוואָרן פון בן־הדד — אַ פאַקט וואָס ווערט אין תנ"ך ניט דערציילט בפירוש — און איז געווען געצוואונגען אָפּצוגעבן די אַראַמער אידישע שטעט ביי דער גרענעץ, און ער האָט אויך געמוזט געבן אַ קאָנצעסיע די אַראַמישע סוחרים צו האָבן זייער אייגענעם קוואַרטאַל אין שומרון, די נייע הויפּטשטאָט פון ישראל וואָס עמרי האָט אויסגעבויט. דערנאָך, אַז אחאב האָט צעשלאָגן בן־הדדן, האָט ער באַקומען פון אים צוריק די אידישע גרענעץ־שטעט און אַ קעגן־קאָנצעסיע, אַז אידישע סוחרים זאָלן האָבן אַן אייגענעם קוואַרטאַל מיט באַזאַרן אין דמשק.

דער דאָזיקער פּסוק פון ספר מלכים, וואָס מיר האָבן דאָ געבראַכט, איז זייער אַ וויכטיקער פאַר דער אידישער געשיכטע פון יענער צייט. מיר זעען פון אים באַשיינפערלעך, אַז שוין אין אחאבס צייט, מער ווי הונדערט יאָר פאַרן חורבן שומרון, האָבן אידן זיך אָנגעהויבן אויסצושפּרייטן מחוץ ארץ־ישראל, אַז שוין דעמאָלט האָבן אידן זיך באַזעצט אין דמשק און זיך דאָרט פאַרנומען מיט פאַרקויפן סחורה אין באַזאַרן, און מסתמא אויך מיט מלאכה.

אידן זיינען אין יענע צייטן געשטאַנען נאָענט צו די פעניקיער, די אַמאָליקע איינוואוינער פון דער היינטיקער לבנון־רעפּובליק. דאָס ווערט דערציילט אין ספר מלכים. עס ווערט אָבער נישט דערציילט בפרטות אין וואָס ס'איז באַשטאַנען דער בונד פון ישראל מיט פעניקיע. פאַרבינדונגען מיט צור האָבן אידן אָנגעקניפּט שוין אונטער דודן און שלמהן. נאָך ענגער איז געוואָרן דער בונד מיט צור אונטער עמריס דינאַסטיע. עמריס זון, אחאב, האָט חתונה געהאַט מיט איזבל, די טאָכטער פון דעם פעניקישן קעניג, און מ'האָט אפילו דערלויבט די פעניקיער אויפצושטעלן אין שומרון אַ טעמפּל פאַר זייער גאָט.

מ'דאַרף אָננעמען, אַז דער בונד מיט די פעניקיער איז געווען אַ קאָמערציעלער. די פעניקיער האָבן מסתמא באַקומען דאָס רעכט אויף אַן אייגענעם קוואַרטאַל מיט באַזאַרן אין שומרון, אַזעלכע ווי די אַראַמער האָבן דאָרטן געהאַט. עס לייגט זיך אויפן שכל, אַז די פעניקיער זיינען געקומען פריער פון די אַראַמער אין דער הויפּטשטאָט פון מלכות ישראל. ווען עמרי האָט אויסגעבויט שומרון, האָט ער קענטיק צוערשט געגעבן די פעניקיער פון

צור אַ קאָנצעסיע, דאָרטן צו עפענען זייערע באַזאַרן. נאָכדעם, אַז ער איז צעשלאָגן געוואָרן אין אַ מלחמה מיט דמשק, איז ער געווען געצוואונגען צו געבן די זעלביקע קאָנצעסיע אויך צו די אַראַמער. נאָך שפּעטער, ווען ארם איז צעשלאָגן געוואָרן פון אחאָבן, האָט דמשק געמוזט געבן די זעלביקע קאָנצעסיע צו די אידן.

מ׳דאַרף אויך אָננעמען, אַז פּונקט ווי די אידן האָבן באַקומען פון די אַראַמער אַ קעגן־קאָנצעסיע צו האַנדלען אין דמשק, אַזוי האָבן זיי אויך באַקומען אַ קעגן־קאָנצעסיע פון די פעניקיער צו האַנדלען אין צור, די גרעסטע פעניקישע שטאָט און דער גרעסטער האַנדלס־צענטער אין דעם מזרח פון מיטללענדישן ים אין יענע צייטן.

עס איז געווען דעמאָלט אַ צייט פון קאָלאָניזאַטאָרישער און קאָמערציעלער אויסשפּרייטונג אין דער וועלט. די גריכן האָבן דעמאָלט אָנגעהויבן זיך אויסצושפּרייטן איבער סיציליע, און די פעניקיער האָבן אָנגעהויבן זיך אויסצושפּרייטן אין מערב פון מיטללענדישן ים. זיי האָבן אין יענער צייט געגרינדעט קאַרטאַגאָ אין צפון־אַפריקע, אויף דעם אָרט וואו היינט ליגט טוניס. די פעניקיער האָבן געבויט שטעט ניט נאָר אין צפון־אַפריקע, נאָר זיי האָבן אויך געבויט פּאָרט־שטעט אין דער היינטיקער פראַנקרייך און שפּאַניע. אין שיפן, באַלאָדן מיט אַלערליי סחורה, זיינען די פעניקיער פון צור און צידון דעמאָלט אַרומגעפאָרן איבער אַלע ימען. עס איז דערפאַר גאַנץ מעגלעך, אַז אידן, זייענדיק אין אַ בונד מיט די פעניקיער, האָבן געהאָלפן די פעניקיער אין זייערע קאָמערציעלע און קאָלאָניזאַטאָרישע אונטערנעמונגען, און אַז אַ לעבן די פעניקישע קאָלאָניעס האָבן אין יענע לענדער זיך אויך געפונען אידישע ישובים.

אָבער דאָס איז, פאַרשטייט זיך, ניט מער ווי אַ סברא, וואָס ליגט זיך אויפן שכל. אין תנ״ך ווערט וועגן דעם ניט דערמאָנט. אָבער מ׳קען יאָ דרינגען פון פאַרשיידענע שטעלן אין תנ״ך, אַז שוין אין יענער צייט, פאַרן חורבן שומרון, איז פאַרגעקומען אַ אידישע עמיגראַציע פון ארץ־ישראל קיין מצרים. אין אונטער־עגיפּטן, אין דער דעלטאַ פון דעם ניל, האָבן דעמאָלט שוין געוואוינט אַ סך פעניקיער און אויך אַ סך גריכן, וואָס האָבן געבראַכט אַהין זייערע סחורות און דאָרטן געפירט אַ ברייטן האַנדל. עס קען דעריבער גרייטלעך זיין, אַז אויך אידן האָבן עמיגרירט אַהין אין יענער צייט. דאָס מאַכט קלערער פאַרוואָס דער נביא הושע אין זיינע נבואות אויף דעם אונטערגאַנג פון מלכות ישראל, זעט פאָראויס ווי אידן וועלן אויסוואַנדערן קיין מצרים: „מצרים וועט זיי צונויפזאַמלען, מוף (מעמפיס) וועט זיי מקבר זיין״ (קאַפּ. ט׳).

די דאָזיקע נבואות פון הושען, אַז אידן וועלן וואַנדערן קיין מצרים, ווערט מער פאַרשטענדלעך, ווען מ׳נעמט אָן, אַז שוין פאַרן חורבן שומרון זיינען גע־ ווען אידן אין מעמפיס, די אַמאָליקע הויפּטשטאָט פון אונטער־עגיפּטן, אין דרום־זייט פון קאַיראָ.

אויך פון עמוסעס נבואות זעט אויס, אַז שוין אַ צייט פאַרן אונטערגאַנג פון מלכות ישראל האָבן אידן אָנגעהויבן זיך צו צעשפּרייטן איבער די לענדער אַרום ארץ־ישראל. מיר טרעפן ביי עמוסן אַ מערקווירדיק ברייטע באַקאַנט־ שאַפט מיט דער וועלט אַרום. ניט נאָר קען ער די לענדער און די פעלקער אַרום ארץ־ישראל, ער ווייסט אפילו אויך די געשיכטע און די טראַדיציעס פון די דאָזיקע פעלקער. ער ווייסט וועגן דעם מיאוסן שקלאַפן־האַנדל ביי די פעניקיער און די פלישתים, ווי אַזוי זיי באַפאַלן דערפער און שטעט ביי דער גרענעץ און נעמען געפאַנגען די איינוואוינער, כדי זיי צו פאַרקויפן פאַר שקלאַפן; און ווייסט אויך די טראַדיציע פון די פלישתים, אַז זיי האָבן געשטאַמט פון „כפתור" (קרעטאַ), און די טראַדיציע פון די אַראַמער, אַז זיי האָבן געשטאַמט פון „קיר" אין מעסאָפּאָטאַמיע. עמוס דערמאָנט אויך „כלנה" און „חמת" — שטעט אין צפון־סיריע. די געוויינלעכע דערקלערונג פאַר דעם איז, אַז עמוס, וואָס איז געווען אַ פאַסטוך, איז אַרומגעפאָרן איבער די מערק ווייט אַרום צו פאַרקויפן די וואָל פון זיינע שאָף. אָבער אַ סך אַ בעסערע דערקלערונג איז, אַז ניט בלויז עמוס, נאָר אויך אַנדערע אידן פון זיין צייט זיינען געווען גוט באַקאַנט מיט די לענדער אַרום ארץ־ישראל, וואָרן דאָרטן זיינען שוין דע־ מאָלט געווען אידישע ישובים, מיט וועלכע די אידן אין ארץ־ישראל זיינען געשטאַנען אין אַ נאָענטן פאַרקער.

לכל־הדעות דאַרף מען אָננעמען, אַז נאָך דעם חורבן שומרון זיינען אַ סך אידן פון מלכות־ישראל אַנטלאָפן קיין מצרים. מען האָט זיי דאָרטן, קענטיק, אויפגענומען פריינדלעך, וואָרן מצרים איז געווען אין אַ מיליטערישן בונד מיט ישראל קעגן אשור. די אידן פון מלכות־ישראל האָבן אַזוי אַרום אויסגע־ טראָטן אַ וועג, אויף וועלכן זייערע ברידער פון מלכות־יהודה זיינען געגאַנגען אין ענלעכע אומשטענדן מער ווי הונדערט יאָר שפּעטער. שוין אין די יאָרן פון גלות יהויכין דערמאָנט ירמיה אידן פון יהודה וואָס זיצן אין לאַנד מצרים (כ"ד, 8); און וואָס מער עס איז קלאָר געוואָרן, אַז מלכות־יהודה דערנענטערט זיך צו איר אונטערגאַנג, אַלץ מער איז זיך צעוואַקסן די אידישע אויסוואַנדערונג קיין מצרים.

די ערשטע אידישע ישובים אין מצרים

נאָכן חורבן פון ירושלים הערן מיר פון אידישע ישובים אין פאַרשיידענע טיילן פון מצרים. מיר הערן „וועגן אַלע אידן וואָס זיינען געזעסן אין לאַנד פון מצרים, וואָס זיינען געזעסן אין מגדול און אין תחפנחס (טאַכפּאַנכעיס) און אין נוף (נויף), און אין לאַנד פתרוס" (ירמיה מ"ד, 1). תחפנחס איז געווען אַ שטאָט אין אונטער־עגיפּטן ביי דער גרענעץ פון אַזיע. די גריכן האָבן זי גערופן דאַפנע. ווען אידן פון מצפה זיינען אַנטלאָפן נאָך גדליהס טויט און האָבן אויסגעוואַנדערט קיין מצרים, האָבן זיי זיך צוערשט אָפּגעשטעלט אין תחפנחס (ירמיה מ"ג). עס קען זיין, אַז זיי האָבן דאָרטן ביי דער גרענעץ געוואַרט אויף אַ דערלויבעניש פון דער עגיפּטישער רעגירונג אַריינצוּוואַנדערן טיפער אין לאַנד. עס קען אָבער אויך געמאָלט זיין, אַז אַ סך פון די דאָרטיקע פּליטים האָבן זיך דאָרטן אויף שטענדיק באַזעצט. מיר ווייסן פון די גריכישע היסטאָריקער, אַז אין דער דאָזיקער גרענעץ־שטאָט איז אין יענע צייטן געשטאַנען אַ גריכישער גאַרניזאָן. דאָס זיינען געווען גריכישע זעלנער, וואָס האָבן זיך פאַרדונגען ביי די מלכים פון מצרים צו היטן די גרענעץ. אויך גריכישע הענדלער זיינען דאָרט געווען אין אַ גרויסער צאָל. תחפנחס איז בכלל געווען דעמאָלט דער צענטער פון דעם פאַרקער צווישן עגיפּטן און דער גריכישער וועלט, און שוין עטלעכע הונדערט יאָר פאַר דער צייט פון אַלעקסאַנדער מוקדון האָבן זיך דאָרטן באַגעגנט די ציוויליזאַציעס פון דעם מזרח און דעם מערב. ווי אין פּאָרט סאַאיד היינטיקן טאָג, אַזוי איז אויך דאָס לעבן אין תחפנחס דעמאָלט געווען קאָסמאָפּאָליטיש. עגיפּטער, פעניקיער און גריכן האָבן דאָרט געוואוינט זייט־ביי־זייט. די סביבה איז דערפאַר געווען זייער גינציק פאַר אידישע עמיגראַנטן.

מיר ווייסן אויך וועגן די אַנדערע נעמען, וואָס ווערן דערמאָנט אין דעם נאָר־וואָס געבראַכטן פּסוק פון ירמיה. „מגדול" איז, ווי תחפנחס, געווען אַ שטאָט אין אונטער־עגיפּטן, לעבן דער גרענעץ פון אַזיע. „נוף" איז דאָס אייגענע ווי „מוף"־מעמפיס. „פתרוס" איז ביי די אַמאָליקע עגיפּטער געווען אַ נאָמען פאַר אויבער־עגיפּטן.

ווי מיר זעען דאָ, זיינען די פּליטים פון מצפה, אַנטלויפנדיק קיין מצרים נאָכדעם ווי מע האָט אומגעבראַכט גדליהן, ניט געווען דאָרטן איינגאַנצן אין דער פרעמד. זיי האָבן זיך דאָרטן באַזעצט צווישן אייגענע, וואָס האָבן שוין פון פריער געלעבט אין געמיינדעס איבער דעם גאַנצן לאַנד. זיי האָבן געוואוינט אין אונטער־עגיפּטן, ביי דער גרענעץ פון ארץ־ישראל, און אפילו אויך אין „פתרוס", ווייט אין דרום פון מצרים.

ביזן אָנהייב פון אונזער יאָרהונדערט האָבן די תנ״ך־פאָרשער זיך זייער ווייניק אומגעקוקט אויף אָט די אַלע פאַקטן, אָנדייטונגען און היסטאָרישע אומ־שטענדן, אויף וועלכע מיר האָבן דאָ אָנגעוויזן. ערשט אין אָנהייב פון אונזער יאָרהונדערט האָבן די תנ״ך־פאָרשער זיך אָנגעהויבן אומקוקן אויף דעם, און זיי האָבן איינגעזען, אַז די אידישע צעשפּרייטונג איבער דער וועלט איז אַן אַן ערך לענגער ווי מ׳האָט פריער געמיינט. די פאָרשער האָבן זיך אָנגעהויבן גריבלען אין דעם דאָזיקן ענין צוליב אַן אומגעוויינלעך וויכטיקער אַרכעאָלאָ־גישער אַנטדעקונג, וואָס איז דעמאָלט באַוואוסט געוואָרן. מ׳האָט אין יענע יאָרן אויסגעגראָבן ווייט אין דרום־עגיפּטן אַ גאַנצע מאַסע אַלטע בלעטער פון פּאַפּירוס, באַשריבן אויף אַראַמיש, אין דער אַלט־העברעאישער שריפט, וואָס האָבן זיך אַרויסגעוויזן צו זיין דער אַרכיוו פון אַ אידישער קהילה, וואָס האָט דאָרט געבליט אין דער צייט פון עזרא און נחמיה.

מ׳האָט אַנטדעקט די פּאַפּירוסן אין עלעפאַנטין און אין אַסואַן. עלעפאַנטין איז דער נאָמען פון אַ אינדזל אין דעם ניל, אין דעם ווייטסטן פּונקט פון דרום־עגיפּטן, האַרט ביי דער גרענעץ פון עטיאָפּיע. ביים ברעג ניל, אויף דער מזרח־זייט פון דעם טייך, שטייט נאָך דאָרטן עד־היום די אַלטע שטאָט אַסואַן, וואָס ווערט שוין דערמאָנט אין יחזקאל („ממגדל סונה״, ל׳, 66).

פון דער גריכישער צייט אָן טראָגט דער אינזל דעם נאָמען עלעפאַנטין, ווייל דאָרטן איז פאַרצייטן געווען דער צענטער פון דעם האַנדל מיט העלפאַנט־ביין. אין דרום־זייט פון מצרים, אין דער היינטיקער סודאַן, זיינען פאַרצייטן געווען אַ סך העלפאַנטן. איז יענער אינדזל דערפאַר געווען דער מאַרק פאַר העלפאַנטביין, אַ מאַטעריאַל וואָס די עגיפּטער האָבן פון אים שוין פון די עלטסטע צייטן אָן געמאַכט פאַרשיידענע לוקסוס־אַרטיקלען. אויף דעם דאָזיקן אינדזל איז אין די אַלטע צייטן געשטאַנען אַ באַפעסטיקטע שטאָט, וואָס איז געווען די הויפּטשטאָט און דער האַנדלס־צענטער פון דער גאַנצער געגנט. דער אינדזל און די שטאָט הייסן ביידע מיטן גריכישן נאָמען עלעפאַנטין. אויף די פּאַפּירוסן הייסן זיי יעב, ווייל יעב האָט אויף עגיפּטיש געמיינט העלפאַנטביין.

ווען מ׳האָט איבערגעלייענט די פּאַפּירוסן און זיי פאַרעפנטלעכט, איז דאָס געווען אַ געוואַלדיקע סענסאַציע אין דער וויסנשאַפטלעכער וועלט. וואָרן די פּאַפּירוסן שטעלן מיט זיך פאָר היסטאָרישע דאָקומענטן פון דער אַלטער אי־דישער געשיכטע, וואָס וואָלטן געמעגט שטיין אין תנ״ך, אין עזרא און נחמיה. אין די דאָזיקע צוויי ספרים הערן מיר וועגן די אידן אין ארץ־ישראל און די אידן אין בבל. אין די פּאַפּירוסן פון עלעפאַנטין הערן מיר וועגן אַ דריטן

אידישן ישוב אין יענער צייט, וועגן אַ אידישער קאָלאָניע אין דרום־מצרים, וואָס איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט די אידן פון ארץ־ישראל. מיר הערן אויך אין די פּאַפּירוסן וועגן מענטשן, וואָס ווערן דערמאָנט אין תנ״ך. מיר הערן דאָרטן וועגן סנבלטן און וועגן דעם כוהן־גדול יוחנן, וואָס ווערט דערמאָנט אין עזרא און אין נחמיה. צווישן די אידישע פירער פון ירושלים ווערט אויך דערמאָנט אין די פּאַפּירוסן דער נאָמען חנני. דער דאָזיקער חנני איז, אַפּנים נחמיהס ברודער, וואָס ווערט דערמאָנט צוויי מאָל אין ספר נחמיה.

דרך־אגב האָבן די פּאַפּירוסן קלאָר באַוויזן, אַז סנבלט איז ניט געווען קיין גוי און קיין שונא־ישראל, ווי אַ סך מיינען נאָך ביז היינט, נאָר ער איז געווען אַ איד, איינער פון די אידישע גדולים, פון די אידישע פירער אין ארץ־ישראל. מיר וויסן פון די עלעפאַנטין־פּאַפּירוסן, אַז סנבלט איז געווען דער גובער־נאַטאָר פון שומרון. „סנבלט פחת שמרין״ הייסט ער אין די פּאַפּירוסן. נאָך זיין טויט האָט געירשנט דעם גובערנאַטאָר־אַמט אין שומרון איינער פון זיינע צוויי זין, וואָס האָבן געהייסן דליה און שלמיה. אָט־די אַלע נייע ידיעות, וואָס מיר האָבן באַקומען פון די דאָזיקע פּאַפּירוסן, האָבן געוואָרפן אַ ניי ליכט אויף דער אידישער געשיכטע פון יענער צייט. דער עיקר האָבן זיי אַוועקגעשטעלט אין אַ ניי ליכט דעם קאַמף צווישן נחמיהן און סנבלטן. מיר זעען פון די פּאַ־פּירוסן, אַז דאָס איז ניט געווען קיין קאַמף צווישן אַ אידישן פירער און אַ שונא־ישראל, ווי מ׳מיינט געוויינלעך, נאָר צווישן צוויי אידישע פירער מיט פאַרשיידענע בליקן אויף דעם אידישן פאָלק און אויף דעם אויפבוי פון אַ ניי אידיש ארץ־ישראל.

די אידישע געמיינדעס אין עלעפאַנטין און אַסואַן זיינען געווען קאָלאָניעס פון פּראָפעסיאָנעלע אידישע סאָלדאַטן, וואָס האָבן געדינט ביי דער עגיפּטישער רעגירונג; און שפּעטער, ווען פערסיע האָט איינגענומען מצרים, האָבן זיי גע־דינט ביי דער פערסישער רעגירונג. „חילא יהודיא״ ווערן זיי אָנגערופן אין די פּאַפּירוסן אויף אַראַמיש. די אידן פון דער קאָלאָניע זיינען געווען מחויב צו גיין אין מלחמה און צו היטן די מצרישע דרום־גרענעץ צו עטיאָפּיע־צו. פונקט ווי די גריכישע סאָלדאַטן זיינען אין יענער צייט געשטאַנען אין תחפנחס און געהיט די עגיפּטישע גרענעץ צו דער ארץ־ישראלדיקער זייט, אַזוי זיינען אידישע סאָלדאַטן געשטאַנען אין עלעפאַנטין און געהיט די עגיפּטישע גרענעץ צו דער עטיאָפּישער זייט.

אונז איז היינט זיך שווער פאָרצושטעלן אידן, וואָס פאַרדינגען זיך פאַר סאָלדאַטן. אין יענע צייטן אָבער האָבן זיך אידן אויסגעצייכנט ווי גוטע רייטער, בויגנשיסער און היטער פון פעסטונגען. ווען אַ מלוכה האָט געוואָלט האָבן טיכ־

טיקע און פאַרלאָזלעכע סאָלדאַטן צו היטן אַ פעסטונג ביי דער גרענעץ, האָט זי געדונגען אידן. אידן האָבן, אגב־אורחא, געשפּילט אַ גרויסע ראָלע ווי סאָלדאַטן און קאָמאַנדירן אויך שפּעטער, אונטער די פּטאָלעמייער, — די גרי־כישע מלכים פון מצרים.

די אידן פון עלעפאַנטין און אַסואַן זיינען געווען פּראָפעסיאָנעלע זעלנער, און זייער פּראָפעסיע איז איבערגעגאַנגען פון פאָטער צום זון. אָבער די אידי־שע זעלנער זיינען געווען אויך קאָלאָניסטן. זיי האָבן פאַרמאָגט גרונט־אייגנטום. די מערסטע אידישע קאָלאָניסטן האָבן, קענטיק, געוואוינט אין אייגענע הייזער. די מיליטערישע קאָלאָניע איז ניט באַשטאַנען אויסשליסלעך פון אידן. עס זיינען דאָרטן אויך געווען סאָלדאַטן פון פאַרשיידענע אַנדערע פעלקער. אָבער די אידן האָבן זיי אַלעמען אַריבערגעשטיגן אין כמות און אין איכות.

די באַפעלקערונג ווערט אין די פּאַפּירוסן איינגעטיילט אין צוויי קלאַסן: אין „בעלי קריה" און „בעלי דגל", עס הייסט: אין בירגער און סאָלדאַטן. די עגיפּטער זיינען געווען די בירגער און די אידן — די סאָלדאַטן.

ווי סאָלדאַטן זיינען די קאָלאָניסטן געווען איינגעטיילט אין „דגלין" און „מאתא", פאָנען און הונדערטשאַפטן. דאָס זיינען, קענטיק, געווען מיליטערישע איבער־אָפּטיילונגען און אונטער־אָפּטיילונגען. אָבער ביי דער זייט פון דער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע האָבן די אידן דאָרטן אויך געהאַט זייער אייגענע אידישע אָרגאַניזאַציע. זיי זיינען געווען אָרגאַניזירט אין אַ אידישער קהילה, אַ רעליגיעזער געמיינדע. אין דער צייט פון דעם פּערסישן מלך דריוש דעם צווייטן, אחשורושעס אייניקל, איז דער פאָרשטייער פון דער קהילה, דער גבאי, געווען אַ איד מיטן נאָמען ידניה בר־גמריה, איינער פון די אָנגעזעענסטע אידן אין עלעפאַנטין.

די וויכטיקסטע און איבערראַשנדיקסטע ידיעה, וואָס די אויסגעגראָבענע פּאַפּירוסן האָבן אונז געבראַכט, איז וועגן דעם טעמפּל, וואָס די אידן אין עלע־פאַנטין האָבן אויסגעבויט אין זייער נייער היים. דער דאָזיקער בית־המקדש, דערציילן אונז די פּאַפּירוסן, האָט געהאַט פינף שטיינערנע טויערן פון גע־טעסטע שטיינער. אַ דאַך האָט ער געהאַט פון צעדערבאַלקנס, און מ'האָט אין אים מקריב געווען מעלאָפּפער, גאַנצאָפּפער און קטורת צו דעם אידישן גאָט „יהו". ווען „כנבוזי" (קאַמביסעס, כורשעס זון), ווערט דאָרט דערציילט, האָט איינגענומען מצרים און פאַרשוועכט און געמאַכט אַ תל פון די עגיפּטישע טעמפּלען, האָט ער דעם אידישן טעמפּל אין עלעפאַנטין נישט געטשעפּעט. אָבער אַרום הונדערט יאָר שפּעטער, אין 14טן יאָר פון דריוש דעם צווייטן, זיינען די עגיפּטער אָנגעפאַלן אויף דעם דאָזיקן טעמפּל און אים צעשטערט

ביז צו דער ערד און אַוועקגערויבט די גילדערנע און זילבערנע שפּרענגבעקנס און אַלע טייערע כלים, וואָס זיינען אין אים געווען. געמאַכט דעם פּאָגראָם האָבן די אָרטיקע איינוואוינער, די היימישע עגיפּטער, וואָס האָבן דאָרטן געהאַט אַ טעמפּל פאַר דעם עגיפּטישן גאָט כנום. ניט אויף די אידן גופא האָבן די עגיפּטער געמאַכט דעם אָנפאַל, נאָר אויף דעם בית־המקדש זייערן.

עס ווייזט אויס, אַז עלעפאַנטין האָט נאָך געהאַט אַ אידישע קהילה הונ־דערטער יאָרן שפּעטער, אין דער רוימישער צייט. דער אידישער פילאָזאָף פילאָ פון אַלעקסאַנדריע, וואָס האָט געלעבט ניט לאַנג פאַרן צווייטן חורבן ירושלים, שרייבט, אַז אין זיין צייט האָבן אידן געוואוינט אין מצרים ביז דער עטיאָפּישער גרענעץ.

ווען האָבן אידן אָנגעהויבן זיך באַזעצן אין עלעפאַנטין? אַ סך היסטאָרי־קער און ביבל־פאָרשער האַלטן, אַז אידן האָבן אָנגעהויבן זיך באַזעצן אין יענער ווייטער געגנט פון דרום־מצרים שוין פאַרן חורבן ירושלים. מיר ווייסן פון דעם גריכישן היסטאָריקער הערָאָדאָטוס, אַז דער עגיפּטישער קעניג פּסאַמעטיך, דער פאָטער פון פרעה נכו, וואָס איז אונז באַקאַנט פון תנ״ך, האָט עטלעכע צענדליק יאָר פאַרן ערשטן חורבן ירושלים אַוועקגעשטעלט שטאַר־קע גאַרניזאָנען צו היטן די דרום־גרענעץ פון עגיפּטן און אַז איינער פון די גאַרניזאָנען איז געשטאַנען אין עלעפאַנטין. דערצו נאָך ווערט דערמאָנט אין אַ שפּעטערדיקן גריכיש־אידישן בוך, דער „בריוו פון אַריסטעאַס״, אַז פּסאַ־מעטיך האָט געהאַט אידישע סאָלדאַטן אין זיין מלחמה קעגן עטיאָפּיע.

פון דעם אַלעמען דרינגען היינט די היסטאָריקער, אַז אידן האָבן אין יענער צייט, פאַרן ערשטן חורבן, אויסגעוואַנדערט פון ארץ־ישראל קיין מצרים און זיך פאַרדונגען פאַר סאָלדאַטן ביי פּסאַמעטיכן אין זיין מלחמה קעגן די עטיאָפּער. נאָך דער מלחמה זיינען זיי געבליבן ווי אַ מיליטערישע קאָלאָניע אין עלעפאַנטין. שפּעטער, ווען זיי האָבן דערהערט, אַז דער בית־המקדש אין ירושלים איז צעשטערט געוואָרן דורך די כשדים, האָבן זיי אויסגעבויט פאַר זיך אַן אייגענעם בית־המקדש, וואו זיי האָבן געדינט גאָט אויפן זעלביקן שטיי־גער ווי מ׳האָט אים געדינט אין דעם בית־המקדש אין ירושלים.

די ערשטע אידישע ישובים אין בבל

די פּאַפּירוסן פון עלעפאַנטין האָבן פאַר אונז אַנטדעקט אַ נייַ קאַפּיטל אידישע געשיכטע, אַ נייע שטיק געשיכטע פון דער אידישער צעשפּרייטונג איבער דער וועלט, וואָס מ׳האָט פריער לחלוטין ניט געוואוסט דערפון. מיט

עטלעכע יאָר פריער, איידער מ׳האָט אַנטדעקט די עלעפאַנטין־פּאַפּירוסן, אין די לעצטע פּאָר יאָר פון 19טן יאָרהונדערט, האָט מען אויסגעגראָבן נייע ידיעות וועגן דעם אידישן לעבן אין דעם באַקאַנטסטן אידישן גלות־לאַנד אין יענע צייטן — בבל.

לויט די ידיעות, וואָס מיר האָבן אין עזרא און נחמיה, האָבן נאָכן גלות־בבל, בעת דער פּערסישער וועלט־הערשאַפט, זיך אומגעקערט צוריק פון בבל קיין ארץ־ישראל אַרום פערציק טויזנט אידן. עס איז זיכער, אַז אַ סך מער זיינען געבליבן —אין דער נייער היים. ווי איז זיי דאָרטן געגאַנגען ? ווי האָבן זיי דאָרטן געלעבט ?

אין תנ״ך ווערט דערפון ניט דערציילט. דער מחבר פון עזרא און נחמיה איז געווען פאַראינטערעסירט בלויז אין ירושלים און אין דעם בית־המקדש, און ער האָט דערציילט נאָר די געשיכטע, ווי אַזוי מע האָט אונטער דער פּער־סישער הערשאַפט אויפגעבויט אַ נייעם בית־המקדש און א נייע ירושלים. אָבער ווי עס האָט זיך אידן דעמאָלט געלעבט אין דער ברייטער וועלט, אין מצרים און אין בבל — אין דעם האָט ער קיין אינטערעס ניט געהאַט.

אָבער אומדירעקט הערן מיר יאָ עפּעס אין תנ״ך וועגן אַ אידישן לעבן אין בבל. מיר הערן ווי עזרא קומט פון בבל קיין ירושלים מיט אַ קאַראַוואַן פרומע אידן, און ווי נחמיה קומט פון שושן בויען דעם מויער אַרום ירושלים. מיר זעען פון דעם וואָס פאַר אַ רייך אידיש לעבן עס איז דעמאָלט אָנגעגאַנ־גען אין די לענדער, וואָס ליגן אין דער מזרח־זייט פון ארץ־ישראל. אַניט וואָלטן דאָך דאָרטן ניט געקענט אויסוואַקסן אַזעלכע אידן ווי עזרא און נחמיה און זייערע חברים.

אויך פריער שוין, אין זרובבלס צייט, הערן מיר אין תנ״ך אַן אָפּקלאַנג פון דעם אידישן לעבן אין בבל. מיר הערן ווי די אידן אין בבל שיקן אַ סך גאָלד און זילבער, אַ מתנה פאַר דעם בית המקדש, וואָס מ׳האָט דעמאָלט גע־האַלטן אין בויען. דאָס שטייט אין זעקסטן קאַפּיטל פון זכריה. עס ווערט דאָרט דערציילט, אַז ס׳איז געקומען אין ירושלים אַ דעלעגאַציע פון די בבלישע אידן מיט גאָלד און זילבער, קענטיק אויסצופּוצן דעם נייעם בית־המקדש. זכריה הייסט מאַכן דערפון אַ קרוין און זי אַרויפזעצן אויפן קאָפּ פון דעם כוהן־גדול, יהושע בן־יהוצדק. זכריה זאָגט דאָרטן אויך נבואות, אַז נאָך אַ סך אַנדע־רע ווייטע אידן וועלן קומען העלפן בויען גאָטס היכל. געווען דעמאָלט, בכן, רייכע אידן אין די ווייטע לענדער, פון וועמען די אידן אין ירושלים האָבן דער־וואַרט הילף און שטיצע פאַר דעם בית־המקדש.

אָבער דאָס זיינען בלויז אומדירעקטע ידיעות. דירעקטע ידיעות פון דעם

דאַמאָלסטיקן אידישן לעבן אין בבל האָט מען ערשט אויסגעגראָבן אין די חורבות פון ניפור, וואו עס זיינען געלעגן איבער זיבן הונדערט ליימענע טאָוולען.

אין יולי פון יאָר 1897 האָט אַן אַרכעאָלאָגישע עקספּעדיציע פון דער „יוניווערסיטי אָוו פּענסילווייניאַ" אַנטדעקט אַ קאַמער אין די פאַרשאָטענע חורבות פון ניפור, וואו עס זיינען געלעגן איבער זיבן הונדערט ליימענע טאָוולען, קאָנטראַקטן, באַשריבן אויף באַבילאָניש אין פלעקלעך־שריפט (כתב־היתדות). נאָך אַ גרינטלעכער אויספאָרשונג האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז אַן אַרכיוו פון אַ פאַמיליע באַנקירן אין ניפור, וואָס האָט געהייסן „מוראַשו און זיינע זין". זיי האָבן געלעבט אַן ערך אין דער צייט פון עזרא און נחמיה.

מוראַשו און זיינע זין זיינען געווען באַבילאָנער, אָבער זייערע קליענטן זיינען געווען אידן. פאַראַן אַ סך העברעאישע נעמען אין די דאָזיקע טאָוולען. און מיר ווייסן פון זיי אַ היפּש ביסל ווי עס האָט זיך אידן געלעבט אין בבל אונטער דער הערשאַפט פון פּרס. מיר ווייסן פון די דאָזיקע האַנדלס־דאָקומענטן, אַז די עקאָנאָמישע לאַגע פון די אידן אין בבל אין יענער צייט איז געווען זייער אַ גוטע. זיי האָבן דאָרטן פאַרמאָגט לאַנד און קאַפּיטאַל און האָבן אָנטייל גענומען אין דעם רייכן האַנדל פון לאַנד. אַ סך אידן זיינען געווען אָנגעשטעלטע ביי באַבילאָנער און פּערסער, פאַר וועמען זיי האָבן געפירט געשעפטן. טייל אידן זיינען געווען קאָלעקטאָרס פון רענטעס. געווען אויך הויכע אידישע באַאַמטע פון דער רעגירונג. עס ווערט דערמאָנט אין די מוראַשו־דאָקומענטן אַ איד מיטן נאָמען „חנני דער זון פון מנחם", וואָס ווערט באַצייכנט ווי „דער וואָס איז איבער דעם קעניגס פויגלען". דער קעניג, וואָס ווערט דאָ דערמאָנט, איז דריוש דער צווייטער. נחמיה איז, בכן, ניט געווען דער איינציקער איד, וואָס האָט פאַרנומען אַ הויכן אַמט אין דער פּערסישער מלוכה. דרך־אגב, אין יאָר 1943 האָט אַ דייטשישער אַסיריאָלאָג, פּראָפעסאָר אונגנאַד, אַנטדעקט אויף אַ טאָוול פון קסערקסעס (אחשורוש) צייטן אַ הויכן באַאַמטן אין קעניגלעכן הויף מיטן נאָמען מרדכי. דאָס איז אַפּנים אונזער מרדכי פון דער מגילה. דאָס ווייזט, אַז דער קאָנפליקט און די שנאה צווישן מרדכי און המן אין אחשורושעס הויף איז אַ היסטאָרישער פאַקט.

לויט ווי עס ווייזן די מוראַשו־טאָוולען, האָט אין דער פּערסישער צייט ניט עקזיסטירט אין בבל קיין פּאָליטישע וואַנט צווישן באַבילאָנער און ניט־באַבילאָנער. פּערסער און אידן האָבן דאָרטן געלעבט צוזאַמען בשלום. עס

האָבן דעמאָלט געלעבט אין בבל אויך אַנדערע פעלקער, ווי: אַראַמער, מעדער, אינדיער און נאָך אַנדערע. אָבער עס זעט אויס, אַז נאָך די באַבילאָנער און די פּערסער זיינען אידן געווען דער וויכטיקסטער עלעמענט אין דער באַפעלקערונג פון לאַנד.

אַזוי־אַרום וואַרפן די מוראַשו־טאָוולען אַ נייע ליכט אויף דעם אידישן לעבן אין בבל נאָך דעם גלות, ווען די פּערסער זיינען געוואָרן די וועלט־הערשער. זיי ווייזן אונז, אַז אונטער דער פּערסישער הערשאַפט זיינען אידן דאָרטן געווען פרייע בירגער און האָבן געהאַט אַלע מעגלעכקייטן צו וואַקסן עקאָנאָמיש און געזעלשאַפטלעך. דאָס דערקלערט אונז פאַרוואָס די מערסטע אידן זיינען געבליבן אין זייער נייער היים און האָבן זיך ניט באַנוצט מיט דער דערלויבעניש, וואָס די פּערסישע מלוכה האָט זיי געגעבן, זיך אומצוקערן קיין ארץ־ישראל.

פאַר זיי, די אידן פון בבל און פרס, איז ירושלים געווען גאָטס הייליקע שטאָט. זיי האָבן געשיקט אַ סך מתנות, אַ סך גאָלד און זילבער צו באַשיינען דעם בית־המקדש. זיי האָבן אויך געוואָלט, אַז אין דער אידישער מדינה פון יהודה זאָל הערשן די זעלביקע פרומקייט, מען זאָל שטרענג אָפּהיטן שבת און די רעליגיעזע אָפּגעזונדערטקייט פון די פעלקער אַזוי ווי ביי זיי, אין די גלות־לענדער. אָבער אין די נאַציאָנאַלע שטרעבונגען פון די אידן אין ארץ־ישראל צו ווערן אַ פריי פאָלק אין דעם אייגענעם לאַנד האָבן קענטיק די אידן פון בבל און פרס קיין אינטערעס ניט געהאַט. דערפאַר, ווייזט אויס, האָט די פּערסישע רעגירונג געגעבן די פאַרטרעטער פון די גלות־אידן, עזראַן און נחמיהן, די פולע מאַכט צו טאָן, אין ירושלים, וואָס זיי ווילן. זי איז קענטיק געווען זיכער מיט זייער פּאָליטישער לאָיאַליטעט.

צום שלוס נאָך אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם אידישן ישוב אין ניפור, וואו מ'האָט אויסגעגראָבן די מוראַשו־טאָוולען.

ניפור איז געלעגן לעבן דעם גרויסן קאַנאַל „קאַבאַר“, דעם „נהר כבר“ פון יחזקאל. דער אידישער ישוב האָט זיך דאָרטן אָנגעהויבן שפּעטסטנס אין יחזקאלס צייטן, ווען נבוכדנצר האָט, אין גלות יהויכין, פאַרטריבן די ערשטע אידן קיין בבל. עס קען אָבער גריילעך זיין, אַז דאָרטן זיינען שוין געווען אידן פון פריער, פון דעם גלות שומרון. די אויסגראָבונגען האָבן אויך געוויזן, אַז עס זיינען געווען אידן אין ניפור ביז אַזוי שפּעט ווי אין דער עפּאָכע פון די גאונים, ביזן ניינטן יאָרהונדערט. געווען, בכן, אַ אידישער ישוב און אַ אידיש לעבן אין ניפור וויניקסטנס פופצן הונדערט יאָר נאָכאַנאַנד.

ארץ־ישראל און גלות אין דער צייט פון ערשטן חורבן

ביז דעם גלות־יהויכין, עלף יאָר פאַר דעם ערשטן חורבן פון ירושלים, איז די אידישע געשיכטע, ווי וויט מיר ווייסן, די געשיכטע פון אידישן פאָלק אין איין לאַנד — ארץ־ישראל.

מיר מעגן דרינגען פון די אָדער יענע שטעלן אין תנ"ך, אַז ניט נאָר פאַרן חורבן ירושלים, נאָר אַפילו שוין פאַרן חורבן שומרון האָבן אידן פריי־וויליק אָנגעהויבן זיך אויסצושפרייטן איבער די לענדער אַרום ארץ־ישראל, אַז שוין אין יענע צייטן זיינען געווען אידישע ישובים אין סיריע און אין מצרים. אָבער עס ווערט אין ערגעץ ניט דערציילט וועגן יענע אידישע ישובים. קיין ראָלע אין דעם היסטאָרישן אידישן לעבן האָבן זיי לכל־הדעות נישט גע־שפילט. די אידן וואָס מ'האָט פאַרטריבן פון מלכות־ישראל — די אַזוי־גערו־פענע פאַרלאָרענע צען שבטים — ווערן אין ספר מלכים אָפּגעפּטרט מיט איין פסוק: „אין ניינטן יאָר פון הושע האָט דער מלך פון אשור איינגענומען שומרון, האָט פאַרטריבן ישראל קיין אשור און זיי באַזעצט אין חלח און אין חבור, ביים טייך גוזן, און די שטעט פון מדי" (מלכים ב, י"ז, 6). וואָס עס איז געשען מיט די דאָזיקע אידן אין יענע ווייטע געגנטן, וואו מ'האָט זיי פאַרטריבן, צי זיי האָבן דאָרטן געדינט דעם גאָט פון ישראל און געפירט אַ אידיש לעבן, צי זיי זיינען געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט די אידן פון ארץ־ישראל — וועגן דעם ווערט מיט קיין וואָרט ניט דערמאָנט. דרך־אגב, ווייסן מיר היינט פון די אויסגעגראָבענע אויפשריפטן פון אשור, אַז די צאָל אידן, וואָס זיינען פאַר־טריבן געוואָרן פון מלכות־ישראל, איז גאָר ניט געווען קיין גרויסע. סרגון דער מלך פון אשור, דער דעראָבערער פון שומרון, דערציילט אין זיינע אויפ־שריפטן, אַז ער האָט פאַרטריבן פון שומרון 27,290 איינוואוינער.

אָט די עפּאָכע פון איין לאַנד, איין צענטער אין אידישן לעבן, האָט זיך געענדיקט מיטן גלות יהויכין, אין יאָר 597 פאַר דער אָנגענומענער צייט־רעכענונג, ווען נבוכדנצר האָט צום ערשטן מאָל איינגענומען ירושלים. דער יונגער קעניג, יהויכין, באַגלייט פון זיין מוטער, זיינע הויפדינער און די הויכע באַאַמטע פון דער מלוכה, האָט זיך אַליין איבערגעגעבן דעם שונא, און נבוכדנצר איז זיך באַגאַנגען מיט חסד מיט דער איינגענומענער שטאָט. ער האָט זי ניט חרוב געמאַכט און אויך ניט צופיל אויסגערויבט. נאָר אַ טייל טייערע

כלים פון בית המקדש און פון קיניגלעכן פּאַלאַץ האָט ער צוגענומען און אוועק־געפירט קיין בבל. ער האָט אויך אַוועקגעשיקט קיין בבל, ווי געפאַנגענע, יהויכינען און זיינע הויפּלייט, און אַ חוץ זיי האָט ער דעפּאָרטירט קיין בבל זיבן טויזנט מיליטער־פעאיקע מענער (אנשי החיל) און טויזנט שמידן און שלאָסערס — געווערמאַכערס (החרש והמסגר). אויפן קיניגלעכן טראָן אין ירושלים האָט נבוכדנצר אַוועקגעזעצט יהויכינס אַ פעטער, יאשיהוס דריטן זון מתניה, וועמעס נאָמען ער האָט איבערגעלייגט אויף צדקיהו.

נאָכן גלות־יהויכין

אויף די נחלאות פון די פאַרטריבענע האָט נבוכדנצר ניט באַזעצט קיין פרעמדע קאָלאָניסטן פון ווייטע לענדער, ווי די מלכים פון אשור האָבן עס געטאָן. די נחלאות און אויך די הויכע שטעלעס, וואָס די פאַרטריבענע האָבן פאַרנומען אין דער מלוכה, האָבן איצט פאַרנומען מענטשן פון די נידעריקערע פאָלקס־קלאַסן. נבוכדנצר איז געווען זיכער, אַז נאָכדעם ווי ער האָט פאַר־טריבן די גאַנצע אַריסטאָקראַטישע פירערשאַפט, די מיליטער־פעאיקע מענער און די באַלעמעלאָכעס, וואָס האָבן געשמידט געווער, וועט די איבערגעבליבענע באַפעלקערונג אין יהודה מער ניט האָבן דעם כוח און דעם מוט מורד צו זיין קעגן זיין הערשאַפט.

פון איצט אָן און ווייטער הערן מיר אין תנ״ך וועגן צוויי אידישע צענ־טערס: איינער אין ארץ ישראל, און דער אַנדערער אין בבל. דער נייער צענטער אין בבל איז נאָך געווען קליין. די פאַרטריבענע אידן זיינען געווען ווייניק אין צאָל לגבי די אידן אין מוטערלאַנד, אָבער דאָס זיינען געווען די מיוחסים, די פּני פון דעם פאָלק. צווישן זיי זיינען געווען דער מלך יהויכין (הייסט אויך יכניהו און כניהו) מיט די הויכע מלוכה־באַאַמטע, די רייכע לאַנד־אייגנטימער און די געניטע ירושלימער באַלעמעלאָכעס. צווישן די אידן, וואָס מען האָט פאַרטריבן אין דעם גלות יהויכין, איז אויך געווען יחזקאל, וועלכער האָט מער ווי אַלע אַנדערע גרויסע נביאים אַרויפגעלייגט זיין חותם אויף דעם ווייטערדיקן גאַנג פון דער אידישער געשיכטע. אין שפּעטערע צייטן איז, קענטיק, געווען אַ גרויסער יחוס ביי די אידן אין בבל, ווען עמעצער האָט אָפּגעשטאַמט פון די אידישע פאַמיליעס, וואָס מען האָט פאַרטריבן מיטן ערשטן גלות. אין מגילת־אסתר ווערט דערציילט, אַז פון אַזאַ יחוס האָט מרדכי געשטאַמט (קאַפּ. ב, 6).

הגם די פאַרטריבענע אידן זיינען געווען די פירערס פון דער אידישער

מלוכה און איר רוקנביין, האָט מען אָבער אין ארץ־ישראל געקוקט אויף זיי פון אויבן אַראָפּ. באַלד נאָך דעם גלות־יהויכין איז געקומען צו אַ שאַרפן ריס צווישן די אידן פון יהודה און די אידן פון בבל. אין ירושלים איז דורך דעם גלות אויפגעקומען אַ נייער קלאַס תקיפים. מענטשן פון די נידעריקערע קלאַסן האָבן אָפּגעקויפט בחצי־חינם די הייזער און נחלאות פון די פאַרטריבענע מיוחסים, זיי זיינען געוואָרן די נייע פּאָליטישע פירערס און הויכע באַאַמטע פון מלכות יהודה. אָט־די נייע פּני האָבן זיך גרויסגעהאַלטן קעגן זייערע פאַרטריבענע ברידער. זיי האָבן געהאַלטן, אַז יענע אידן זיינען געווען די שולדיקע אין דער קאַטאַסטראָפע און זייער גלות איז אַ שטראָף פאַר זייערע זינד. אָבער זיי, וואָס זיינען געבליבן אין דעם לאַנד פון די אָבות, זיינען די בע־סערע, די ווייניקער זינדיקע אידן, וועמען גאָט האָט ניט געשטראָפט.

קעגן דעם דאָזיקן איינשטעל פון די ארץ־ישראלדיקע אידן טרעט ירמיה אַרויס מיט זיין נביאישער וויזיע וועגן די צוויי קערב פייגן. פאַרוואָס האָט ירמיה אַ זעאונג גראָד וועגן פייגן? דאָס לאָזט זיך דערקלערן נאָר מחמת אַ באַשטימטער סביבה, וואָס אין איר האָט זיך ירמיה אין יענעם מאָמענט געפונען. אָט־ווי מיר דאַרפן זיך פאַרשטעלן די דאָזיקע סביבה:

עס איז זומערצייט, קורץ נאָכדעם ווי מ׳האָט פאַרטריבן יהויכינען אין גלות. לעבן די הייזער און די גערטנער אין ירושלים זעט מען דאָ און דאָרטן קערב מיט אָנגעקליבענע פייגן. מ׳קלייבט אָן גוטע פייגן פאַר מענטשן צו עסן און מ׳קלייבט אויך אָן שלעכטע פייגן פאַר בהמות. אויך אין פאָרהויף פון בית־המקדש שטייען אויפן פלאַסטער קערב מיט פייגן, ביכורים, וואָס פויערים האָבן געבראַכט פאַר גאָט. צו ירמיהן קומט אַ נביאישע זעאונג. ער זעט מיט זיין נביאישן אויג ווי צוויי קערב פייגן שטייען אין פאָרהויף פאַר דעם היכל פון בית־המקדש, איין קאָרב מיט גוטע און דער אַנדערער מיט שלעכטע פייגן, הערט ער ווי גאָט זאָגט אים, אַז די צווייערליי פייגן זיינען אַ סימבאָל פון די צווייערליי אידן. די גוטע פייגן, הערט ער ווי גאָט זאָגט אים, זיינען אַ סימ־באָל פון די פאַרטריבענע אידן אין גלות. זיי וועט גאָט ברענגען צוריק אין דעם אידישן לאַנד און דאָרטן אויפבויען פון זיי אַ באַנייט פאָלק. פאַרקערט, די שלעכטע פייגן זיינען אַ סימבאָל פון די אידן, וואָס זיינען געבליבן אין יהודה, און אויך פון די אידן, וואָס זיינען אַנטלאָפן קיין מצרים איידער יהויכין האָט זיך איבערגעגעבן נבוכדנצרן. אויף זיי וועט גאָט אָנשיקן אַ נײַ אומגליק:

„גאָט האָט מיר געוויזן: זע, צוויי קערב פייגן זיינען אַוועקגעשטעלט פאַר דעם היכל פון גאָט; נאָכדעם ווי נבוכדנצר האָט פאַרטריבן יכניהו דעם זון פון יהויקים, דעם מלך פון יהודה, און די מייסטערס און די שלאָסערס פון ירושלים און זיי געבראַכט קיין

בבל. איין קאָרב — זייער גוטע פייגן, אַזוי גוט ווי די ערשטצייטיקע פייגן; און דער אַנ־דערער קאָרב — זייער שלעכטע פייגן, אַזוי שלעכט, אַז מ׳האָט זיי ניט געקענט עסן.

און גאָטס וואָרט איז געקומען צו מיר, אַזוי־צו־זאָגן: אַזוי וועל איך דערקענען צום גוטן די פאַרטריבענע פון יהודה וואָס איך האָב אַוועקגעשיקט פון דעם דאָזיקן אָרט אין דעם לאַנד פון די כשדים. און איך וועל טאָן מיין אויג אויף זיי צום גוטן, און וועל זיי אויפבויען און ניט איינוואַרפן, איך וועל זיי פלאַנצן און ניט אויסרייסן. און איך וועל זיי געבן אַ האַרץ מיך צו קענען, אַז איך בין יהוה, און זיי וועלן זיין מיין פאָלק און איך וועל זיין זייער גאָט, וואָרום זיי וועלן זיך אומקערן צו מיר מיט זייער גאַנצן האַרצן. און ווי די שלעכטע פייגן, וואָס זיינען אַזוי שלעכט, אַז מ׳קען זיי ניט עסן — אַזוי האָט געזאָגט גאָט — אַזוי וועל איך מאַכן צדקיהו דעם מלך פון יהודה, און זיינע פירשטן, און דעם איבערבלייב פון ירושלים, וואָס זיינען איבערגעבליבן אין דעם דאָזיקן לאַנד, און די וואָס זיצן אין לאַנד מצרים, און איך וועל זיי מאַכן פאַר אַ בייזן שוידער פאַר אַלע קיניגרייכן פון דער ערד, פאַר אַ שאַנד און פאַר אַ שפּריכוואָרט, פאַר אַ שפּאָט און פאַר אַ קללה אין אַלע ערטער, וואָס איך וועל זיי פאַרשטויסן אַהין. און איך וועל אָנשיקן אויף זיי די שווערד, דעם הונגער און די פּעסט, ביז זיי וועלן פאַרטיליקט ווערן פון דעם לאַנד, וואָס איך האָב געגעבן זיי און זייערע עלטערן" (ירמיה כ"ד).

אין ירמיהס נביאות הערן מיר נאָר פון איין צד: פון די אידן אין יהודה. און וואָס איז וועגן דעם אַנדערן צד? ווי האָבן די אידן אין גלות געקוקט אויף די אידן אין יהודה? דאָס הערן מיר אין די נבואות פון יחזקאל, דער ערשטער נביא וואָס איז אויפגעטראָטן אין גלות. אין יחזקאלס רייד זעען מיר האַס און פאַראַכטונג מצד די פאַרטריבענע אידן צו די אידן אין יהודה. יחזקאל גופא פילט אויך כמעט אַזוי ווי זיינע גלות־ברידער. אויך ער האַלט די פאַרטריבענע אין בבל פאַר בעסערע אידן ווי די וואָס זיינען פאַרבליבן אין ירושלים. הגם יחזקאלס שפּראַך איז אַ פאַרשטעלטע, אַן אַלעגאָרישע, האָבן מיר אָבער דאָך אין זיינע נבואות אַ גאַנץ בילד פון דעם אויסערלעכן לעבן און אויך די שטימונגען און געפילן פון די פאַרטריבענע אידן אין בבל. פאַרלאָזנדיק ירושלים האָבן זיי אָפּנים געמוזט פאַרקויפן זייערע הייזער און נחלאות פאַר יעדן פּרייז. דאָס האָט אַרויסגערופן ביי זיי דאָס געפיל, אַז די קויפער האָבן אויסגענוצט דאָס אומגליק פון זייערע ברידער.

„געקומען איז די צייט, זיך אָנגערוקט האָט דער טאָג; דער קויפער זאָל זיך ניט פרייען און דער פאַרקויפער זאָל ניט טרויערן, וואָרום מיין גרימצאָרן איז אויף דער גאַנצער מאַסע" (ז. 12).

יחזקאל שרעקט מיט אַ חורבן די אידן פון ירושלים, וואָס זאָגן אויף זייערע פאַרטריבענע ברידער: „איר זיינט דערווייטערט פון גאָט, וואָרום אונז איז דאָס לאַנד געגעבן געוואָרן פאַר אַ ירושה" (י"א, 15).

ווי ירמיה, אַזוי זאָגט אויך יחזקאל פאָראויס אַ חורבן אויף מלכות יהודה, און די אידן אין גלות טרייסט ער, אַז זיי וועלן אַמאָל קומען צוריק אין דעם לאַנד פון זייערע פאָטערס און גאָט וועט דעמאָלט זיי געבן אַן אַנדער האַרץ און אַ נייעם גייסט.

די גלות־אידן האָבן, קענטיק, ווינציק־וואָס געהאַלטן פון די נייע תקיפים אין ירושלים, פון זייער מלוכה און פון זייער נייעם מלך. דאָס איז אין זייערע אויגן גאָר ניט געווען די זעלביקע מלוכה פון די פריערדיקע טעג. וויבאַלד ירושלים האָט זיך איבערגעגעבן נבוכדנצרן, מיינט עס, אַז גאָט איז ניט געווען מער אין בית־המקדש; און צדקיה, דער וואַסאַל פון די כשדים, וואָס איז געזעסן אויפֿן קעניגלעכן טראָן מיט נבוכדנצרס חסד, איז אין זייערע אויגן גאָר ניט געווען קיין לעגיטימער מלך פון מלכות בית־דוד. אָט די מיינונג טרעפֿן מיר ביי יחזקאלען, וואָס איז דורכגעדרונגען, קענטיק, אין דעם פֿאַל מיט די געפילן און שטימונגען פון זייערע גלות־ברידער. יחזקאל האַלט, אַז דער גאָט פון ישראל האָט צייטווייליק פֿאַרלאָזן ירושלים. ער זעט אין אַ נביאישער זעאונג ווי „די פּראַכט פון גאָט האָט זיך אויפגעהויבן פון איבערן מיטן שטאָט און זיך געשטעלט אויפֿן באַרג, וואָס איז אין מזרח פון שטאָט" (י"א, 23). אויך בנוגע דעם קיניגטום האָט יחזקאל געהאַלטן, אַז יהויכין איז געווען דער לעצטער געזעלצעכער מלך ביי אידן און אַז פון אים, ניט פון צדקיהן, וועט נאָך אַמאָל אַרויסקומען אַ אידישער הערשער אין ארץ־ישראל. דער גרויסער אָדלער, מיט גרויסע פליגלען און די בונטע קאָלירן (נבוכדנצר), שילדערט יחזקאל אין זיין אַלעגאָרישער שפּראַך, איז געקומען צום לבנון (ירושלים) און האָט צוגענומען דעם שפּיץ פון צעדערבוים (יהויכינען). ער האָט אָפּגעבראָכן די אויבערשטע צווייגלעך (די פירשטן) און זיי געבראַכט אין אַ לאַנד פון קרעמער און הענדלער (בבל). אויף זיין שטעל האָט ער איינגעפֿלאַנצט אַ נידעריק געוויקס, וואָס וואַקסט ביי דער ערד (צדקיהן). און ער איז זיך צעוואַקסן און געוואָרן אַ וויינשטאָק אַ נידעריקער, מיט די צווייגן אויסגעבויגן צו דעם אָדלער. אָבער פון דעם וויינשטאָק, זאָגט יחזקאל, וועט גאָרנישט ווערן. ער וועט צום סוף פֿאַרטריקנט ווערן. פֿאַרקערט, פון הויכן צעדערשפּיץ וועט גאָט אַמאָל נעמען אַ יונגן צווייג און אים איינפֿלאַנצן אויף די הויכע בערג פון ישראל. דאָרטן וועט ער טראָגן צווייגן און פירות און וועט ווערן אַ פּראַכטיקער צעדערבוים, וואָס אונטער זיין שאָטן וועלן וואוינען אַלערליי געפליגלטע פויגלען (קאַפּ. י"ז).

ירמיה אין ארץ־ישראל און יחזקאל אין בבל האָבן ביידע געהאַט פֿאַר זיך די זעלביקע עובדא: צו דערציען די אידן פֿאַר אַ לעבן אין גלות, און דאָס איז ניט געווען קיין גרינגע אַרבעט. די אידן אין יהודה האָבן ניט געוואָלט גלויבן, אַז זיי שטייט פֿאַר דער זעלביקער גורל, דער זעלביקער גלות, פון זייערע ברידער, וואָס זיינען פֿאַרטריבן געוואָרן מיט יהויכינען, און די אידן אין בבל האָבן ניט געוואָלט גלויבן, אַז זיי וועלן זיך מער ניט אומקערן צוריק אין זייער אַלטער היים, נאָר וועלן שוין אויסלעבן זייערע יאָרן אין גלות.

ירמיה שרייבט אַ בריוו צו די אידן אין גלות

מיר ווייסן פון ספר יחזקאל, אַז די מערסטע פאַרטריבענע אידן האָבן געלעבט אין אַן אָרט מיטן נאָמען תל־אָביב, וואָס איז געלעגן לעבן דעם טייך כבר. אויף באַבילאָניש האָט דער טייך געהייסן נאַרו קאַבאַרו. דאָס איז געווען אַ גרויסער קאַנאַל אין דרום מעסאָפּאָטאַמיע, לעבן דער שטאָט ניפור, אויף וועלכן מ'איז פאַרצייטן געפאָרן מיט שיפן. די פאַרטריבענע אידן האָבן זיך דאָרטן אָרגאַניזירט אין אַ געמיינדע וואָס בראש פון איר זיינען געשטאַנען די „זקנים", די עלטסטע פון די משפחות. זיי זיינען געווען ביכולת זיך איינצואָרדענען און צו בויען אַ נייע היים אין דעם פרעמדן לאַנד. אָבער זיי זיינען געווען שטאַרק צערודערט, נאָך מער ווי די אידן אין יהודה. און צווישן די גולים אין בבל זיינען אַרומגעגאַנגען נביאים, וואָס האָבן נביאות געזאָגט אויף באַלדיקן צוזאַמענבראָך פון בבל און דעם צוריקקער אַהיים.

צווישן ירושלים און תל־אביב איז אַנגעגאַנגען אַ לעבעדיקער פאַרקער. ירמיה ווייסט גענוי וואָס עס קומט פאָר ביי די פאַרטריבענע אידן אין בבל, און יחזקאל אין תל־אָביב ווייסט גענוי וואָס סע קומט פאָר אין ירושלים. אין די ערשטע יאָרן פון זיין הערשאַפט האָט צדקיה געשיקט אַ דיפּלאָמאַטישע דעלעגאַציע צו נבוכדנצרן. האָט ירמיה אויסגענוצט די געלעגנהייט און מיטגעשיקט מיט די שלוחים אַ בריוו צו די אידן אין גלות, אין וועלכן ער האָט זיי געהייסן זיך איינפונדעווען און איינלעבן אין דעם נייעם לאַנד. אין דעם בריוו שרייבט ירמיה:

„בויט הייזער און וואוינט אין זיי, פלאַנצט גערטנער און עסט זייער פרוכט; נעמט ווייבער און געבערט זין און טעכטער, און נעמט ווייבער פאַר אייערע זין, גיט אויס אייערע טעכטער צו מענער, און זאָלן זיי געבערן זין און טעכטער, און מערט אייך דאָרטן און מינערט אייך ניט. און זוכט דאָס גליק פון דער שטאָט, וואָס איך האָב אייך אַהין פאַרטריבן, און טוט תפילה פאַר איר צו גאָט, וואָרים איר גליק איז אויך אייער גליק".
(ירמיהו כ"ט)

מיר ווייסן ניט צי ירמיהס בריוו האָט געמאַכט אַ רושם אויף די גולים אין בבל. עס זעט גיכער אויס, אַז ערשט נאָכן חורבן פון ירושלים, ווען זיי האָבן דערהערט, אַז „די שטאָט איז געשלאָגן געוואָרן" (הוכתה העיר), האָבן זיי אָנגעהויבן זיך איינאָרדענען אין דעם נייעם לאַנד. ערשט דעמאָלט, ווען עס זיינען אָנגעקומען די נייע גולים, וואָס נבוזראדן האָט פאַרטריבן, האָבן זיי זיך מייאש געווען פון אומקערן זיך באַלד צוריק אין דער אַלטער היים.

נאָכן חורבן ירושלים

וויפל אידן מען האָט אַרום און אַרום פאַרטריבן קיין בבל, ווייסן מיר ניט אויף זיכער. פאַראַן וועגן דעם אַ קורצער סטאַטיסטישער באַריכט ביים סוף ספר ירמיהו. לויט אָט־דעם באַריכט איז פאַרגעקומען אַ דריטע דעפּאָרטאַציע פון יהודה פינף יאָר נאָך גדליהס טויט. אָבער די צאָל פאַרטריבענע אין די דריי דעפּאָרטאַציעס איז אַ צו קליינע און נעמט, קענטיק, ניט אַריין אַלע אידן, וואָס מען האָט פאַרטריבן קיין בבל. עס זיינען דאָ פאַרשיידענע מיינונגען און סברות וועגן דעם ביי די תנ״ך־פאָרשער, לכל הדעות איז נאָר אַ קליינער טייל פון דער באַפעלקערונג דעפּאָרטירט געוואָרן. די מערהייט איז געבליבן אין דעם לאַנד. דאָס זיינען געווען די אָרעמע קלאַסן, אָרעמע פּויערים מיט אַ קליין שטיקל לאַנד, אָדער קנעכט, וואָס האָבן געאַרבעט ביי די רייכע פּריצים. אָט־די אָרעמע לייט האָט נבוזראדן באַזעצט אויף די נחלאות פון די פאַרטריבענע רייכע לאַנד־אייגנטימער. „נאָר פון די אָרעמע פון לאַנד וואָס האָבן גאָרנישט געהאַט, האָט נבוזראדן דער הויפּט פון דער לייבגוואַרדיע אי־בערגעלאָזן אין לאַנד יהודה, און ער האָט זיי געגעבן וויינגערטנער און פעל־דער אין יענעם טאָג" (ירמיה ל״ט, 10).

עס חזרט זיך דאָ איבער די אייגענע מעשה פון גלות־יהויכין. ווידער זיי־נען די רייכערע אידן, וואָס מען האָט דעפּאָרטירט קיין בבל, אויפגעבראַכט און פאַרביטערט קעגן די געבליבענע אידן אין יהודה, וואָס האָבן באַקומען זייערע הייזער און נחלאות און זיינען געוואָרן די נייע באַלעבאַטים פון דעם לאַנד. אָט־די געפילן פון די פאַרטריבענע אידן האָט יחזקאל אויסגעדריקט מיט די ווערטער: „מענטשנקינד, די וואָס וואוינען אין די דאָזיקע חורבות אויף דעם לאַנד פון ישראל זאָגן, אַזוי צו־זאָגן: אברהם איז געווען איינער און ער האָט געירשנט דאָס לאַנד; און מיר זיינען פיל, איז דאָך אונז אַוודאי אָוועקגע־געבן געוואָרן דאָס לאַנד פאַר אַ ירושה" (קאַפּ. ל״ג, 24). נאָך אָט־דעם ציטירטן פּסוק מאָלט יחזקאל אַ שוואַרץ בילד וועגן דעם רעליגיעז־מאָראַלישן לעבן פון די אידן אין יהודה, און ער זאָגט פאָראויס, אַז עס רוקן זיך אָן נייע אומגליקן אויף זיי, און דאָס גאַנצע לאַנד, וואָס זיי מיינען, אַז זיי האָבן עס אָפּגע־ירשנט, וועט ווערן חרוב און וויסט.

מ׳דאַרף אָננעמען, אַז אין יחזקאלן רעדט דאָ די קעגנערשאַפט פון דעם גלות־אידן צו די אידן, וואָס זיינען געבליבן אין יהודה, און אַז דאָס בילד וואָס ער מאָלט פון זיי, איז שטאַרק גוזמאַדיק. אָבער בדרך כלל האָט יחזקאל ריכטיק אָפּגעשאַצט די רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע באַדייטונג פון די גלות־

אידן לגבי די אידן, וואָס זיינען געבליבן אין יהודה. אין דעם ווידעראויפ־שטעלן דאָס אידישע פאָלק אין זיין לאַנד, וואָס ער זעט פאָראויס, שפּילן די הויפּט־ראָלע די אידן אין גלות, וואָס גאָט וועט צונויפנעמען פון די פעלקער, און זיי איינזאַמלען פון אַלע לענדער, און זיי ברענגען צוריק אין זייער לאַנד (ל״ו, 24). אַזוי איז אויך געשען. די העגעמאָניע אין אידישן גייסטיקן לעבן און שאַפן אין די יאָרן פון גלות, און אויך שפּעטער אין דעם אויפבוי פון דער נייער ירושלים, האָבן געהאַט ניט די אידן פון ארץ־ישראל, נאָר די אידן פון בבל.

אין די ערשטע פּאָר חדשים נאָכן חורבן האָט אַ באַדייטנדיקער טייל אינטעליגענץ פון ירושלים זיך געהאַט אַרומגעקליבן אַרום גדליהן אין מצפּה, וואָס האָט געזאָלט ווערן דער נייער צענטער פון די אידן אין יהודה נאָכן חורבן ירושלים. אויך ירמיה האָט זיך אויסגעקליבן ניט צו גיין פרייוויליק קיין בבל נאָר צו בלייבן מיט גדליהן אין מצפּה און אים צו העלפן אויפ־בויען אַ נייעם פרידלעכן אידישן ישוב אויף די חורבות פון דער צעשטערטער מלכות־יהודה. אָט־די לאַגע האָט זיך געענדערט נאָכן אומברענגען גדליהן. די אידן פון דער קאָלאָניע אין מצפּה האָבן אויסגעוואַנדערט פון ארץ־ישראל קיין מצרים. ירמיהס וואָרענונגען צו די אידן פון מצפּה, אַז זיי זאָלן ניט אויסוואַנ־דערן קיין מצרים, האָבן קיין שום רושם ניט געמאַכט. סיי די פירער און סיי דאָס פאָלק האָבן באַשלאָסן צו אַנטלויפן קיין מצרים, וואו זיי וועלן „ניט זען קיין מלחמה, און ניט הערן דעם קול פון אַ שופר, און ניט הונגערן נאָך ברויט״ (ירמיה מ״ב, 14). זיי וואַנדערן אויס און זיי נייטן אויך ירמיהן און זיין תלמיד און ביאָגראַף ברוך בן־נריה מיטצוגיין מיט זיי. אַ חוץ ירמיה און ברוך בן־נריה האָבן צווישן די דאָזיקע אויסוואַנדערער פון מצפּה זיך אויך געפונען אַלע אנדערע אידן פון ירושלים, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון חורבן, ווען די שטאָט איז געפאַלן. אָט־די אידן, וואָס האָבן זיך גרופּירט אַרום גדליהן, זיינען געווען דער רוקנביין פון דער אידישער באַפעלקערונג, וואָס איז געבליבן אין יהודה. מיט זייער אויסוואַנדערונג זיינען די פויערים און פאַסטעכער פון די דערפער און שטעטלעך אין יהודה געבליבן אָן אַן אינטעליגענץ, אָן גייסטיקע פירער און וועגווייזער. פון איצט אָן ביז נאָך דער תקופה פון שיבת־ציון איז די גייסטיקע פירערשאַפט פון אידישן פאָלק אריבערגעגאַנגען צו די אידן אין בבל.

בנוגע דער אידישער צעשפּרייטונג האָבן מיר, בכן, אין די תנ״ך־צייטן דריי פעריאָדן: 1) די צייט ביזן גלות־יהויכין, ווען מיר הערן פון אַ אידיש לעבן בלויז אין ארץ־ישראל; 2) די עלף יאָר צווישן גלות־יהויכין און דעם

חורבן פון ירושלים, ווען עס הייבט אָן וואַקסן אַ צווייטער אידישער צענטער מחוץ פון ארץ־ישראל, אין בבל; 3) די יאָרן נאָכן חורבן, ווען מיר הערן שוין אויך פון אַ דריטן אידישן צענטער, אין מצרים. נאָכן חורבן האָבן זיך אידן צעשפּרייט איבער אַ סך נאַענטע און ווייטע לענדער. אָבער פון גרעסערע אידי־שע ישובים ווייסן מיר נאָר פון אָט־די דריי.

די אידן, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון מצפה קיין מצרים, האָבן דאָרטן געפונען אַ פריינטלעכע סביבה. זיי זיינען ניט געווען אין גאַנצן צווישן פרעמדע. זיי האָבן זיך באַזעצט צווישן לאַנדסלייט, וואָס האָבן שוין פון אַ צייט פריער געלעבט אין אייגענע אידישע געמיינדעס איבערן גאַנצן לאַנד. מצרים איז געווען אין אַ מיליטערישן בונד מיט יהודה קעגן בבל, און זי האָט דעריבער אויפגענומען פריינטלעך די אידן, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון נבוכדנצרס הערשאַפט. מ׳דאַרף אָננעמען, אַז שוין פאַרן חורבן ירושלים האָט זיך געצויגן אַ שטראָם אידישע עמיגראַנטן פון ארץ־ישראל קיין מצרים; און וואָס מער עס איז קלאָר געוואָרן, אַז מלכות־יהודה דערנענטערט זיך צו איר אונטערגאַנג, אַלץ מער איז געוואַקסן די אידישע עמיגראַציע קיין מצרים.

אין ירמיה, קאַפּ. מ״ד, האָבן מיר אַן אינטערעסאַנטן היסטאָרישן מאַטעריאַל וועגן די אידן אין מצרים אין די יאָרן נאָכן חורבן ירושלים. מיר לייענען דאָרטן ווי פון אַ סך אידישע ישובים אין מצרים קומען זיך אידן צונויפֿ, קענטיק צו פייערן אַן אַלגעמיינעם יום־טוב. עס קומען אידן פון שטעט אין אונטער־עגיפּטן, אויך פון נוף (מעמפיס), אין מיטלסטן טייל עגיפּטן, און אפילו אויך פון אַזוי ווייט ווי דאָס לאַנד פתרוס, אַ נאָמען פאַר דרום־עגיפּטן. אַ טייל אידישע עמיגראַנטן זיינען אָפּנים געבליבן ביי דער גרענעץ לעבן ארץ־ישראל, בעת אַנדערע האָבן געמאַכט זייער נייע היים אין דעם ווייטסטן דרום פון דעם לאַנד, ביי דער גרענעץ לעבן עטיאָפּיע, וואו מ׳האָט אין אָנהייב פון אונזער יאָרהונדערט אויסגעגראָבן דעם אַרכיוו פון אַ אידישער געמיינדע, וואָס האָט דאָרטן געהאַט אַ בית־המקדש פאַר דעם אידישן גאָט אין דער צייט פון עזרא און נחמיה.

מ׳פייערט דעם יום־טוב צו דעם אידישן גאָט, אָבער מ׳בוקט זיך אויך און מ׳איז מקריב אַ קרבן צו אישטאַר, דער „קעניגין פון הימל״. דאָס טוען איבער־הויפּט די אידישע פרויען. זיי האָבן זיך, זאָגן זיי, אַ נדר געגעבן, אַז אויב זיי וועלן אָנקומען בשלום אין מצרים, וועלן זיי מקריב זיין אַ קרבן צו דער מוטער־געטין, וואָס זייערע מאַמעס און באָבעס האָבן צו איר זיך געבוקט אין דער צייט פון מנשה מלך יהודה.

ירמיה טרעט־אויף פאַר די פאַרזאַמלטע אידן און מוסרט זיי. ער טענהט

מיט זיי, אַז איבער דעם דאָזיקן געצנדינסט האָט גאָט געבראַכט דעם חורבן און צוליב דעם וועט אויך אומקומען דער איבערבלייב פון יהודה, וואָס האָט זיך געראַטעוועט אין מצרים. די אידישע פרויען ענטפערן אים, אַז ס'איז פונקט פאַרקערט: כל־זמן אידן האָבן, אין מנשהס צייט, געדינט דער געטין אישטאַר, ווי אַלע פעלקער אַרום, האָבן זיי געלעבט אין פרידן און שפע. אָבער זינט יאשיהוס צייט, ווען מ'האָט אָפּגעשאַפט די פרעמדע געטער און אויפגע־הערט צו דינען דער „קעניגין פון הימל", האָבן זיך אָנגעהויבן שיטן צרות אויף אידן. ירמיה ענטפערט זיי, אַז איבער זייער געצנדינסט וועט גאָט ברענגען אַ קאַטאַסטראָפע אויף די אידן פון מצרים. זיי וועלן אַלע אומקומען פון שווערד און הונגער. בלויז געציילטע פון זיי, אַנטרונענע פון שווערד, וועלן דערלעבן זיך אומצוקערן צוריק קיין יהודה און זיך באַטייליקן אין דער באַנייאונג פון דעם אידישן פאָלק אין זיין לאַנד.

פון אָט־דעם באַריכט וועגן ירמיהס צוזאַמענשטויס מיט די אידישע ווייבער אין מצרים, וואָס האָבן געזוכט אויפצולעבן אין דער נייער היים דעם קולט פון דער באַבילאָניש־אַשורישער געטין אישטאַר, האָבן אַ סך היס־טאָריקער געדרונגען, אַז די אידן, וואָס האָבן נאָכן חורבן זיך באַזעצט אין מצרים, זיינען לגמרי אַסימילירט געוואָרן אין דער פּאָליטעאיסטישער סביבה און זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען פאַר דעם אידישן פאָלק. אָבער דאָס וואָס אַ גרופּע אידישע ווייבער האָבן געדינט דער מוטער־געטין איז נאָך לחלוטין קיין באַווייז ניט, אַז דאָס איז געווען פאַרשפּרייט צווישן אַלע אידן אין מצרים.

אַז די דאָזיקע מיינונג וועגן די אידן אין מצרים אין די יאָרן נאָכן ערשטן חורבן איז אַן אומבאַגרינדעטע און אַ פאַלשע, האָבן באַוויזן די שוין פריער דערמאָנטע פּאַפּירוסן, וואָס מ'האָט אין אָנהייב פון אונזער יאָרהונדערט אויס־געגראָבן אין עלעפאַנטין, ביי דער גרענעץ פון עטיאָפּיע. אָט־די פּאַפּירוסן האָבן דערוויזן, אַז די דאָזיקע פאַרוואָרפענע אידן פון אויבער־עגיפּטן האָבן, אין דער צייט פון עזרא און נחמיה, נאָך געהאַט אַ נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין און זיינען געשטאַנען אין אַ גייסטיקער פאַרבינדונג מיט זייערע ברידער אין ארץ־ישראל, פון וועמען זיי האָבן באַקומען אָנווייזונגען ווי צו היטן דעם „חג המצות".

מ'דאַרף אָננעמען, אַז ניט נאָר אין עלעפאַנטין, אויך אין אַנדערע געגענטן אין עגיפּטן האָבן אידן אין דער צייט פון גלות־בבל און שיבת־ציון געלעבט אין קאָמפּאַקטע ישובים און דאָרטן אויפגעהיט זייער רעליגיעזע אייגנאַרטיקייט. עס קען גריילעך זיין, אַז די און יענע אידישע ישובים פון די אַלטע צייטן אין מצרים האָבן דאָרטן עקזיסטירט ביז דער גריכישער עפּאָכע, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע אידישע מאַסן־עמיגראַציע קיין עגיפּטן.

ארץ־ישראל און גלות אין דער צייט פון גלות בבל

די צייט פון גלות־בבל איז אַ קורצער פּעריאָד, אַ קורצער, אָבער אַ געוואַל־דיק וויכטיקער, אין דער געשיכטע פון אידישן פאָלק. דער גלות האָט געדויערט ניט מער ווי אַרום אַ האַלבן יאָרהונדערט. אין יאָר 586, פאַר דער אָנגענומענער צייט־רעכענונג, האָט נבוכדנצר חרוב געמאַכט ירושלים און פאַרטריבן דעם בעסטן טייל פון אידישן פאָלק קיין בבל, און 47 יאָר שפּעטער, אין 539, האָט כורש מלך פּרס איינגענומען בבל, און די פאַרטריבענע אידן האָבן באַקומען די פרייהייט זיך אומצוקערן צוריק אין זייער אַלטער היים. אפילו ווען מיר זאָלן צורעכענען די עלף יאָר צווישן גלות יהויכין און דעם חורבן פון ירושלים, נעמט נאָך אַלץ ניט אַרום דער גלות־בבל קיין פולע זעכציק יאָר.

אָט דער האַלבער יאָרהונדערט פון געפאַנגענשאַפט אין בבל האָט גע־מאַכט דעם טיפסטן שניט אין דער אידישער געשיכטע. ניט אַזוי דער חורבן פון ירושלים און דער אומקום פון דער זעלבסטשטענדיקער אידישער מלוכה, ווי דער גלות, דאָס לעבן ווי פאַרטריבענע אין אַ פרעמדן לאַנד, האָט אי־בערגעאַנדערשט דאָס אידישע פאָלק, דאָס גייסטיקע אידישע לעבן, דעם אידישן איינשטעל צו גאָט און וועלט, און האָט אַרויסגעבראַכט אַ נייע גייסטיקע אַנט־וויקלונג, אַ נייעם, העכערן טיפּ אידישקייט. די אידן, וואָס מיר באַגעגענען שפּעטער, אין די צייטן פון צווייטן בית־המקדש, זיינען עפּעס גאָר ווי אַן אַנדער פאָלק מיט גאָר אַן אַנדער רעליגיעזן וועלט־באַנעם. דאָס זיינען גאָר ניט די זעלביקע אידן, וואָס עס ווערט פון זיי דערציילט אין די נביאים ראשונים, גאָר ניט די זעלביקע אידן וואָס די גרויסע נביאים פון עמוס און הושע ביז ירמיה און יחזקאל האָבן קעגן זיי געשטורעמט מיט זייערע פייערדיקע שטראָפרייד און זיי פאָראויסגעזאָגט חורבן און אומקום.

יענע אידן, אין די צייטן פאַרן גלות־בבל, זיינען, אין זייערע ברייטע מאַסן, געווען האַלבע אידן, האַלבע כנענים, די העכערע אידיש־מאָנאָטעאיסטי־שע רעליגיע איז געווען דאָס אייגנטום בלויז פון דעם קלענערן טייל פון אידישן פאָלק, צו די ברייטע מאַסן האָט זי זיך זייער שווער צוגעקלעפּט. דעם פּשוטן אידן, דעם מענטשן פון פאָלק, האָט עס שטאַרק געצויגן צו דער נאַטור־רע־ליגיע פון די אַרומיקע פּאָליטעאיסטישע פעלקער, צו די שיינע איקאָנעס און

די פריילעכע נאָטור יום־טובים. עס איז אין יענע צייטן געווען ממש אַ סכנה, אַז אידן זאָלן זיך דורכמישן מיט די פעלקער אַרום זיי און פאַרשלונגען ווערן אין דער היידנישער וועלט. די דאָזיקע סכנה איז מער ניט געווען אין די צייטן פון צווייטן בית המקדש. אידן זיינען דעמאָלט שוין געווען ניט בלויז אַ פאָלק פאַר זיך, נאָר אַ וועלט פאַר זיך, אַ באַזונדערע אידישע וועלט, און אין דער דאָזיקער וועלט האָבן זיי געלעבט דורך אַלע ווייטערדיקע צייטן ביז אויף היינט.

מיר וועלן דאָ ברענגען אַ קאָנקרעטן ביישפּיל, כדי צו מאַכן קלאָר און בולט דעם געוואַלדיקן אונטערשייד אין דעם אידישן גייסטיקן לעבן צווישן די צייטן פון דער זעלבסטשטענדיקער אידישער מלוכה און די צייטן פון צווייטן בית־המקדש.

עס ווערט דערציילט אין ספר מלכים, אַז אַרום 150 יאָר פאַר דעם חורבן פון ירושלים, ווען אחז מלך יהודה איז געקומען אין דמשק באַגעגענען זיין אויבערהאַר, תגלת־פלאסר, דעם מלך פון אשור, „האָט ער געזען דעם מזבח וואָס איז געשטאַנען אין דמשק, און ער האָט געשיקט צו דעם כוהן אוריה די געשטאַלט פון דעם מזבח און זיין געבוי פּונקט ווי ער איז געווען געמאַכט. און אוריה דער כוהן האָט אויפגעבויט דעם מזבח, גענוי ווי דער מלך אחז האָט באַפוילן פון דמשק, אַזוי האָט אוריה געמאַכט". עס ווערט נאָך ווייטער דער־ציילט, אַז אויף דעם נייעם מזבח האָט מען מקריב געווען די טעגלעכע קרבנות, און דעם אַלטן בראָנזענעם מזבח, וואָס איז געשטאַנען אין בית־המקדש נאָך פון שלמהס צייטן אָן, האָט אחז געהייסן אַוועקשטעלן אָן דער זייט (מלכים ב, ט"ז). דער נייער מזבח איז קענטיק געווען אַן אַשורישער, מיט סימבאָלן פון די אַשורישע געטער, און אחז האָט מיט דעם געוואָלט דעמאָנסטרירן זיין גע־טריישאַפט און אונטערגעוואָרפנקייט צום מלך פון אַשור. אין ירושלים האָט אָפּנים קיינער גאָרניט פּראָטעסטירט קעגן דעם, און אוריה הכוהן, וועמען מיר קענען פון ספר ישעיה ווי איינעם פון די חשובסטע אידן אין ירושלים (קאַפּ. ח, 2), פאָלגט אויס אחזס באַפעל גאָר אָן קווענקלעניש. ווען אחזס אייניקל, מנשה מלך יהודה, האָט פאַרגויישט דעם בית המקדש און אריינגעשטעלט אין אים אַ בילד פון אישטאַר, די מוטער־געטין פון בבל און אַשור, איז וויניק־סטנס געווען אַן אָפּאָזיציע קעגן אים אין ירושלים, און מנשה האָט מיט אַ בלוטיקער האַנט זי אונטערדריקט. „מנשה האָט אויך פאַרגאָסן אומשולדיק בלוט זייער פיל ביז ער האָט אָנגעפילט ירושלים פון עק צו עק", ווערט דער־ציילט אין ספר מלכים (מלכים ב, כ"א, 16). אָבער עס ווערט ניט דערמאָנט פון

אַ קעגנערשאַפט צו אחזן. פון אוריהס האַנדלונג זעט עס אויס, אַז קיינער איז אין ירושלים גאָר ניט געווען שאַקירט פון דעם וואָס מ׳האָט אַריינגעשטעלט אַן אַשורישן מזבח אין בית־המקדש.

גאָר אַן אַנדער בילד פון דעם אידישן גייסטיקן לעבן זעען מיר שפּעטער אין די צייטן פון צווייטן בית־המקדש. ווען אַנטיוכוס עפּיפאַנעס האָט אַריינגעשטעלט אין בית־המקדש אַ גריכישן מזבח, האָבן אידן עס גערופן „די וויסטע מיאוסקייט״ (שיקוץ משומם, דניאל י״א, 1^{3}; י״ב, 11), האָבן אָנגעהויבן אַ גערילאַ־קריג קעגן די פרעמדע הערשער, און אַ סך אידן זיינען געוואָרן מאַרטירער פאַר דעם אידישן גלויבן און דעם אידישן שטייגער־לעבן. נאָך שאַרפער קומט אַרויס פאַר אונז דאָס דאָזיקע בילד פון אידישן לעבן אַ פּאָר הונדערט יאָר שפּעטער, ווען פּאָנטיוס פּילאַטוס האָט געלאָזט אַריינטראָגן אין ירושלים די פאָנען מיט דעם קייסערס בילד. ווען פּילאַטוס האָט געהייסן זיינע סאָלדאַטן אַרויסציען די בלויזע שווערדן און האָט געסטראַשעט מיטן טויט די אידן, וואָס זיינען מיט אַ מאַסן־דעפּוטאַציע געקומען צו אים קיין צעזאַרעאַ, זיינען די אידן געפאַלן צו דער ערד, האָבן אויסגעשטרעקט זייערע העלדזער און געשריען הויך אויפן קול, אַז זיי ווילן בעסער זיך לאָזן טייטן איידער עובר צו זיין אויף דער תורה. די אייגענע זאַך חזרט זיך איבער עטלעכע יאָר שפּעטער, ווען צעזאַר קאַליגולאַ האָט געוואָלט אַריינשטעלן זיין סטאַטוע אין בית־המקדש.

דער קאָנטראַסט צווישן דער צייט פון דער זעלבסטשטענדיקער אידישער מלוכה און דער צייט פון צווייטן בית־המקדש איז דער קאָנטראַסט צווישן תנ״ך און תלמוד, צווישן „אָז ישיר״, וואו אידן זינגען אַ לויב־ליד צו גאָט וואָס ער האָט פּרעהס רייטוואָגן און זיין חייל אַריינגעשליידערט אין ים, און דעם מאמר פון תלמוד וועגן קריעת ים־סוף: „די מלאכי־השרת האָבן געוואָלט זאָגן שירה, האָט גאָט ברוך־הוא געזאָגט: מיינע באַשעפענישן טרינקען זיך אין ים און איר ווילט גאָר זאָגן שירה!״ (מגילה דף י).

אָט דער איבערבוי, די איבעראַנדערשונג פון אידישן גייסטיקן לעבן איז פאָרגעקומען ניט ביי אידן אין ארץ ישראל, נאָר ביי די פאַרטריבענע אידן אין בבל. די אידן אין ארץ ישראל זיינען אויך נאָכן חורבן פון ירושלים געבליבן האַלבע כנענים. אָבער אויף די פאַרטריבענע אידן אין בבל איז מקוים געוואָרן יחזקאלס נביאות: „און איך וועל זיי געבן אַ ניי האַרץ, און אַ נייעם גייסט וועל איך אַריינגעבן אין זיי, און איך וועל אַוועקנעמען דאָס שטיינערנע האַרץ פון זייער לייב און זיי געבן אַ האַרץ פון פלייש״ (יחזקאל י״א, 19).

גלות־בבל איז דערפאַר אַ היסטאָרישע דערשיינונג, וואָס האָט ניט צו זיך

קיין גלייכן: ביי אַלע פעלקער איז דער כלל, אַז דער נאַציאָנאַלער גייסט איז אַקטיוו און שעפעריש נאָר אויף דעם באָדן פון דעם אייגענעם לאַנד, אויף דער אייגענער ערד און אונטער דעם אייגענעם הימל. ביי מענטשן, וואָס ווערן מיט געוואַלד פאַרשיקט אויף פרעמדער ערד, ווערט אויסגעלאָשן דער נאַציאָנאַלער גייסט. גלות־בבל אָבער האָט דווקא גאָר פאַרשטאַרקט דעם נאַציאָנאַלן כוח און שעפערישן גייסטביים אידישן פאָלק. אידן זיינען מיט דער צייט געוואָרן אַ וועלט־פאָלק און זיינען ביז היינטיקן טאָג געווען נאַציאָנאַל שעפעריש אין אַלע לענדער און אַלע קלימאַטן. אָבער דאָס איז געשען אין אַ גלות אין זינען פון צעשפרייטונג, ניט אין אַ גלות פון פאַרטרייבונג. דאָס איז געשען אין לענדער, וואו אידן האָבן זיך פרייוויליק באַזעצט, זיינען דאָרטן אין משך פון אַ לאַנגער צייט געוואָרן טיף פאַרוואָרצלט און זיך געפילט ווי ביי זיך אין דער היים. דאָס איז, למשל, געווען דער פאַל מיט אידן אין בבל אין דער תלמודישער צייט. גלות בבל אָבער איז אַן אַנדער סאָרט קאַפּיטל אין דער אידישער געשיכטע. אידן זיינען אין יענער צייט נאָך געווען פרעמדע אין בבל, אָן טיפע וואָרצלען אין דעם נייעם לאַנד. בלויז עטלעכע צענדליק יאָר זיינען געווען פאַרגאַנגען זינט זיי זיינען מיט צוואַנג פאַרטריבן געוואָרן אַהין, אין דעם לאַנד פון זייערע פיינט, און דאָך האָט דער אידישער נאַציאָנאַלער גייסט, וואָס איז דורכן ערשטן חורבן פון ירושלים דערשטיקט געוואָרן אין ארץ ישראל, זיך צעבליט אין גלות־בבל ווי נאָך קיין מאָל פריער נישט.

ווירקונגען פון דעם גלות

לאָמיר דאָ איצט אָנווייזן מער קאָנקרעט און בפרטותדיק ווי אַזוי דער גלות האָט געווירקט אויף די אידן אין בבל. פאַרשטייט זיך, אַז מיר קענען דאָ ניט באַהאַנדלען אָט דעם מערקווירדיקן היסטאָרישן פּראָצעס אין אַלע זיינע פּרטים און זיינע פאַזן. עס וועט זיין גענוג בלויז אָנצודייטן אויף אייניקע וויכטיקע אומשטענדן און פאַקטאָרן, וואָס האָבן שטאַרק געווירקט אין דער איבעראַנדערשונג פון דעם אידישן גייסטיקן לעבן אין גלות־בבל.

איין שטאַרקע ווירקונג פון דעם גלות איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די פאַרטריבענע אידן זיינען אָפּגעריסן געוואָרן פון זייער היימישער ערד און ממילא אויך פון די פאַרהייליקטע שטיינער און ביימער, די „מצבות“ און „אשרות“, און פון דעם גאַנצן געצנדינסט, דעם נאַטור־קולט, וואָס אידן האָבן איבערגענומען פון די כנענים. יאשיהו דער מלך פון יהודה האָט אַרום דרייסיק יאָר פאַרן חורבן פון ירושלים אָפּגעשאַפט די פאָרמען פון כנענישן

קולט, ביי וועלכע די אידן האָבן זיך געהאַלטן פון דור־דורות, זינט זיי האָבן זיך באַזעצט אין ארץ־ישראל צווישן די כנענים. אָבער פּאַקטיש איז יאשיהוס רע־פאָרם ניט געוועזן קיין דערפאָלג. די אַלטע קולטן מיט די אַלטע כנענישע מנהגים זיינען נאָך יאשיהוס טויט ווידער אַרויס אין דער עפנטלעכקייט פון די פאַרבאָרגענע ווינקעלעך, וואו זיי האָבן זיך אַ געוויסע צייט באַהאַלטן. ערשט דער גלות האָט זיי אויסגעראָטעט פון אידישן לעבן. אין פרעמדן לאַנד, ווייט פון דער ארץ־ישראלדיקער לאַנדשאַפט, האָבן אידן פאַרגעסן די פאַר־הייליקטע בערג און פעלדזן, ביימער און קוואַלן. ערשט אין גלות־בבל האָבן אידן אויפגעהערט דינען גאָט „אויף יעדן הויכן בערגל, און אונטער יעדן זאַפ־טיק־גרינעם בוים״, און עס איז מקויים געוואָרן די נבואה פון ישעיה, אַז אידן וועלן אַמאָל זיך שעמען פון די הייליקע אייכנביימער וואָס זיי האָבן געגלוסט און די גערטנער וואָס זיי האָבן אויסדערוויילט (קאַפּ. א, 29).

אין דעם פּרט איז דעמאָלט געוועזן פונקט דער היפוך פון איצט. אין אונזער צייט איז איינע פון די שענסטע דערשיינונגען אין אידישן לעבן דער אויפ־קום אין ארץ־ישראל פון אַ נייעם טיפּ איד, וואָס האָט מיט זיין גאַנצן מהות, מיט אַלע פעדים פון זיין נשמה זיך באַהעפט מיט דער ארץ־ישראלדיקער ערד. אין גלות־בבל אָבער, פאַרקערט, איז אויפגעקומען אַ נייער, העכערער טיפּ איד וואָס האָט זיך באַפרייט פון דער ארץ־ישראלדיקער ערד און ממילא אויך פון דעם כנענישן פסולת, וואָס האָט זיך אַזוי פעסט געהאַט צוגעקלעפּט צו דעם קולט פון גאָט פון ישראל.

נאָך אַ שטאַרקער פאַקטאָר אין דעם רעליגיעזן לעבן פון די פאַרטריבענע אידן אין בבל איז געווען דאָס, וואָס זיי האָבן דאָרטן ניט געהאַט קיין אויסער־לעכע מיטלען פון קולט, דורך וועלכן צו געפינען לייטזעליקייט אין די אויגן פון גאָט. קיין קרבנות האָבן זיי ניט געקענט מקריב זיין. מ׳האָט זיך דערפאַר געהאַלטן אָן זיי נאָך פעסטער ווי פריער. צוויי פון די דאָזיקע מצוות האָבן איצט באַקומען אַ נייע רעליגיעזע באַדייטונג. דאָס זיינען געווען: ברית־מילה און שבת.

פאַר דעם גלות־בבל האָט ברית־מילה ניט געהאַט קיין גרויסע רעליגיעזע באַדייטונג ווי אַ ספּעציעל אידישער מנהג, וואָס צייכנט אויס אידן ווי אַ באַ־זונדער פאָלק, אַ הייליק פאָלק; ווייל אין ארץ־ישראל האָבן עס אידן פּראַק־טיצירט בשותפות מיט נאָך אַנדערע פעלקער — מיט די עגיפּטער, די פעני־קער, די עמונים, די מואבים. סיי אין די עשרת־הדיברות און סיי אין די אַנ־דערע עלטערע געזעצן פון חומש ווערט ברית־מילה ניט דערמאָנט, ווייל מ׳האָט ניט באַדאַרפט עס אָנזאָגן. אַלע האָבן געוואוסט, אַז נאָר געמל׳טע האָבן גע־

קענט געהערן צו דער אידישער געמיינדע, צו דעם „קהל יהוה". אויך ביי די גרויסע נביאים פאַר דעם גלות שפּילט ברית־מילה קיין ראָלע ניט. עמוס, הושע און ישעיה דערמאָנען עס אין גאַנצן ניט. ירמיה דערמאָנט עס יאָ, אָבער מיט אַ קלאָרן אָנדייט, אַז ער האַלט ניט פיל דערפון, ווייל עס איז ניט מער ווי אַ צייכן אין קערפּער, און מיט דעם אַליין איז מען נאָך ווייט קיין איד ניט. ער רעכנט אויס אַ גאַנצע רייע פעלקער וואָס זיינען געמלט, און דאָך דאַרפן אידן זיין אַנדערש פון זיי. זיין געמלט איז פאַר ירמיהן בלויז אַ סימבאָל פון גייסטיקייט, פון אידלקייט. מ'קען לויט ירמיהן זיין אויסערלעך געמלט און דאָך בלייבן אינערלעך אַ ערל: „זע, עס קומען טעג, זאָגט גאָט, און איך וועל זיך נעמען צו אַלע געמלטע וואָס בלייבן ערלים — מצרים, און יהודה, און אדום, און די קינדער פון עמון, און מואב, און אַלע מיט אָפּגעשניטענע פאות וואָס וואוינען אין מדבר; וואָרעם אַלע פעלקער זיינען ערלים, און דאָס גאַנצע הויז ישראל זיינען ערלים אין האַרצן" (ירמיה ט, 24־25).

אַנדערש אָבער איז דאָס געווען אין גלות־בבל. די מזרח־סעמיטן אין מעסאָפּאָטאַמיע זיינען ניט געווען קיין געמלטע. איז ברית־מילה דערפאַר דאָרטן געוואָרן אַ צייכן וואָס האָט אויסגעצייכנט די אידן ווי אַ באַזונדער פאָלק און זיי אָפּגעזונדערט פון די פעלקער אַרום. יחזקאל, דער נביא און גייסטיקער פירער פון די אידן אין גלות־בבל, דריקט אויס אין פיל שטעלן זיין פאַראַכטונג פאַר די ערלים. דער נאָמען ערלים האָט ביי אים אַן ענלעכע באַדייטונג ווי באַרבאַרן ביי די גריכן. „מיט אַ טויט פון ערלים וועסטו שטאַרבן", זאָגט ער צו דעם פירשט פון צור. „צווישן ערלים וועסטו ליגן", זאָגט ער צו דעם מלך פון מצרים (כ"ח, 10; ל"א, 18). לויט יחזקאלן זיינען דאָ אין דער „שאול" — די אונטערשטע וועלט פון די פינצטערע שאָטנס וואו די מתים געפינען זיך, לויט דעם דעמאָלטיקן גלויבן — צוויי באַזונדערע אָפּטיילונגען פאַר געמלטע און פאַר ערלים. אַזוי אַרום האָט דער מנהג פון מילה באַקומען אַ העכערע רעליגיעזע באַדייטונג ביי די אידן, וואָס האָבן געלעבט אין בבל צווישן אומבאַשניטענע פעלקער און איז געוואָרן „אַ צייכן פון בונד" צווישן גאָט און דעם אידישן פאָלק אויף אייביקע דורות.

אַ צייכן פון אַן אייביקן בונד צווישן גאָט און די בני־ישראל איז אויך געוואָרן שבת אין גלות־בבל. פאַרן גלות זיינען די דריי גרויסע ימים־טובים פון יאָר — פּסח, שבועות און סוכות — נאָך געווען פריילעכע פייערונגען, הוליאַנקעס, ענג פאַרבונדן מיט דעם דאָרפישן לעבן פון די פּויערים. לגבי די דריי פריילעכע יום־טובים האָט שבת ניט געקאָנט שפּילן קיין גרויסע ראָלע אין אידישן לעבן. אין נביאים ראשונים, און אויך אין די נבואות פון די עלטערע

נביאים פאַרן גלות, שטייט שבת געוויינלעך צוזאַמען מיט ראש־חודש („חודש ושבת", „לא חודש ולא שבת"). אָבער אין גלות זיינען אויך די „שלוש רגלים" געוואָרן הייליקע פאַרזאַמלונגען, טעג פון רו, פון הייליקער ערנסטקייט און גייסטיקער דערהויבונג. אַזאַ טיפּ יום־טוב האָט ניט געקאָנט שטעלן שבת אין שאָטן. ווארעם שבת איז קיינמאָל ניט געווען פאַרבונדן מיט קיין דאָרפישער הוליאַנקע, איז קיין מאָל ניט געווען אַ טאָג פון „פרייען זיך פאַר גאָט". קיין הייליקטום האָבן זיי אין בבל ניט געהאַט און מקריב זיין קרבנות צו גאָט האָבן זיי ניט געקאָנט. זיינען זיי שבת זיך צוזאַמענגעקומען אין אַ פריוואַטן הויז און דאָרטן געזאָגט און געזונגען תפילות און זיך צוגעהערט, ווי מ'האָט געליי־ענט פון דער תורה און פון די נביאים־ביכער. דאָס וואָרט, וואָס מ'האָט דאָ גע־זאָגט, געלייענט און געזונגען, האָט איצט פאַרנומען דעם אָרט פון דער הייליקער האַנדלונג אין הייליקטום, פון דעם קרבן און דער הייליקער פּראָצעסיע אַרום דעם מזבח. שפּעטער האָט מען אויפגעבויט פאַר דעם דאָזיקן צוועק ספּעציעלע פאַרזאַמלונגס־הייזער. אַזוי אַרום איז אויפגעקומען אין גלות־בבל די וויכטיקסטע און דויערהאַפטיקסטע אידישע אינסטיטוציע — די שול („בית הכנסת", פאַרזאַמלונגס־הויז, ווי אידן האָבן עס פאַרצייטן גערופן). מ'דאַרף אָננעמען, אַז שוין אין גלות־בבל זיינען ביידע אינסטיטוציעס, די שבת־רו און די שול, געוואָרן אַ פּאַסיקער זיווג און זיינען אַזוי געבליבן אויף אַלע צייטן. שבת איז פון דעמאָלט אָן געוואָרן דער טאָג, ווען דער איד האָט זיך אויסגעלעבט אין שול מיט דאַווענען און לערנען תורה.

די וויג פון דער שטרענגער שבת־רו און פון דעם פאַרטיפטן גייסטיקן אינ־האַלט פון שבת איז, בכן, געווען אין גלות־בבל. אין ארץ־ישראל, פאַרקערט, האָבן אידן אַרום הונדערט יאָר נאָכן גלות נאָך ניט אָפּגעהיט די שטרענגע שבת־רו וואָס איז געווען איינגעפירט ביי די אידן אין גלות. נחמיה דערציילט, אַז בשעת ער איז דאָס צווייטע מאָל געקומען פון שושן אין ירושלים, האָט ער דאָרטן געפונען אַ הפקרות בנוגע שבת. די אידישע פּויערים אַרום ירושלים האָבן אום שבת געטאָן זייער געוויינלעכע אַרבעט ביי דער לאַנדווירטשאַפט, און אין ירושלים גופא איז שבת געווען דער מאַרקטאָג. אידן פון די דערפער אַרום זיינען שבת געקומען אין ירושלים מיט זייערע אייזלען באַלאָדן מיט אַלערליי לאַנדפּראָדוקטן, און פעניקישע סוחרים פון צור, וואָס האָבן געוואוינט אין ירושלים, האָבן שבת געבראַכט אַהין פיש און נאָך אַנדערע מינים סחורות צו פאַרקויפן. ערשט נחמיה, דער גרויסער פירער פון די גלות־אידן, האָט אַרויפגעצוואונגען אויף די אידן און יהודה די שטרענגע שבת־רו וואָס האָט געהערשט ביי די אידן אין גלות (נחמיה י"ג; י, 32).

אָבער ניט נאָר דער קולט האָט אָנגענומען אין גלות נייע פאָרמען, אויך דער עצם פון דעם רעליגיעזן וועלט־באַנעם האָט זיך פיל געענדערט ביים פאָלק. אין גלות, אין דער פרעמדער, ברייטער וועלט, האָט אויך דער פשוטער איד, דער מענטש פון פאָלק, אויפגעהערט צו טראַכטן פון זיין גאָט אין לאָקאַלן און נאַציאָנאַלן זינען, האָט אויפגעהערט אים האַלטן פאַר דעם גאָט פון דעם אידישן פאָלק און דעם אידישן לאַנד. אין גלות איז די מאָנאָטעאיסטישע וועלט־באַטראַכטונג פון די נביאים, זייער השגה פון גאָטס גייסטיקייט און אַלוועלט־לעכקייט, זיין איינציקייט און אויסשליסלעך מאָראַלישן מהות, אַלץ מער און מער אַריינגעדרונגען אין ברייטערע קרייזן פון פאָלק.

דער גלות האָט געענדערט דעם איינשטעל פון דעם אידן צו זיין גאָט, און האָט אויך משפיע געווען אויף זיין איינשטעל צו דער ברייטער וועלט אַרום. לעבנדיק צווישן מעכטיקערע און ציוויליזירטערע פעלקער ווי זיי, האָבן די פאַרטריבענע אידן מער ניט געקאָנט איגנאָרירן זייערע ניט־אידישע שכנים אָדער זיי באַטראַכטן בלויז ווי אַ צילברעט פאַר גאָטס צאָרן. זיי האָבן זיך געמוזט פאַרטראַכטן וועגן גאָטס שייכות צו די פעלקער פון דער וועלט און וועגן דער ראָלע וואָס אידן, זיין אויסדערוויילט פאָלק, זיינען באַרופן צו שפּילן, ווען עס וועט פאַרווירקלעכט ווערן גאָטס ציל אין דער וועלט־געשיכטע. אַזוי־אַרום איז אויפגעקומען די אוניווערסאַליסטישע רעליגיעזע געשיכטס־פילאָ־זאָפיע פון דעם גרויסן אַנאָנימען נביא פון גלות־בבל, וואָס זיינע נבואות זיינען שפּעטער צוגעשטעלט געוואָרן צו דעם בוך פון ישעיה (פון קאַפּ. מ אָן).

לויט דעם דאָזיקן נביא איז דאָס ציל פון דער וועלט־געשיכטע, אַז „עס זאָל אַנטפּלעקט ווערן די פּראַכט פון גאָט און אַלע באַשעפענישן אין איינעם זאָלן עס זען״; אַז אַלע פעלקער פון דער וועלט זאָלן אָננעמען די אידיש־מאָנאָטעאיסטישע אמונה, זאָלן קומען צום אידישן פאָלק און „זיך בוקן צו אים, זיך ביי אים בעטן און צו אים זאָגן: „נאָר ביי דיר איז גאָט און מער איז ניטאָ, קיין שום גאָט״. מיט דעם וועט זיך אָנהייבן אַ נייע צייט פון גליק אויף דער וועלט. אָט די נייע גליקלעכע צייט ליגט ניט ווייט אין דער צוקונפט, זי איז גאָר נאָענט. כורש גייט פון נצחון צו נצחון. דאָס האָט גאָט אים געזאַלבט, אים אָנגענומען ביי דער האַנט און אונטערגעוואָרפן אונטער אים אַ לאַנד נאָך אַ לאַנד, כדי ער זאָל איינעמען בבל, באַפרייען ישראל פון זיין געפאַנגענ־שאַפט און צוריק אויפבויען גאָטס שטאָט, ירושלים. אָבער עס וועט ניט זיין גענוג אויפצושטעלן ישראל צוריק אין זיין לאַנד. אַ פיל גרעסערע ראָלע איז פאַר אים באַשטימט אין דער נייער צייט: „און ער האָט געזאָגט: עס איז צו גרינג, דערפאַר וואָס דו ביסט מיין קנעכט, אויפצושטעלן די שבטים פון יעקב

און אומקערן די צווייגן פון ישראל, נאָר איך וועל דיך מאַכן פאַר אַ ליכט פון די פעלקער, אַז מיין ישועה זאָל גרייכן ביזן ענד פון דער וועלט (ישעיה מ, 5; מ״ד, 26־28; מ״ה, 1־4, 13־14; מ״ט, 6).

אַזאַ ברייטן קוק אויף דעם גורל פון ישראל צווישן די פעלקער האָט געקאָנט האָבן נאָר אַ נביא וואָס האָט געלעבט אין דער אידישער צעשפּרייטונג, אין מיטן פון דער ברייטער וועלט.

דרייערליי גלות־אידן

אָבער ניט אויף אַלע פאַרטריבענע אידן אין בבל האָט דער גלות, דאָס לעבן אין דער פרעמד, געווירקט אין דער זעלביקער ריכטונג. ניט אַלע זיינען אַרויסגעקומען פון דער געפאַנגענשאַפט הייסע אידן מיט אַ געלייטערטן אידישן גייסט. דאָס איז געשען נאָר מיט אַ טייל פון זיי. מיר הערן דאָס קלאָר אין די נבואות פון יחזקאל. מיר הערן דאָ, אַז די אידן אין בבל זיינען ניט געווען קיין איינהייטלעכע גרופּע, נאָר זיינען אידעאָלאָגיש געווען שטאַרק צעטיילט צווישן זיך. ניט אַלע האָבן געוואָלט ווייטער שפּינען דעם פאָדעם פון אידישן המשך, און ניט אַלע האָבן געוואָלט פאַרבינדן זייער אידישן קיום מיט ארץ־ישראל און ירושלים.

געווען אידן אין גלות בבל וואָס האָבן געוואָלט אינגאַנצן זיך באַפרייען פון דער ירושה פון די עלטערן און זיך אַסימילירן אין דער נייער היידנישער סביבה, אין דער ציוויליזאַציע און רעליגיע פון בבל. זיי האָבן בייגעוואוינט די פייערלעכע פּראָצעסיעס, אין וועלכע מ׳האָט מיט גרויס פּאַראַד געטראָגן די סטאַטוע פון מאַרדוך, דעם הויפּטגאָט פון בבל (אין תנ״ך הייסט ער מרודך און אויך בל); זיי האָבן זיך אַנגעהערט, אָדער זיך אָנגעלייענט, מיט דער ליטעראַטור פון בבל, מיט איר מיטאָלאָגיע, אירע שיינע, פאַנטאַסטישע מעשיות וועגן די געטער און האַלבע געטער, די העראָען פון די אור־גראָע צייטן; און אַזוי אַרום זיינען זיי אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער פרעמדער קולטור און פון איר פאַרשלונגען געוואָרן.

ווי ווייט די רעליגיע פון בבל און דער קולט פון די איקאָנעס פון אירע געטער איז געווען אַריינגעדרונגען און פאַרשפּרייט ביי די פאַרטריבענע אידן — אָדער אפשר נאָר ביי דעם יונגן דור וואָס איז געבוירן געוואָרן און געוואַקסן אין בבל — קענען מיר זען פון די רייד פון אַנאָנימען נביא פון צווייטן טייל ישעיה. דער דאָזיקער נביא, וועלכער איז אויפגעטראָטן נאָך יחזקאלן, ביים סוף פון גלות־בבל, פּאָלעמיזירט שטאַרק קעגן דעם קולט פון איקאָנעס.

ער זאָגט: „צו וועמען קענט איר צוגלייכן גאָט און וואָסערע געשטאַלט קענט איר אַוועקשטעלן פון אים? אַ מייסטער גיסט אויס דעם געץ, און אַ גאָלד־שמידט באַציט אים מיט גאָלד און מאַכט נאָך דערצו זילבערנע קייטלעך. אַן אָרעמאַן קלייבט אויס אַ שטיק האָלץ וואָס פוילט ניט, זוכט זיך אויס אַ קלוגן מייסטער אויפצושטעלן אַ געץ וואָס זאָל זיך ניט וואַקלען." אָדער „דער האָלצמייסטער מונטערט אויף דעם גאָלדשמידט, דער האַמער־גלעטער — דעם אַמבאָס־קלאַפּער; ער זאָגט צו דער צונויפלייטונג: ס'איז גוט! און באַפעסטיקט עס מיט נעגל, עס זאָל זיך ניט שאַקלען" (ישעיה מ', 18־20; מ"א, 7).

פון וועמען לאַכט דאָ דער אַנאָנימער נביא? זיכער רעדט ער דאָ ניט צו די באַבילאָנער. זיי האָבן דאָך ניט גערעדט קיין העברעאיש און אים ניט געקענט פאַרשטיין. ער רעדט דאָ באַשיימפּערלעך צו די אַסימילירטע אידן אין בבל וואָס האָבן נאָכגעטאָן זייערע גוישע שכנים און האָבן אַוועקגעשטעלט אין זייערע הייזער איקאָנעס פון מאַרדוך און נבו, אישטאַר און תמוז, די געטער פון בבל. אויף דעם סאָרט אידן זאָגט עס יחזקאל: „און וואָס עס קומט אייך אַריין אין זינען וועט קיינמאָל ניט געשען, וואָס איר זאָגט: לאָמיר זיין ווי די פעלקער, ווי די משפחות פון די לענדער, צו דינען האָלץ און שטיין" (יחזקאל כ', 32).

יחזקאל זאָגט נביאות, אַז מיט אַ שטאַרקער האַנט און אויסגעשטרעקטן אָרעם וועט גאָט געוועלטיקן איבער די אידן וואָס זיינען צעשפּרייט געוואָרן צווישן די פעלקער. מיט געוואַלד וועט ער זיי אַרויסציען פון די פעלקער און זיי איינזאַמלען פון די לענדער, און ווי אַמאָל, אין דער צייט פון יציאת־מצרים, וועט ער זיי איצט אויך ברענגען אין מדבר. דאָס מאָל וועט עס זיין דער „מדבר פון די פעלקער", דער סיריש־אַראַבישער מדבר צווישן בבל און ארץ־ישראל. דאָרטן וועט גאָט האַלטן אַ משפט איבער אַלע גלות־אידן, אַזוי ווי אַמאָל אין מדבר פון דעם לאַנד מצרים. אַ טייל פון די דאָזיקע אידן וועט ער צוריקברענגען „אין דער קייט פון בונד", און זיי מאַכן צוריק פאַר גוטע אידן, און זיי וועלן לעבן גליקלעך אויף דער ערד פון ישראל. אָבער די ווידער־שפּעניקע און אָפּטריניקע וועט גאָט בלויז אַרויסנעמען פון דעם לאַנד וואו זיי האָבן זיך אויפגעהאַלטן, אָבער אויף דער ערד פון ישראל וועלן זיי ניט קומען. זיי וועלן שוין אויף אַלע מאָל פאַרבלייבן אין מדבר (כ, 33־38).

געווען אויך אַ צווייטער סאָרט אידן אין גלות־בבל, וואָס האָבן געוואָלט בלייבן געטרייע אידן, אָבער זיי האָבן ניט געוואָלט מער טראַכטן פון ירושלים און איר חורבן בית־המקדש, נאָר האָבן געפּלאַנעוועט צו בויען אַ בית־המקדש און מקריב צו זיין קרבנות צו דעם גאָט פון ישראל אָט דאָ גופא, אין בבל.

דער גלויבן, אַז דער באַרג ציון איז דער איינציקער הייליקער אָרט פאַר אַלע אידן, איז דעמאָלט נאָך געווען לפי ערך יונג און האָט קענטיק נאָך ניט באַהערשט אַלע קרייזן פון דעם פאָלק. עס איז געווען ערשט נאָך גאָר נישט לאַנג צוריק, אַרום דרייסיק יאָר פאַרן חורבן פון ירושלים, ווי יאשיהו מלך יהודה האָט דורכגעפירט זיין רעפאָרם, האָט אָפּגעשאַפט אַלע אָרטיקע הייליקטימער אין גאַנצן לאַנד, די „במות״, און דערקלערט דעם בית־המקדש אין ירושלים פאַר דעם איינציקן הייליקן אָרט, וואו מען מעג מקריב זיין קרבנות צו גאָט. מ׳דאַרף אָננעמען, אַז דער דאָזיקער גלויבן אין דער אויסשליסלעכער הייליקייט פון באַרג ציון איז דורכן חורבן אַ ביסל צעטרייסלט געוואָרן. געווען אַפּנים אידן דאָ און דאָרטן, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז יאשיהוס רעפאָרם איז מעגלעך גאָר געווען אַ טעות. אָט, האָבן זיי געטענהט, האָט דאָך גאָט איבערגעגעבן ירושלים אין די הענט פון דעם פיינט פונקט ווי ער האָט עס פריער געטאָן מיט אַלע אַנדערע שטעט אין ארץ־ישראל. איז דאָך דערפון געדרונגען, אַז ירושלים איז ביי גאָט ניט הייליקער ווי יענע אַנדערע שטעט.

מיר ווייסן היינט פון די אויסגעגראָבענע פאַפּירוסן אין עלעפאַנטין, ווייט אין דרום פון מצרים, אַז אין דער עפּאָכע פון שיבת־ציון האָבן די אידן דאָרטן געהאַט אַ בית־המקדש לויטן מוסטער פון דעם בית־המקדש אין ירושלים. עס לייגט זיך אויפן שכל, אַז די אידן אין עלעפאַנטין האָבן אויפגעבויט זייער בית־המקדש אין דרום פון מצרים אין די יאָרן נאָכן חורבן, ווען זיי האָבן געהערט, אַז דער בית־המקדש אין ירושלים איז חרוב געוואָרן. מיר דאַרפן זיך דעריבער ניט וואונדערן וואָס אויך אין גלות־בבל זיינען געווען אידן וואָס האָבן געפּלאַנעוועט צו בויען אַ בית־המקדש אין דעם פרעמדן לאַנד און ברענגען דאָרטן פאַר גאָט קרבנות און מתנות און אים דינען מיט דעם זעלביקן צערעמאָניאַל ווי אין דעם בית־המקדש פון ירושלים. דרך־אגב, די אייגענע געשיכטע האָט זיך איבערגעחזרט אַרום פיר הונדערט יאָר שפּעטער, בשעת אנטיוכוס עפּיפאַנעס האָט פאַרשוועכט דעם בית־המקדש און אָפּגעשטעלט די עבודה. דער כוהן גדול חוניו איז דעמאָלט אַנטלאָפן פון ירושלים קיין מצרים און דאָרט אויפגעבויט דעם „בית חוניו״, ווי דאָס הייסט אין תלמוד, אַ בית־המקדש מיטן צערעמאָניאַל פון דעם בית־המקדש אין ירושלים.

עס ווייזט אויס, אַז די פירער און אידעאָלאָגן פון די דאָזיקע אוניווערסאַליסטישע גלות־אידן אין בבל זיינען געקומען צו יחזקאלן אים פרעגן זיין מיינונג וועגן זייער פּלאַן. יחזקאל, האָבן זיי זיך געטראַכט, האָט דאָך אַזוי פיל מאָל געשאָלטן ירושלים ווי אַ זינדיקע שטאָט פול מיט שפיכת־דמים און געצענדינעריי. היינט פאַרוואָס זאָלן פרומע און ערלעכע אידן ניט דינען גאָט

אין בבל מיט א בית־המקדש, אַ מזבח און א פולן ריטואַל ווי אין ירושלים? וואָלט דאָס ניט געווען דער בעסטער וועג אָנצוהאַלטן דעם יונגן דור ביי דעם גלויבן אין דעם גאָט פון ישראל, אַז עס זאָל אים ניט ציען צו די טעמפּלען פון די געטער פון בבל?

יחזקאל האָט זיי אויף דעם געענטפערט קורץ און שאַרף: „איר הויז פון ישראל, גייט אייך און דינט בעסער יעדער איינער זיינע געצן, אויב איר ווילט ניט צוהערן צו מיר; אָבער פאַרשוועכט ניט מיין הייליקן נאָמען מיט אייערע קרבנות... בלויז אויף מיין הייליקן באַרג, אויף דעם הויכן באַרג פון ישראל וועט דאָס גאַנצע הויז פון ישראל מיר דינען... דורך אַ ליבלעכן ריח וועל איך אייך באַוויליקן, ווען איך וועל אייך אַרויספירן פון די פעלקער און איינזאַמלען פון די לענדער וואָס איר זייט אין זיי צעשפּרייט געוואָרן...” (יחזקאל כ, 39־44).

יחזקאל האָט אָפּנים געהאַט אַ גרויסע נאָכפאָלגערשאַפט. דאָס זיינען גע־ווען פרומע אידן וואָס זיינען געלייטערט געוואָרן אין גלות און האָבן אויס־געקוקט אויף דעם טאָג, ווען די געפאַנגענשאַפט אין בבל וועט זיך ענדיקן און זיי וועלן קאָנען גיין צוריק קיין ציון. זיי האָבן מיט דעם תהלים־זינגער געזאָגט אין זייערע תפילות: „אָ, ווען וועט שוין קומען פון ציון די הילף פון ישראל!... טו גוטס צו ציון מיט דיין וואוילגעפעליקייט, בוי אויף די מויערן פון ירושלים. דענסטמאָל וועט מען מקריב זיין אָקסן אויף דיין מזבח” (תהלים נ״א, 20־21; נ״ג, 7).

עס איז געווען אַ מערקווירדיקער היסטאָרישער פּראָצעס, ווי אַזוי די פרומע, געטרייע אידן אין גלות־בבל האָבן דאָרטן געשאַפן אַ העכערן טיפּ אידישע פרומקייט און דערנאָך, ווען דער גלות האָט זיך געענדיקט, אַריבער־געפלאַנצט די דאָזיקע אידישקייט אויף די בערג פון ישראל. ניט אין בבל, נאָר אין ארץ־ישראל האָט אָט די גלות־פרומקייט געפונען איר היסטאָרישן המשך. אָנגעפירט פון עזרא און נחמיה, האָבן די גלות־אידן, אונטער דער פּערסישער הערשאַפט, אויפגעבויט אַ נייע אידישע מדינה אַרום אַ נייער ירושלים, אַ שטענדיקע היים פאַר זייער פרומען לעבן, און אַזוי אַרום זיינען זיי געוואָרן די טרעגער פון דער אידישער געשיכטע.

די מלוכה פון דער ערד
און די מלוכה פון הימל

- משיחישע חלומות און משיח־האפענונגען
- דער וועג צו א נייער וועלט

די מלוכה פון דער ערד און די מלוכה פון הימל

די געשיכטע פון די אידן אין דער צייט ווען זיי האָבן געפירט אַן אייגן מלוכה־לעבן אין ארץ־ישראל — אַ צייט פון איבער טויזנט יאָר, וואָס נעמט אַריין די עפּאָכע פון דער זעלבסטשטענדיקער מלוכה און די עפּאָכע פון צווייטן בית־המקדש — איז אַ געשיכטע פון אַ מערקווירדיקן פאָלק, וואָס האָט געזוכט און געשטרעבט זיך צו באַפרייען פון זיין מלוכה און אויפצובויען זיין נאַציאָנאַל לעבן אויף אַ גייסטיקן יסוד. אָבער ניט אַזוי לייכט איז אָנגעקומען די אידן צו ווערן אַ גייסטיק פאָלק, אַ זאַך וואָס האָט זיך קיין אַנדער אומה ולשון נאָך ניט איינגעגעבן. כדי דאָס דורכצומאַכן, האָבן די אידן געמוזט אויפשטעלן אַנטקעגן דעם געדאַנק פון דער מלוכה פון דר׳ערד, פון זייער מלוכה וואָס זיי האָבן אויפגעבויט אויף דער ארץ ישראל׳דיקער ערד, דעם געדאַנק פון דער מלוכה פון הימל.

די געשיכטע פון דעם אידישן מלוכה־לעבן אין ארץ־ישראל, פון דוד׳ן ביזן צווייטן חורבן, איז דערפאַר אַ צווייפאַכיקע מיט אַ טאָפּלטן פּנים: פון איין זייט די מלוכה פון דר׳ערד, פון דער אַנדערער — די מלוכה פון הימל.

מיר דאָ וועלן צוערשט באַטראַכטן די אידישע מלוכה פון דר׳ערד, און ערשט ווען מיר וועלן זיי האָבן געזען אין אַלע אירע פאַזעס, וועלן מיר איבערגיין צו דער „מלכות השמים״.

די אידישע מלוכה פון דר׳ערד, די פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע פון די אידן אין ארץ ישראל, האָט, טיילוויז דורך פּאָליטישע און סאָציאַלע פאַקטאָרן, טיילוויז אונטער דער השפעה פון דעם געדאַנק פון גאָט׳ס מלוכה, דורכגעמאַכט פאַרשידענע פאַזעס אין איר אַנטוויקלונג. די דאָזיקע אַנטוויקלונג איז געגאַנגען אין אַן עיגול, און אין איר לעצטער פאַזע איז זי צוגעקומען צו איר סאַמע אָנהויב און איז געוועזן באַנקראָט.

דער דאָזיקער עיגול, אין וועלכן דאָס אידישע מלוכה־לעבן אין ארץ ישראל האָט זיך טויזנט יאָר געדרייט, איז געטיילט געוועזן אין צוויי סימעטרישע העלפטן: הן אין דער ערשטער און הן אין דער צווייטער העלפט פון דעם עיגול האָט דאָס אידישע לעבן דורכגעמאַכט דריי פאַזעס. אין דער ערשטער העלפט: מלוכה, נבואה און תורה; אין דער צווייטער העלפט: תורה, כהונה און מלוכה.

מיר וועלן אָנהויבן מיט דער ערשטער פאַזע פון דער ערשטער העלפט פון דעם עיגול: מיט מלוכה.

מלוכה

די אידישע פאַסטוכער־שבטים האָבן אַ לאַנגע צייט געקעמפט מיט זייערע פיינט פון אַרום פאַר זייער קיום אין דעם לאַנד, וואו זיי האָבן זיך באַזעצט. איינאיינציקער געדאַנק האָט זיי דעמאָלט באַהערשט: דער געדאַנק פון אַ מלוכה. אַן איינאיינציק שטרעבן האָט צוזאַמענגעהאַלטן אַלע טיילן פון דעם פאָלק: דאָס שטרעבן אויפצובויען אַ שטאַרקע אידישע מלוכה, אויסצושפּרייטן איר ממשלה איבער אַלע שכנים־פעלקער אַרום, צו קריגן וואָס מער פּאָליטישע מאַכט און מאַטעריעלע רייכקייט. און אונטער דער פירער־שאַפט פון דעם גבור פון בית־לחם איז דאָס דאָזיקע שטרעבן דערפילט געוואָרן. אונטער דוד׳ן האָט די פּאָליטישע מאַכט פון די אידן דערגרייכט איר העכסטן פּונקט און זייער נאַציאָנאַלער אידעאַל איז געוואָרן אַ ווירקלעכ־קייט: זיי זיינען געוואָרן אַ מלוכה־פאָלק.

אָבער אַט דער נאַציאָנאַלער געדאַנק, אויף וועלכן עס האָט זיך דעמאָלט געהאַלטן דער גאַנצער בנין פון אידישן לעבן, איז לחלוטין ניט געווען קיין ספּעציעל אידישער. דאָס איז געווען דער אייגענער סאָרט נאַציאָנאַלער געדאַנק, אויף וועלכן עס האַלטן זיך עד היום אַלע פעלקער: דער מלוכה־געדאַנק. ניט אומזיסט זאָגט אַ ביבלישער היסטאָריקער, אַז מיט דער מלוכה, וואָס די אידן האָבן געגרינדעט, האָבן זיי נאָר נאָכגעמאַכט די פעלקער אַרום (שמואל א, ח, 20).

און פּונקט ווי ביי אַלע פעלקער, אַזוי איז אויך דעמאָלט ביי די אידן געווען די מלוכה דאָס סאַמע העכסטע אין זייער גאַנצער השגה. עפּעס העכערעס ווי די מלוכה האָט פאַר זיי ניט עקזיסטירט. אמת טאַקע, די אידן האָבן דאַן געהאַט אויך אַ גאָט, זייער גאָט יהוה, דעם גאָט פונם פאָלק ישראל; אָבער אויך אַט דער גאָט־געדאַנק איז געווען אונטערגעוואָרפן אונטער דער מלוכה. יהוה איז געוואָרן גרויס און מעכטיק און קיינער צווישן די געטער איז ניט געווען גלייך צו אים (שמות ט״ו 11), ווען די אידישע אַרמיי איז געווען מעכטיק און האָט צעשלאָגן אויף די שלאַכט־פעלדער אַלע אידישע פיינט. יהוה איז דעמאָלט געווען דער פאַנצער פון ישראל׳ס הילף און דער שווערד פון זיין שטאָלץ (דברים ל״ג 29). די מעכטיקייט פון דעם אידישן גאָט איז בכן דעמאָלט געווען אין דער אידישער רעליגיעזער השגה ניט

מער ווי אַ פּועל־יוצא פון דער אידישער פּאָליטישער מאַכט. איז די אידישע מלוכה שוואַך געוואָרן און די אידן זיינען צעשלאָגן געוואָרן, איז אויך זייער גאָט שוואַך געוואָרן. אחז האָט דעריבער אין זיין געדריקטער לאַגע מקריב געווען קרבנות צו די געטער פון דמשק; וואָרום ער האָט געגלויבט, אַז די געטער פון ארם זיינען שטאַרקער ווי דער גאָט פון ישראל (דברי הימים ב, כ״ח 23). מנשה מלך יהודה, וועלכער איז געווען אַ טרייער וואַסאַל פון אַשור און האָט אויפגעגעבן יעדן געדאַנק פון אַ פּאָליטישער זעלבסטשטענדיקייט, איז דערפאַר געווען אַ געצנדינער בפני עם ועדה און האָט אויסגעבויט אין בית־המקדש מזבחות פאַר די געטער פון אשור (מלכים ב, כ״א). וואָרים ביי די קרייזן פון אידישן פאָלק, וועלכע האָבן פאַרטראָטן דעם מלוכה־געדאַנק, איז געווען אַ פאַרשטענדלעכע זאַך, אַז אויב ארץ ישראל איז ניט מער ווי אַ פּראָווינץ פון דער אַשורישער אימפּעריע, איז דער אידישער גאָט אויך אונטערגעוואָרפן אונטער די מעכטיקע געטער פון אַשור. די אידן מוזן דעריבער, צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע אַשורישע אונטערטאַנען, זיך בוקן צו זיי.

אַזוי ווי דאָס העכסטע אין דעם אידישן נאַציאָנאַלן לעבן איז אין יענער עפּאָכע געווען די מלוכה, איז דער העכסטער פאַרטרעטער פון דער אידישער נאַציע זעלבסטפאַרשטענדלעך געווען דער מלך. ער איז געווען דער „גע־זאַלבטער פון יהוה", און זיין פּערזאָן איז געווען הייליק און אומבאַרירלעך. דער וויכטיקסטער צענטער פון פאָלק איז געווען דעם קעניג׳ס ציטאַדעל, וואָס האָט געשטעלט אין שאָטן דעם מקדש פון גאָט. שלמה׳ס בית־המקדש איז געבויט געוואָרן אַלס טייל פון די קעניגלעכע בנינים אויפן באַרג ציון, און אַז ער איז ניט געווען דער סאַמע עיקר ביי אים, ווי מ׳האָט אין שפּע־טערדיקע צייטן זיך פאָרגעשטעלט, קאָן מען זען דערפון, וואָס אויף זיין פּאַלאַץ האָט מען געאַרבעט דרייצן יאָר, בעת דער בית־המקדש איז אויס־געבויט געוואָרן אין זיבן יאָר (מלכים, א, ו, 38, ז, 1).

אין הסכם דערמיט איז אויך דער כהן אין בית־המקדש געווען דעם קעניגס אַ דינער. אין דער רשימה פון די באַאַמטע פון דוד׳ס און שלמה׳ס הויף שטייען דעריבער אויך די כהנים (שמואל ב, כ, 23—26; מלכים א, ד, 2—6). ניט דער כהן איז דער געזאַלבטער פון גאָט, ווי שפּעטער אין דער צייט פון צווייטן בית־המקדש, נאָר דער מלך, און דער כהן פירט נאָר אויס זיינע באַפעלן, ווי יעדער אַנדער קעניגלעכער באַאַמטער. שלמה באַזייטיקט דעם כהן אביתר, פּונקט אַזוי ווי דעם אויבער־קאָמאַנדיר פונם חיל יואב׳ן. ווען דער קעניג אחז פון יהודה דערזעט אין דמשק אַ שיינעם מזבח, שיקט ער אַ גענויען פּלאַן פון אים צום כהן אוריה פון בית־המקדש אין ירושלים,

און אוריה בויט גלייך אויס אַ מזבח לויט דעם דאָזיקן פּלאַן און טוט אַלץ, וואָס דער קעניג באַפעלט, אָן דער מינדסטער קווענקלעניש. און אוריה הכהן דאַרף מען געדענקען, איז ניט געווען אַבי ווער: דאָס איז דערזעלביקער אוריה, וועמען ישעיה רופט „עד נאמן" אין איינער פון זיינע נבואות (פּאַר־גלייך מלכים ב, ט"ז און ישעיה ח).

אָבער ניט נאָר דער כהן, דער אָפיציעלער פאַרטרעטער פון דער אָפי־ציעלער רעליגיע און פון דעם אָפיציעלן קעניגלעכן הייליקטום, איז געווען דעם קעניגס אַ באַאַמטער: אויך דער נביא, וועלכער האָט אין עקסטאַז גערעדט אין גאָטס נאָמען, איז געווען ניט מער ווי אַ שרייפעלע אין דער מלוכה־מאַשין. אויך דער נביא איז אין יענער צייט געווען אָדער דירעקט אַ הויף־זעער, ווי אַ שטייגער נתן און גד ביי דוד'ן אין הויף, אָדער זיין עובדא איז געווען מיטצוהעלפן אין דעם מלוכה־לעבן פון דעם פאָלק. וואָרים ווי־באַלד, אַז ארץ ישראל איז געווען „גאָטס לאַנד" („ארץ יהוה", הושע ט, 3), און דער מלך איז געווען „גאָטס געזאַלבטער", האָט ער, ווי אַ נביא פון גאָט, ניט געקענט טאָן קיין העכערע און בעסערע זאַך, ווי העלפן דער מלוכה און דעם מלך. טייל נביאים זיינען געווען פּאַטריאָטן נאָך אין אַן ענגערן, לאָקאַלערן זין. אחיה, למשל, פון שילה און אפרים, האָט געהאָלפן ירבעמ'ען אַראָפּוואַרפן דוד'ס דינאַסטיע און אַרויפזעצן אויף זיין קאָפּ די קרוין פון ישראל.

די אידן, ווי מיר זעען דאָ, זיינען געשטאַנען דעמאָלט אויף דערזעלביקער מדרגה, אויף וועלכער אַלע פעלקער זיינען געשטאַנען און שטייען נאָך עד היום. דער אלף און דער תיו פון זייער נאַציאָנאַלן לעבן איז געווען זייער לאַנד, זייער מלוכה, זייער פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע, און דער גרעסטער מענטש ביים פאָלק איז געווען דער מלך, דער פּאָליטישער פאָרשטייער און קאָמאַנדיר פון אידישן חיל. דער גרעסטער שטאָלץ פון פאָלק איז געווען אַ נצחון אויפן שלאַכטפעלד. די גרעסטע שמחה איז געווען ווען מ'איז גע־קומען צוריק פון שלאַכטפעלד זיגרייך און באַלאָדן מיט רויב (ישעיה ט, 2), און די גרעסטע נאַציאָנאַלע שאַנד איז געווען פּאָליטישע שוואַכקייט, ווען די אידישע אַרמיי איז געשלאָגן געוואָרן פונם פיינט. דאָס ערגסטע, וואָס דער ביבלישער היסטאָריקער זעט אין דער צייט פון יהואחז בן־יהוא, איז דאָס, וואָס די מלוכה פון ישראל איז געבליבן מיט צען טויזנט פוסגייער, פופציק רייטער און צען רייטוועגן (מלכים ב, י"ג 7).

די אידן זיינען דעמאָלט געווען, ווי מיר זעען דאָ, אַ פאָלק ווי אַלע פעלקער, זיינען געגאַנגען אויף אויסגעטראָטענע וועגן און זיינען געוואָרן אַ שטיק פון דער ציוויליזאַציע פון אַלטן מזרח אַרום זיי. די אידישע געשיכטע

פון יענער אַלטער מלוכה־צייט לייענט זיך דעריבער אומגעפּער ווי די געשיכטע פון יעדן אַנדערן פאָלק. ווען די אידן וואָלטן געבליבן אויף יענער מדרגה פון זייער היסטאָרישן לעבן, וואָלט פון זיי געוואָרן דאָס, וואָס איז געוואָרן פון אַלע זייערע שכנים־פעלקער אַרום. מיט דעם אונטערגאַנג פון זייער מלוכה, וואָלטן זיי אויפגעהערט צו עקזיסטירן ווי אַ פאָלק. ווען די ערד, זייער שטיק אידישע ערד, איז אַרויסגעריסן געוואָרן פון די גרויסע וועלט־מלוכות, וואָלטן זיי אויך ווי אַ פאָלק פאַרשלונגען געוואָרן.

אָבער צום גליק זיינען די אידן אין זייער היסטאָרישן לעבן ניט געבליבן שטיין, ווי אַלע אַנדערע פעלקער, ביי דעם מלוכה־געדאַנק. דאָס שטאַרקע, פאַראייניקטע קעניגרייך איז נאָך שלמה׳ס טויט צעשפּאָלטן געוואָרן. די פּאָליטישע מאַכט פון די אידן איז געגאַנגען אויף אַראָפּ. אָבער דאָס אידישע פאָלק האָט ערשט דעמאָלט אָנגעהויבן אַנטוויקלען די בעסטע כחות, וואָס זיינען אין אים געלעגן. ערשט נאָך דער צעטיילונג פון דער מלוכה הייבט זיך אָן די אייביקע אידישע געשיכטע, ווייל ערשט דעמאָלט הויבן די אידן אָן צו גיין אויף נייע, אָריגינעלע, פון קיינעם נאָך ניט באַטראָטענע וועגן.

ניט לאַנג נאָך דער צעטיילונג פון דער מלוכה שטייט־אויף אין אידישן לעבן אַ נייע אינסטיטוציע, וועלכע שטעלט זיך העכער איבער דער מלוכה, און ווערט לגמרי אומאָפּהענגיק פון דעם מלך און דער מלוכה־מאַשין; נאָך מער: זי שטעלט זיך גאָר אין אָפּאָזיציע צו איר. די דאָזיקע נייע אינסטיטוציע איז די נבואה.

אַ לאַנגע צייט זיצן נאָך אידישע מלכים אויף זייערע טראָנען אין שומרון און אין ירושלים. אָבער דער מלך איז ניט מער ווי אַ שאָטן פון אַ הערשער. דער אמת׳ער הערשער איז דער נביא. אים געהערט די צוקונפט. אים קאָן קיין אַרמיי און קיין מאַכט ניט באַזיגן. וואָרים ער טראָגט אַ ניי ליכט פאַר דער וועלט. ער פּרעדיקט אַ נייעם קוק אויפן לעבן, ער גיט די מענטשן אַ העכערע און מער דויערנדיקע זאַך ווי אַ מלוכה: דאָס איז אַ וועלט־רעליגיע און אַ וועלט־מאָראַל.

די עפּאָכע פון דער מלוכה איז פּאַקטיש געענדיקט, און עס הייבט זיך אָן די עפּאָכע פון דער נבואה.

דער נביא קעגן דעם מלך

אַרום אַ האַלבן יאָרהונדערט נאָך דער צעשפּאַלטונג פון דער מלוכה קומט פאָר אַן אומגעווייגלעך געשעעניש אין אידישן לעבן:

אַ נביא, מיט דעם אויסזען פון אַ בעדואין און מיט אַ סימבאָלישן נאָמען: אלי—יהו (מיין גאָט איז יהוה), קומט פון דער סטעפּע פון עבר־הירדן און טרעט־אויף מיט דער גאַנצער קראַפט פון זיין גוואַלדיקער פּערזענלעכקייט קעגן דעם קעניג אחאב, וועלכער איז דעמאָלט געזעסן אויפן טראָן פון ישראל. מ׳וועט זאָגן: שוין לאַנג פריער איז אַ נביא, נתן, אויפגעטראָטן קעגן דוד׳ן. אָבער אַפילו אויב אין יענער לעגענדע איז פאַראַן אַ היסטאָרישער אמת, האָט עס אויך ניט קיין באַדייטונג פאַר אונדז דאָ. נתן זאָל האָבן גע׳מוסר׳ט דוד׳ן פאַר אַ זינד זיינער. אליהו אָבער קומט ניט נאָר מוסר׳ן אחאב׳ן, ניט נאָר טרעט ער אויף קעגן דעם מלך צוליב שלעכטע מעשים זיינע, ער שטעלט זיך בכלל קעגן די אינטערעסן און די פאָדערונגען פון דער מלוכה. ער שטעלט זיין גאָט־געדאַנק קעגן דעם מלוכה־געדאַנק.

וואָס האָט אליהו געהאַט צו אחאב׳ן און וואָס האָט ער פון אים געוואָלט? וואָס אַזוינס האָט דער קעניג געטאָן, וואָס ער האָט דערמיט פאַרדינט אָנגערופן צו ווערן רשע? אין וואָס איז באַשטאַנען זיין מורא׳דיקע רשעות? איז ער טאַקע באמת געווען ערגער פאַר אַלע מלכים פון ישראל פאַר אים, ווי אַ שפּעטערדיקער היסטאָריקער זאָגט אויף אים?

ווען מיר קוקן זיך צו אַ ביסל נענטער, זעען מיר דעמאָלט, אַז די זאַך איז גאָרניט אַזוי ווי עס דוכט זיך פון אויבנאויף. מיר האָבן באמת אין ספר מלכים פאַרשידענע באַריכטן וועגן אחאָב׳ן, געשריבן פון פאַרשידענע שרייבער, וועלכע קוקן אויף אים פון גאַנץ להיפוך׳דיקע שטאַנדפּונקטן, און טראָגן דערפאַר אַרויס גאַנץ להיפוך׳דיקע אורטיילן. לויט איין באַריכט האָט אחאב לגמרי פאַרלאָזן דעם גאָט פון זיין פאָלק, האָט שרעקלעך גע׳רודפ׳ט די נביאים פון יהוה און האָט דערצאָרנט דעם גאָט פון ישראל נאָך מער ווי אַלע מלכים פון ישראל, וואָס זיינען געווען פאַר אים. דער דאָזיקער שרייבער קוקט אויף אחאָב׳ן פון זיין, דעם שרייבערס, רעליגיעזן שטאַנדפּונקט און פאַר׳משפּט אים דעריבער. אין מיטן פון דעם דאָזיקן באַריכט איז אַריינגעשטעלט אַ צווייטער באַריכט, וועלכער אונטערברעכט יענעם אין צוויי שטעלן (מלכים א, כ און כ״ב). דער פאַרפאַסער פון אָט דעם צווייטן באַריכט קוקט אויף אחאָב׳ן פון אַ פּאָליטישן שטאַנדפּונקט, און ער שילדערט אים אַלס גרויסן, העלדישן קעניג, וועלכער פירט כסדר מלחמות, כדי צו מאַכן די אידישע מלוכה וואָס גרעסער און מעכטיקער. ער שטייט אַליין אין די שלאַכט־רייען, און אַז ער ווערט פאַרוואונדעט און עס גיסט זיך פון אים אַ שטראָם בלוט, קימערט אים לחלוטין ניט זיין אייגן לעבן, נאָר ער בלייבט שטיין אין רייטוואָגן ביזן לעצטן אָטעמצוג, כדי ניט צו דעמאָראַליזירן די

אַרמיי, און ווי אַן אמת'ער העלד און פירער פון זיי פאָלק שטאַרבט ער אויפן שלאַכטפעלד. אחאב ווערט דאָ אויך פאַרגעשטעלט ווי ער איז מילד און גרויס־האַרציק, גרויסהאַרציקער פאַר זיינע קעגנער, די בני הנביאים (מלכים א, כ 35—43). די נביאים פון יהוה האָט ער לחלוטין גאָרניט גע'רודפ'ט, נאָר אדרבה געשטאַנען אין זייער גוטע באַציאונגען צו זיי (כ' 13, 14, 28). פיר הונדערט „נביאי יהוה" האָט ער גופא געהאַלטן אין זיין הויף (קאַפּ. כ"ב). מיר זעען דערפון, אַז די אליהו־לעגענדע האָט שטאַרק מגזם געווען די זאַך, און אַז אין די קרייזן פון די „בני הנביאים", פון וואַנען די לעגענדע שטאַמט, האָט מען זיך געפלייסט צו מאַלן אחאַב'ן מיט צו שוואַרצע פאַרבן.

וואָס באמת האָט אחאב טאַקע געטאָן, וואָס האָט אַרויסגערופן אַזאַ שטורעמדיקן פּראָטעסט ביי אַ טייל פון פאָלק?

אחאָב האָט גענומען אַ פעניקישע אָריענטאַציע אין זיין אויסערלעכער פּאָליטיק. זיין פאָטער עמרי איז צעשלאָגן געוואָרן פון די אַראַמייער (מלכים א, כ 34). כדי זיך צו ווערן קעגן דער וואַקסנדיקער פּאָליטישער און קאָמערציעלער מאַכט פון ארם דמשק, האָט זיך אחאָב פאַרבונדן מיט צור, די נייע פעניקישע מלוכה, וועלכע האָט דעמאָלט אַריבערגעשטיגן די אַלטע צידון. צו באַשטעטיקן אַ פּאָליטישן בונד פלעגן די מלכים פאַרציילטן זיך מתחתן זיין. אחאָב האָט דעריבער חתונה געהאַט מיט דער פעניקישער פּרינצעסין איזבל. אַראַמייאישע סוחרים האָבן שוין זינט עמרי'ס צייט געהאַט זייערע באַזאַרן אין שומרון (מלכים א, כ 34). איצט זיינען געקומען צוזאַמען מיט איזבל'ן אַ סך פעניקיער, באַזונדערס סוחרים, וועמען אחאָב האָט קענטיק באַוויליקט ספּעציעלע פּריווילעגיעס אין זיין הויפּטשטאָט. אחאָב האָט אויך געלאָזט אויסבויען אין שומרון פאַר זיין פעניקישער פרוי און דער פעניקי־שער קאָלאָניע אַ טעמפּל פאַר מעלקאַרט, דעם שטאָט־גאָט פון צור. דאָס אייגענע האָט אויך שלמה געטאָן. אויך ער האָט געלאָזט אויסבויען אין ירושלים מזבחות צו פרעמדע געטער, כדי זי צו מאַכן פאַר דער הויפּטשטאָט פון אַלע פעלקער אַרום, וואָס זיינען געווען אונטערגעוואָרפן אונטער זיין צעפּטער. אחאָב'ס אומגליק איז אָבער געווען, וואָס ער האָט געלעבט אין אַ צייט, ווען אין אידישן לעבן האָט שוין געהערשט אַ רעאַקציע קעגן דעם מלוכה־געדאַנק, ווען דאָס גאַנצע אידישע פאָלק איז צעטרייסלט געווען דורך דער באַוועגונג קעגן דעם בעל, קעגן אַלע נייע אינסטיטוציעס און אופנים פון לעבן וואָס די אידן האָבן איינגעפירט זינט זיי האָבן זיך אין זייער לאַנד באַזעצט.

וואָס האָט באַדייט אָט דער קאַמף און די באַוועגונג קעגן דעם בעל?

די אידישע פּאַסטוכער־שבטים זיינען געקומען פון מדבר אין ארץ ישראל און האָבן זיך באַזעצט צווישן די כנענים, וועלכע האָבן שוין דאָרטן געוואוינט פון הונדערטער יאָרן. מיר ווייסן היינט פון די אויסגראָבונגען, אַז בשעת די אידן האָבן איינגעוואַנדערט אין כנען האָט פון לאַנג שוין דאָרט געבליט אַ הויכע ציוויליזאַציע, מיט שטעט, האַנדל, האַנטווערק און קונסט. די כנענים האָבן געטרונקען אַ סך וויין, האָבן געלעבט אין רייכקייט און אין לוקסוס און האָבן שוין געהאַט אַלע פאַרדאָרבנקייטן פון ציוויליזירטע מענטשן. זייער רעליגיע איז געווען אַ נאַטור־רעליגיע. זייערע הויפּטגעטער זיינען געווען די בעלים. יעדע פרוכטבאַרע געגנט האָט געהאַט איר בעל, איר געטלעכן האַר און אייגנטימער, וועלכער האָט געמאַכט אַלץ זאָל וואַקסן און זיך פרוכפּערן. ביי דער זייט פון דעם געטלעכן טאַטן איז געשטאַנען אַ געטלעכע מאַמע: די עשתרת, די געטין פון פיזישער ליבע און פרוכטבאַרקייט. דער סימבאָל פון דעם בעל איז געווען די מצבה, דער הייליקער שטיין; דער סימבאָל פון דער עשתרת — די אשרה, דער הייליקער בוים. די ליבע און פרוכטבאַרקייט איז ביי אַלע פעלקער געווען פאַרבונדן מיט אויסגעלאַסנקייט.

אַז די אידן זיינען געקומען אין כנען, זענען זיי געווען נאָמאַדן, — אומציוויליזירטע מדבר־מענטשן, מיט די מנהגים, די זיטן, די השגות און דעם לעבנסשטייגער פון פּאַסטוכער אין דער סטעפּע. זיי זיינען געווען געזונט, איינפאַך און צניעות׳דיק און האָבן ניט געוואוסט פון קיין וויין, שיכרות, לוקסוס און אויסגעלאַסנקייט. זיי האָבן אויך ניט געוואוסט פון קיין קלאַסן־היפּוכים, פון אַ קלאַס רייכע מיט אַן אָנגעזאַמלטן רייכטום און אַ קלאַס אָרעמע, וואָס גייען אויס פון הונגער. ביי נאָמאַדן זיינען פאַראַן רייכערע און אָרעמערע משפחות. למשל, די משפחה פונם שעיך איז געוויינטלעך אַ רייכערע. אָבער פון אַ צעטיילונג פון דער געזעלשאַפט אין אַ קלאַס פון רייכע, וואָס ווייסן ניט וואָס צו טאָן מיט זייער רייכטום, און אַ קלאַס פון אָרעמע, וואָס פאַרמאָגן גאָרנישט זייער אייגנס, ווייסן ניט די נאָמאַדן.

אויך די אידישע רעליגיע איז געווען אַ נאָמאַדישע. דעם הויכן געדאַנק פון אַן איינאייניציקן גאָט אויף דער וועלט האָבן די אידן אַנטוויקלט ערשט פיל שפּעטער, אין דער עפּאָכע פון די גרויסע נביאים. אין יענער אוראַלטער צייט האָבן די אידן, פונקט ווי אַלע אַנדערע פעלקער, געדינט צו אַ פאָלקס־גאָט יהוה, וועלכער איז געווען דער גאָט פון ישראל אויפן זעלביקן שטייגער ווי מלכם, למשל, איז געווען דער גאָט פון עמון אָדער כמוש, דער גאָט פון מואב. געבראַכט האָבן די אידן זייער גאָט פון מדבר און אַ לאַנגע צייט איז

ער געווען און געבליבן אַ מדבר־גאָט, אַ גאָט פון פּאַסטוכער־שבטים, וועלכע וואַנדערן אַרום אין דער סטעפּע.

אָבער אַז זיי זיינען אַריינגעקומען אינם לאַנד כנען און זיך באַזעצט צווישן די פריערדיקע ציוויליזירטע איינוואוינער פונם לאַנד, די כנענים, האָבן די אידן אָנגעהויבן ביסלעכווייז זיך צו כנענ׳יזירן, זיך צו ציוויליזירן. זיי האָבן זיך געלערנט פון זייערע שכנים ווי צו באַאַרבעטן די ערד, צו פלאַנצן גערט־נער, צו בויען הייזער א.אַז.וו. דאָס איז שוין אַזוי אַלע מאָל דער היסטאָרישער סדר־העולם, אַז אומציוויליזירטע שבטים און פעלקער, ווען זיי נעמען איין ציוויליזירטע לענדער און באַזעצן זיך צווישן די עלטערע, ציוויליזירטע איינוואוינער, נעמען איבער זייער שטייגער לעבן און מישן זיך מיט זיי דורך.

אַזוי האָבן זיך די אידן אַ לאַנגע צייט כנענ׳יזירט, האָבן אַלץ מער זיך איינגעלעבט אינם לאַנד, האָבן אַלץ מער אויפגעגעבן זייערע מדבר׳דיקע אופנים פון לעבן. אויך אין זייער רעליגיע און אין דעם שטייגער פון דינען גאָט זיינען זיי געוואָרן האַלבע כנענים. צוזאַמען מיט דעם לאַנד האָבן די אידן אויך איבערגענומען די אַלטע כנענ׳ישע הייליקטימער פונם לאַנד: די הייליקע שטיינער, ביימער און קוואַלן, און זיי געמאַכט פאַר אידישע הייליקייטן. אַן יעדן הייליקן אָרט האָבן די אידן אָנגעקניפּט אַן ערינערונג פון אַ אידישער לעגענדאַרישער פיגור פון דער אוראַלטער צייט און האָבן דערציילט, אַז דער אידישער גאָט האָט זיך אַנטפּלעקט אויף דעם דאָזיקן אָרט. אַזוי, למשל, האָבן די אידן זיך דערציילט, אַז דער הייליקער שטיין פון בית־אל איז יעקב׳ס צוקאָפּנס און אַז דעם הייליקן ברונים פון באר־שבע האָט יצחק געלאָזט גראָבן (בראשית כ״ו און כ״ח). דאָס לאַנד כנען איז געוואָרן אַ אידיש לאַנד. אָבער די אידן זיינען דורך דעם געוואָרן האַלבע כנענים, און זייער גאָט, וועלכער האָט פאַרטריבן די כנענ׳ישע בעלים און איז געוואָרן דער געטלעכער האַר פון דעם אידישן לאַנד, איז דורך דעם אַליין געוואָרן אַ האַל־בער בעל, און מ׳האָט אים געדינט אויפן זעלביקן שטייגער ווי די כנענ׳ישע בעלים.

אין משך פון אָט דער צייט פון כנענ׳יזירונג און בעל׳יזירונג זיינען די אידן געוואָרן די פולע הערשער פון גאַנצן לאַנד אַרום. האָבן זיך אָרגאַניזירט, ווי אַלע פעלקער, אין אַ פעסטער מלוכה, זיינען געוואָרן ניט נאָר פון פּאַסטו־כער־פויערים, זיי האָבן אונטער שלמה׳ן אויך אָנגעהויבן פירן האַנדל און פאָרן מיט שיפן אויפן ים. זיי האָבן אויך אויסגעבויט פאַר זייער גאָט, וועל־כער האָט ביז דעמאָלט געוווינט אין אַ געצעלט, אַן אוהל, אַ פּרעכטיקן טעמפּל לויט דעם מוסטער פון די ציוויליזירטע פעלקער אַרום.

ביז דער שפּאַלטונג פון דער מלוכה זיינען די אידן אַזוי געגאַנגען אין די דרכים פון אַלע פעלקער. אָבער נאָך שלמה׳ס טויט האָט זיך אָנגעהויבן אַ דינאַמישע עפּאָכע אין אידישן לעבן. ס׳איז געקומען אַ צייט פון בירגער־קריג, פון פּאָליטישער שוואַכקייט און מאַטעריעלער נויט, און עס האָט זיך אָנגעהויבן די רעאַקציע קעגן בעל, קעגן דער כנענ׳ישער ציוויליזאַציע, וואָס די אידן האָבן איבערגענומען. די אידן האָבן זיך אַרומגעזען, אַז שטערבנ־דיק נאָך פּאָליטישער מאַכט און מאַטעריעלער רייכקייט, זיינען זיי אַוועק־געגאַנגען אויף אַ פאַלשן וועג: אַז די אַלע גוטע, ציוויליזירטע זאַכן, וואָס זיי האָבן זיך איינגעשאַפט אין זייער לאַנד, האָבן לחלוטין זיי ניט גליקלעכער געמאַכט. אדרבה, זייערע אורעלטערן האָבן אַמאָל, ווי פרייע פּאַסטוכער אין מדבר, געלעבט פיל גליקלעכער איידער זיי איצט אין אַ ציוויליזירטער מלוכה. און עס הויבט זיך אָן אין אידישן לעבן אַ באַוועגונג קעגן כנען און דעם בעל און אַ שטרעבונג זיך אומצוקערן צוריק צום אַמאָליקן ריינעם פּאַסטוכער־לעבן.

צום שטאַרקסטן צעפלאַקערט זיך דער קאַמף קעגן דעם בעל אונטער אחאָב׳ן. מילא, מיט דעם אַגריקולטורעלן בעל פון די היימישע כנענים האָט מען נאָך ווי עס איז קאָמבינירט דעם אידישן גאָט פון מדבר און זיך געשאַפן אַ בעל׳יזירטע יהוה־רעליגיע. דער גאָט פון די אידישע פּאַסטוכער איז פון לאַנג שוין געוואָרן דער גאָט פון די אידישע פּויערים. אָבער איצט, אונטער אחאָב׳ן, האָט מען צוליב פּאָליטישע אינטערעסן איינגעפירט אין דער הויפּט־שטאָט פון ישראל אַ ווילד־פרעמדן גאָט, דעם פעניקישן בעל, דעם גאָט פון דער פעניקישער האַנדלס־שטאָט צור. מיט אַזאַ בעל פון געלט־מענטשן, פון סוחרים, האָט מען בשום אופן ניט געקאָנט פאַרבינדן דעם אידישן גאָט פון מדבר. זיי האָבן געמוזט בלייבן לגמרי פרעמד איינער דעם אַנדערן. דאָ איז געווען איין ברירה: יהוה אָדער בעל. ביידן גלייכצייטיק האָט מען ניט גע־קאָנט דינען. אמת טאָקע די אינטערעסן פון דער מלוכה האָבן געפאָדערט אַ בונד מיט פעניקיען און אַ בעל־טעמפּל אין שומרון. אָבער פאַר די בני־הנביאים, די אָנפירער פון דער באַוועגונג קעגן דעם בעל, איז געווען פיל וויכטיקער צו דינען ריכטיק גאָט איידער צו האָבן אַ שטאַרקע מלוכה.

דער רבי און פירער פון די בני הנביאים איז געווען אליהו. ער, מיט זיין גיגאַנטישער פערזענלעכקייט, איז עפנטלעך אויפגעטראָטן קעגן דעם קעניג, קעגן דעם מלוכה־געדאַנק, קעגן שטעלן די מלוכה און דעם מלך איבער אַלץ. אליהו איז דער ערשטער נביא, וואָס שטייט מחוץ דער מלוכה־מאַשין. מיט אים טרעט די נבואה אַריין אין אַ נייעם פעריאָד. זי הייבט אָן ווערן אַ

זעלבסטשטענדיקע אינסטיטוציע, אומאָפּהענגיק פון דער מלוכה און פון מלך. נאָך מער, דערמיט וואָס זי שטעלט די רעליגיע און די מאָראַל העכער איבער דער זיכערקייט און די אינטערעסן פון דער מלוכה, גראָבט זי די מלוכה אונטער. דער קעניג וואַקלט זיך אויף זיין טראָן; דער נביא האַלט ביים פאַר־כאַפּן די מאַכט.

נבואה און מלוכה

אליהו האָט קיין גרויסע זאַכן ניט געשאַפן. ער האָט נאָר אָנגעהויבן אַ גרויסע זאַך. זיין הויפּטבאַדייטונג באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט דורכגעבראָכן אַ וועג פאַר זיינע פיל, פיל גרעסערע נאָכפאָלגער, די שריפט־לעכע נביאים, וואָס זיינען אויפגעטראָטן אַרום הונדערט יאָר נאָך אים. אליהו בלייבט טאַקע דעריבער אין גלויבן פון פאָלק ניט ווי דער ברענגער נאָר ווי דער אָנזאָגער פון דער גאולה, פון דער גליקסצייט ביים סוף פון די טעג.

דער פּועל־יוצא פון אליהו׳ס טעטיקייט איז געווען דאָס, וואָס מ׳האָט אויסגעראָטן עמרי׳ס דינאַסטיע און דעם פרעמדן בעל. אַ לענגערע צייט נאָכדעם הערט מען טאַקע ניט פון דינען פרעמדע געטער אין ארץ ישראל. אָבער אליהו איז נאָך געווען זייער באַגרענעצט אין זיין געדאַנק און אין זיינע פאָדערונגען. ער גופא בויט נאָך אַ מזבח פאַר זיין גאָט אויפן באַרג כרמל. ער טרעט נאָר אויף קעגן די מזבחות פאַרן פרעמדן גאָט; אָבער אַז מ׳קען איבערהויפּט ניט דינען גאָט מיט מזבחות און קרבנות — דאָס איז נאָך ניט געלעגן אין זיין געדאַנקען־קרייז. ער שטעלט זיך אויך ניט איבער דער מלוכה, נאָר קעגן איר. ער קאָן ניט פאַרטראָגן, אַז מ׳זאָל דינען אַ פרעמדן גאָט אין זיין לאַנד, דעם לאַנד פון זיין גאָט יהוה, אַפילו אויב די זיכערקייט פון דער מלוכה פאָדערט עס. אים קימערט ניט, אויב ישראל זאָל פּאָליטיש אָפּ־געשוואַכט ווערן, אַבי מ׳זאָל דינען ריכטיק גאָט. לויט דער לעגענדע זאָגט גאָט דעריבער אליהו׳ן, אַז ער וועט איבערלאָזן פון דער מיליטערישער מאַכט פון ישראל נאָר זיבן טויזנט, די קני וואָס האָבן זיך ניט געבויגן פאַר דעם בעל און די מיילער וואָס האָבן אים ניט געקושט (מלכים א, י״ט 18). אָבער אַז פון יהוה׳ס וועגן מעג די גאַנצע אידישע מלוכה אונטערגיין, און ווער רעדט נאָך אַז ער גופא זאָל גאָר העלפן דעם פיינט מאַכן צו איר אַ סוף — אַזוי ווייט איז אליהו נאָך ניט געגאַנגען, צו אַזוי ווייט איז זיין דור נאָך ניט געווען דערוואַקסן. דאָס האָבן ערשט געטאָן זיינע גרויסע נאָכפאָלגער, די נביאים פון אַכטן יאָרהונדערט (פאַר דער קריסטלעכער צייט), וועמעס

רייד עס זיינען אונדז געבליבן פאַרשריבן אין די ביכער פון „נביאים אחרונים״. מ׳באַצייכנט זיי דערפאַר ווי שריפטלעכע אָדער ליטעראַרישע נביאים. די דאָזיקע נביאים הויבן אָן אַ נייע תקופה, די קלאַסישע תקופה, אין דער גע־שיכטע פון דער נבואה. זיי האָבן געבראַכט אַ נייע שליחות צו די מענטשן, אַ נייעם קוק אויף גאָט, וועלט און לעבן. זיי האָבן דערקלערט, אַז עס זיינען ניטאָ קיין פאַרשידענע געטער פאַר די פאַרשידענע פעלקער; נאָר איין גאָט, דער אידישער גאָט, הערשט איבער אַלע פעלקער, און אַלץ וואָס פאַסירט אין דער וועלט קומט פון אים, פון אָט דעם אַלמעכטיקן גאָט, וועמעס שטים זיי האָבן געהערט אין דער טיפעניש פון זייער האַרץ. און דער מהות פון גאָט איז מאָראַלישע פולקומענקייט, און דינען קען מען אים ניט מיט מזבחות און קרבנות, נאָר אויסשליסלעך מיט אַ פולקומען מאָראַלישן לעבן, מיטן פּראַקטיצירן גערעכטיקייט און ליבע.

דער עיקר אָבער וואָס אונדז אינטערעסירט דאָ אין די שריפטלעכע נביאים איז זייער באַציאונג צו דער מלוכה. די דאָזיקע גרויסע נביאים זיינען אויפגעטראָטן אין אַ צייט, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע ערע אין דער געשיכטע פון פאָדער־אַזיע: די ערע פון וועלט־אימפּעריעס. איבער דריי הונדערט יאָר האָבן די גרויסע מלוכות פון דער אַלטער סעמיטישער וועלט צורו געלאָזן פּאַלעסטינע און סיריע. עגיפּטן האָט פון 12טן יאָרהונדערט אָן מער ניט געטראַכט וועגן הערשאַפט אין אַזיע און האָט זיך באַנוגנט מיטן באַשיצן אירע גרענעצן אין אַפריקע. די אַלטע בבל (צו אונטערשיידן פון דער שפּעטערדיקער ניי־באַבילאָנישער מלוכה פון די כשדים) האָט לאַנג שוין געהאַט פאַרלאָרן איר וועלטמאַכט, זינט זי איז (אין 17טן יאָרהונדערט פאַר דער קריסטלעכער צייט) דעראָבערט געוואָרן פון די נייע־אַריינגעוואַנ־דערטע קאַסיטן. אַשור איז דעמאָלט שוין געווען אַן אומאָפּהענגיק לאַנד, אָבער קיין אימפּעריאַליסטישע שטרעבונגען האָט זי נאָך ניט געהאַט. ס׳איז דערפאַר געווען אַ גאָלדענע צייט פאַר די קליינע פעלקער אין פּאַלעסטינע און סיריע, וועלכע האָבן דעמאָלט געקאָנט זיך פריי אַנטוויקלען, יעדער פאָלק מיט זיין גאָט.

צו אָט דער גאָלדענער צייט פון די קליינע נאַציעס איז געקומען אַ סוף אין יאָר 876, ווען דער אַשורישער קעניג אַשורנאַצירפּאַל איז אַריבער מיט זיין חיל דעם טייך פּרת און האָט איינגענומען גאַנץ צפון־סיריע. הונדערט יאָר שפּעטער, ווען עס טרעטן אויף די ערשטע שריפטלעכע נביאים, האָט יעדער ווייטזיכטיקער מענטש געקאָנט זען, אַז די קליינע מלוכות זיינען פאַר׳משפט צום אונטערגאַנג, אַז ס׳איז געקומען די צייט פון דער וועלט־

אימפעריע און אַז באַלד וועלן אַלע אַוועקוואַרפן די נאַציאָנאַלע געטער „צו די קראָטן און די פלעדערמייז". אויך די אידישע מלוכה איז דעמאָלט פאַר־אורטיילט געווען צום אונטערגאַנג, און עס האָט געהאַלטן דערביי, אַז פון דעם פאָלק ישראל זאָל ווערן דאָס, וואָס איז געוואָרן פון אַלע דאַמאָלסדיקע פעלקער פון אָריענט. אויב די אידן זיינען ניט אונטערגעגאַנגען, זיינען ניט פאַרשלונגען געוואָרן אין דעם קעסלגרוב פון די וועלט־מלוכות, איז דאָס געווען אַ דאַנק די גרויסע נביאים, וועלכע האָבן אָפּגעשיידט די השגה וועגן גאָט פון דעם מלוכה־געדאַנק, וואָס איז ביי אַלע פעלקער געווען איינס. ביז די נביאים האָבן די אידן געגלויבט, אַז אויב זיי ווערן צעשלאָגן איז עס, מחמת זייער גאָט איז שוואַך קעגן די אַנדערע געטער, אָדער ער איז בייז, ווייל מ׳איז ניט מקריב צו אים גענוג קרבנות. די נביאים אָבער האָבן דער־קלערט, אַז יהוה איז דער גאָט פון אַלע פעלקער, און דאָס וואָס אַשור איז אַזוי מעכטיק קעגן ישראל איז ניט, ווייל יהוה איז שוואַך קעגן די געטער פון אַשור, נאָר אדרבה: יהוה גופא גיט עס אַשור אַזוי פיל מאַכט. אָט די גרויסע וועלט־מלוכה איז באמת ניט מער ווי אַ בייטש אין יהוה׳ס האַנט צו שטראָפן מיט איר די אידן. וואָרים יהוה איז אַ גאָט פון רעכט און יושר און ער רעגירט די וועלט לויט מאָראַלישע פרינציפּן. די אידישע מלוכה, וואָס איז געבויט אויף עקספּלואַטאַציע און פאַרדאָרבנקייט, האָט בכן קיין עקזיס־טענץ־באַרעכטיקונג ניט. יהוה גופא וועט דערי‌בער פאַרטרייבן די אידן אין גלות, כדי דורכצופירן זיין שטרענגן מאָראַלישן רעזשים אין דער וועלט.

די נביאים האָבן אויסגעלייטערט דעם גאָט־געדאַנק, אים אָפּגעשיידט פון דער מלוכה, און געבראַכט דעם גרויסן אמת וועגן גאָט און וועגן לעבן. און ווען אידן האָבן אינגאַנצן פאַרלאָרן זייער מלוכה און זייער זעלבסטשטענ־דיקייט, זיינען זיי ערשט דעמאָלט אמת גרויס געוואָרן, ווייל ערשט דעמאָלט האָבן זיי זיך איבערצייגט אין דער ריכטיקייט פון דער לערע פון די נביאים און האָבן זי אָנגענומען מיטן גאַנצן האַרצן. אַזוי האָבן די נביאים פאַר־וואַנדלט די נאַציאָנאַלע צעשלאָגנקייט פון די אידן אין אַ נאַציאָנאַלן טריאומף און די נאַציאָנאַלע שאַנד אין אַ נאַציאָנאַלן כבוד.

אַחוץ אָבער וואָס די העכערע נבואה האָט בכלל זיך געשטעלט איבער דער מלוכה, איז צוזאַמען מיט דער באַוועגונג קעגן דעם בעל, פון וועלכער די העכערע נבואה איז אַרויסגעוואַקסן, אויך אָנגעגאַנגען אין דער צפון־מלוכה ישראל אַ באַוועגונג דירעקט קעגן דעם קעניגטום. אין דעם פּרט האָט ישראל זיך שטאַרק אונטערשיידט פון יהודה, וואו דוד׳ס דינאַסטיע האָט געהערשט כמעט אומאונטערבראָכן, וואו די אינערלעכע פּאָליטישע צושטאַנדן האָבן

זיך ניט פיל געענדערט אין פאַרלויף פון דער צייט, וואו דאָס לעבן בכלל, וואָס איז דאָרטן נאָך געווען האַלב־נאָמאַדיש, האָט געפליסט מיט אַ רואיקערן לויף און וואו מ׳האָט דעריבער געקוקט גנעדיק אויף דעם מאָנאַרכישן רעזשים.

אין יענער עפּאָכע זיינען געשריבן געוואָרן איןביידע אידישע מלוכות, אין ישראל און אין יהודה, צוויי פאַרשידענע געשיכטסביכער, וועלכע האָבן דערציילט ווי אַזוי דאָס קעניגטום איז אַנטשטאַנען ביי אידן און וועלכע האָבן גלייכצייטיק אויסגעדריקט זייער קוק אויף דעם ענין פון מלוכה בכלל. ביידע שריפטן זיינען שפּעטער, נאָכן אונטערגאַנג פון דער צפון־מלוכה ישראל, צונויפגעשריבן געוואָרן אין איין בוך, אַ שטיק פון איין שריפט לעבן אַ שטיק פון דער אַנדערער שריפט, און דאָס געפינט זיך אין אונדזער ספר שמואל. ווען מיר לייענען יענע קאַפּיטלען קלעפּט זיך דעריבער ניט; איין שטיק איז סותר דאָס אַנדערע. לויט איין באַריכט, דער וואָס שטאַמט משמעות פון יהודה, איז דאָס קעניגטום אַן אינסטיטוציע, מיט וועלכן גאָט האָט באַגליקט זיין פאָלק. דער מאָטיוו פאַר דער איינפירונג פון קעניגטום איז געווען דער דרוק מצד פון די פלשתים (שמואל א, ט 16). שמואל איז געווען עפּעס אַ זעער אויפן באַרג אפרים, אָן אַ וואָסערער נאַציאָנאַלער באַדייטונג. שאול גופא ווייסט גאָרניט פון אים, נאָר ער הערט עס ערשט פון זיין קנעכט. שמואל׳ס גאַנצע באַדייטונג איז לויט דעם באַשטאַנען נאָר דערין, וואָס ער האָט געוואָרפן אַן אויג אויף שאול׳ן און אים אונטערגעגעבן מוט זיך צו שטעלן, ביי דער ערשטער געלעגנהייט, בראש פונם פאָלק. ניט דער נביא, נאָר דער מלך איז דאָ דער אמת׳ער, גאָט־באַשטימטער פירער פון דעם אידישן פאָלק. לויטן צווייטן באַריכט, וואָס איז קענטיק פאַרפאַסט געוואָרן אין ישראל, איז דאָס קעניגטום פון לכתחילה אַן געווען אַ זינד, אַן אָוועקקער פון גאָט, אַ נאָכטאַנצן נאָך די פעלקער אַרום. קיין וויכטיקן גרונט, צוליב וואָס איינצופירן דאָס קעניגטום, האָבן די אידן גאָרניט געהאַט: וואָרים די פלשתים זיינען שוין געווען לגמרי צעשלאָגן דורך שמואל׳ן (שמואל א, ח; י״ב), וועלכער איז פון אָנהויב־אָן געווען דער נביא און אָנערקענטער פירער פון גאַנצן פאָלק. ס׳איז לייכט צו זען, אַז דער שרייבער זוכט דאָ ניט צו דערציילן דעם אמת׳ן גאַנג פון די געשעענישן, נאָר ער זוכט אַרויסצוברענגען זיין פּאָליטיש־רעליגיעזע פילאָזאָפיע, וואָס איז אַנטי־מאָנאַרכיסטיש. ניט דער מלך, נאָר דער נביא דאַרף זיין — און איז אויך לכתחילה געווען — דער פירער פון פאָלק, און אַז מ׳פאָלגט גאָט, איז דער קעניג דעמאָלט איבערהויפּט אַן איבעריקע זאַך.

די באַוועגונג קעגן דעם בעל, קעגן דעם וואוקס פון דער אידישער

ציוויליזאַציע אין ארץ ישראל, און די קעגנערשאַפט צו דער פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע פון אידישן לעבן, צו דער מלוכה, האָבן געפונען זייער טעאָרע־טיקער בערך אַ הונדערט יאָר נאָך אליהו'ן אין דעם נביא הושע. הושע טיילט־איין די אידישע געשיכטע ביז זיין צייט אין צוויי פּעריאָדן: דער נאָמאַדישער פּעריאָד און דער פּעריאָד פון באַזעסנקייט און ציוויליזאַציע. דער ערשטער פּעריאָד איז זיין אידעאַל, דעם צווייטן פאַרוואַרפט ער. מיט צאַרטקייט און ליבע רעדט הושע וועגן דער אַלטער צייט, בשעת ישראל איז נאָך אַ אינגל געווען און יהוה האָט אים אַזוי שטאַרק ליב באַקומען (י״א 1). אָבער דאָס איז געווען גאָר אַמאָל, ווען די אידן האָבן נאָך אַרומגעוואַנדערט אין מדבר, האָבן געדינט אויסשליסלעך יהוה און האָבן נאָך ניט געוואוסט פון די כנענ'י־שע בעלים. יענע צייט, ווען די אידן זיינען נאָך געווען נאָמאַדן און האָבן נאָך ניט געוואוסט פון קיין ציוויליזירטן לעבן אין דערפער און שטעט, ווערט פון דעם ראָמאַנטישן נביא הושע אידעאַליזירט ווי די גאָלדענע תקופה אין דער אידישער פאַרגאַנגענהייט; און די גאַנצע ציוויליזאַציע, וואָס די אידן האָבן אויפגעבויט אין זייער לאַנד, איז לויט אים ניט געווען אַ פּאַראויסגאַנג נאָר אַ צוריקגאַנג אין זייער לעבן. „און ישראל האָט פאַרגעסן זיין באַשעפער און האָט אויסגעבויט פּאַלאַצן״. די גרויסע שטעט און פּראַכטיקע הייזער האָבן די אידן אויסגעבויט, ווייל זיי האָבן פאַרגעסן זייער גאָט פון מדבר און האָבן אָנגעהויבן דינען די בעלים פון די ציוויליזירטע כנענים, די געטער פון פּרוכטבאַרקייט און ערדאַרבעט.

פּונקט ווי קעגן דעם בעל, אַזוי טרעט הושע אויך אויף קעגן דעם קעניגטום. דינט מען ריכטיק גאָט, דאַרף מען לחלוטין ניט דעם קעניג מיט דעם גאַנצן מלוכה־אַפּאַראַט. אָבער „אַז מיר זיינען ניט גאָטספאָרכטיק, וואָס קאָן דעמאָלט דער קעניג טאָן פאַר אונדז?״ (י׳ 3). „וואו איז דיין קעניג? זאָל ער דיר העלפן! און וואו זיינען דיינע שרים? זאָלן זיי זיך אָננעמען דיין קריוודע! דו האָסט דאָך געזאָגט: גיב מיר אַ מלך און שרים!״ (י״ג 10).

הושע זעט דעריבער אין דער צוקונפט אַ חורבן, אַן אונטערגאַנג, אַ מדבר, וואוהין גאָט וועט ווידער ברענגען זיין פאָלק. דעמאָלט וועט יהוה ווידער, ווי בשעת'ן אַרויסגיין פון מצרים, זיך פאַר'קנס'ן מיט ישראל, אָבער דאָסמאָל וועלן זיי זיך פאַר'קנס'ן אויף אייביק. און אַ גוטע צייט וועט דעמאָלט קומען, ווען אידן וועלן ניט האָבן „קיין מלך און קיין האַר, קיין שעכטאָפּפער און קיין מצבה, קיין אפוד און קיין תרפים״. עס הייסט: קיין פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע און קיין אַפּאַראַט פון אַן אָפיציעלן גאָטסדינסט. אידן וועלן ווידער פירן אַ פריי און ריין לעבן ווי אין דער פאַרהיסטאָרישער צייט, איידער זיי האָבן זיך

ציוויליזירט און זיינען געוואָרן פּאָליטיש אונטערדריקט און מאָראַליש פאַר־דאָרבן.

אָבער די אַנטי־קעניגלעכע ריכטונג אין אפרים, דעם לאַנד פון טראַן־פּאַרכאַפּונגען און פּאַלאַץ־רעוואָלוציעס, איז ניט אַזוי שטאַרק וויכטיק פאַר דעם פּראָבלעם פון מלוכה און נבואה. דער עיקר איז דאָ, וואָס די העכערע נבואה האָט זיך געשטעלט ניט קעגן דער מלוכה, נאָר איבער איר, און זי האָט דערמיט געמאַכט די אידן פאַר אַן איבער־מלוכה׳דיקן פאָלק.

שבּת

- גערשיכטע פון שבת
- די ראָלע פון שבת אין אידישן פאָלקס-לעבן

ווי דער שבת האָט זיך אָנגעהויבן

שבת איז אַ רעליגיעזע און סאָציאַלע אינסטיטוציע, מיט וועלכער אידן האָבן באַאײַנפלוסט די וועלט, פונקט ווי זיי האָבן באַאײַנפלוסט די וועלט מיט דעם גלויבן אין איין גאָט.

אידן זײַנען געווען די ערשטע צו פּראָקלאַמירן דעם פּרינציפּ פון זעקס טעג אַרבעטן און דעם זיבעטן טאָג רוען. ניט נאָר האָבן אַנדערע פעלקער עס ניט געהאַט, נאָר זיי האָבן גאָר פון דעם געלאַכט. גריכיש־רוימישע שרײַבער האָבן באַשולדיקט אידן, אַז זיי זײַנען אַ פאָלק פון פוילאַקעס, מחמת יעדן זיבעטן טאָג שטעלן זיי אָפּ די אַרבעט און טוען גאָרנישט אַ גאַנצן טאָג. גריכיש־רוימישע שקלאַפן־האַלטערס האָבן זיכער ניט געקענט פאַרשטיין דעם אידישן שבת.

אויך די אַמאָליקע פעלקער פון מזרח, די אידישע שכנים אין די תנ״ך־צייטן, האָבן ניט געוואוסט פון אַ זיבעטן טאָג פון רו. דאָ מוז איך זיך אָפּ־שטעלן אויף אַ ווײַלע און קלאָר מאַכן אַ וויכטיקן פונקט: איז טאַקע אמת וואָס מ'האָט געזאָגט, אַז אידן האָבן גענומען זייער שבת פון די באַבילאָנער?

יאָרן צוריק האָט מען אַנטדעקט אַ טאָוול פון אַלט־אַשור, וואָס זאָגט, אַז באַשטימטע טעג אין חודש זײַנען אַנדערש פון אַלע אַנדערע טעג. די דאָזיקע טעג זײַנען דער זיבעטער, דער פערצנטער, דער ניינצנטער, דער איין־און־צוואַנציקסטער און דער אַכט־און־צוואַנציקסטער טאָג אין חודש. אָט־די טעג זײַנען אין בבל און אשור געווען אויסגעצייכנטע, ווײַל זיי זײַנען געווען פאַרבונדן מיט די פאַזן פון דער לבנה, אָבער אויך ווײַל זיי זײַנען פאַרבונדן מיט דער צאָל זיבן וואָס איז געווען אַ הייליקע צאָל ביי די אַמאָליקע פעלקער פון מזרח. אויך דער ניינצנטער טאָג אין חודש איז געווען פאַרבונדן מיט דער צאָל זיבן, ווײַל אויב מ'לייגט צו ניינצן צו די דרייסיק טעג פון פריער־דיקן חודש ווערט עס 49 — זיבן מאָל זיבן.

אָט די טעג, ווערט אָנגעזאָגט אויף דעם טאָוול, זײַנען בייזע, שלימ־מזל'דיקע, און מענטשן פון עפּנטלעכן לעבן מוזן זיך אין זיי צוריקהאַלטן פון אַ סך זאַכן: מ'זאָל ניט עסן קיין פלייש געבראָטן אויף קוילן און קיין שום שפּייז וואָס איז געקומען אין באַרירונג מיט פייער. מען זאָל ניט אי־בערבייטן די קליידער און ניט טראָגן קיין ווייסן מלבוש. ניט פאָרן אין קיין רייטוואָגן און ניט רעדן וועגן ענינים פון דער מלוכה. קיין וואָרזאָגער זאָל

ניט פאַראויסזאָגן די צוקונפט, און קיין רופא זאָל ניט צולייגן קיין האַנט צו אַ קראַנקן.

אָבער די טעג, וועגן וועלכע עס רעדט זיך דאָ, האָבן ניט געהייסן שבת און האָבן אויך קיין שום שייכות ניט געהאַט צו דעם אידישן שבת. ערשטנס, זיינען דאָס ניט געווען קיין טעג פון רו, נאָר שלים׳מזל׳דיקע טעג. מ׳האָט אין זיי ניט באַדאַרפט רוען, נאָר ווייל ס׳איז ניט געווען מזל׳דיק צו אַרבעטן, אויפן זעלביקן שטייגער ווי ס׳איז ביי אונדז אידן דאָ אַ גלויבעניש, אַז מאָנטיק און מיטוואָך טאָר מען קיין זאַך ניט אָנהויבן, ווייל זיי זיינען שלים׳מזל׳דיקע טעג. צווייטנס, האָט ניט דאָס גאַנצע פאָלק זיך באַדאַרפט צוריקהאַלטן פון דער און יענער אַרבעט, נאָר געוויסע מענטשן — דער מלך, דער וואָרזאָגער, דער רופא. דריטנס, האָבן אָט די טעג גאָרנישט געהאַט צו טאָן מיט אַ זיבנטאָגיקער וואָך. די דאָזיקע שלים׳מזל׳דיקע טעג פון די באַבילאָנער האָבן געהאַט צו טאָן בלויז מיטן חודש, און אויך ניט מיט אַלע חדשים, נאָר צוויי חדשים ווערן דערמאָנט אין פאַרבינדונג מיט דעם — דער חודש אלול און דער חודש מרחשון.

הכלל, דער אידישער שבת האָט גאָרנישט צו טאָן מיט די שלים׳מזל׳דיקע טעג פון דעם באַבילאָנישן לוח. פאַראַן נאָך אַ טאָוול פון אַלט־בבל, וואָס האָט מיט יאָרן צוריק געמאַכט אַ גרויסע סענסאַציע אין דער וועלט. ווען מ׳האָט אָט דעם טאָוול אַנטדעקט, האָט מען אין אָנהויב געמיינט, אַז אָט האָט מען אַנטדעקט דעם אידישן שבת ביי די אַמאָליקע באַבילאָנער.

פון דעם דאָזיקן טאָוול איז מען דערגאַנגען, אַז דער 15טער טאָג אין חודש, דער טאָג ווען די לבנה ווערט פול, האָט ביי די באַבילאָנער געהייסן „שאַבאַטום" און איז באַצייכנט געוואָרן ווי „אַ טאָג צו באַרואיקן דאָס האַרץ". לכתחילה האָט מען געמיינט, אַז די באַדייטונג פון דעם איז, אַז „שאַבאַטום" איז די טעג פון רו און גייסטיקן פאַרגעניגן, ווי שבת ביי אידן. נאָר אַנשטאָט וואָס אידן האָבן געהאַט שבת אַלע וואָך האָבן עס די באַבילאָנער געהאַט איין מאָל אין חודש.

אָבער באַלד האָבן די ערנסטע געלערטע איינגעזען, אַז ס׳איז אַ טעות פון אָנהייב אָן. מ׳האָט איינגעזען, אַז אויך דער טאָוול, וואו עס רעדט זיך וועגן שאַבאַטום, האָט גאָרנישט צו טאָן מיט דעם אידישן שבת. וואָרים שאַבאַטום, ווי ס׳איז באַלד קלאָר געוואָרן, איז ביי די באַבילאָנער ניט געווען קיין טאָג פון רו, נאָר אויך אַ שלים׳מזל׳דיקער טאָג אַזאַ, און וואָס עס זאָגט, אַז שאַבאַטום איז „אַ טאָג צו באַרואיקן דאָס האַרץ", האָט עס ניט געמיינט, מענטשן, נאָר אַ טאָג צו אַ באַרואיקן דאָס האַרץ פון די געטער. די באַבילאָנער,

הייסט עס, האָבן געגלויבט אַז דער 15טער טאָג אין חודש, ווען די לבנה ווערט פול, איז אַ בייזער טאָג, אַ שרעקלעכער טאָג, אַ טאָג פון שלים־מזל. מ׳מוז דערפאַר אין דעם דאָזיקן טאָג מקריב זיין אַ סך קרבנות צו די געטער און מאַכן, אַז זיי זאָלן זיין לייטזעליק און פריינטלעך צו די מענטשן.

דערפון איז קלאָר, אַז שבת, דער זיבעטער טאָג וואָס גייט דורכן גאַנצן יאָר, אומאָפּהענגיק פון דעם חודש און דער לבנה, איז אויסשליסלעך אַ אידישע שאַפונג. אָבער דער עיקר איז דאָ ניט דאָס וואָס שבת האָט ניט צו טאָן מיטן חודש. אַ סך וויכטיקער איז דער מאָטיוו, דער גרונט, אויף וואָס שבת איז געבויט. דער מאָטיוו פון דעם באַבילאָנישן שאַבאַטום איז געווען דער אַבערגלויבן, אַז עס איז ניט מזל׳דיק צו אַרבעטן אין דעם טאָג פון חודש, ווען די לבנה ווערט פול. אָבער דער אידישער שבת איז געווען געבויט אויף אַ מאָראַליש־מענטשלעכן יסוד, אויף דעם געדאַנק, אַז אַ מענטש מוז ווייניקסטנס איין טאָג אין יעדער וואָך פון זיבן טעג רוען קערפּערלעך און זיך דערהייבן גייסטיק.

שבת — אַ טאָג פון רו און אַ הייליקער טאָג

שבת איז פון די אַלטע צייטן אָן געווען געבויט אויף צוויי מאָטיוון: איין מאָטיוו איז געווען אַ סאָציאַלער און דער אַנדערער — אַ רעליגיעזער.

דער סאָציאַלער מאָטיוו איז אָפּרו פאַר יעדן מענטשן און אַפילו אויך פאַר דער בהמה. דער רעליגיעזער מאָטיוו איז הייליקייט: שבת איז אַ הייליקער טאָג. גאָט און אידן מוזן אָפּהיטן שבת, כדי צו זיין אַ הייליק פאָלק און צו פירן אַ הייליק לעבן.

אָט־ווי שבת ווערט דערקלערט אין חומש מיט דעם סאָציאַלן מאָטיוו:

„זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן, און דעם זיבעטן טאָג זאָלסטו רוען, כדי עס זאָל זיך אָפּרוען דיין אָקס און דיין אייזל, און עס זאָל אָפּאָטעמען דער זון פון דיין דינסט און דער פרעמדער".

דעם רעליגיעזן מאָטיוו טרעפן מיר באַלד אין אָנהויב פון חומש: „גאָט האָט געבענטשט דעם זיבעטן טאָג און אים געהייליקט". דאָס גאַנצע ערשטע קאַפּיטל פון בראשית איז אַזוי געשריבן, אַזוי אויסגעשטעלט, אַז עס זאָל זיך ענדיקן מיט שבת ווי דער קלימאַקס. שבת איז לויט דעם ניט אַ מענטשלעכע אינסטיטוציע, איינגעפירט צו פאַרבעסערן דאָס לעבן פון די מענטשן, נאָר דער הויכפּונקט אין גאָט׳ס באַשאַפונג פון דער וועלט.

דער דאָזיקער רעליגיעזער מאָטיוו פון שבת, וואָס מיר טרעפן אין אָנהויב

פון בראשית, איז נאָך טיפער און פּאָעטישער אויסגעדריקט געוואָרן אין די מדרשים.

לויט איין מדרש האָט גאָט געהאַט אין זיין געדאַנק דעם שבת שוין פאַר דער באַשאַפונג פון דער וועלט, און גאָט האָט באַשאַפן די וועלט ניט מער ווי כדי צו רוען דעם זיבעטן טאָג און צו מאַכן פון דעם שבת־געדאַנק אַ ווירקלעכקייט. אָט דעם רעיון פון דעם מדרש האָט דער דיכטער פון „לכה דודי" אויסגעדריקט מיט די ווערטער „סוף מעשה במחשבה תחילה", עס הייסט: גאָט האָט די שבת־רו שוין לכתחילה געהאַט אין זיין מחשבה, איידער נאָך ער האָט אָנגעהויבן באַשאַפן די וועלט.

לויט אַן אַנדער מדרש איז שבת ניט דער טאָג ווען גאָט האָט אָפּגעשטעלט זיין אַרבעט און גאָרניט געטאָן, נאָר שבת גופא איז אויך אַ זאַך וואָס גאָט האָט באַשאַפן. זעקס טעג האָט גאָט באַשאַפן אַלצדינג אַחוץ איין זאַך: די רו; זי, די רו, האָט ער באַשאַפן דעם זיבעטן טאָג. דעריבער זאָגט דער פּסוק, אַז גאָט האָט דעם זיבעטן טאָג געענדיקט זיין אַרבעט, דעם זיבעטן טאָג און ניט דעם זעקסטן, ווייל ער האָט שבת נאָך אויך געטאָן זיין אַרבעט פון באַשאַפן די וועלט — ער האָט באַשאַפן די שבת־רו.

שבת איז איינער פון די צען געבאָטן, די עשרת־הדברות. צוויי מאָל שטייען די עשרת־הדברות אין חומש, איין מאָל אין סדרה „יתרו" און אַ צווייטן מאָל אין סדרה „ואתחנן". דאָס זיינען די זעלביקע עשרת־הדברות אין ביידע סדרות, אָבער דאָך איז דער נוסח אין איין סדרה אַנדערש ווי אין דער אַנדערער. פאַראַן וואַריאַציעס, ענדערונגען קליינע, וואָס זיינען זייער וויכטיק. אויך בנוגע שבת איז דער נוסח ניט דערזעלביקער. אין ביידע שטעלן ווערט אָנגעזאָגט צו היטן שבת, אָבער דער פאַרוואָס איז ניט דער־זעלביקער. אין סדרה „יתרו" איז דער מאָטיוו רעליגיעז, אין סדרה „ואתחנן" איז דער מאָטיוו סאָציאַל.

אָט־ווי דער געבאָט פון שבת ווערט אָנגעזאָגט אין סדרה „יתרו":

„געדענק דעם טאָג פון שבת אים צו האַלטן הייליק. זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן און אָפּטאָן אַל די אַרבעט דיינע, אָבער דער זיבעטער טאָג איז שבת צו דיין גאָט, דו זאָלסט ניט טאָן קיין אַרבעט, דו, און דיין זון, און דיין טאָכטער, דיין קנעכט, און דיין דינסט, און דיין בהמה, און דיין פרעמדער וואָס איז אין דיינע טויערן. וואָרים אין זעקס טעג האָט גאָט געמאַכט דעם הימל און די ערד, דעם ים און אַלץ וואָס איז אין זיי, און אין דעם זיבעטן טאָג האָט ער גערוט; דעריבער האָט גאָט געבענטשט דעם טאָג פון שבת און אים גע־הייליקט".

דער מאָטיוו פון שבת איז דאָ דער רעליגיעזער: שבת איז געהייליקט צו גאָט, ווייל אידער נאָך מענטשן האָבן געררוט שבת, האָט גאָט שוין גערוט, נאָכדעם ווי ער האָט די וועלט באַשאַפן.

גאָר אַנדערש ווערט שבת מאָטיווירט אין דער סדרה "ואתחנן":

„היט דעם טאָג פון שבת אים צו האַלטן הייליק, אַזוי ווי דיין גאָט האָט דיר אָנגעזאָגט. זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן און אָפּטאָן אַל די אַרבעט דיינע; אָבער דער זיבעטער טאָג איז שבת צו דיין גאָט, דו זאָלסט ניט טאָן קיין אַר־בעט, דו, און דיין זון, און דיין טאָכטער, און דיין קנעכט, און דיין דינסט, און דיין אָקס, און דיין פּרעמדער וואָס איז אין דיינע טויערן, כדי דיין קנעכט און דיין דינסט זאָלן רוען אַזוי ווי דו. און דו זאָלסט געדענקען, אַז דו ביזט אַליין געווען אַ קנעכט אין דעם לאַנד מצרים, און דיין גאָט האָט דיך אַרויסגעפירט פון דאָרטן מיט אַ שטאַרקער האַנט און מיט אַן אויסגעשטרעקטן אָרעם; דעריבער האָט דיין גאָט דיר אָנגעזאָגט צו מאַכן דעם טאָג פון שבת".

מיר פילן דאָ אין די דאָזיקע רייד דעם אָטעם פון דעם אידישן לעבן, פון דעם קאַמף קעגן דעם סאָציאַלן אומרעכט אין דער צייט פון די גרויסע נביאים. מיר הערן דאָ די הומאַניטאַרישע פאָדערונג צו פאַרלייכטערן דאָס לעבן פון דעם קנעכט, אים צו געבן אַ געלעגנהייט זיך אָפּצורוען יעדן זיבעטן טאָג פון זיין שווערער אַרבעט.

דער קנעכט, פון וועמען דאָ רעדט זיך, פאַר וועמען דאָ ווערט גע־פאָדערט אַ טאָג פון רו, איז אַן אָרעמער אידישער פויער אין ארץ־ישראל אין דער צייט פון דער זעלבסטשטענדיקער אידישער מלוכה. דער רייכער פּריץ אָדער סוחר האָט צוגענומען פאַר וואוכער זיין שטיקל לאַנד און האָט צום סוף צוגענומען פאַר קנעכט אים מיט זיין ווייב אָדער די קינדער זיינע. פאַר אָט די פאַראָרעמטע פויערים, וואָס זיינען געוואָרן קנעכט ביי די רייכע פּריצים, ווערט עס דאָ געפאָדערט אַ טאָג פון רו.

אַ צווייטער אונטערדריקטער קלאַס, פאַר וועמען דאָ ווערט געפאָדערט אַ טאָג פון רו, איז „דער פרעמדער אין דיינע טויערן" (וגרך אשר בשעריך). דאָס וואָרט „וגרך" האָט דאָ אַן אַנדער באַדייטונג ווי דאָס האָט געהאַט אין שפּעטערע צייטן. „גר" האָט שפּעטער באַקומען אַ רעליגיעזע באַדייטונג. עס האָט באַדייט אַ גוי וואָס האָט אָנגענומען די אידישע אמונה. אין תנ"ך אָבער האָט „גר" אַ סאָציאַלע באַדייטונג. עס באַדייט אַ פרעמדער, ניט קיין איד, וועלכער האָט זיך באַזעצט צווישן אידן אין ארץ־ישראל. אַזאַ פרעמדער האָט זיך באַזעצט אין אַ שטאָט, וואָרים אויפן לאַנד האָט ער ניט געקענט האָבן פון וואַנען צו לעבן. אין שטאָט איז ער געווען אַ פּראָלעטאַריער, אַ לוין־

אַרבעטער. דעריבער רעדט זיך אין דעם שבת־געזעץ פון „דעם פרעמדן אין דיינע טויערן״, עס הייסט: אין דיינע שטעט.

אַזוי אַרום איז דער שבת פון די אַלטע צייטן־אָן געווען געבויט אויף צוויי יסודות, אַ סאָציאַלן און אַ רעליגיעזן, און אויף אָט די צוויי יסודות איז ער געוואָקסן און האָט זיך אַנטוויקלט דורך די פאַרשיידענע צייטן פון דער אידישער געשיכטע.

וועגן שבת אין גאָר די אַלטע צייטן ווייסן מיר ניט פיל. די געזעצן פון שבת, וואָס מיר האָבן אין חומש, זאָגן אונז קיין סך ניט. וואָרים ס׳איז אַ גרויסע פראַגע ווי וויט אידן האָבן אָפּגעהיט די געזעצן.

מיר מוזן זיך דעריבער בעסער ווענדן צו די היסטאָריע־ביכער פון תנ״ך, צו „נביאים ראשונים״, וואו עס ווערט דערציילט ניט ווי אידן האָבן באַדאַרפט לעבן, נאָר ווי זיי האָבן טאַקע פאַקטיש געלעבט. פון אָט די ספרים פון תנ״ך זעט אויס, אַז אין די גאָר אַלטע צייטן, ווען אידן האָבן נאָך געהאַט זייער אייגענע מלוכה אין ארץ־ישראל, איז שבת געווען, אַ חוץ אַ טאָג פון רו, אויך אַ יום־טוב, אַ טאָג פון פרייד.

שבת איז קענטיק געווען דער טאָג, ווען מ׳האָט באַזוכט דעם „בעל מופת״, דעם גאָטסמאַן, דעם „איש אלהים״. מיר הערן פון דעם אין ספר מלכים, אין די מעשיות פון אלישע הנביא. עס ווערט דאָרטן דערציילט, אַז ביי דער רייכער פרוי פון שונם איז פלוצלינג געשטאָרבן איר אינגל, און אַז זי האָט געבעטן איר מאַן, וועלכער האָט פון דעם ניט געוואוסט, ער זאָל איר אין דער גיך שיקן איינעם פון די קנעכט מיט אַן אייזל צו רייטן צו אלישע הנביא. דער מאַן האָט זיך שטאַרק געוואונדערט און צו איר געזאָגט: „וואָס גייסטו עפּעס היינט צו אים? ס׳איז דאָך ניט ראש־חודש און ניט שבת״. מ׳זעט פון דעם, אַז ווען דאָס וואָלט געווען אום שבת, וואָלט דער מאַן זיך גאָרניט געוואונדערט, וואָלט דאָס געווען גאַנץ געוויינלעך, אַז זי זאָל רייטן צו דעם „איש אלהים״. פאַסירט האָט דאָס, ווערט דערציילט, אין דער צייט פון שניט. מ׳האָט שבת, אַפּנים, ניט געאַרבעט אפילו אין אָט דעם סעזאָן, און מ׳האָט דערפאַר געקענט נעמען אַן אייזל מיט אַ קנעכט און גיין אויף אַ באַזוך צו דעם נביא. דער מאַן וואונדערט זיך בלויז, וואָס זיין פרוי וויל אַוועקנעמען פון פעלד אַן אייזל מיט אַ קנעכט אין מיטן דער אַרבעט, אין אַ וואָכעדיקן טאָג.

צו דעם „איש אלהים״ זיינען נאָר איינצלנע אידן געגאַנגען שבת, אָבער אין דעם הייליקטום זיינען אידן געקומען שבת אין גרויסע מאַסן. דער בית־המקדש אין ירושלים איז שבת געווען געפּאַקט. דאָס זעט מען אין דער דערציילונג ווי דער כהן־גדול יהוידע האָט אָרגאַניזירט און דורכגעפירט דעם

אויפשטאַנד קעגן עתליה׳ן, די טאָכטער פון אחאב און איזבל, וועלכע האָט פאַרכאַפּט דעם קעניגלעכן טראָן און געהערשט זעקס יאָר אין מלכות־יהודה. דער גאַנצער פּלאַן יהוידע׳ס איז באַשטאַנען אין דורכפירן די מלוכה־איבערקערעניש אום שבת, ווייל שבת האָט דער גרעסערער טייל פון דער קעניגלעכער לייב־וואַך באַוואַכט דעם בית־המקדש צו האַלטן אָרדנונג, און דער קלענערער טייל האָט באַוואַכט דעם קעניגלעכן פּאַלאַץ. דערצו האָט שבת זיך געביטן די וואַך פון בית־המקדש מיט דער וואַך פון דעם פּאַלאַץ. אַזוי־אַרום איז עס מעגלעך געווען צו לאָזן שבת אַ ווײַלע דעם פּאַלאַץ אָן סאָלדאַטן און זיי צו פאַרזאַמלען אַלעמען אין בית־המקדש. אַט דעם גינסטיקן מאָמענט האָט אויסגענוצט דער כהן־גדול יהוידע צו קרוינען דעם יונגן פּרינץ יהואש פאַר מלך פון יהודה און צו דער׳הרג׳ענען עתליה׳ן.

אַזוי ווי מ׳האָט שבת ניט געאַרבעט און דאָס פאָלק איז געגאַנגען אין היילִיקטום צו פייערן דעם טאָג, האָט זיך אָפּגעשטעלט דער האַנדל אין די שטעט. דאָס זעען מיר אין די רייד פון דעם נביא עמוס, וועלכער האָט גע־לעבט אַ דור פאַר דעם אונטערגאַנג פון מלכות־ישראל. אין יענער צייט איז געווען אַ סאָציאַלער קריזיס ביי אידן. די רייכע פּריצים האָבן דערדריקט דעם אָרימען פּויער, און די רייכע סוחרים האָבן דערדריקט דעם אָרימען איינוואוינער פון שטאָט. עמוס שילדערט ווי די סוחרים וואַרטען מיט אומ־געדולד, עס זאָל אַריבער דער שבת און דער ראש־חודש און זיי זאָלן שוין קאָנען עפענען די קראָמען און אָנהויבן באַשווינדלען די קונים: געבן זיי אַ פאַלשע וואָג און נעמען אַ גרויסן מקח אפילו פאַר דעם אָפּפאַל פון תבואה. כדי צו מאַכן דאָס בילד לעבעדיקער, לייגט עמוס אַריין זיינע רייד די סוחרים אין מויל:

„הערט צו, איר וואָס שלינגט איין דעם אביון, און פאַרטיליקט די אָרימע פון דעם לאַנד; וואָס זאָגן: ווען וועט אַריבער דער ראש־חודש און מיר וועלן פאַרקויפן תבואה, און דער שבת — און מיר וועלן עפענען דעם שפּייכלער, צו פאַרקלענערן די מאָס, און צו פאַרגרעסערן דעם שקל, און צו פאַלשעווען די וואָגשאָלן, און אָפּפאַל פון תבואה וועלן מיר פאַרקויפן" (עמוס, קאַפּ. ח׳).

פון אַט די אַלע שטעלן, וואָס מיר האָבן דאָ געבראַכט פון „נביאים ראשונים" און „נביאים אחרונים", קריגן מיר אַ גאַנץ בילד פון שבת אין גאָר די אַלטע צייטן, ווען עס זיינען נאָך געשטאַנעןביידע אידישע מלוכות, יהודה און ישראל.

שבת האָבן זיך אידן געפּילט יום־טוב׳דיק. מ׳האָט ניט געאַרבעט און ניט געהאַנדלט, און דאָס פאָלק האָט זיך פאַרזאַמלט אין היילִיקטום. פון דער

שטרענגער שבת־רו פון די שפּעטערע צייטן האָט מען אין יענע צייטן יעדנ־פאַלס נאָך ניט געוואוסט. מ׳האָט נאָך אַרומגעריטן שבת איבערן לאַנד פון איין אָרט אין דעם אַנדערן, און פאַר דעם כהן־גדול פון בית־המקדש אין ירושלים איז שבת געווען דער פּאַסיקער טאָג דורכצופירן אַן איבערקערעניש אין דער מלוכה.

אָבער אין די שפּעטערע צייטן איז די שבת־רו געוואָרן אַלץ שטרענגער און שטרענגער. מיר ווייסן ניט גענוי ווען, וואו און ווי אַזוי דאָס איז געשען. אָבער מ׳דאַרף לכל־הדעות אָננעמען, אַז דער גלות־בבל האָט געהאַט אַ סך צו טאָן מיט דעם.

נאָכן גלות בבל

יחזקאל, דער נביא וועלכער האָט געלעבט צווישן די פאַרטריבענע אידן אין בבל, חזר׳ט איבער אַ סך מאָל, אַז אידן האָבן פאַרשוועכט דעם שבת. ער מיינט צו זאָגן, אַז פאַרן חורבן פון ירושלים האָבן די אידן אין ארץ־ישראל ניט אָפּגעהיט שבת אַזוי שטרענג ווי די אידן אין בבל.

עס איז ניט שווער צו דערקלערן, פאַרוואָס שבת האָט באַקומען אַ העכערע באַדייטונג און האָט בכלל אָנגענומען אַן אַנדער כאַראַקטער ביי די אידן אין בבל.

פאַרן גלות האָט שבת ניט געקענט שפּילן קיין גרויסע ראָלע ביי דער זייט פון די „שלוש רגלים" — פּסח, שבועות און סוכות, די דריי פריילעכע יום־טובים, אויף וועלכע אידן האָבן עולה־רגל געווען קיין ירושלים. אין גלות אָבער האָבן אידן ניט געהאַט קיין בית־המקדש, האָבן מער ניט געקענט עולה־רגל זיין אין אַ הייליקן אָרט און זיך דאָרטן פרייען פאַר גאָט און האָבן דערפאַר ניט געקענט פייערן מיט פאַראַד די דריי פריילעכע יום־טובים. פאַרקערט, האָט שבת זיך גוט אַריינגעפּאַסט אין די אומשטענדן, אין וועלכע אידן האָבן געלעבט אין גלות. זיי האָבן געקענט אָפּהיטן שבת אויך אָן אַ בית־המקדש. שבת איז דעריבער געוואקסן אין באַדייטונג אין גלות־בבל און איז געוואָרן אַ מיטל אָפּצושיידן די אידן פון די פעלקער אַרום און זיי אויפצוהאַלטן ווי אַ באַזונדער פאָלק.

די זעלביקע לאַגע געפינען מיר אויך הונדערט יאָר נאָכן גלות־בבל. די אידן אין מזרח, אין די גלות־לענדער, האָבן דעמאָלט אָפּגעהיט שטרענג די שבת־רו, בעת די אידן אין ארץ־ישראל זיינען נאָך געווען זייער צוריקגע־

שטאַנען אין דעם. ערשט דער גרויסער איד פון די גלות־לענדער, **נחמיה**, האָט איינגעפירט אין ארץ־ישראל די שטרענגע שבת־רו.

אין זיין מעמואַרן־בוך, וואָס האָט זיך אויפגעהיט אין תנ״ך, דערציילט נחמיה, אַז ווען ער איז אַ צווייט מאָל באַשטימט געוואָרן פון פערסישן קעניג פאַרן גובערנאַטאָר פון יהודה און איז געקומען קיין ירושלים, האָט ער דאָרטן געפונען זייער אַ שלעכטן צושטאַנד בנוגע שבת. דאָס פאָלק האָט געטאָן זיינע געוויינטלעכע אַרבעטן ביי דער לאַנדווירטשאַפט אין דעם הייליקן טאָג. אין ירושלים איז שבת געווען דער מאַרקטאָג. די פּויערים האָבן שבת געבראַכט אין שטאָט וויין, ווייַנטרויבן, פייגן און פאַרשיידענע אַנדערע זאַכן. פעניקישע הענדלער, וואָס האָבן געוואוינט אין ירושלים, זיינען געקומען שבת מיט פיש און אַנדערע סחורות, כדי צו האָבן אַ גוטן מאַרק אין אַ טאָג, ווען דאָס פאָלק האָט ניט געאַרבעט און געהאַט צייט צו קויפן.

נחמיה האָט צוערשט זיך געקריגט מיט די מנהיגים פון יהודה פאַר לאָזן אידן טאָן אַזאַ זאַך, וואָס גאָט האָט זיי דערפאַר אַזוי שרעקלעך געשטראָפט אין דער פאַרגאַנגענהייט און וואָס וועט איצט ווידער אַרויסרופן גאָט׳ס צאָרן. נאָכדעם ווי ער האָט זיי געזאָגט מוסר, האָט ער זיי געגעבן אַ באַפעל, אַז די טויערן פון ירושלים זאָלן פאַרשלאָסן ווערן פרייטיק, ווי־נאָר די נאַכט הייבט־אָן צוצופאַלן, און אַז מ׳זאָל זיי ניט עפענען ביז נאָך שבת. אַזוי ווי נחמיה האָט ניט געטרויט די אָרטיקע באַאַמטע, האָט ער געשיקט זיינע אייגענע דינער אַכטונג צו געבן, אַז קיין שום סחורה זאָל אין דעם טאָג ניט אַריינקומען אין שטאָט. אָבער אַ טייל הענדלער זיינען אַ פּאָר מאָל געבליבן פרייטיק איבער נאַכט מיט זייער סחורה אויף דער אַנדערער זייט פון דעם מויער, אין דרויסן פון ירושלים. האָט נחמיה זיי געגעבן אַזאַ שטרענגע וואָרענונג, אַז זיי האָבן זיך שוין מער ניט דערוועגט צו קומען. אָבער נחמיה האָט געוואָלט זיין זיכער, אַז די דאָזיקע רעפאָרם, וואָס ער האָט איינגעפירט, וועט לאַנג אָנהאַלטן. ער האָט דערפאַר באַפוילן די לוויים, אַז זיי זאָלן אַלע שבת היטן די טויערן פון שטאָט, אַז עס זאָל ניט אַריינקומען קיין זאַך, וואָס קען פאַרשוועכן די הייליקייט פון שבת (נחמיה, קאַפּיטל י״ג).

נחמיה׳ס רעפאָרם איז געבליבן אויף אַלע צייטן. וואָס ווייטער, אַלץ מער און מער איז געוואַקסן די באַדייטונג פון שבת אין אידישן לעבן.

אַ פּאָר הונדערט יאָר נאָך נחמיה׳ן, אין דער צייט פון דעם חשמונאים־אויפשטאַנד, האָבן פרומע אידן זיך בעסער געלאָזט אויסשעכטן פון דעם פיינט, איידער שבת מלחמה צו האַלטן. עס ווערט דערציילט פון אַזאַ פאַל, ווען טויזנט אידן זיינען שבת אומגעקומען אין אַ הייל. אַנטיוכוס׳עס סאָלדאַטן

זיינען אָנגעפאַלן אויף זיי, און זיי האָבן איבער חילול־שבת זיך ניט פאַרטיי־דיקט. נאָכדעם ווי דאָס האָט פּאַסירט, האָבן מתתיהו החשמונאי און זיינע חברים באַשטימט, אַז שבת זאָלן אידן בלויז ניט אָנפאַלן אויפן פיינט; אָבער ווען דער פיינט פאַלט־אָן אויף זיי, זאָלן זיי זיך פאַרטיידיקן.

שבת אַ טאָג פון גייסטיקן פאַרגעניגן

אָבער די שטרענגע שבת־רו, דאָס צוריקהאַלטן זיך פון אַרבעט, איז געווען בלויז איין זייט פון דעם שבת. געווען נאָך אַ זייט, געבויט אויף דעם רעליגיעזן מאָטיוו פון הייליקייט, פון שבת ווי גאָט׳ס הייליקער טאָג. אויך אָט־די זייט פון שבת, פון אַ טאָג פון אינערלעכער רו און גייסטיקער דער־הויבונג, איז זיך שטאַרק צעוואַקסן אין די צייטן פון צווייטן בית־המקדש. פון אָט־דיביידע זייטן פון שבת איז אַרויסגעוואקסן דער אַמאָליקער שבת פון מזרח־אייראָפּע, וואָס מיר אַלע געדענקען נאָך.

די שטרענגע שבת־רו איז אין די פאַרגאַנגענע דורות ניט געווען קיין שווערער יאָך, ווייל מיט דער אויסערלעכער רו איז האַנט־אין־האַנט געגאַנ־גען די אינערלעכע רו פון שבת, דאָס אויסטאָן זיך פון אַלע דאגות, מיט וועלכע מ׳איז פאַרנומען אין די וואָכעדיקע טעג און דאָס אויסלעבן זיך מיט גייסטיקע תענוגים.

אַן ערך אין דערזעלביקער צייט, ווען די שטרענגע שבת־רו איז איינגע־פירט געוואָרן, איז אויך אויפגעקומען ביי אידן אַ צווייטע גרויסע אינסטי־טוציע: דער „בית־הכנסת", די שול. ווי שבת, אַזוי האָט אויך די שול באַ־קומען אַ גרויסע באַדייטונג און איז געוואָרן אַ יסוד פון אידישן לעבן. ביידע אינסטיטוציעס, דער שבת און די שול, האָבן זיך וואונדערלעך צונויפגעגאָסן און זיך קעגנזייטיק פאַרפולקאָמט. שבת האָט דער איד געהאַט אַ געלעגנהייט צו גיין אין שול און זיך אויסצולעבן גייסטיק. דאָרטן האָט ער געהערט ווי מ׳האָט פאָרגעלייענט פון דער תורה און פון די נביאים און ער האָט אויך געהערט ווי דער דרשן האָט, אין זיין דרשה, זיי אויסגעטייטשט און דער־קלערט. נאָך מער איז שבת געוואָרן אַ טאָג פון לערנען תורה אַביסל שפּע־טער, ווען נאָך דעם בית־הכנסת איז אויפגעקומען ביי אידן די אינסטיטוציע פון בית־המדרש, פון דער העכערער אַקאַדעמיע פאַרן טעאָרעטישן לערנען תורה.

אָבער ניט ביי אַלע אידן האָט שבת געהאַט דעמזעלביקן כאַראַקטער. אין די שפּעטערע צייטן פון צווייטן בית־המקדש זיינען אידן געווען צעטיילט צווישן

זיך נאָך מער ווי איצט. געווען דעמאָלט ביי אידן אַ גרעסערע צאָל פּאַרטייען, גרופּעס און סעקטעס, און ניט ביי אַלעמען האָט שבת געהאַט אַ טאָפּלטן כאַ־ראַקטער; ניט ביי אַלעמען איז ער געווען אַ טאָג פון שטרענגער רו און אויך אַ טאָג פון גייסטיקן פאַרגעניגן. געווען דעמאָלט גרופּעס און סעקטעס, וואָס די שבת־רו איז ביי זיי געווען אַן אייזערן־שטרענגע, אַן אַסקעטישע. שבת האָט זיך ניט געטאָרט געפינען קיין שום פייער, קיין שום ליכט אין הויז, אפילו ניט ווען מ׳האָט עס אָנגעצונדן פאַר שבת, און דעם גאַנצן שבת־דיקן טאָג האָט מען זיך כמעט גאָרניט געטאָרט רירן פון אָרט. אַזעלכע גרו־פּעס זיינען געווען די שומרונים, די צדוקים, די אסיים און נאָך אַנדערע. די קאַראַאימער און די שומרונים אין שכם זיצן נאָך עד־היום פרייטיק צונאַכט אין דער פינצטער.

אָבער ביי די אידן, וואָס האָבן זיך געהאַלטן ביי דער ריכטונג פון די פּרושים, האָט שבת קיינמאָל ניט אָנגענומען אַזאַ אייזערן־שטרענגן כאַראַק־טער. פון איין זייט האָבן די פּרושים פאַרמערט ביז די קלענסטע פּרטים די געבאָטן פון טאָן עפּעס אום שבת, אָבער פון דער אַנדערער זייט האָבן זיי געמאַכט אַסך פאַרלייכטערונגען. פרייטיק צונאַכט האָט מען ניט נאָר געמעגט האָבן אין הויז אָנגעצונדענע ליכט, עס איז גאָר געווען אַ מצווה אָנצוצינדן ליכט איידער עס איז טונקל געוואָרן. זיי האָבן מתיר געמאַכט צו גיין צוויי טויזנט איילן אין איין ריכטונג, און אַז מ׳האָט דעם טאָג פאַר שבת אַוועקגע־לייגט שפּייז אין יענעם פּונקט וואו עס ענדיקן זיך די צוויי טויזנט איילן, האָט מען געמעגט גיין נאָך צוויי טויזנט איילן. ביי פּיקוח־נפש, ווען אַ מענטשנ׳ס לעבן איז געווען אין סכנה, האָט מען בכלל געמעגט מחלל שבת זיין.

דער עיקר אין דעם איז וואָס די פּרושים האָבן געזוכט אויפצוהאַלטן דעם כאַראַקטער פון שבת ווי אַ טאָג ניט בלויז פון רו, נאָר אויך פון יום־טוב׳די־קער פרייד, פון גייסטיקן פאַרגעניגן און גייסטיקער דערהייבונג.

אַזוי־אַרום איז שבת געוואָרן די וואונדערלעכע מתנה וואָס גאָט האָט געשאָנקען ישראל. שבת איז אַ זעכציקסטל פון עולם־הבא. שבת גיט גאָט דעם אידן נאָך אַ צווייטע נשמה און מוצאי־שבת נעמט ער זי צוריק אַוועק פון אים. מיט אָט די און נאָך אַנדערע ענלעכע אויסדרוקן ווערט שבת כאַ־ראַקטעריזירט (אין תלמוד) מיט אַ פּאָר טויזנט יאָר צוריק.

אין דער צייט פון די תנאים און אמוראים

מיר קענען זיך שאַפן אַ קלאָר בילד ווי שבת האָט אויסגעזען ביי אידן מיט אַ פּאָר טויזנט יאָר צוריק. מיר ווייסן עס פון תלמוד און די מדרשים.

אין יענע צייטן האָט יעדער איד די גאַנצע וואָך געטראַכט פון שבת, און געמאַכט הכנות פאַר שבת. דער מדרש איכה זאָגט, אַז די גויים לאַכן־אָפּ פון די אידן און זאָגן, אַז אַלץ וואָס זיי פאַרדינען גייט זיי אַוועק אויף שבת. אין דער שפּראַך פון תלמוד און מדרש באַדייט שבת אויך אַ וואָך. דער מדרש טייטשט דעריבער דעם פּסוק: „זכור את יום השבת" (זאָלסט געדענקען דעם טאָג שבת), אַז דאָס באַדייט: מ'זאָל האָבן שבת אין זינען פון דעם ערשטן טאָג אין וואָך, מ'זאָל יעדע גוטע שפּייז באַהאַלטן אויף שבת.

אידן האָבן אין יענע צייטן ניט געקאַרגט פאַר קיין זאַך, אַבי נאָר צו באַשיינען דעם שבת. באַזונדערס האָבן זיי קיין געלט ניט געקאַרגט צו קריגן פיש אויף שבת. דאָס זעט מען פון דער פּאָפּולערער מעשה'לע, וואָס ווערט דערציילט אין דער גמרא וועגן אַ אידן מיטן נאָמען יוסף, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכנט מיטן אָפּהיטן און טייער האַלטן דעם טאָג שבת, און מ'האָט אים דערפאַר גערופן „יוסף מוקיר שבת".

יוסף מוקיר שבת, דערציילט דאָס מעשה'לע, האָט געהאַט אַ שכן אַ רייכן גוי. האָבן די שטערנזעער איינמאָל געזאָגט צו דעם רייכן שכן: „דיין גאַנצער פאַרמעגן וועט בלייבן ביי יוסף מוקיר שבת". האָט דער גוי פאַרקויפט אַלץ וואָס ער האָט פאַרמאָגט און געקויפט פאַר דעם אַ טייערע פּערל און אים באַהאַלטן אין היטל. איז ער איין טאָג געגאַנגען איבער אַ בריק, און דער ווינט האָט אַראָפּגעטראָגן דאָס היטל פון זיין קאָפּ. איז די פּערל אַריינגע־פאַלן אין טייך, און אַ פיש האָט זי איינגעשלונגען. האָבן פישערס געפאַנגען דעם פיש און אים געבראַכט פרייטיק פאַרנאַכט אין שטאָט. עס איז שוין געווען שפּעט, און ס'איז ניט געווען ווער עס זאָל קויפן. האָבן זיי געזאָגט: „לאָמיר דעם פיש אַוועקטראָגן צו יוסף מוקיר שבת, ער וועט אים אָפּקויפן". האָבן זיי דעם פיש געבראַכט צו אים, און ער האָט דעם פיש אָפּגעקויפט. האָט ער צעשניטן דעם פיש און געפונען אינעווייניק די פּערל. האָט ער די פּערל פאַרקויפט און באַקומען פאַר איר דרייצן קאַמערן פול מיט גאָלד. האָט אַן אַלטער מאַן דערנאָך געטראָפן יוסף מוקיר שבת און צו אים געזאָגט: ווער עס לייט דעם שבת, באַצאָלט אים דער שבת צוריק.

דאָנערשטיק איז אין דער צייט פון די תנאים געווען דער מאַרקטאָג אין ארץ־ישראל, ווען די אידישע פאַרמערס האָבן געבראַכט זייערע לאַנד־פּראָ־

דוקטן אין שטאָט, און די אידישע סוחרים האָבן אויסגעשטעלט זייער סחורה צו פאַרקויפן. איז דאָנערשטיק געווען אַ גרויסער טומל אויפן מאַרק. אידן האָבן געקויפט אויף שבת. אָבער דער הויפּטפּונקט פון די הכנות אויף שבת איז געקומען פרייטיק. עס איז געווען אַ גרויסע מצווה צו אַרבעטן פרייטיק, כדי צוצוגרייטן לכבוד שבת. אַזוי פאַרנומען זיינען אידן געווען ערב־שבת, אַז זיי זיינען געווען זיכער, אַז אליהו הנביא וועט ניט קומען פרייטיק מיט דער בשורה פון גאולה, מחמת אידן זיינען אַלע פאַרנומען דעם טאָג און זיי וועלן ניט קענען גיין אים מקבל־פּנים זיין (עירובין, מ״ג).

פרייטיק האָבן, אַלע אָרעם און רייך, געבאַקן חלות אויף שבת. די שבת־דיקע חלה האָט שוין, בכן, אַ טראַדיציע פון אַ פּאָר טויזנט יאָר. די מזרח־מענטשן בכלל האָבן ליב ברויט פריש געבאַקן פון אויוון. אָבער אין די וואָכעדיקע טעג האָבן אידן דעמאָלט געגעסן אָפטמאָל אויך אַלט־געבאַקן ברויט, אָבער שבת האָט די חלה געמוזט זיין פריש, און פרייטיק האָבן אין אַלע אידישע הייזער זיך געהייצט די אויוועגס. דאָס זעט מען אין די וואונ־דער־מעשיות, וואָס ווערן דערציילט אין דער גמרא פון ר׳ חנינא בן־דוסא.

ר׳ חנינא בן־דוסא האָט געלעבט אין דער צייט פון צווייטן חורבן און איז געווען אַ צדיק, אַ בעל־מופת. אידן האָבן געגלויבט אויף אים, אַז ער האָט געקענט אַלעמאָל אויסבעטן ביי גאָט וואָס נאָר ער פאַרלאַנגט, און וואו נאָר ער איז געגאַנגען, האָבן געטראָפן מיט אים וואונדער איבער וואונדער. געווען איז ער אָבער אַליין אַ גרויסער אָרעמאַן. אַזוי אָרעם איז ער געווען, אַז ער האָט ניט געהאַט אפילו קיין פרישע חלה אויף שבת.

ערב־שבת, ווערט דערציילט אין דער גמרא, ווען אַלע ווייבער האָבן איינגעהייצט זייערע אויוונס צו באַקן חלות, האָט אויך ר׳ חנינא בן־דוסא׳ס ווייב איינגעהייצט דעם אויוון, הגם זי האָט גאָר קיין טייג ניט געהאַט. זי האָט עס געטאָן בלויז כדי ניט פאַרשעמט צו ווערן פאַר אירע שכנות. איינמאָל האָט אַ בייזע שכנה געוואָלט פאַרשעמען ר׳ חנינא׳ס ווייב, האָט זי ערב־שבת אָנגעקלאַפּט אין טיר און איז אַריין אין הויז. ר׳ חנינא׳ס ווייב האָט זיך פאַר־שעמט און איז אַריין אין אַן אַנדער צימער. אין דעם אויגנבליק איז אַ נס געשען. די שכנה האָט אין איר גרויס פאַרוואונדערונג דערזען פאַר זיך אַן אויוון פול מיט חלות און דערביי אַ מולטער פול מיט טייג. האָט זי גענו־מען שרייען: „גיכער, כאַפּט אַ לאָפּעטע, די חלות ווערן פאַרברענט!“ ר׳ חנינא׳ס פרוי האָט פאַרשטאַנען וואָס דאָ איז געשען און האָט זיך אָפּגערופן: „איך בין עס טאַקע געגאַנגען ברענגען אַ לאָפּעטע“.

אַחוץ פרישע חלה האָט מען אויך געמוזט האָבן אויל פאַר ליכט אויף

שבת. איינמאָל, ווערט דערציילט אין דער גמרא, האָט ר׳ חנינא בן־דוסא געזען פרייטיק שפּעט פאַרנאַכט, אַז זיין טאָכטער איז אומעטיק. האָט ער צו איר געזאָגט: „טאָכטער מיינע, וואָס ביזטו אַזוי אומעטיק?״ האָט זי אים גע־ענטפערט: „איך האָב פאַרביטן די כלי עסיק מיט דער כלי אויל און אַריינ־געגאָסן עסיק אין לאָמפּ״. האָט זיך ר׳ חנינא אָנגערופן: „ווער עס האָט גע־הייסן דעם אויל ברענען, וועט אויך הייסן דעם עסיק ברענען״. האָט דער עסיק אַזוי געברענט און געברענט, ביז מ׳האָט שבת־נאַכט געמאַכט אויף אים הבדלה.

פרייטיק פאַרנאַכט איז מען געווען זייער אָפּגעהיט ניט מחלל שבת צו זיין. מ׳האָט בעסער אַראָפּגענומען פון פרייטיק און צוגעלייגט צו שבת. איז פרייטיק דערפאַר געווען קירצער און שבת לענגער ווי זיי האָבן באַ־דאַרפט זיין.

אין ירושלים האָט אַ כהן, שטייענדיק אויף אַ הויכן טורעם אין בית־המקדש, געבלאָזן שופר פרייטיק פאַרנאַכט. דאָס איז געווען אַ סיגנאַל אָוועק־צולייגן אַלע אַרבעטן און אָנצוהויבן די שבת־רו. אין אַלע אַנדערע שטעט און שטעטלעך האָט דער „חזן הכנסת״, ווי מ׳האָט אין יענע צייטן גערופן דעם שמש פון שול, געגעבן דעם סיגנאַל.

אַלע פרייטיק איז דער שמש אַרויפגעגאַנגען מיטן שופר אין האַנט אויפן דאַך פון אַ הויז, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ הויכן אָרט אין מיטן שטאָט, און האָט, מיט קורצע הפסקות, געבלאָזן זעקס תקיעות. ביי דער ערשטער תקיעה האָבן אָוועקגעלייגט די אַרבעט אַלע אידן, וואָס זיינען געווען אויף די פעל־דער אַרום שטאָט. די וואָס האָב געאַרבעט נאָענט ביי דער שטאָט, האָבן זיך ניט געאיילט צו גיין אַהיים, נאָר האָבן געוואַרט עס זאָלן פריער אָנקומען די, וועלכע האָבן געאַרבעט ווייט פון שטאָט, און אַלע אינאיינעם זיינען זיי אין שטאָט אַריינגעקומען. אָבער די קראָמען זיינען נאָך געשטאַנען אָפן. נאָך דער צווייטער תקיעה האָט מען פאַרמאַכט די קראָמען, אָבער די טעפּ מיט די שבת׳דיקע מאכלים זיינען נאָך געשטאַנען אויף די אויוועלעך. אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך געהערט די דריטע תקיעה, און מ׳האָט גלייך אַראָפּגענומען די טעפּ פון די אויוועלעך, זיי באַהאַלטן אין אַלערליי זאַכן וואָס האַלטן וואַ־רעמקייט, און אָנגעצונדן ליכט. פרומע לייט, וואָס האָבן אַ גאַנצן טאָג גע־טראָגן תפילין, האָבן זיי איצט אויסגעטאָן.

דער שמש האָט נאָך דעם דאָזיקן סיגנאַל געמאַכט אַ קורצע הפסקה. דערנאָך האָט ער געגעבן אַ דרייפאַכיקן סיגנאַל, תקיעה־תרועה־תקיעה, און דערמיט האָט זיך אָנגעהויבן ביי אַלעמען די שבת־רו. דער שמש האָט שוין

ניט געטאָרט אַראָפּטראָגן דעם שופר פון דאַך, ווייל ס'איז שוין געווען שבת. ער האָט אים דאָרטן איבערגעלאָזן ביז מוצאי־שבת, ווען ער האָט ווידער געבלאָזן שופר ווי אַ סיגנאַל, אַז דער שבת איז אַריבער און מ'מעג ווידער טאָן אַרבעט.

שבת האָט מען געטראָגן אַנדערע, בעסערע קליידער, און מ'האָט געגעסן בעסערע און געשמאַקערע מאַלצייטן. ס'איז געווען אַ מצווה צו עסן דריי סעודות. אָבער ניט נאָר מיט די סעודות און שיינע בגדים האָט מען געהייליקט דעם שבת. אַ גרויסע ראָלע האָט אויך געשפּילט די גייסטיקע דערהויבונג — דאָס לערנען תורה אין דעם הייליקן טאָג.

„די תורה האָט גע'טענה'ט צו דעם רבונו־של־עולם", זאָגט דער מדרש, „וואָס וועט ווערן פון מיר, ווען אידן וועלן אַריינקומען אין ארץ־ישראל? יעטווידער איד וועט גיין אַקערן און זייען אין זיין פעלד — און איך, וואָס וועט פון מיר ווערן?" האָט גאָט איר געענטפערט: „איך גיב דיר אַ זיווג, דעם טאָג שבת, ווען אידן אַרבעטן ניט און גייען אין די שולן און די בתי־מדרשים צו לערנען תורה".

דער שבת האָט שוין דערגרייכט זיין הויכפּונקט אין די ערשטע פּאָר יאָר־הונדערטער פון דער אָנגענומענער צייט־רעכענונג, אין דער צייט פון די תנאים. בלויז איין זאַך האָט נאָך דעמאָלט געפעלט: די צערעמאָניע פון קבלת־שבת. די דאָזיקע צערעמאָניע, דער שענסטער טייל פון דער שבת־פייערונג, האָט זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען אַביסל שפּעטער, אין דער צייט פון די אמוראים, און זי האָט דערגרייכט איר העכסטן שטאַפּל גאָר שפּעט, ערשט אין 16טן יאָרהונדערט, די צייט ווען „לכה דודי" איז פאַרפאַסט געוואָרן.

פרייטיק־צו־נאַכט

אין דער צייט פון די תנאים איז מען נאָך איבערהויפּט ניט געגאַנגען פרייטיק אין שול דאַווענען מעריב, ווייל מעריב איז נאָך דעמאָלט בכלל ניט געווען קיין תפילה בציבור, נאָר אַ תפילה פון דעם יחיד. אויך פרייטיק נאַכט איז קיין אויסנאַם ניט געווען. יעדער איד האָט געזאָגט ביחידות די תפילה פון מעריב און האָט צוגעלייגט עטלעכע ווערטער וועגן דעם הייליקן טאָג שבת.

פרייטיק פאַרנאַכט, ווען ס'איז נאָך געווען ליכטיק, נאָך דעם לעצטן סיגנאַל פון דעם שופר, איז זיך דאָס גאַנצע הויזגעזינט צוזאַמענגעקומען צו דער סעודה. אַ סך פרומע האָבן געגעסן אין „חבורות", טיש־געזעלשאַפטן, ווי עס

האָט זיך געפירט אין יענע צייטן. פסח נאָכט איז ניט געווען די איינציקע געלעגנהייט, ווען אידן האָבן געגעסן אַ שותפות׳דיקע סעודה. מ׳האָט עס געטאָן אויך ביי אַ סך אַנדערע געלעגנהייטן. די שותפות׳דיקע סעודה האָט בכלל געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין אידישן פרומען לעבן פאַרצייטן. אַן איבער־בלייבעכץ פון דעם איז דער שלוש־סעודות ביי די חסידים.

איז מען געזעסן פרייטיק, אַסך אידן צוזאַמען, און געגעסן די ערשטע סעודה פון דעם הייליקן טאָג שבת. מ׳האָט געגעסן דעם מאָלצייט אָנגעלענט אויף דער לינקער האַנט, ווי ס׳איז אין יענע צייטן געווען די מאָדע. נאָכן עסן האָט מען געבענטשט, און ערשט דערנאָך, ווען עס איז שוין געווען פינצטער, האָט דער ראש פון דער סעודה, דער „ראש המסובין״, געמאַכט קידוש און אויסגערופן די הייליקייט פון טאָג אויף אַ כוס ווייַן.

צו דאַוונען פרייטיק־צו־נאַכט אין שול און צו מאַכן קידוש אין שול, איז ערשט שפּעטער איינגעפירט געוואָרן, אין דער צייט פון די אמוראים. פון דריטן יאָרהונדערט אָן זיינען שוין אידן געגאַנגען פרייטיק נאַכט אין שול דאַוונען און נאָכן דאַוונען דאָרט געמאַכט קידוש. צוערשט איז דאָס איינגע־פירט געוואָרן אין בבל און דערנאָך אויך אין ארץ־ישראל. אין בבל איז ניט געווען אַזוי פיל ווייַן ווי אין ארץ־ישראל, און ס׳איז דאָרטן דעריבער איינגעפירט געוואָרן צו מאַכן קידוש אויך אויף אַנדערע געטראַנקען און אפילו אויך אויף די שבת׳דיקע חלות. אַ נייע איינפירונג איז דעמאָלט אויך געווען צו מאַכן קידוש אינדערהיים פאַרן עסן. ווארים ביז מ׳איז געקומען פון שול איז שוין געווען פינצטער, און מ׳האָט שוין געמוזט אויסרופן די הייליקייט פון טאָג.

אין יענע צייטן זיינען אידן פרייטיק נאַכט נאָכן עסן געגאַנגען אין בית־מדרש לערנען. פרייטיק נאַכט איז געווען די צייט, ווען די דרשנים האָבן גע׳דרש׳נט. פון ר׳ יהודה הנשיא, דעם צונויפשטעלער פון משניות, ווערט דערציילט, אַז ער האָט איינמאָל גע׳דרש׳נט פרייטיק נאַכט אין בית־מדרש פון טבריה. קיין גרויסער דרשן איז ער קענטיק ניט געווען, און דער עולם האָט אין מיטן דער דרשה געכאַפּט אַ דרעמל. האָט ר׳ יהודה הנשיא געוואָלט אויפוועקן זיינע צוהערער מיט אַ סענסאַציע, און ער האָט אַ זאָג געטאָן: „אַ אידישע פרוי אין מצרים האָט געבוירן זעכציק מאָל צען טויזנט קינדער מיט איינמאָל״. האָט ר׳ יהודה הנשיא׳ס אַ תלמיד, ר׳ ישמעאל ברבי יוסי, אים געפרעגט ווי אַזוי דאָס איז מעגלעך געווען? האָט ר׳ יהודה הנשיא געענטפערט: „די דאָזיקע פרוי איז געווען יוכבד. זי האָט געבוירן משה׳ן, וועלכער האָט אַראָפּגעוואויגן זעכציק מאָל צען טויזנט אידן״.

אויך קינדער זיינען פרייטיק־צו־נאַכט געגאַנגען אין יענע צייטן צום רבי'ן לערנען. אָבער זיי האָבן ניט געלערנט עפּעס נייעס, נאָר האָבן איבער־גע'חזר'ט וואָס זיי האָבן געלערנט אין פאַרלויף פון דער וואָך.

מיט דער ערשטער שבת'דיקער סעודה, פרייטיק אָוונט, האָט מען פייער־לעך אַריינגעפירט דעם שבת, און מיט דער דריטער סעודה האָט מען אים באַגלייט און זיך מיט אים געזעגנט. די דאָזיקע דריטע סעודה האָט מען, אין דער צייט פון די תנאים, אָנגעהויבן עסן שבת פאַרנאַכט, ווען ס'איז נאָך גע־ווען ליכטיק. אָבער ווען מ'האָט געהאַלטן ביים ענדיקן די סעודה, איז שוין געווען פינצטער, און דער שופר האָט געבלאָזן אַ תקיעה, אַן אָנזאָג, אַז שבת איז אַריבער. ווי־נאָר מ'האָט עס געהערט, האָט מען אַריינגעטראָגן אַ לאָמפּ און געמאַכט אַ ברכה אויף דעם ליכט. דערנאָך האָט מען, לויט דעם דעמאָלס־דיקן איינפיר, אַריינגעטראָגן אַ בעקן מיט שמעקעדיקע בשמים אָנגעצונדן אויף גליענדיקע קוילן, און מ'האָט געמאַכט אַ ברכה אויף די בשמים. צום סוף האָט מען געזאָגט „ברכת המזון" און מיט דעם פאַרבונדן די ברכה פון „הבדלה", מיט וועלכער מ'האָט זיך געזעגנט מיט דעם הייליקן שבת.

אויך דאָס האָט זיך שפּעטער געענדערט. מ'האָט אויפגעהערט עסן די דריטע סעודה ביים אַרויסלאָז פון שבת, און מ'האָט זי אָנגעהויבן עסן אַסך פריער. אדרבה, אין מיטלאַלטער איז גאָר אויפגעקומען די גלויבעניש, אַז מ'טאָר ניט עסן און ניט טרינקען שבת פאַרנאַכט פאַר הבדלה.

אין מיטלאַלטער

אין מיטלאַלטער איז שבת געווען פאַר אידן דער אינזל פון רו אין אַ ים פון שנאה און פאַרפאָלגונגען, וואָס האָט געברויזט אַרום זיי. דאָס איז געווען דער טאָג, ווען דער פּרינץ, וועלכער איז דורך דעם כישוף פון אַ מכשפה פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ הונט, איז ווידער געוואָרן אַ פּרינץ, לויט היינע'ס אויסדרוק אין זיין באַרימטן ליד „די פּרינצעסין שבת".

שבת האָט דער פּרינץ זיך אינגאַנצן אויסגעלעבט ביי זיך אינדערהיים, אין זיין אייגענער מלוכה; אין יעדער געטאָ, יעדע אידישע קהלה, וואו נאָר אידן האָבן זיך צעשפּרייט אין דער ווייטער וועלט, איז געווען אַ סאָרט אידישע מלוכה, אַ מלוכה אין אַ מלוכה. איז דער איד געזעסן שבת אין בית־מדרש און געלערנט תורה, און ער האָט זיך אויסגעלאַכט פון די „אומות העולם", פון זייער אמונה און זייער ציוויליזאַציע.

שבת ביי רייכע און ביי אָרעמע

פרייטיק איז מען אין די אידישע געטאָס געווען שטאַרק פאַרנומען מיט וואַשן און ראַמען לכבוד שבת. פרייטיק־צו־נאַכט איז אפילו די אָרעמסטע וואוינונג געוואָרן אַ פּאַלאַץ פון רו און גייסטיקן פאַרגעניגן. דאָס טישטוך, וואָס איז געלעגן שבת אַ גאַנצן טאָג אויפן טיש, איז אויך אין אַן אָרעמער הויז געווען אויסגעשטיקט און אויסגענייט מיט גאָלדענע פייגעלעך און פיש. אין רייכע הייזער איז נאָך דערצו אַראָפּגעהאַנגען פון סופיט איבערן טיש אַ גרוי־סער שבת׳דיקער לייכטער מיט זיבן רערן. פרייטיק פאַרנאַכט האָט מען אַראָפּ־געלאָזן דעם לייכטער, און שבת אָוונט האָט מען אים צוריק אַרויפגעצויגן אין דער הויך. „לאָמפּ אַראָפּ, לאָמפּ אַרויף!" איז געווען אַ ווערטל אַמאָל ביי די אידן אין די דייטשע געטאָס.

עס איז געווען די אויפגאַבע פון דעם שמש פון דער געמיינדע צו לאָזן וויסן פרייטיק פאַרנאַכט, אַז שבת הויבט זיך אָן. עס איז אויך געווען די אויפ־גאַבע פון דעם שמש אויפצואוועקן אַלעמען שבת אינדערפרי צום דאַווענען. ער פלעגט עס אויך טאָן אינדערוואָכן. ער פלעגט אין די וואָכעדיקע טעג גיין אַלע פרימאָרגן פון הויז־צו־הויז מיט אַ הילצערנעם האַמער אין האַנט און אָנקלאַפּן דריי מאָל אין יעדער טיר. שבת אינדערפרי אָבער פלעגט ער אָנקלאַפּן אַן טיר ניט מיט אַ האַמער, נאָר מיטן פויסט.

ערב־שבת, ווען אידן האָבן אַוועקגעלייגט די אַרבעט, האָט דאָס גאַנצע הויזגעזינט זיך פאַרזאַמלט אַרום דעם פאָטער פון דער פאַמיליע, און עס האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט אַ בילד פון פּאַטריאַרכאַלער היימישקייט און וואַרעמקייט.

ערב־שבת און ערב־יום־טוב האָט דער פאָטער געבענטשט זיינע קינדער אין שול נאָכן דאַווענען, און דער רב האָט געגעבן זיין ברכה דער גאַנצער יוגנט פון דער געמיינדע. אויך נאָך הבדלה פלעגט דער פאָטער בענטשן די קינדער.

אַ קריסטלעכער שרייבער פון 15טן יאָרהונדערט איז געווען פרייטיק־צו־נאַכט אויף אַ באַזוך ביי אַ רייכן אידן אין דער דייטשער שטאָט רעגנסבורג, און ער האָט איבערגעלאָזט אַ באַשרייבונג פון דעם דאָזיקן הויז.

דאָס הויז, דערציילט דער קריסטלעכער שרייבער, האָט אויסגעזען פון דרויסן ווי אַ הורבע שטיינער, טונקל־גרוי און באַדעקט מיט מאָך. די פענצ־טער זיינען געווען פאַרשיידן איינער פון דעם אַנדערן אין זייער גרויס און זיינען געווען פאַרשטעלט מיט גראַטעס. פון וויטן האָט עס גאָרניט אויס־

געזען ווי אַן אָרט, וואו מענטשן וואוינען. אַ קאָרידאָר איבער אַכציק פוס די לענג, וועלכער איז שבת געווען טונקל באַלויכטן, האָט געפירט צו אַ געדריי־טער, האַלב־צעבראָכענער טרעפּ. פון דאַנען האָט מען, טאַפּנדיק די ווענט אין דער טונקלקייט, זיך צוגעשלעפּט צו דער הינטערשטער געביידע. דאָ האָט זיך געעפנט אַ פעסטע, גוט־באַשיצטע טיר, און מען איז אַריין אין אַ רייכן, אויסגעפּוצטן זאַל. דאָס איז געווען אַ גרויס צימער, ווענט באַפּוצט מיט טייערע, פּאָלירטע טאָוועלעך און מיט טייערע שניצערייען, און באַהאָנגען מיט בונט־קאָלירטע פאָרהאַנגען. דאָס איז געווען דער טעמפּל פון דעם באַלע־באָס, וואו ער האָט געפייערט שבת מיט פאַרשיידענע רעליגיעזע צערעמאָניעס און זיך אָנגעטאָן אַלערליי שבת׳דיקע תענוגים.

אַ טייערער טעפּיך, אויסגעוועבט מיט טייערע בונטע בילדער, האָט באַ־דעקט דעם דיל פון צימער. אַ פלאָרענטינער טישטוך פון פיינעם וואָל האָט באַדעקט דעם רונדן טיש, וואָס איז געשטאַנען אויף באַגילדטע פיס. איבער דעם טיש איז געהאָנגען אויף אַ גלאַנצנדיקער מעטאַלענער קייט דער זיבנ־רעריקער לייכטער, בלאַנק ווי נאָר־וואָס אַרויס פון דער גיסעריי. פון די זיבן לאָמפּן האָבן זיך געגאָסן שטראַלן ליכט איבערן טיש.

אויף דעם טיש, געגרייט לכבוד שבת, זיינען געשטאַנען שווערע זילבער־נע בעכערס, און אַרום טיש זיינען געשטאַנען שטולן מיט הויכע אָנלענען, באַפּוצט מיט גאָלד און אויסגעבעט מיט סאַמעט. אין אַן אַריינטיפונג אין וואַנט איז געשטאַנען אַ מאַסיוו זילבערן האַנטפּאַס מיט אַ באַגילדטן קראַן און האָט אַזוי ווי געהרופן יעדן זיך וואַשן צום עסן. זיך אָפּגעווישט די הענט האָט מען מיט אַ האַנטוך פון דעם פיינסטן לייוונט דורכגעוועבט מיט זייד.

צו דעם דאָזיקן בילד פון לוקסוס און פּראַכט האָט נאָך געהערט: די בלומען וואָס זיינען געווען אַרומגעלייגט אַרו דעם טיש; די שבת׳דיקע מאכלים און דער בלישטשענדיקער וויינקרוג אויפן טיש; אַ קאַנאַפּע מיט געשוואָלענע זיידענע קישנס ביי די זייטן; און ווי אַ צוגאָב דערצו נאָך אַ זילבערנער אַל־מער פול מיט טייערע חפצים — מיט גאָלדענע קייטלעך און שפּאַנגעס, מיט באַגילדטע און זילבערנע כלים און מיט זעלטענע אַנטיק־זאַכן.

אָט אַזוי האָט אויסגעזען שבת אין אַ הויז פון אַ רייכן אידן אין דייטש־לאַנד מיט אַן ערך פינף הונדערט יאָהר צוריק. אָבער אפילו דער אָרעמסטער איד האָט זיך אויך געפּלייסט צו טאָן לכבוד שבת אַלץ וואָס איז נאָר פּאָר אים מעגלעך געווען.

היינע דערציילט אין זיינע פּראָזע־ווערק, אַז ער האָט איינמאָל געזען דורך אַ פענסטער, ווי אַן אָרימער און פרומער איד זיצט פרייטיק־צו־נאַכט

ביים טיש און עסט די שבת׳דיקע סעודה אין אַן אַטמאָספערע פון אינער־לעכער רו און פרידן. האָט ער געטראַכט אין דעם מאָמענט, זאָגט ער, אַז „וועלן וואָלט איך זיכער געוואָלט זיין ראָטשילד; נאָר אויב ניט ראָטשילד, וואָלט איך געוואָלט זיין אָט דער איד״.

וו׳ מ׳האָט פאַרבראַכט דעם טאָג שבת

פרייטיק פאַרנאַכט האָט דער שמש פון שול אויסגערופן אין די גאַסן, אַז דער שבת האָט זיך אָנגעהויבן. דער שמש האָט אויך שבת אינדערפרי געוועקט אַלעמען צום דאַווענען.

יעדער איד האָט געמוזט שבת עסן דריי סעודות. אָבער אין מיטלאַלטער האָט מען מער ניט געגעסן די דריטע סעודה שבת שפּעט פאַרנאַכט, ווי עס האָט זיך געפירט אין די תלמוד־צייטן, נאָר מ׳האָט זי געגעסן גאַנץ פרי נאָך האַלבן טאָג, און אין די קורצע ווינטער־טעג האָט מען זי געגעסן באַלד נאָך דער צווייטער סעודה, ווי אַ נאָכשפּייז.

שבת, אַזוי ווי יום־טוב, האָט מען געזוכט צו האָבן אַן אורח ביים טיש. אַ פרומער איד האָט געוויינלעך געזוכט צו קריגן שבת און יום־טוב ביי זיין טיש אַ בחור פון דער ישיבה אָדער אַן אָרעמען אידן אַ למדן, וועלכער איז דורכגעפאָרן דורך דער שטאָט. שוין אין יענע צייטן, מיט הונדערטער יאָרן צוריק, איז געווען דער מנהג צו פאַרטיילן אָרעמע אורחים צווישן די הויז־געזינטן פון שטאָט. מען פלעגט אַריינשיקן אין אַ הויזגעזינט אַ צעטעלע, אַן אָנווייזונג פאַר אַן אורח. אַזאַ צעטעלע האָט מען גערופן „אַ פלעט״ (פון דעם וואָרט בילעט). האָט מען געהאַט אַן אורח ביים טיש, איז געווען דער איינפיר אים אָנצובאָטן צו בענטשן נאָכן עסן. איז דער אורח געווען אַ גרויסער למדן, האָט מען דערביי געהאַט אַ געלעגנהייט צו הערן פון אים אַ „חידוש״, אַ ניי שטיקל תורה.

שבת בייטאָג נאָכן עסן איז מען געגאַנגען אַ סך שפּאַצירן, געוויינלעך צום טייך. אפילו באַרימטע רבנים זיינען געגאַנגען שבת שפּאַצירן צום טייך צוזאַמען מיט די תלמידים פון זייערע ישיבות. מ׳האָט אויך ליב געהאַט זיך צונויפצוקומען אין אינטימע קרייזן און צו שמועסן וועגן פּאָליטיק. מלחמות זיינען אין יענע צייטן געווען לרוב. האָט איין איד געהאַלטן מיט איין הערשער און דער אַנדערער איד מיט אַן אַנדער הערשער, און מ׳האָט זיך דערביי שטאַרק געהיצט און געאַמפּערט. מען האָט שבת אַ סך געלייענט

מוסר־ספרים, אָבער מ׳האָט אויך געלייענט וועלטלעכע ביכער, מעשיות און היסטאָריעס פון מלכים, העלדן און מלחמות פון די פאַרגאַנגענע צייטן.

שבת און יום־טוב האָט מען פאַרבראַכט אַ סך אין שול און אין בית־מדרש. אָבער די יוגנט האָט זיך אויך פאַרווײַלט מיט פאַרשידענע שפּילן. ס׳איז געווען אין די דײַטשע געטאָס אַ קהל׳ש טאַנצהויז פאַר חתונות, פּונקט ווי ס׳איז געווען אַ קהל׳שער אויוון צו באַקן מצות ערב־פּסח און צו שטעלן די טשאָלענטן ערב־שבת. פלעגט זיך די יוגנט צונויפקומען שבת אין טאַנצהויז און זיך פאַרווײַלן מיט טענץ. אינגלעך און מיידלעך האָבן שבת אויך געשפּילט אין ניס. אויך אין שאַך האָט מען געשפּילט שבת. עס איז אפילו געווען דעמאָלט אַ מאָדע צו שפּילן לכבוד שבת מיט ספּעציעלע שבת׳דיקע שאַך־פיגורן געמאַכט פון זילבער.

„לכה דודי״

דער שענסטער טייל פון שבת־צערעמאָניאַל, די צערעמאָניע פון קבלת־שבת פריִיטיק פאַרנאַכט פאַר מעריב, איז אין פריִען מיטלאַלטער נאָך ניט געווען. אויפגעקומען איז דער מנהג אין 16טן יאָרהונדערט, אין דעם קרייז פון די מקובלים אין צפת, פון וועלכע דער גרעסטער און באַרימטסטער איז געווען ר׳ יצחק לוריע, דער אר״י. ר׳ יצחק לוריע האָט ניט נאָר געשאַפן אַ נייע שיטה אין קבלה, ער האָט אויך מיט זײַן שיטה אין קבלה געשאַפן אַ באַוועגונג אין פאָלק און אַרײַנגעבראַכט ענדערונגען אין אידישן לעבן.

ביזן 16טן יאָרהונדערט איז די קבלה געווען באַגרענעצט אויף יחידים אָדער אויף ענגע קרייזן פון „בעלי־סוד״, וועלכע האָבן ניט געזוכט צו פאַרשפּרייטן זייערע געדאַנקען אין דעם פאָלק און אַרויסצורופן מיט דעם אַ באַוועגונג אין אידישן לעבן. די קבלה האָט פאַרן 16טן יאָרהונדערט, פאַר דער קאַטאַסטראָפע פון גירוש שפּאַניע, זיך אויך ווייניק פאַרנומען מיט משיח׳ן און דער גאולה. די מקובלים האָבן ביז דעמאָלט זיך אַ סך מער קאָנצענטרירט אויף דעם ערשטן אָנהייב פון דער וועלט, אויף „מעשה בראשית״, ווי אויף דעם לעצטן ענד, דעם „קץ״.

ביים סוף פון 15טן יאָרהונדערט האָט פּאַסירט איינע פון די גרעסטע קאַטאַסטראָפעס אין דער געשיכטע פון אידישן פאָלק: דער גירוש פון שפּאַניע, און די קבלה האָט דעמאָלט אָנגענומען אַ נייע ווענדונג. זי האָט זיך פון דעמאָלט אָן קאָנצענטרירט אויף משיח׳ן און דער גאולה, אויף מיסטישע מיטלען צו מאַכן אַ סוף צום אידישן גלות. די קבלה איז אַזוי אַרום געוואָרן

אַ פאָלקס־באַוועגונג, אַ באַוועגונג צו ברענגען די גאולה, וואָס האָט צוגע־גרייט דעם באָדן פאַר דער שבתי־צבי באַוועגונג.

אַ חוץ נייע אידייען און אַ נייער רעליגיעזער באַוועגונג, האָבן די מקובלים פון צפת אויך אַריינגעבראַכט אין אידישן לעבן אַ סך נייע רעליגיעזע מנהגים, נייע צערעמאָניעס און נייע תפילות. צו די דאָזיקע נייע מנהגים און צערע־מאָניעס, וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרן פון אַלע אידן איבער דער וועלט, געהערן: דאָס וואַך־זיין די נאַכט פון שבועות און הושענא־רבה און דאָס מאַכן פון ערב־ראש־חודש אַ יום־כיפור קטן. אויך דאָס לכה־דודי־ליד קומט אַרויס פון די מקובלים אין צפת.

שוין אין תלמוד ווערט דערציילט וועגן אמוראים פון ארץ־ישראל, אַז פרייטיק פאַרנאַכט האָבן זיי זיך אָנגעטאָן אין שבת׳דיקע קליידער און גע־זאָגט: „לאָמיר גיין אַנטקעגן דער מלכה שבת״, אָדער „קום, כלה! קום כלה!״ האָבן די מקובלים פון צפת גענומען ווערטערלעך אָט די פערזאָניפי־צירונג פון שבת ווי אַ כלה און אַ מלכה. זיי זיינען פרייטיק פאַרנאַכט אַרויס־געגאַנגען אין אַ פּראָצעסיע אויסערן שטאָט, אָנגעטאָן אין ווייסע קליידער, מקבל פנים צו זיין די קעניגין און די כלה שבת, און דערביי געזונגען קאַ־פּיטלעך תהלים און געענדיקט מיט „בואי כלה! בואי כלה!״

האָבן אידישע פּאָעטן אין יענער צייט פאַרפאַסט אַ סך געזאַנגען אויף דער דאָזיקער טעמע, לכה־דודי־לידער. אָנגענומען געוואָרן איז דאָס לכה־דודי־ליד פון ר׳ שלמה אַלקאַבעץ, איינער פון יענעם קרייז מקובלים אין צפת. זיין ליד איז אָנגענומען געוואָרן דערפאַר וואָס דער אר״י האָט געגעבן אויף דעם זיין הסכמה.

אונטער דעם איינפלוס פון די מקובלים אין צפת איז אין יענער צייט איינגעפירט געוואָרן אין אַלע אידישע קהילות מקבל פנים צו זיין שבת מיט קאַפּיטלעך תהלים (לכו נרננה...) און מיט דעם לכה־דודי־ליד פון ר׳ שלמה אַלקאַבעץ, וואָס איז פול מיט צאַרטן אומעט און טיפער בענקשאַפט נאָך דער גאולה. ווי אַ דערמאָנונג אָן דער פּראָצעסיע פון די מקובלים אויסערן שטאָט, איז געבליבן אַ מנהג, אַז קהל איננאיינעם מיטן חזן קערן זיך אום מיטן פּנים צו דער טיר ביי דער לעצטער סטראָפע פון „לכה דודי״, גלייך ווי מ׳וואָלט געוואַרט, אַז די קעניגלעכע כלה, די פּרינצעסין שבת, זאָל זיך באַווייזן צו איר געליבטן חתן, ישראל.

מיט דער דאָזיקער צערעמאָניע האָט די שיינקייט פון שבת דערגרייכט איר העכסטע מדרגה און זיך אַזוי אויפגעהיט אין מזרח־אייראָפּע ביז אין אונזערע טעג.

אין אַ שטעטל אין מזרח־אייראָפּע

דאָס שטעטל וואָס ווערט דאָ באַשריבן איז דאָס שטעטל פון דעם מחבר. ס'איז אַ באַשרייבונג פון איין שטעטל. אָבער מיט דער אויסנאָם פון קליי־נע, אומוויכטיקע פּרטים גילט די באַשרייבונג אויך פאַר אַלע אַנדערע מתנגד'ישע שטעטלעך אין מזרח־אייראָפּע מיט אַ דור צוריק.

היינט איז שוין דאָס אַ שילדערונג פון אַ פאַרגאַנגענער צייט, אַ קאַפּיטל אידישע קולטור־געשיכטע. ניטאָ מער די שטעטלעך, און ניטאָ מער דער המשך פון אַלטן אידישן לעבן.

זיך גרייטן אויף שבת

דער ערב־שבת האָט זיך שוין אָנגעהויבן פילן דאָנערשטיק אין דער פרי. ווײַל דאָנערשטיק איז געווען דער מאַרקטאָג, און מ'איז גאַנץ פרי, נאָכן ערשטן מנין, געלאָפן אויפן מאַרק איינצוקויפן אַן עוף, פיש און נאָך אַנדערע זאַכן אויף שבת.

דאָנערשטיק אַוונט האָבן די ווייבער פאַרקנאָטן דעם טייג אין די מול־טערס פאַר חלות אויף שבת; און פרייטיק באַגינען, נאָך אײדער עס האָט זיך געשפּאָלטן אויף טאָג, זיינען די ווייבער שוין אויפגעשטאַנען איינצוהייצן דעם באַקאויוון. ווארים אַחוץ וואָס מ'האָט געוואָלט האָבן פרייטיק אויף פרישטיק פרישע בולקעס, האָט מען בכלל געהאַלטן פאַר אַ גרויסער מצוה אויפצושטיין ערב־שבת גאַנץ פרי.

ווען דער באַקאויוון איז געווען גרייט, האָט די באַלעבאָסטע געמאַכט די חלות, איינפאַכע אָדער קירקעס, ווי מ'האָט גערופן ביי אונז אין זאַמוט די געפלאָכטענע חלות. אָבער פאַרן מאַכן די חלות האָט זי געפּראַוועט די אַלטע אידישע צערעמאָניע פון נעמען חלה. זי האָט אָראָפּגענומען אַ שטיקל פון דעם טייג, געמאַכט אַ ברכה און עס אַריינגעוואָרפן אין גליענדיגן אויוון, אַ זכר פון דער מצוה אָוועקצוגעבן דעם כהן דאָס ערשטע פון די מולטערס טייג.

דאָס שטיקל טייג האָט געברענט, און די באַלעבאָסטע, די מאַמע, האָט בשעת־מעשה געזאָגט די תחינה פון חלה־נעמען. אָט־וואָס זי האָט געזאָגט מיט גרויס כוונה:

„מיין חלה זאָל אָנגענומען ווערן ווי אַ קרבן אויף דעם מזבח. מיין מצוה זאָל זיין אָנגענומען גלייך ווי איך האָב זי ריכטיק מקיים געווען. פאַרצייטנס

האָט דאָס געקומט דעם כהן און פאַר דעם האָט השם־יתברך פאַרגעבן די זינד. אַזוי זאָל מיר אויך פאַרגעבן ווערן מיינע זינד איך זאָל זיין גלייך ווי אַ נייַ־געבוירן קינד, און איך זאָל קענען מיינע ליבע שבתים און יום־טובים ערן. גאָט זאָל באַשערן איך זאָל מיך קענען מיט מיין מאַן און מיינע קינדער דערנערן. עס זאָל אָנגענומען ווערן מיין מצוה פון חלה־נעמען, אַז מיינע קינדערלעך זאָלן געשפייזט ווערן פון דעם ליבן גאָט ברוך־הוא מיט גרויס רחמנות און מיט גרויס לייטזעליקייט. עס זאָל געגליכן זיין מיין מצוה פון חלה אַזוי ווי איך וואָלט געגעבן מעשר. ווי איך טו מיין מצוה פון חלה מיטן גאַנצן האַרצן, אַזוי זאָל גאָט ברוך־הוא מיך היטן פון פּיין און שמערצן".

ווי מיר זעען דאָ פון דער תחינה, האָבן אונזערע מאַמעס קיין צו גרויסע פאַרלאַנגען ניט געהאַט. אַלץ וואָס זיי האָבן געבעטן ביי גאָט איז געווען, אַז ער זאָל שפּייזן די ליבע קינדער און ער זאָל אויסהיטן פון צרות.

פרייטיק פרי איז געווען אַנדערש פון אַנדערע פרימאָרגנס, ווייל דער פרישטיק איז געווען אַן אַנדערער. מ'האָט געגעסן בולקע, וואַרעם פון אויוון. האָבן מיר קינדער אָפּגעגעסן די וואַרעמע בולקע מיט פּוטער און זיינען אַוועקגעגאַנגען אין חדר. אָבער אויך דער חדר איז געווען אַנדערש פון אַלע טעג. מ'האָט געלערנט בלויז אַ האַלבן טאָג, און דעם דאָזיקן האַלבן טאָג האָט מען מערסטנס אַוועקגעגעבן אויף מעביר־קריאה זיין די סדרה און זאָגן די הפטורה מיטן ניגון.

פרייטיק מיטאָגצייט זיינען מיר קינדער שוין געווען פון חדר צוריק אינדערהיים, און מיר האָבן נאָך געהאַט היפּשע עטלעכע שעה אויף שטיפן. קיין מיטאָג, ווי אַלע טאָג, האָט מען פרייטיק ניט געגעסן. מ'האָט נאָר אײַ־בערגעכאַפּט דאָס האַרץ. שטרענג פרומע אידן אין שטעטל האָבן גאָרנישט געגעסן פון פרישטיק אָן, כדי צו עסן מיט מער הנאה און מיט מער מצוה די שבת'דיקע סעודה אין אָוונט.

פון נאָכמיטאָג אָן האָט דאָס שטעטל באַקומען אַן אייגנאַרטיקן, ערב־שבת'דיקן אויסזען. די גרויסע באַק־אויוונס האָבן זיך געהייצט אַ צווייטן מאָל אויף צו שטעלן די טשאָלענטן. אָבער אויף טשאָלנט האָט מען געהייצט נאָר אין טייל הייזער. ווער עס האָט געהאַט אַ גרויסן אויוון, האָט געטאָן אַ טובה עטלעכע שכנים און זיי געלאָזט אַריינשטעלן זייערע טשאָלענטן. ווען ס'איז געווען אַן „עירוב", האָט מען געמעגט אַליין טראָגן שבת דעם טשאָלנט איבערן גאַס. איז קיין „עירוב" ניט געווען, האָט מען זיך געמוזט שאַפן דורך אַ גוי. איידער מ'האָט געצויגן אַן „עירוב" אין מיין שטעטל, איז דאָרט געווען אַ גוי ספּעציעל פאַר דעם. ער האָט כמעט ווי געהערט צו דער אײַ־

דישער קהילה. ער האָט געהאַט צוויי קהל'שע אַרבעטן: ער האָט געהייצט די באָד און געטראָגן די טשאָלענטן מיט די קוגלען. אַזוי אַרום האָט ער געלעבט פון אידן.

אויף די פריפעטשאָקעס, די פּליטעס, ווי מ'האָט עס גערופן אין זאַמוט, האָבן זיך געקאָכט די טעפּלעך און די פאַנען מיט די שבת'דיקע מאכלים. אין דרויסן האָבן זיך געטראָגן אין דער הויך זיילן רויך פון אַלע דעכער. אין די שטיבער האָבן אַלע מאַנסבילן דאָ און דאָרטן אונטערגעהאָלפן אין דער אַרבעט. אָבער דער עיקר זיינען די ווייבער געווען פאַרנומען. אויפן טיש איז געלעגן אַ גרויס לאָקשנברעט, אויף וועלכן די מאַמע האָט געוואַלגערט און געבראָקט לאָקשן אויף יויך און אויף קוגל. אין די שפּייז־קראָמען האָט דער פדיון געברענט. אַלע ווײַלע האָט זיך באַוויזן אין קראָם אַ אידענע, אָדער אַ אינגל געשיקט פון דער מאַמען. איין אידענע איז געווען קורץ אין מעל, די אַנדערע האָט באַדאַרפט פעפער צו פילן פיש.

דער שבת קומט אָן

שפּעט נאָכמיטיק האָט מען שוין געפילט ווי דער שבת האַלט אין אָנקומען. די שבת'דיקע מאכלים זיינען שוין געווען פאַרטיק אויסגעקאָכט. מ'האָט אַריינגעשטעלט די טשאָלענטן און די קוגלען אין דעם אויוון; און אין דער רער, דער איינטיפונג אין אַ זייט פון דעם אויוון, געמאַכט ספּעציעל פאַר דעם צוועק, האָט מען אַריינגעשטעלט „דרומלען" און גרויסע „בונדזשעס", ליימענע לאָגלען אַזעלכע, פול מיט אויפגעקאָכט וואַסער פאַר טיי אויף שבת. אויפן גאַס האָט זיך געזען דאָ און דאָרטן ווי אַ פאַרשפּעטיקטער איד לויפט פון מרחץ צוריק אַהיים מיט אַ פאַרשוויצטן און צעפלאַמטן פּנים. עלטערע פרומע אידן זיינען שוין געזעסן אין בית־מדרש, אָנגעטאָן שבת'דיק, און האָבן געזאָגט „שיר השירים" מיטן ניגון.

באַלד איז דער אונטער־שמש געגאַנגען דורך די גאַסן און געסלעך און גערופן אויף זיין העכסטן קול: „גייט אין שול!" און תוך־כדי־דיבור האָבן זיך צוגעמאַכט אַלע קראָמען. די שטיבער זיינען שוין געווען אויפגעראַמט. קיין פייער האָט מער ניט געברענט. די טעפּלעך זיינען שוין געווען אַראָפּ־גענומען פון דעם פייער. טאַטע־מאַמע און די קינדער האָבן שוין געענדיקט זיך וואַשן, צוואָגן און אָנטאָן לכבוד שבת. פון מינוט צו מינוט איז געוואָרן שטילער, רואיקער און שבת'דיקער אין אַלע ווינקעלעך. עס האָט זיך געדאַכט

ווי מ׳זעט בחוש, ווי דער שבת קומט אָן פּאַוואָליע, מיט ווייכע, רואיקע טריט, און שפּרייט אויס אַ הייליקע רו איבערן גאַנצן שטעטל.

אויפן טיש זיינען געשטאַנען די אָפּגעפּוצטע שבת׳דיקע לייכטערס, פון וועלכע עס האָבן געמוזט זיין ווייניקסטנס צוויי. אין די רייכע הייזער זיינען זיי געווען זילבערנע, אָבער אין געוויינלעכע זיינען זיי געווען מעשענע. איצט איז געקומען ליכט־בענטשן. די מאַמע האָט אַריינגעשטעקט די ליכט אין די לייכטערס און זיי אָנגעצונדן. זי האָט תיכּף פאַרדעקט די אויגן מיט אירע הענט, געמאַכט די ברכה מיט פאַרדעקטע אויגן און געזאָגט דערנאָך די תחינה פון ליכט־בענטשן. אין דער תחינה האָט זי געבעטן ביי גאָט, אַז זי זאָל זוכה זיין צו זען די קינדער געזונט און אין כבוד, און זיי זאָלן אויסוואַקסן גוטע און פרומע אידן, מיט הערצער אָפן צו פאַרשטיין די סודות פון דער תורה.

דער טיש, אויף וועלכן די לייכטערס זיינען געשטאַנען, איז געווען באַדעקט מיט אַ ווייס טישטוך. אויבנאָן זיינען געלעגן צוויי חלות באַדעקט מיט אַ שיין אויסגעשטיקטן חלה־דעקל. די מאַנסבילן זיינען אַלע אַוועקגעגאַנגען אין שול מקבל־פּנים זיין די כלה און מלכּה שבת.

גוט שבת! גוט שבת! האָבן אַלע געזאָגט און געענטפערט, קומענדיק פון שוהל. די שטוב איז געווען אָנגעפילט מיט שבת־רו און פאַמיליען־גליק. דער טאַטע האָט געזונגען מיט אַ ניגון „שלום עליכם...״ און באַגריסט מיט דעם די צוויי מלאכים, וואָס דער אויבערשטער, דער „מלך איבער אַלע מלכים״, שיקט־מיט מיט יעדן אידן אים צו באַגלייטן פון שול אַהיים. ער האָט געענדיקט מיט „אשת חיל מי ימצא...״ די סערענאַדע פון פרייטיק־צו־נאַכט.

דער טאַטע האָט געמאַכט קידוש, מ׳האָט געגעסן געפילטע פיש, יויך מיט לאָקשן, צימעס און עוף. אָבער מ׳איז ניט אָפּגעקומען בלויז מיטן עסן. צווישן איין געריכט און דעם אַנדערן האָט מען געזונגען זמירות.

נאָכן בענטשן איז דער טאַטע אַוועקגעגאַנגען אין בית־מדרש. אויב ער איז געבליבן אין דער היים, איז ער געזעסן און האָט מעביר געווען די סדרה. די מאַמע איז געזעסן מיטן פוסבענקעלע אונטער די פיס און האָט געלייענט די מעשיות און טייטשענישן פון „צאינה וראינה״, אַזוי ווי צום ערשטן מאָל אין איר לעבן.

שבת איז אַ גאַנצן טאָג געווען שאַ־שטיל אין שטעטל. אידן זיינען מער־סטנס געווען פאַרנומען מיט דאַוונען און לערנען. אַ סך פרומע זיינען אויפ־געשטאַנען באַגינען און אַוועקגעגאַנגען אין בית־מדרש לערנען שעה׳ען־לאַנג פאַרן דאַוונען. נאָכן דאַוונען האָט מען געגעסן פרישטיק און מיטאָג איינע נאָך

די אַנדערע, כמעט אָן אַן הפסקה. נאָכן טשאָלענט האָט מען געכאַפּט אַ דרעמל, און דערנאָך זיינען די טאַטעס און די גרויסע בחורים אַוועק אין בית־מדרש, און די קלענערע אינגלעך זיינען אַוועקגעגאַנגען אין חדר אויף אַ פּאָר שעה לערנען.

אַזוי האָבן אידן געלערנט ביז מנחה. אָבער מ׳האָט זיך ניט באַנוגנט מיט בלויז דאַווענען מנחה. זומער האָט מען געענדיקט מנחה מיט „פּרקים״, און ווינטער — מיט „ברכי נפשי״.

נאָך מנחה האָט מען געגעסן „שלוש סעודות״ ווי מ׳האָט גערופן די דריטע סעודה. שלוש־סעודות איז געווען אַ מילכיקער מאָלצייט, וואָס זיין הויפּט־געריכט איז אָפט געווען אַ מילכיקער לאָקשן־קוגל, וואָס מ׳האָט געהאַלטן אַ גאַנצן שבת אין רער פון אויוון.

„דער ליבער שבת־קודש גייט אַוועק״

שוין צו שלוש־סעודות האָט זיך אָנגעהויבן פילן דער אומעט פון געזעגענען זיך מיטן שבת. נאָך דריקנדיקער איז דער אומעט געוואָרן אין בית־מדרש בין־מנחה־למעריב. אַ גרויסער עולם האָט זיך צונויפגעקליבן אַרום דעם איינאיינציקן לאָמפּ, וואָס איז געבליבן ברענען פון ערב־שבת איבער אַ לאַנגן טיש אונטן ביי דער טיר. דער גאַנצער עולם האָט געזאָגט מיט אַן אומעטיקן ניגון „אשרי תמימי דרך״. דער עולם און דער פאָרזאָגער האָבן געזאָגט אַ פּסוק נאָך אַ פּסוק. דער פאָרזאָגער איז געווען אַ פּשוט׳ער, פרומער איד, אַ פורמאַן, וועלכער האָט געהאַט די חזקה זיין גאַנצן לעבן אויף זאָגן תהלים מיטן עולם.

וואָס טונקעלער עס איז געוואָרן, אַלץ דריקנדיקער איז געוואָרן דער אומעט שבת פאַר מעריב. אַזוי ווי אַן אימה איז אויף אַלעמען געלעגן, באַזונדערס אויף אונז קינדער. וואָרים מיר האָבן געוואוסט, אַז אָט באַלד טרייבט מען די זינדיקע נשמות פון די מתים, וואָס האָבן שבת געהאַט רו, אין ברענענדיקן גיהנום אַריין.

די אָנגעצויגענע אימה׳דיקע שטימונג איז סוף־כל־סוף אונטערבראָכן געוואָרן פון דעם פּאַטש, וואָס דער שמש האָט געגעבן אויפן באַלעמער, אַ צייכן צו דאַווענען מעריב. אין איין צייט ווען מ׳האָט געדאַווענט מעריב אין שול און אין בית־מדרש, האָט די מאַמע געזאָגט אין שטוב די שטילע האַרציקע תפילה:

„גאָט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב, באַהיט דיין פאָלק ישראל אין

דיינער לויבע (אין דיין סוכה, אין דיין געצעלט), דער ליבער שבת־קודש גייט אַוועק, און אַ נייע וואָך קומט אָן. זאָל זיין צו געזונט, צו גליק און פּרנסה, און צום גוטן געווין, פאַר מיר, פאַר מיין מאַן און מיינע קינדער, און פאַרן גאַנצן פאָלק ישראל, אמן סלה!"

נאָך דעם דאָזיקן שיינעם און שטילן געבעט האָט די מאַמע אָנגעצונדן אַ ליכט און אויסגערופן: „אַ גוטע וואָך, אַ פולע וואָך, אַ מזל׳דיקע וואָך אויף אונז און אויף כל ישראל, אמן!"

„גוט וואָך!" האָבן געזאָגט די מאַנסלייט, קומענדיק פון מעריב אַהיים, און זיך באַלד גענומען מאַכן הבדלה.

עס האָבן געמוזט זיין צוויי ליכט צונויפגעלייגט איינע צו די אַנדערע, אויב מ׳האָט ניט געהאַט קיין געפלאָכטענע הבדלה־ליכט. די ליכט האָט צו־געהאַלטן איינער פון די קינדער. „העכער, העכער! וועסט קריגן אַ הויכע כלה" (אָדער „וועסט קריגן אַ הויכן חתן", אויב דאָס איז געווען אַ מיידל), האָבן אויסגערופן אַלע וואָס זיינען געשטאַנען אַרום. דער טאַטע האָט אָרי־בערגעגאָסן פון דעם הבדלה־כוס איבערן טיש און געזאָגט „אַ פולע וואָך!" און האָט געמאַכט הבדלה. פאַר דער ברכה אויף דעם קינסטלעכן ליכט (בורא מאורי האש), האָט ער גוט באַקוקט די נעגל. פון דעם הבדלה־כוס האָבן גע־טרונקען בלויז די מאַנסלייט. געווען אַן איינגלויבעניש אַזאַ, אַז אויב אַ פרוי טרינקט פון דער הבדלה, וואַקסט איר אַ באָרד. אַ סך עלטערע אידן אין שטעטל האָבן גענומען פון הבדלה־געטראַנק, וואָס איז איבערגעלאָפן איבערן טיש, און באַשמירט מיט דעם די אויגן. מ׳האָט עס געהאַלטן פאַר אַ סגולה צו דער ראיה.

נאָך הבדלה האָט מען געזונגען די זמירות פון מוצאי־שבת מיט ספּע־ציעלע ניגונים. אָבער שבת איז נאָך ניט געווען אינגאַנצן אַריבער. מען האָט נאָך געגעסן עפּעס פאַר אַ פּערטער סעודה, די „מלוה מלכה". מ׳האָט אָנגע־שטעלט דעם סאַמאָוואַר, אָדער מ׳האָט אויפגעקאָכט אַ גרויסן „דרומל" מיט הייס וואַסער אויף טיי.

די אידישע פאמיליע

- אַ אידישע חתונה
- אַ אידיש קינד ווערט געבוירן אין דעם בונד פון אברהם אבינו

פון „מוהר״ ביז דעם טבעת־קדושין

(אַ קאַפּיטל געשיכטע פון דער אידישער חתונה)

אַ חתונה ביי אידן

דער אופן ווי אַזוי מענטשן טוען שידוכים און האָבן חתונה בייט זיך און ענדערט זיך אין פאַרלויף פון די צייטן אין הסכם מיט די ענדע־רונגען, וואָס קומען פאָר אין די סאָציאַל־עקאָנאָמישע און גייסטיק־קולטורעלע צושטאַנדן פון לעבן. די געשיכטע פון חתונה־האָבן ביי פאַרשידענע פעלקער איז דעריבער אַ וויכטיקער טייל פון דער קולטור־געשיכטע פון דער מענטשהייט.

מיר ווילן דאָ אָנצייכענען בקיצור די געשיכטע פון חתונה־האָבן ביי אידן ווי וויט דאָס שפּיגלט זיך אָפּ אין דעם די אַנטוויקלונג פון אידישן לעבן בכלל.

„מוהר״ און „מתן״

די עלטסטע פאָרם פון חתונה־האָבן, וואָס מיר טרעפן אין תנ״ך, איז די פאָרם פון פרויען־קויף. פון פרויען־רויב ווערט דערמאָנט בלויז אין אַ בויט־פאַל אָדער אין מלחמות (פאַרגלייכט דאָס געזעץ וועגן אַ קריגסגעפאַנגענע אין דברים כ״א, 10־14, און די מעשה פון די „בני בנימין״ און די טעכטער פון שילו אין שופטים כ״א, 19־23). עס איז בכלל ניט מער ווי אַן השערה, אַז עס זאָל אַמאָל האָבן עקזיסטירט אויף דער וועלט פרויען־רויב ווי אַ שטענדיקע סאָציאַלע אינסטיטוציע אין נאָרמאַלע צייטן.

די פאָרם פון פרויען־קויף האָט זיך אויסגעדריקט קאָנקרעט אין דעם „מוהר״, וואָס דער בחור, אָדער ריכטיקער דעם בחור׳ס פאָטער, האָט גע־צאָלט דער כלהס פאָטער. די דאָזיקע „מוהר״־אינסטיטוציע, וועלכע מיר טרעפן ביי אידן אין די תנ״ך־צייטן, עקזיסטירט נאָך עד־היום ביי די אַראַבישע פעלאַכן און ביי די אידן אין תימן. וועגן דעם שורש פון וואָרט „מוהר״ איז מען ניט זיכער. עס זיינען דאָ וועגן דעם פאַרשיידענע סברות ביי פילאָלאָגן. אין תנ״ך האָט דאָס וואָרט על כל־פּנים די באַדייטונג פון אַ פּרייז, וואָס דער חתן האָט באַצאָלט דער כלה׳ס פאָטער פאַר דער טאָכטער, וואָס ער האָט גענומען פאַר אַ ווייב.

זייט ביי זייט מיט „מוהר״ האָט עקזיסטירט די אינסטיטוציע פון „מתן״, — פון כלה־מתנות. „מוהר״ האָט דער בחור געגעבן דעם פאָטער פון דעם מיידל, „מתן״ האָט ער געגעבן דעם מיידל גופא. „בעט ביי מיר מוהר און מתן וויפיל איר ווילט נאָר און איך וועל געבן וויפיל איר וועט מיר זאָגן, נאָר גיט מיר דאָס מיידל פאַר אַ ווייב״, זאָגט שכם צו דינהס פאָטער און אירע ברידער (בראשית ל״ד, 12). פון אברהמ׳ס קנעכט ווערט דערציילט, אַז „ער האָט אַרויסגענומען זילבערנע זאַכן און גילדענע זאַכן און קליידער און גע־געבן רבקה׳ן און טייערע זאַכן האָט ער געגעבן איר ברודער און איר מוטער״. ער האָט, הייסט עס, געגעבן רבקהן טייערע זאַכן פון זילבער און גאָלד פאַר מתן, און איר ברודער און איר מוטער האָט ער פאַר מוהר געגעבן אַנשטאָט געלט שווה־כסף, — טייערע זאַכן. ער האָט געגעבן דעם מוהר רבקה׳ס ברודער און איר מוטער, און ניט איר פאָטער, מחמת לויט דעם עלטערן לכתחילהדיקן נוסח פון אָט דער מעשה האָט רבקה געהאַט נאָר אַ מוטער און אַ ברודער, אָבער ניט קיין פאָטער.[1] פון דער מעשה פון דינה און שכם ווייזט אויס, אַז דער פאָטער האָט אָפטמאָל געשטעלט אַ הויכן מוהר פאַר זיין טאָכטער, כדי אָפצושלאָגן דעם מוט ביים חתן. דער געוויינלעכער, דורכשניטלעכער מוהר איז אָפּנים געווען פופציק זילבערנע שקלים (שמות כ״ב, 16 און דברים כ״ב, 29).

פון דער מעשה מיט אברהמ׳ס קנעכט און רבקה׳ן איז צו זען, אַז דער מוהר איז אָפטמאָל באַשטאַנען אין שווה־כסף, אין טייערע זאַכן. עס האָט אויך געקאָנט טרעפן, אַז דער מוהר איז באַשטאַנען אין אָפדינען דער כלה׳ס פאָטער. יעקב, למשל, וועלכער האָט פאַרמאָגט בלויז זיין שטעקן, מיט וועלכן ער איז אַריבערגעגאַנגען דעם ירדן, האָט באַצאָלט לבנ׳ען דעם מוהר מיט דינען אים ווי אַ פאַסטוך ביי די שאָף. שאול׳ן איז בכלל ניט אָנגעשטאַנען צו נעמען פון דוד׳ן פאַר זיין טאָכטער מיכל עפּעס וואָס האָט אַ ווערט אין געלט. אַנשטאָט דעם האָט ער פאַרלאַנגט פון דוד׳ן העלדישע אויפטואונגען אין מלחמות מיט דעם קעניגס פיינט, די פלישתים (שמואל א, י״ח, 25). אַזן ענ־לעכער פאַל ווערט דערציילט אין דער מעשה פון כלב און עתניאל בן־קנז; עתניאל האָט באַקומען כלבס טאָכטער עכסה פאַר אַ ווייב פאַר איינעמען די שטאָט קרית־ספר (שופטים, א, 12־13).

---

1) אַז בנוגע בתואלן איז נישט גלאַטיק די מעשה אין בראשית כ״ד, האָבן שוין איינגעזען די חכמי־המדרש. אין פסוק 53 רעדן רבקהס ברודער און איר מוטער, אָבער בתואל ווערט דאָ נישט דערמאָנט. זאָגט אויף דעם דער מדרש, אַז בתואל האָט געשטערט דעם שידוך, האָט אים גאָט דערפאַר באַשטראָפט און ער איז אין דער זעלביקער נאַכט געשטאָרבן (בראשית רבה, פרשה ס, י״ב).

פאַר׳קנס׳ונג און חתונה

די פּראָצעדור פון חתונה־האָבן איז דעמאָלט באַשטאַנען פון צוויי באַזונדערע האַנדלונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין צוויי באַזונדערע צייטן. צוערשט איז געווען די פאַר׳קנס׳ונג, און ערשט שפּעטער, נאָך אַ לענגערער הפסקה, איז פאָרגעקומען די חתונה (דברים כ, 7). דורך דער פאַר׳קנס׳ונג האָט די פרוי געזעצלעך געהערט צו דעם מאַן, כאָטש זי איז נאָך געבליבן אין איר פאָטערס הויז. אין דער צייט צווישן דער פאַר׳קנס׳ונג און דער חתונה איז זי געווען אַן „ארוסה" און האָט ניט געטאָרט געהערן צו קיין אַנדערן מאַן, סיידן זי איז גע׳גט געוואָרן פון דעם מאַן, וועלכער האָט זי פאַר׳קנס׳ט. די חתונה איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס מען האָט מיט אַ פּאַראַד געבראַכט די כלה פון איר פאָטערס הויז אין דעם הויז פון איר חתן, און די געזעצלעכע פאַרבינדונג מיט אים איז פאַרענדיקט געוואָרן. אָט די איינפירונג פון פייערן צוויי מאָל די חתונה, איינמאָל ביי די „אירוסין" און אַ צווייטן מאָל ביי די „נשואין", האָט געהערשט ביי אידן ביז שפּעט אין מיטלאַלטער, און ביי די פּערסישע אידן איז עס אַזוי נאָך עד־היום.

די צוויי באַזונדערע האַנדלונגען פון חתונה־האָבן נעמען זיך דערפון, וואָס די דאָזיקע פּראָצעדור האָט נאָך געהאַט די לעגאַלע פאָרמען פון קויף. קויפן אַ זאַך באַשטייט געזעצלעך פון צוויי האַנדלונגען. צוערשט באַצאָלט דער קויפער דעם פּרייז, און דערנאָך נעמט ער איבער די זאַך אין זיין רשות. פּונקט אַזוי איז געווען דער סדר פון חתונה־האָבן. צוערשט האָט מען באַצאָלט דעם מוהר און ביידע פאַמיליעס, פון דעם חתן און פון דער כלה, האָבן געשלאָסן אַן אָפּמאַך, און ערשט שפּעטער איז די כלה געבראַכט געוואָרן אין דעם רשות פון דעם חתן.

וואָס פאַר אַ צערעמאָניאַל עס איז דורכגעפירט געוואָרן ביי דער פאַר׳קנס׳ונג אין יענע אַלטע צייטן, ווייסן מיר ניט אויף זיכער. אָבער פון עטלעכע שטעלן אין תנ״ך ווייזט אויס, אַז אַחוץ, וואָס דעם חתנ׳ס פאָטער האָט באַצאָלט דעם מוהר, איז ביי אָט דער געלעגנהייט אויך געשלאָסן געוואָרן אַ פייערלעכער אָפּמאַך צווישן חתן־כלה, וואָס האָט געהייסן „ברית", בונד.

יחזקאל זאָגט: „און איך בין פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי דיר און דיך געזען, און אָט דיין צייט איז די צייט פון ליבע, און איך האָב אויסגעשפּרייט דעם ברעג פון מיין קלייד אויף דיר און האָב צוגעדעקט דיין נאַקעטקייט, און איך האָב צו דיר געשוואָרן, און איך בין געקומען אין אַ בונד מיט דיר, זאָגט מיין האַר יהוה, און דו ביזט געוואָרן מיינע" (ט״ז, 8).

פון אַ „ברית", אַ בונד, אַן אָפּמאַך צווישן מאַן און ווייב רעדט זיך אויך אין אַנדערע שטעלן פון תנ״ך (מלאכי ב, 14 און משלי ב, 17). מען קען אָננעמען, אַז דער דאָזיקער אָפּמאַך איז מיט דער צייט אויסגעדריקט געוואָרן אין אַ פיקסירטן נוסח.

אַזאַ נוסח טרעפן מיר אין די אַראַמיש געשריבענע פּאַפּירוסן פון עלעפאַנטין (יב; פון פינפטן יאָרהונדערט פאַר דער אָנגענומענער צייט־רעכענונג), וועגן וועלכע עס וועט אַ ביסל ווייטער גערעדט ווערן מער באריכות. לויט דעם נוסח פון פאַר׳קנס׳ונג פון די עלעפאַנטין־פּאַפּירוסן האָט דער חתן געזאָגט: „זי איז מיין ווייב און איך בין איר מאַן פון דעם היינטיקן טאָג ביז אויף אייביק" (הי אנתתי ואנה בעלה מן יומא זנא ועד עלם). דאָס דערקלערט אונדז דעם אויסדרוק אין הושע (קאַפּ. ב, 4): „זי איז ניט מיין ווייב און איך בין ניט איר מאַן" (כי היא לא אשתי ואנכי לא אישה). הושע האָט דאָ אָפּנים צוגעלייגט אַ „לא" צו דעם נוסח פון פאַר׳קנס׳ונג און דערמיט געמאַכט פון דעם פּאָזיטיוו אַ נעגאַטיוו. עס קאָן אויך זיין, אַז „היא לא אשתי ואנכי לא אישה" איז אין הושע׳ס צייט געווען דער אָנגענומענער מינדלעכער אָדער שריפטלעכער נוסח פון אָפּ׳גט׳ן אַ ווייב.

איין זאַך איז על־כל־פנים זיכער, אַז חתונה־האָבן איז געווען ביי אידן אין יענע אַלטע צייטן אַ ציווילע אינסטיטוציע און איז ניט געווען אָפּהענגיק פון קיין ספּעציעלער רעליגיעזער צערעמאָניע. רעליגיעז איז עס געווען נאָר אויף אַזוי ווייט ווי אַלע פאַזן פון מענטשלעכן לעבן, אַריינרעכנדיק אויך די פון אַ ריין ציווילן כאַראַקטער, וואָס זיינען אין יענע צייטן געווען מער אָדער ווייניקער רעליגיעז. עס איז בכלל ניט געווען דעמאָלט ביי אידן קיין שאַרף געצויגענע ליניע צווישן דעם ציווילן און דעם רעליגיעזן לעבן, ווי עס איז היינט.

„מוהר" ווי אַ קויף־פּרייז און ווי אַ מתנה

מיר האָבן פריער געזאָגט, אַז אין צאָלן דעם מוהר דער כלה׳ס פאָטער האָט זיך אויסגעדריקט די פאָרם פון חתונה־האָבן ווי פּרויען־קויף. אָבער נאָר אויסערלעך, קוקנדיק פון דער געזעצלעכער זייט, האָט חתונה־האָבן געהאַט די פאָרמען פון קויפן. די געזעצלעכע פאָרמען זיינען אָבער זייער אָפּט פאַרעלטערט לגבי דעםווירקלעכן לעבן, און אויך די לעגאַלע פאָרמען פון חתונה־האָבן ביי אידן, אפילו אין די עלטערע תנ״ך־צייטן, זיינען געווען פאַרעלטערט און הינטערשטעליק לגבי די פאַקטישע אומשטענדן פון לעבן.

פאַקטיש האָט חתונה־האָבן גאָר ניט געהאַט צו טאָן מיט פרויען־קויף, נאָר „דער מאַן פאַרלאָזט זיין פאָטער און זיין מוטער און באַהעפט זיך מיט זיין ווייב און זיי ווערן איין לייב״. אַ מאַן קאָן ניט זיין אַליין, ער מוז האָבן אַן „עזר כנגדו״, אַ העלפערקע, וואָס זאָל זיין שטענדיק לעבן אים[2]). אָט די פסוקים פון חומש בראשית דריקן אויס אַ סך אמת׳דיקער און גענויער די פאַקטישע באַציאונגען צווישן מאַן און ווייב איידער די לעגאַלע פאָרמען פון חתונה־האָבן.

אויך דער מוהר איז דעמאָלט בלויז לויטן געזעץ נאָך געווען דער קויף־פרייז פון דער כלה. פאַקטיש האָט מען געהאַלטן דעם „מוהר״ ניט פאַר קיין קויף־פרייז, נאָר גיכער פאַר אַ מתנה דער כלה׳ס עלטערן. נאָר אַן אויסערגעוויינטלעכער שלעכטער פאָטער האָט צוגענומען דעם גאַנצן נדן פאַר זיך. בדרך־כלל האָט דער פאָטער אַ גרויסן טייל פון דעם געלט אָוועקגע־געבן דער טאָכטער. דאָס שפּיגלט זיך אָפּ קלאָר אין די מעשיות פון יעקב און לבן. רחל און לאה זאָגן יעקב׳ן וועגן זייער פאָטער: „האָבן מיר דען נאָך אַ חלק און אַן אַרב אין אונדזער פאָטערס הויז? מיר זיינען דאָך אַזוי ווי פרעמדע פאַררעכנט ביי אים. וואָרים ער האָט אונדז פאַרקויפט און אויפעסן האָט ער אויך אויפגעגעסן אונדזער געלט״ (בראשית ל״א, 14־15). „אונדזער געלט״ דאָס איז דער מוהר, וואָס פון רבקה׳ן איז דער מוהר ניט מער ווי אַ מתנה, וואָס אברהם׳ס קנעכט גיט רבקה׳ס ברודער און מוטער, פונקט ווי ער גיט מתנות רבקה׳ן גופא.

אַ חלק פון מוהר איז ניט געווען די איינציקע זאַך, וואָס אַ טאָכטער האָט באַקומען פון איר פאָטער. אַ רייכער פאָטער האָט אָפטמאָל געגעבן זיין טאָכטער אַ פעלד פאַר אַ מתנה, ווי דאָס ווערט דערציילט אין דער מעשה פון עכסה׳ן, די טאָכטער פון כלב, און אויך אין דער מעשה פון איוב (מ״ב, 15). אָפטמאָל האָט די טאָכטער באַקומען פון איר פאָטער דינסטן ווי אירס אַ פערזענלעך פאַרמעגן. וואָרים די פרוי האָט שוין דעמאָלט ביי אידן, פונקט ווי ביי די אַמאָליקע בבלים, געהאַט אַ רעכט צו פאַרמאָגן איר פערזענלעך אייגנטום, אויף וועלכן זי האָט געהאַט די דעה.

די פאַרוואַנדלונג פון דעם מוהר, פון אַ קויף־פרייז אין אַ מתנה, איז געווען די ערשטע שטופּ אין דער אַנטוויקלונג פון דעם דאָזיקן מנהג. שפּע־טער וועלן מיר זיך באַקענען מיט ווייטערדיקע ענדערונגען אויף דעם דאָזיקן געביט.

---

2) קדושין ב, ע״ב: לישנא דרבנן דאסר לה אכ״ע כהקדש; תוספות: ופשטא דמילתא, מקודשת לי ומזומנת לי.

די נייע באַציאונג צו דער פרוי אין די שפּעטערדיקע תנ״ך־צייטן

די עפּאָכע פון תנ״ך נעמט אַרום איבער אַ טויזנט יאָר און אין משך פון אָט דער לאַנגער צייט איז דאָס אידישע לעבן ניט געשטאַנען אויף אַן אָרט, נאָר האָט זיך געביטן און אַנטוויקלט אין אַ סך אַספּעקטן. דאָס זעלבע איז אויך פאָרגעקומען בנוגע דער באַציאונג צו דער פרוי.

דאָס זעט זיך בולט, ווען מיר פאַרגלייכן דאָס געזעץ וועגן קנעכט אין דעם „ספר הברית״ (סדרה משפטים), וואָס איז אַ פּראָדוקט פון דער עלטערער מלוכה־צייט, און אין דעם געזעצבוך פון דברים, וואָס איז אַ פּראָדוקט פון דער שפּעטערער מלוכה־צייט, פון דער צייט פון מנשה און יאשיהו. לויט דעם אַלטן געזעץ פון „ספר־הברית״, גייט בלויז אַ קנעכט אַרויס פריי אויפן זיבעטן יאָר, אָבער ניט קיין דינסט. „און אַז אַ מאַן וועט פאַרקויפן זיין טאָכ־טער פאַר אַ דינסט, זאָל זי ניט אַרויסגיין ווי עס גייען אַרויס די קנעכט״ (שמות כ״א, 7־11). פאַרקערט אָבער ווערט אָנגעזאָגט אין ספר דברים, אַז סיי אַן „עברי״ סיי אַן „עבריה״, סיי אַ קנעכט סיי אַ דינסט, זאָלן אַרויסגיין פריי אויפן זיבעטן יאָר (דברים ט״ו, 12־17). אין דעם נייעם געזעצבוך פון דברים ווערט בכן די פרוי אָנערקענט ווי אַ פּערזענלעכקייט, מיט דעם רעכט אויף פרייהייט ווי דער מאַן.

די זעלביקע אַנטוויקלונג בנוגע דער באַציאונג צו דער פרוי זעט זיך אויך אין די צוויי נוסחאות פון די „עשרת הדברות״. אין דעם עלטערן נוסח ווערט אָנגעזאָגט: „דו זאָלסט ניט גלוסטן דיין חבר׳ס הויז; דו זאָלסט ניט גלוסטן דיין חבר׳ס ווייב אָדער זיין קנעכט אָדער זיין דינסט אָדער זיין אָקס אָדער זיין אייזל אָדער יעדע זאַך וואָס געהערט צו דיין חבר״ (שמות כ, 14). דעם חבר׳ס ווייב שטייט דאָ אַריינגערעכנט ווי איינע פון אַ סך אַנדערע זאַכן, וואָס דער חבר פאַרמאָגט. בלויז דעם חברס הויז שטייט דאָ אין אַ באַזונדערער קאַטעגאָריע. אַ הויז איז געווען אַ צו־טייערע זאַך צו שטיין אויף דער דורכ־שניטלעכער שטופע פון אייגנטום. אַנדערש אָבער איז דאָס אין דעם אַנדערן, קענטיק שפּעטערן, נוסח: „דו זאָלסט ניט גלוסטן דיין חבר׳ס ווייב, און זאָלסט ניט באַגערן דיין חבר׳ס הויז, זיין פעלד אָדער זיין קנעכט אָדער זיין דינסט, זיין אָקס אָדער זיין אייזל אָדער יעדע זאַך וואָס געהערט צו דיין חבר״ (דברים ה, 18). ניט דעם חבר׳ס הויז, נאָר דעם חבר׳ס ווייב שטייט דאָ אין אַ באַזונדערער קאַטעגאָריע.

מיט דעם נייעם בליק אויף דער פרוי האָט חתונה־האָבן (מוהר, פאַר־קנס׳ונג און חתונה) אָנגענומען נייע פאָרמען ביי אידן.

אַ געשריבענער חתונה־קאָנטראַקט פון עזרא׳ס צייט

אין די ערשטע יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט האָט מען אַנטדעקט נייע פאַקטן וועגן חתונות ביי אידן אין דער תקופה פון עזרא און נחמיה. מען האָט אויסגעגראָבן אַ חתונה־קאָנטראַקט מיט אַלע נעמען און גענויע פאַקטן. דאָס איז דער ערשטער דאָקומענט פון דעם מין, די ערשטע כתובה אין דער אידישער געשיכטע וואָס מיר פאַרמאָגן.

דער דאָזיקער חתונה־קאָנטראַקט איז אַנטדעקט געוואָרן צווישן די אַראַמישע פאַפּירוסן, וואָס מען האָט אויסגעגראָבן אין עלעפאַנטין (ייב) און אַסואַן, ביי דער דרום׳דיקער גרענעץ פון מצרים, לעבן דעם ערשטן קאַטאַ־ראַקט פון ניל. די פאַפּירוסן, וועלכע זיינען שוין פריער דערמאָנט געוואָרן, שטאַמען פון אַ קיבוץ פון אידישע זעלנער און קאָלאָניסטן, וואָס האָט דאָרטן עקזיסטירט אין די צייטן פון דער פערסישער וועלט־הערשאַפט.

די מערסטע פון די האַנדלס־דאָקומענטן, וואָס מען האָט אויסגעגראָבן אין עלעפאַנטין און אַסואַן, געהערן צו דער פאַמיליע פון אַ פאַרמעגלעכן אידישן סאָלדאַט און קאָלאָניסט מיטן נאָמען מחסיה בר־ידניה. דער חתונה־קאָנטראַקט איז פון מחסיה׳ס טאָכטער, וועלכע הייסט מבטחיה. אין דעם דאָזיקן דאָקומענט ווערן אויסגערעכנט בפרטיות דער נדן און אַלע מינים אויסשטייער. דער חתן צאָלט מחסיה׳ן אַ „מוהר" פון פינף שקלים פערסישע וואַלוטע. מבטחיה אָבער קריגט פון איר חתן אַ מתנה 65½ שקלים, דערפון 12 אין מזומן. מיר זעען פון דעם, אַז דער מוהר, וואָס דער פאָטער האָט דעמאָלט באַקומען פון חתן, איז געווען נישטיק לגבי דער מתנה, וואָס די כלה האָט באַקומען. דער „מוהר" איז בכן שוין געווען אין יענע צייטן ניט מער ווי אַ פאָרמאַליטעט, אַן איבער־בלייבעכץ פון אַן אָפּגעלעבטן מנהג פון די אַלטע צייטן.

מבטחיה׳ס כתובה איז די ערשטע, פון וועלכער מיר ווייסן. אָבער מען טאָר קיין טעות ניט מאַכן און מיינען, אַז ערשט דעמאָלט, נאָכן גלות־בבל, האָבן אידן אָנגעהויבן שרייבן חתונה־קאָנטראַקטן. אין די עלטערע ספרים פון תנ״ך ווערט טאַקע אין ערגעץ ניט דערמאָנט פון קיין געשריבענעם קאָנ־טראַקט אין פאַרבינדונג מיטן געבן מוהר און מתן. אָבער אין די געזעצן פון ספר דברים ווערט אָנגעזאָגט, אַז אויב אַ מאַן וויל זיך שיידן פון זיין ווייב, זאָל ער שרייבן אַ „ספר כריתות", אַ שריפט פון שיידונג, און עס געבן אין איר

האָנט (דברים כ״ד, 1). מיר דאַרפן דערפאַר אָננעמען, אַז אויב אין דער צייט ווען די געזעצן פון ספר דברים זיינען געשאַפן געוואָרן, איז שוין געווען איינגעפירט צו שרייבן אַ גט, האָט מען אַוודאי אויך געשריבן אַ קאָנטראַקט ביים חתונה־האָבן. דאָס שרייבן קאָנטראַקטן בכלל איז געווען אַן איינגעפירטע אינסטיטוציע אין יהודה אין יענער צייט. מיר הערן פון דעם אויך אין ירמיה (ל״ב). מיר דאַרפן דערפאַר אָננעמען, אַז אין דער צייט פון מבטחיה׳ס חתונה איז דער געשריבענער חתונה־קאָנטראַקט שוין געווען ביי אידן אַ פּאָר הונ־דערט יאָר אַלט.

„מוהר" ווערט אַ חוב פאַרשריבן אין דער כתובה

דער איינפיר פון דעם געשריבענעם חתונה־קאָנטראַקט האָט ווינציק־וואָס געענדערט דעם סדר פון חתונה־האָבן ביי אידן. דער עיקר פון דער ענדערונג איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די „מוהר"־אינסטיטוציע איז טראַנס־פאָרמירט געוואָרן. אין די עלעפאַנטין־פּאַפּירוסן איז דער מוהר נאָך אַ פאַר־מאַליטעט. שפּעטער אָבער ווערט פון דעם מוהר גאָר אַן אַנדער זאַך. פון אַ קויף־פּרייז ווערט ער אַ חוב, וואָס דער מאַן איז זיך מתחייב צו צאָלן דער פרוי אין פאַל פון גט׳ן זי, אָדער וואָס זיינע יורשים זיינען מחויב צו צאָלן אויב ער שטאַרבט פאַר איר.

די דאָזיקע טראַנספאָרמאַציע איז געווען אַ דירעקטער רעזולטאַט פון פונדאַמענטאַלע ענדערונגען אין די מאַטעריעלע באַדינגונגען פון לעבן. אין די אַלטע תנ״ך־צייטן זיינען די לעבנס־באַדינגונגען געווען פשוט: אַלע זין און טעכטער האָבן חתונה־געהאַט יונגערהייט. קיינער איז ניט געבליבן אומפאַר־הייראַט. אין גאַנצן תנ״ך הערן מיר בלויז פון איין איינציקן פאַל, ווען אַ מאַן האָט ניט חתונה געהאַט. דאָס איז געווען ירמיה, און ער האָט עס דערקלערט ווי אַ געבאָט פון גאָט. אין אַ נביא׳ישער וויזיע האָט ער געהערט גאָטס באַפעל, אַז ער זאָל ניט נעמען קיין ווייב און ניט האָבן קיין זין און טעכטער (ירמיה ט״ז).

אָבער אין דער גריכישער צייט האָט זיך די לאַגע אין דעם פּרט גע־ענדערט. מען קען זאָגן, אַז מיט דער גריכישער תקופה האָט זיך אָנגעהויבן ביי אידן אַ פּעריאָד פון אַלט־בחור׳שאַפט. דאָס זעען מיר קלאָר, ווען מיר פאַרגלייכן משלי און בן־סירא.

משלי, דאָס עלטסטע בוך אין דער חכמה־ליטעראַטור ביי אידן, האָט ניט אין שפּרוך, ניט קיין איינציקע קלוגע עצה, אַז עס טויג ניט צו לעבן אומ־

פאַרהייראַט און אַז מען זאָל חתונה־האָבן יונגערהייט. עס איז ניט נויטיק געווען פאַר די חכמים אין די אַלטע צייטן, פאַר דעם גריכישן פעריאָד, צו רעדן וועגן דעם. די חכמים פון משלי רעדן יאָ וועגן גוטע און בייזע פרויען. זיי זאָגן, למשל, אַז „עס איז בעסער צו וואוינען אויף אַ ווינקל דאַך איידער אין איין הויז מיט אַ ווייב אַ קריגערקע". אָדער „עס איז בעסער צו וואוינען אין אַ מדבר איידער זיך ערגערן מיט אַ ווייב אַ קריגערקע". פאַרקערט ווידער ווערט אין אַ סך שטעלן געלויבט די קלוגע, געראַטענע פרוי, די „אשה משכלת", די „אשת חיל", וועלכע איז טייערער פון פערל (משלי י"ט, 14; כ"א, 9; ל"א, 10). אָבער דער פאַקט וואָס אַ סך מענער פאַלן אַמאָל אַריין מיט בייזע פרויען האָט אָפּנים קיינעם ניט אָפּגעהאַלטן פון חתונה־האָבן אין צייט. אַנדערש אָבער איז דאָס אין ספר בן־סירא, וואָס איז אַ פּראָדוקט פון דעם גריכישן פעריאָד אין דער אידישער געשיכטע. דאָ טרעפן מיר שוין אַנדערע צושטאַנדן. ניט אַלע אידן איילן זיך שוין דעמאָלט חתונה צו האָבן. מיר הערן נאָך דערוויַיל ניט פון קיין אַלטע בחורים, וואָס בלייבן אינגאַנצן אומפאַרהייראַט, אָבער מען טוט אַ שידוך, ווען מען איז שוין ווייט אין די יאָרן. בן־סירא זאָגט דערפאַר: „אָן אַ צאָם ווערט אַ וויינגאָרטן פאַרוויסט, און אָן אַ ווייב איז מען אַ נע־ונד". אין נאָך אַ שטעל זאָגט ער: „ווען דו האָסט זין, זיי שטרענג צו זיי און מאַך זיי חתונה ווען זיי זיינען נאָך יונג" (ז, 24; ל"ו, 25). עס קאָן גרייליך זיין, אַז אַחוץ דעם מאַטעריעלן פאַקטאָר האָט אין דעם פּרט געווירקט אויך די גריכישע השפעה. וואָרים די גריכן האָבן חתונה־געהאַט, ווען זיי זיינען שוין געווען ווייט אין די יאָרן, און זיי האָבן בכלל ניט געהאַט קיין געהויבענע מיינונג וועגן פאַרהייראַטן לעבן.

אין אַזעלכע באַדינגונגען, ווען מענער האָבן ניט גערן חתונה־געהאַט, איז מער איבערהויפּט קיין פּלאַץ נישט געווען פאַר דער מוהר־אינסטיטוציע. דער פאָטער האָט מער ניט דערוואַרט צו קריגן געצאָלט, ווען ער האָט חתונה געמאַכט אַ טאָכטער. אדרבה, פאָטערס האָבן אָפט צוגעצאָלט, געגעבן אַ רייכן נדן זייערע טעכטער, כדי צו קריגן פאַר זיי חתנים. בן־סירא זאָגט דעריבער, אַז „ערגעריש און שאַנד ברענגט אַ פרוי, וואָס האַלט אויס איר מאַן" (כ"ה, 22).

אָבער די מוהר־אינסטיטוציע איז נאָך ניט אינגאַנצן אונטערגעגאַנגען, נאָר האָט אין פאַרלויף פון יענעם פעריאָד זיך צוגעפּאַסט צו די נייע אומשטענדן. די ערשטע שטופע אין דעם דאָזיקן פּראָצעס פון צופּאַסונג איז געווען צו מאַכן דער כלה׳ס פאָטער בלויז פאַר אַ נאָמען איבער דעם געלט

פון דעם מוהר, וואָס אָדער דער מאַן אָדער זיינע קינדער האָבן סוף־כל־סוף גע׳ירשנ׳ט. דאָס אָבער האָט וויניק געהאָלפן. דער בחור האָט אַלץ געמוזט איינלייגן געלט צו דער חתונה און דאָס איז אַלץ געווען אַ שטער אין קריגן חתנים פאַר די טעכטער. איז איינגעפירט געוואָרן, אַז דער מאַן אַליין זאָל זיין דער אַפּיטרופּוס אויף דעם געלט, און עס זאָל פאַרנוצט ווערן צו קויפן זאַכן אין הויז. דאָס איז די שטופּע אין דער געשיכטע פון דעם מוהר, וואָס מיר טרעפן אין די עלעפאַנטין־פּאַפּירוסן. דעם לעצטן טריט אין דער רעפאָרם פון דער מוהר־אינסטיטוציע האָט געמאַכט שמעון בן־שטח, דער פירער פון די פּרושים, אין דער צייט פון דער חשמונאים־קעניגין אַלעקסאַנדראַ (67—76 פאַר דער אָנגענומענער צייט־רעכענונג). ער האָט איינגעפירט, אַז דער מוהר, וואָס איז געוויינטלעך געווען 200 זילבערנע דינר (50 שקל) פאַר אַ מיידל און 100 פאַר אַן אלמנה, זאָל בלויז אַריינגעשריבן ווערן אין דעם חתונה־קאָנטראַקט, די כתובה, ווי אַ חוב, וואָס דאַרף באַצאָלט ווערן דעם ווייב פון דעם מאַנס פאַרמעגן נאָר אין פאַל ווען ער גט זי אָדער ער שטאַרבט (כתובות פ״ב, ב; ירושלמי כתובות, פּרק שמיני, הלכה י״א).

די דאָזיקע רעפאָרם האָט געדינט צוויי צוועקן: זי האָט גרינגער גע־מאַכט דאָס חתונה־האָבן און שווערער געמאַכט דאָס גט׳ן. אַ מאַן האָט מער ניט באַדאַרפט פאַרמאָגן קיין 200 זילבערנע דינאַרן, כדי צו קענען חתונה האָבן, אָבער ער האָט געמוזט האָבן די דאָזיקע סומע, כדי צו קענען אָפּ׳גט׳ן זיין ווייב. די כתובה האָט אַזוי־אַרום באַשיצט די פרוי, אַז דער מאַן זאָל ניט קאָנען מיט אַ גרינג געמיט זי אַוועקוואַרפן.

די תלמודישע עפּאָכע — אַ צייט פון אַלטע בחורים

אין דער צייט פון תנאים און אמוראים האָבן זיך די באַדינגונגען פון דער גריכישער עפּאָכע נאָך אַ סך מער פאַרשאַרפט. מיר הערן שוין פון מענער, וועלכע זיינען געבליבן אומפאַרהייראַט; חתונה צו האָבן אין שפּע־טערן עלטער, צו דרייסיק און אַפילו צו פערציק יאָר, איז שוין דעמאָלט געווען אַ געוויינטלעכע זאַך. עס איז געווען דעמאָלט אַן עפּאָכע פון אַלטע בחורים אין דער רוימישער וועלט בכלל, און אידן זיינען אין דעם פּרט קיין אויסנאַם ניט געווען. איינער פון די גרעסטע תנאים, בן־עזאי, איז געבליבן אומפאַרהייראַט (יבמות ס״ג, ב; סוטה ד, ב). דער אַלטער בחור, דער „רווק״, איז אַן אָפּטע דערשיינונג אין תלמוד און מדרש. אַ „רווק״ האָט ניט געטאָרט לערנען מיט קינדער (משנה קדושין, פּרק ד, י״ג). פאַרקערט ווידער, ווערן

געלויבט די אַלטע בחורים, וועלכע גיבן צושטייער פאַר דער קינדער־שול, הגם זיי אַליין האָבן אין דעם ניט קיין פּערזענלעכן אינטערעס (ויקרא רבה, פּרשה כ״ז, ב).

וויבאַלד מענער האָבן ניט געוואָלט חתונה האָבן, האָבן פרויען געמוזט זיצן לאַנג און וואַרטן אויף חתנים. דער מדרש זאָגט, אַז נדב און אביהוא זיינען געשטאָרבן פאַר דער זינד, וואָס זיי זיינען געווען צופיל אָנגעיחס׳נט. קיין מיידל איז ניט געווען פאַר זיי גוט גענוג מיט איר חתונה צו האָבן, און זיי זיינען געבליבן אומפאַרהייראַט (ויקרא רבה, פּרשה כ, ז). מיר האָבן דאָ פאַר אונדז אַ גאַנץ קולטור־היסטאָריש בילד פון דעם אידישן לעבן אין דער צייט פון די חכמי־המדרש, וואָס ווערט אַריבערגעטראָגן אין אַ פריערדיקער עפּאָכע. בחורים ווילן איצט ניט נעמען אויף זיך דעם עול פון פאַרהייראַטן לעבן און מיידלעך זיצן ביזן גראָען צאָפּ אַריין.

עס איז דערפאַר ניט קיין וואונדער, וואָס מיר טרעפן אַזויפיל מאמרים אין תלמוד און מדרש מיט שטרענגע אזהרות, אַז מען טאָר ניט וואַרטן מיטן חתונה־האָבן. דער אַלטער בחור ווערט שטרענג פאַרדאַמט און אויסגעלאַכט. אין זיינע יונגע יאָרן, זאָגט דער מדרש, האָט דער אַלטער בחור פאַרבראַקירט אַלע מיידלעך און איז דערוויל געוואָרן צעלאָזן. ערשט ווען ער איז שוין אַלט געוואָרן, איז אים איינגעפאַלן חתונה צו האָבן. אַזאַ מאַן זאָגט מען: דו שלימ־מזלניק! איצט זוכסטו אַ פרוי, ווען דיין נאָז הענגט אויף אַראָפּ, דיינע אויערן זיינען שווער, דיינע אויגן זיינען טונקל און קיין פרוי וויל דיך מער ניט נעמען (קהלת רבה, פּרשה י״א, י״ד).

די הויפּט־סיבה פון אָט דעם צושטאַנד איז געלעגן אין די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע באַדינגונגען פון יענער צייט; עס איז דעריבער געווען אַ חילוק אין דעם פּרט צווישן ארץ־ישראל און בבל. אין בבל, וואָס האָט געהערט צו דער פּערסישער מלוכה, האָט זיך אידן געלעבט אָן אַן ערך בעסער און גרינגער, איידער אין ארץ־ישראל, וואָס האָט געהערט צו דער רוימישער אימפּעריע. עס איז דעריבער געווען גרינגער פאַר די אידן אין בבל צו פירן אַ פאַרהייראַט לעבן, איידער פאַר די אידן אין ארץ־ישראל. די אמוראים אין בבל אין דריטן יאָרהונדערט האָבן דערפאַר גע׳פּסק׳נט, אַז מען זאָל צו־ערשט חתונה האָבן און דערנאָך לערנען תורה. ר׳ יוחנן אָבער, וועלכער האָט געלעבט אין ארץ־ישראל, האָט געזאָגט: „קען אַ מענטש מיט אַ מיל־שטיין אויף זיין האַלדז לערנען תורה?״ (קדושין כ״ט, ב). די גמרא באַמערקט טאַקע אויף דעם „ולא פליגי, הא לן והא להו״. עס הייסט: די פּלוגתא איז ניט קיין פּרינציפּיעלע, נאָר עס איז אַ חילוק צווישן די באַדינגונגען פון

לעבן ביי די אידן אין בבל און ביי די אידן אין ארץ־ישראל. ר׳ לוי, אַ תלמיד פון ר׳ יוחנן, זאָגט בפירוש, אַז אין זיין צייט, אַ צייט פון בירגערקריג און סאָציאלן כאַאָס אין דער רוימישער אימפעריע, האָט מען חתונה געהאַט צו דרייסיק און אויך צו פערציק יאָר (שיר השירים רבה, פרשה ז, ז).

אין אַזעלכע באַדינגונגען האָבן פאָטערס פון טעכטער אָפט צוגעזאָגט דעם חתן אַ צו גרויסן נדן, וואָס איז געווען איבער זייערע כוחות. שוין אין דער צייט פאַרן חורבן ירושלים איז עס געווען אַ געוויינטלעכע זאַך, אַז אַ פאָטער האָט אָפּגעמאַכט מיט דעם חתן אים צו געבן אַ גרויסן נדן און נאָך אירוסין ניט געהאַלטן דעם צוזאָג. אַזעלכע פאַלן זיינען קענטיק אָפט פאַר־געבראַכט געוואָרן פאַר די דיינים אין ירושלים; געווען אַ פלוגתא, צי דאָס מיידל בלייבט אין אַזאַ פאַל פאַרזעסן („תשב עד שילבין ראשה״) אָדער זי קען נייטן דעם חתן איר צו געבן אַ גט, אויב ער וויל זי ניט נעמען מיט אַ קלענערן נדן („או כנוס או פטור״, משנה כתובות, י״ג, ה).

אין יענע צייטן, נאָך פיל מער ווי אין בן־סירא׳ס צייט, זיינען געווען מענער, וועלכע האָבן גענומען רייכע מיידלעך צוליב דעם גרויסן נדן. די בעלי־התלמוד האָבן זיך אויסגעדריקט זייער שאַרף קעגן דעם. עס ווערט געזאָגט אין רב׳ס נאָמען, אַז ווער עס נעמט אַ פרוי צוליב געלט, וועט ניט האָבן קיין פיינע קינדער (קדושין ע, א).

אין דער צייט פון שמעון בן־שטח איז מוהר טראַנספאָרמירט געוואָרן אין אַ הבטחה, אַ חוב, וואָס איז פאַרשריבן געוואָרן אין דער כתובה. שפּעטער אין דער תלמודישער צייט, איז אויך „מתן״ פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ חוב פאַרשריבן אין דעם חתונה־קאָנטראַקט. דאָס איז געווען די „תוספת כתובה״. די סומע פון דער געזעצלעך־פאַרגעשריבענער כתובה איז געווען פעסט־געשטעלט און איז ניט געווען אָפּהענגיק פון פאַרהאַנדלונגען. עס איז געווען אָנגענומען, אַז אַ מיידל פאַרשרייבט מען אין איר כתובה אַ מינימום פון 200 זילבערנע דינאַרן און אַן אלמנה 100. אָבער וועגן דער „תוספת כתובה״ זיינען אָנגעגאַנגען אַ סך פאַרהאַנדלונגען ווי גרויס זי זאָל זיין. געוויינטלעך איז די „תוספת כתובה״ געווען אין פּראָפּאָרציע צו דעם אויסשטייער פון דער כלה. אַ גרויסע כתובה האָט באַשיצט די פרוי, אַז דער מאַן זאָל זי ניט קאָנען לייכט גט׳ן, אָבער אַ גרויסע כתובה האָט אָפטמאָל אויך געשטעלט אין אַ גרויסער פאַרלעגנהייט אַ מאַן, וועלכער איז אַריינגעפאַלן מיט אַ בייזער פרוי. אין תלמוד ווערט סך גערעדט וועגן דער שלעכטער לאַגע פון אַזאַ מאַן („אשה רעה וכתובתה מרובה״, יבמות ס״ג, ב).

צווישן אירוסין און נשואין האָט געוויינטלעך געדויערט אַ יאָר צייט, אַזוי ווי אין די תנ״ך־צייטן (בראשית כ״ד, 55 און משנה כתובות, ה, ב).

אָבער אירוסין האָט אין דער צייט פון די תנאים שוין פאַרלאָרן דאָס אויסזען פון אַ ווירקלעכן קויף און איז געוואָרן בלויז אַן אָנדייט אויף אַ קויף. עס איז געגוג געווען, אַז דער חתן זאָל מקדש זיין די כלה מיט אַ שווה־פּרוטה. שפּעטער האָבן די אמוראים גע׳פּסק׳נט, אַז ווען אַ מאַן איז מקדש אַ פרוי, דאַרף ער איר אפילו קיין פּרוטה אויך ניט געבן. עס איז גענוג, ווען ער טוט איר עפּעס אַ טובה (קדושין ו—ז).

די וויכטיקסטע ענדערונג בנוגע דער חתונה, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער תלמודישער עפּאָכע, איז געווען דאָס, וואָס חתונה־האָבן איז אַריינ־געצויגן געוואָרן אין דער ספערע פון דעם רעליגיעזן אידישן לעבן, און ביידע שמחות, אירוסין און נשואין, זיינען פאַרבונדן געוואָרן מיט ברכות אויף אַ כוס וויין, וואָס מען האָט געזאָגט מיט אַ מנין. שוין אין דער שפּעטערער צייט פון צווייטן בית־המקדש איז אויפגעקומען דער טערמין „קדש״ פאַר פאַר׳קנס׳ן. לכתחילה האָט דער דאָזיקער טערמין געמוזט באַדייטן: באַשטימען פאַר אַ געוויסן צוועק, און „הרי את מקודשת לי״ האָט בכן געמיינט לכתחילה האָבן די באַדייטונג: דו ווערסט באַשטימט פאַר אַ ווייב פאַר מיר. אָבער אַזוי ווי „קדש״ באַדייט אויך הייליקן, האָט מען געהאַט אַ גוטע געלעגנהייט אַריינצוטייטשן אין דעם העכערע מאָראַלישע אידעען. די גמרא זאָגט דערפאַר, אַז מיט די „קדושין״ ווערט די פרוי פאַרבאָטן פאַר דער גאַנצער וועלט ווי אַ הייליקע זאַך. דער נוסח פון די „קדושין״, וואָס איז דעמאָלט פעסטגע־שטעלט געוואָרן און איז געבליבן ביז היינטיקן טאָג, האָט זיך געענדיקט מיט אַ רעליגיעזן שלוס „כדת משה וישראל״.

חתונה־האָבן איז אַזוי־אַרום פאַרבונדן געוואָרן ביי אידן מיט רעליגיעזע אידעען און צערעמאָניעס הונדערטער יאָר פריער ווי ביי קריסטן. די חתונה איז אָבער דאָך אפילו אין די תלמודישע צייטן נאָך אַלץ געווען אַן ענין בלויז פאַר דער היים. מיט דער שול און דעם דאַוונען האָט די חתונה דעמאָלט נאָך ניט געהאַט קיין פאַרבינדונג.

דער צוזאַמענבראָך פון אירוסין אין שפּעטערן מיטלאַלטער

מיר האָבן נאָכגעפאָלגט ביז אַהער די געשיכטע פון דער אידישער חתונה אין ראַם פון דער געשיכטע פון אידישן לעבן דורך די ביבלישע און תלמודישע צייטן. מיר האָבן געזען ווי די חתונה־אינסטיטוציע האָט דורכגע־מאַכט אַ סך ענדערונגען סיי אין די מענטשלעכע באַציאונגען, וואָס זיינען אין

דעם פאַרוויקלט, סיי אין אירע אויסערלעכע פאָרמען. אָבער ניט געקוקט אויף אָט די ענדערונגען, איז די פּראָצעדור פון חתונה־האָבן געבליבן אין אירע הויפּטליניעס כמעט די זעלביקע. ערשט אין שפּעטערן מיטלאַלטער איז די אירוסין־אינסטיטוציע, וואָס איז געבליבן פון די אַלטע צייטן, לגמרי צוזאַמענגעבראָכן, און די אידישע חתונה האָט באַקומען גאָר אַ נייעם אויסזען.

כל־זמן דאָס חתונה־האָבן האָט נאָך געהאַט די פאָרם פון קויפן, איז דער עיקר געווען די פאַר׳קנס׳ונג און די חתונה מיט דער חופּה איז געווען בלויז דער פּראַקטישער אָפּשלוס פון אַ געזעצלעכן אַקט, וואָס איז שוין געשען ביי דער פאַר׳קנס׳ונג. וואָס מער אָבער די פאָרמען פון קויף זיינען פאַרשוואונדן, אַלץ מער האָט אירוסין פאַרלאָרן יעדע באַדייטונג. שוין אין דער צייט פון די אמוראים האָט מען אויפגעהערט האַלטן די ארוסה פאַר אַ פאַרהייראַטער פרוי. ביז דער חופּה האָט זי נאָך געהערט אין דעם פאָטערס רשות (כתובות מ״ח, ב). אויך די כתובה האָט מען דעמאָלט טראַנספערירט פון אירוסין צו נישואין. אָבער אָפּשאַפן אַלטע סאָציאַלע און רעליגיעזע אינסטיטוציעס איז זייער שווער אַפילו ווען זיי ווערן לגמרי אָפּגעלעבט און עובר־זמן. אויך די אירוסין־אינסטיטוציע וואָלט נאָך עקזיסטירט אַ לענגערע צייט, ווען זי וואָלט ניט ביסלעכוויז פאַרשלונגען געוואָרן פון די נישואין.ביידע צערעמאָניעס זיינען פאַראייניקט געוואָרן אין איין פייערונג, און אַזוי איז אויפגעקומען אין שפּעטערן מיטלאַלטער די נייע טראַנספאָרמירטע אידישע חתונה.

עס זיינען געווען עטלעכע סיבות פאַרוואָס דער זעלבשטענדיקער צערעמאָניאַל פון אירוסין איז אונטערגעגאַנגען. אַחוץ וואָס דער גאַנצער ענין פון אירוסין איז געווען געבויט אויף אַן אָפּגעלעבטער השגה, אַז חתונה־האָבן איז פרויען־קויף, האָט דאָ אויך געשפּילט אַ ראָלע אַן עקאָנאָמישער פאַקטאָר. אירוסין ווי אַ זעלבשטענדיקער צערעמאָניאַל, מיט אַ לענגערער הפסקה ביז נישואין, האָט באַדייט צוויי באַזונדערע שמחות מיט צוויי באַזונדערע סעודות, און דאָס איז געווען אַ צו גרויסע הוצאה פאַר די אָרעמערע קלאַסן. דערצו נאָך איז געווען אַן אומאָנגענעמער ענין צו האַלטן דאָס פּאָרל אָפּגעזונדערט, בעת געזעצלעך זיינען זיי געווען פאַרהייראַט. צו אָט די אַלע סיבות איז צוגעקומען אין מיטלאַלטער נאָך איינע. אין צייטן פון רדיפות און גזירות האָט אָפטמאָל געטראָפן, בפרט ווען חתן־כלה זיינען געווען פון צוויי באַזונדערע ערטער, אַז זיי האָבן זיך ניט געקאָנט מער צוזאַמענקומען, און די ארוסה איז געבליבן אַן עגונה.

אַזוי־אַרום איז די צייט צווישן אירוסין און נישואין, צווישן קדושין און חופּה אַלץ מער און מער איינגעשרומפּן געוואָרן. דער חתן האָט מקדש געווען

די כלה צוויי־דריי טעג פאַר דער חופה און אָפטמאָל אַפילו אין זעלביקן טאָג. אין רש״י׳ס צייט איז מען שוין געווען געוואוינט צו מאַכן חופה און קדושין אין איין און דעם זעלביקן טאָג, מיט אַ הפסקה פון עטלעכע שעה אינמיטן. דער חתן האָט מקדש געווען די כלה אינדערפרי און שפעט פאַרנאַכט איז געווען די חופה. אָבער אויך אַזאַ איינפיר האָט ניט צופרידנגעשטעלט, ווייל די מחותנים האָבן אַ גאַנצן טאָג געגעסן און געטרונקען אויף דעם חתנ׳ס חשבון. האָט מען דערפאַר אין שפּעטערדיקע יאָרהונדערטן אינגאַנצן פאַר־אייניקט חופה און קדושין אין איין צערעמאָניע, וועלכע מען האָט דורכגעפירט אינאיינעם און גאָר אויף אַ נייעם אופן (מחזור וויטרי, הוצ׳ הורוויץ, 587־588).

די מטבע און דער רינג

אַן ערך אין דער זעלביקער תקופה, ווען עס איז פאָרגעקומען די ירידה פון דעם באַזונדערן אירוסין־צערעמאָניאַל, האָט זיך אָנגעהויבן פאַרשפרייטן דער טבעת־קדושין ווי אַ נייער סימבאָל אין דעם חתונה־צערעמאָניאַל. שוין אין די צייטן פון די גאונים האָט דער רינג אָנגעהויבן פאַרנעמען דעם פלאַץ פון דער מטבע ווי אַ חתונה־סימבאָל. די טעאָריע פון פאַרשער, אַז דער טבעת־קדושין איז אַריינגעדרונגען צו אידן פון די רוימער, איז לגמרי אומבאַ־גרינדעט. דער היסטאָרישער מקור זאָגט בפירוש, אַז דער מנהג מקדש צו זיין מיט אַ רינג איז פריער אויפגעקומען ביי די אידן אין בבל און ערשט שפּעטער איז ער געקומען צו די אידן אין ארץ־ישראל [3]). עס איז אַ סברה, אַז ער האָט געוואַנדערט ניט פון מערב קיין מזרח, נאָר פאַרקערט: פון מזרח קיין מערב. אַרום דעם 12טן—13טן יאָרהונדערט איז געווען איינגעפירט ביי די פראַנצויזיש־דייטשע אידן מקדש צו זיין מיט אַ רינג, וואָס האָט קיין שטיין ניט (ולפיכך נהגו העולם לקדש בטבעת שאין בה אבן; תוספות אויף קדושין ט, א). אָבער עטלעכע הונדערט יאָר האָט זיך נאָך געצויגן דער קאָנפליקט צווישן דער מטבע און דעם רינג, ביז די מטבע איז סוף־כל־סוף, פון 15טן יאָרהונדערט אָן, אַרויסגעשטופּט געוואָרן פון דער אידישער חתונה און איר פלאַץ איז ענדגילטיק פאַרנומען געוואָרן פון דעם רינג. עס האָט נאָך פאַסירט דאָ און דאָרטן אין מזרח־אייראָפּע מיט אַ פּאָר דורות צוריק, אַז מען האָט מקדש געווען מיט אַ זילבערנער מטבע. אָבער דאָס איז געווען אַ יוצא־מן־הכלל.

כל־זמן מען פלעגט מקדש זיין מיט אַ מטבע, איז נאָך געווען אין דער

3) אנשי מזרח רואין טבעת קדושין ובני ארץ־ישראל אין רואין טבעת קדושין עד הנה (שערי צדק, תשובות הגאונים, שער השלישי י״ו).

חתונה עפּעס ווי אַן אָפּקלאַנג פון אַ קויף. אָבער מיט דעם טבעת־קדושין אויפן אָרט פון דער מטבע איז פאַרשוואונדן דער לעצטער שפּור פון דער קויף־פאָרם אין דער אידישער חתונה.

די שול און דער רב

מיר האָבן פריער איבערגעלאָזט די אידישע חתונה אין דער תלמודישער עפּאָכע אין אַ צושטאַנד, ווען זי איז שוין געווען פאַרבונדן מיט ספּעציעלע ברכות און האָט אין אַ גרויסער מאָס געטראָגן אַ רעליגיעזן כאַראַקטער; אָבער זי איז דעמאָלט נאָך געווען אויסשליסלעך אַ שמחה פון דער פאַמיליע געפּראַוועט אין דער היים, אָן שום פאַרבינדונג מיט דער שול. אַזאַ פאַרבינדונג איז ערשט צושטאַנד געקומען אין דער עפּאָכע פון די גאונים, אַרום דעם אַכטן־ניינטן יאָרהונדערט. די חתונה איז פון דעמאָלט אָן פאַרבונדן געוואָרן מיט דער שול און מיטן דאַווענען און איז געוואָרן אַ שמחה, אין וועלכער די גאַנצע עדה האָט זיך באַטייליקט (מסכת סופרים, פּרק י״ט, ט).

עס איז איינגעפירט געוואָרן, אַז מען זאָל פירן דעם חתן שבת פרי אין שול אַריין און פון שול אַהיים. ביים דאַווענען האָט מען געזונגען ספּעציעלע פּיוטים. מען האָט אויפגערופן דעם חתן מיט ספּעציעלע שבחים און מען האָט געלייענט פאַר אים ניט פון דער שבת'דיקער סדרה, נאָר גאָר די מעשה פון רבקה'ן און אברהמ'ס קנעכט. אויך אַ הפטרה האָט מען געלייענט אַ ספּעציעלע (ישעיה ס״א־ס״ב, וואו עס ווערט גערעדט פון דעם אויספּוץ און דער פרייד פון חתן־כלה). דער דאָזיקער מנהג צו לייענען לכבוד דעם חתן אַ ספּעציעלע לייעניש און אַ ספּעציעלע הפטרה האָט זיך אויפגעהיט בלויז ביי די מזרח־אידן. ביי די אייראָפּעאישע אידן איז דער מנהג שפּעטער אונטערגעגאַנגען.

אָבער די שמחה מיט דעם חתן אין שול איז פאָרגעקומען צוערשט דעם שבת נאָך דער חתונה. די חתונה־צערעמאָניע גופאָ איז נאָך אַלץ פאָרגעקומען אינדערהיים. עס איז נאָך אויך ניט געווען קיין מסדר־קדושין. די ברכות האָבן געזאָגט מערערע מענטשן, יעדערער איין ברכה. ערשט אין אָנהויב פון פופצנטן יאָרהונדערט, אין דער צייט פון דעם מהרי״ל, הערן מיר דאָס ערשטע מאָל, אַז די חתונה־צערעמאָניע קומט פאָר אין שול און אַז אַ רב, דער מהרי״ל, איז דער מסדר־קדושין. אין יענער צייט איז די חתונה ביי די אשכנזים לגמרי טראַנספאָרמירט געוואָרן. אירוסין, נישואין און חופה זיינען דעמאָלט פאַראייניקט געוואָרן אין איין צערעמאָניע, וועלכע האָט באַקומען גאָר אַן אַנדער פּנים און אַן אַנדערע באַדייטונג.

די נייע חופה

אין די שפּעטערדיקע יאָרהונדערטער פון מיטלאַלטער, ביים שוועל פון דער נייער צייט אין אייראָפּע, איז ניט בלויז די אַלטע אירוסין־אינסטיטוציע געווען פאַר'משפּט צום אונטערגאַנג. די אייגענע זאַך האָט אויך פּאַסירט מיט דער חופה. אויך די חופה, וועלכע איז געבליבן פון די אַלטע צייטן, איז פאַר־שוואונדן און איר פּלאַץ האָט פאַרנומען גאָר אַ שפּאָגל־נייער סאָרט חופה.

אין די אַלטע צייטן האָט חופה געהאַט גאָר אַן אַנדער טייטש איידער ביי אונדז היינט. מען פלעגט דעמאָלט ניט אַרונטערפירן די כלה אונטער דער חופה, נאָר מען פלעגט זי אַריינפירן אין דער חופה. אין די ביבלישע און תלמודישע צייטן האָט חופה באַדייט אַ קאַמער אָדער געצעלט, וואו חתן־כלה האָבן זיך מתייחד געווען. אין שפּעטערדיקן מיטלאַלטער איז אָט דער מנהג פון יחוד געוואָרן פריקרע פאַר די אידן אין אייראָפּע. אַחוץ דעם איז די עקאָנאָמישע סביבה געווען דעמאָלט אַן אַנדערע. נאָך דער חתונה איז דער חתן גאָר פאַרבליבן וואוינען אין הויז פון דער כלה'ס עלטערן, ניט פאַר־קערט. די אַלטמאָדישע חתונה־פּראָצעסיע פון די ביבלישע און תלמודישע צייטן, וואו מען האָט געפירט די כלה צום חתן און זי דערנאָך אַריינגעפירט אין דער חופה־קאַמער, האָט דערפאַר פאַרלאָרן איר גאַנצן זינען. פאַר דער כלה אַריינצוגיין אין דער חופה־קאַמער האָט באַדייט, אַז זי איז איבערגע־גאַנגען פון איר פאָטער'ס רשות אין דעם רשות פון איר חתן. פאַקטיש אָבער האָט גאָר דער חתן פאַרלאָזן זיין פאָטערס הויז און איז איבערגעגאַנגען צום שווער.

אָבער ווי עס טרעפט אָפט מיט אַנדערע סאָציאַלע און רעליגיעזע מנהגים און אינסטיטוציעס, ווען זיי ווערן אָפּגעלעבט, איז אויך די חופה ניט אינ־גאַנצן אונטערגעגאַנגען, נאָר זי איז טראַנספאָרמירט געוואָרן. עס האָבן זיך געשאַפן אין פאַרלויף פון דער צייט פאַרשיידענע סימבאָלישע „במקום'ס" פאַר דער חופה־קאַמער. אין איין געגנט האָט מען געהאַלטן, אַז דער כלה'ס שלייער איז די חופה. אין אַן אַנדער געגנט האָט מען איינגעהילט די קעפּ פון חתן־כלה אין אַ טוך ביי דער חתונה־צערעמאָניע און אָט דאָס גערופן חופה. ווידער אַנדערשוואו איז געווען אַ מנהג איינצוואוויקלען חתן־כלה אין אַ טלית ביי דער חתונה־צערעמאָניע ווי אַ סימבאָלישער „במקום" פאַר דער חופה.

אַזוי אַרום האָבן אידן היפּשע עטלעכע הונדערט יאָר זיך געפּלאָנטערט אין דעם ענין חופה. אפילו אַזוי שפּעט ווי אין דער צייט פון „שולחן ערוך",

אין זעכצנטן יאָרהונדערט, זיינען נאָך געווען גרויסע חלוקי־דעות וועגן דעם. ר׳ יוסף קאָרו זאָגט, אַז חופה איז יחוד. אַזוי, הייסט עס, האָבן געהאַלטן אידן אין די מזרח־לענדער. דער רמ״א (ר׳ משה איסערליש) אָבער, פון קראָקע, רעכנט אויס פאַרשיידענע סימבאָלישע במקום׳ס פאַר חופה און ער קומט צום אויספיר, אַז דער בעסטער און פּאָפּולערסטער מנהג אין דעם פּרט איז אַרונטערצופירן חתן־כלה אונטער אַ פאַרהאַנג אַריבערגעשפּרייט איבער שטאַנגען („יריעה פרוסה על גב כלונסות״, שולחן ערוך, אבן העזר, נ״ה, א). אַט די חופה איז געבליבן ביי אונדז ביז דעם היינטיקן טאָג.

שוהל און שול־הויף

אָבער מיט דער פאַרשפּרייטונג פון אָט דער נייער חופה זיינען נאָך אינגאַנצן ניט געווען געלייזט אַלע פראַגן וועגן דער אידישער חתונה אין איר נייער פאָרם. עס זיינען נאָך געווען חלוקי־דעות וואו אויפצושטעלן די נייע סאָרט חופה. אינעווייניק אין שול אָדער אין דרויסן, אין שול־הויף. לכתחילה, ווען די חתונה־צערעמאָניע איז אַריבערגעטראָגן געוואָרן פון דער היים אין דער שול, איז דאָס פאַרגעקומען אין שול גופא. אָבער די שול איז אָפט געווען צו ענג אַריינצונעמען דעם גרויסן עולם, האָט מען געמאַכט די צערעמאָניע אין שול־הויף ביי דער טיר פון שול. איז אַזוי אַרום געוואָרן דערנאָך אַ פּלוגתא וועגן דעם, צי די שול אָדער דער שול־הויף איז דער פּלאַץ פאַר דער חתונה־צערעמאָניע. אָבער סוף־כל־סוף האָט דער שול־הויף געזיגט, ווייל מען האָט אַריינגעטייטשט אַ סימבאָלישע כוונה אין דער חופה, וואָס שטייט אונטערן פרייען הימל. מען האָט עס דערקלערט ווי אַ „סימן טוב״, אַז די קינדער פון דעם פּאָרל וועלן זיין ווי די שטערן פון הימל (רמ״א, שולחן ערוך, אבן העזר, ס״א, א).

אין משך פון דער צייט איז די חופה אונטערן הימל געוואָרן אַ שטרענג אָנגענומענער מנהג ביי אָרטאָדאָקסישע אידן. און ווען די רעפאָרם־אידן האָבן אין ניינצנטן יאָרהונדערט אַריבערגעטראָגן די חתונה־צערעמאָניע צוריק אינעווייניק אין שול אַריין, זיינען זיי אין דעם שטאַרק באַקעמפט געוואָרן פון דער אידישער אָרטאָדאָקסיע. ביי אונדז אין אַמעריקע, וואו די שולן האָבן איבערהויפּט קיין הויפן ניט, זיינען די אָרטאָדאָקסישע אידן, פאַרשטייט זיך, געווען געצוואונגען אויפצוגעבן דעם מנהג צו שטעלן די חופה ביים אַריינגאַנג פון שול. ביי אונדז אין אַמעריקע פראַווען אָרטאָדאָקסישע אידן די חתונה־צערעמאָניע זייער אָפט גאָר איבערהויפּט ניט אין קיין שול, נאָר אין דער

פריוואַטער וואוינונג פון דעם רב אָדער אין דעם געדונגענעם זאַל, וואו די סעודה קומט פאָר.

עס איז אַ לאַנגער היסטאָרישער מהלך אין אידישן שטייגער לעבן פון צאָלן מוהר ביזן מקדש־זיין מיט אַ טבעת־קדושין און פון פירן די כלה אין חופה־קאַמער ביז פירן די כלה צו דער חתונה־צערעמאָניע אין שול.

דער קנס׳מאָל

אין דער צייט, ביי וועלכער מיר האַלטן דאָ, אין שפּעטערן מיטלאַלטער, איז אויפגעקומען דער קנס׳מאָל אין דער פאָרם ווי מיר געדענקען אים נאָך פון מזרח־איראָפּע. דער קנס׳מאָל האָט אין יענער צייט פאַרנומען דעם פּלאַץ פון די „אירוסין" אין די פריערדיקע צייטן.

אין די עלטערע צייטן האָט דער חתן ביי די „אירוסין" מקדש געווען די כלה. איצט אָבער האָט דער בחור מער ניט מקדש געווען דאָס מיידל, ווען ער איז אָפיציעל געוואָרן איר חתן, און מ׳האָט מער ניט גערופן די ערשטע פאַרבינדונג מיטן אַלטן נאָמען „אירוסין". די דייטשע אידן האָבן געשאַפן פאַר דעם אַ נייעם טשיקאַווען נאָמען: קנס׳מאָל. „קנס" איז אַ העברעאיש־תלמוד׳ישער וואָרט און באַדייט געלט־שטראָף; „מאָל" איז אַ דייטשיש וואָרט און באַדייט אַ מאָלצייט, אַ סעודה. האָבן די דייטשע אידן אין מיטלאַלטער געמאַכט אַ קאָמבינאַציע פון די צוויי ווערטער און געשאַפן פון דעם אַזאַ מערקווירדיק וואָרט ווי „קנס׳מאָל", עס הייסט: די סעודה, די שמחה וואו עס ווערט אָפּגעמכט, וויפיל געלט־שטראָף עס מוז צאָלן דער צד, וואָס לאָזט אָפּ דעם שידוך. אַזוי ווי מ׳האָט ביי דער דאָזיקער שמחה אָפּגעשריבן שוואַרץ אויף ווייס אַלע באַדינגונגען, אַלע תנאים פון דעם שידוך, האָט עס אויך באַקומען דעם נאָמען „תנאים".

אין 16טן יאָרהונדערט איז אויפגעקומען דער מנהג ביי די דייטשע אידן צו ברעכן כלים אויפן קנס׳מאָל. מיט דער צייט איז דער דאָזיקער מנהג געוואָרן דער הויפּט־סימן פון אַ תנאים. מ׳דאַרף ניט צונויפמישן דאָס ברעכן כלים אויפן קנס׳מאָל מיטן צוברעכן דאָס גלאָז אונטער דער חופה. צוברעכן דאָס גלאָז אונטער דער חופה איז אַן אַלטער מנהג ביי אידן, אָבער צוברעכן טעלער אויפן קנס׳מאָל איז, ווי שוין געזאָגט, בלויז אייניקע הונדערט יאָר אַלט.

הגם דער חתן האָט ניט מקדש געווען די כלה אויפן קנס׳מאָל אוןביידע צדדים האָבן נאָכן דין נאָך געמעגט אָפּלאָזן דעם שידוך, האָט מען פונדעסט־

ווענן געהאַלטן פאַר אַן עברה צו ברעכן אַ „תנאים“. פרומע אידן האָבן זיך געהיטן עס ניט צו טון.

פרומע אידן האָבן מורא געהאַט צו צערייסן אַ תנאים, ווייל אין גמרא איז דאָ אַ גאַנצע שקלא־וטריא וועגן דעם, צי די מתנות, וואָס דער חתן גיט דער כלה נאָך די „אירוסין“, מעגן פאַררעכנט ווערן ווי אַ ווערט־זאַך, מיט וועלכער ער האָט זי מקדש געווען. אַז מ׳וויל, הייסט עס, זיין אַ „מחמיר“, מעג מען זאָגן, אַז אויב מ׳לאָזט אָפּ אַ שידוך נאָכדעם ווי דער חתן האָט גע־געבן דער כלה מתנות, בלייבט די כלה אַן אשת־איש. (קדושין ג, ע״ב).

אַ אידיש שפּריכוואָרט זאָגט: „ס׳איז בעסער פאַרמעט שניידן, איידער פּאַפּיר רייסן.“ דער פּשט פון דעם איז, אַז ס׳איז בעסער צו שרייבן אַ גט אויף אַ שטיק אָפּגעשניטענעם פאַרמעט נאָך דער חתונה, איידער צו צורייסן דאָס פּאַפּיר, אויף וועלכן מ׳האָט געשריבן די תנאים. וואָרים אידן האָבן ניט געוואָלט עס זאָלן זיין פאַרזעסענע מיידלעך. מ׳האָט געהאַלטן, אַז ס׳איז גלייכער, אַז אַ אידישע טאָכטער זאָל זיין אַ גרושה איידער זי זאָל פאַרזעסן ווערן.

שבת שפּינהאָליך

דעם שבת פאַר דער חתונה, וואָס הייסט ביי אונדז „אויפרוף“, האָט מען אין מיטלאַלטער גערופן „שפּינהאָליך“. דער נאָמען איז אויפגעקומען ביי די אידן אין דייטשלאַנד, אָבער מיר טרעפן אים אויך אין ספרים פון פּוילישע רבנים. דאָס האָבן די דייטשע אידן געבראַכט אָט דעם נאָמען, און נאָך אַנדערע ענלעכע, קיין פּוילן. וואָרים אין 15טן און 16טן יאָרהונדערט האָבן די דייטשע אידן אויסגעוואַנדערט מאַסנווייז קיין פּוילן און מיטגעבראַכט אַהין זייער שפּראַך און זייערע מנהגים.

וואָס דער נאָמען „שפּינהאָליך“ האָט לכתחילה באַדייט ווייסט מען היינט נישט. די פּאָפּולערסטע ערקלערונג איז, אַז דאָס האָט געשטאַמט פון אַן אַלטן דייטשן מנהג צו געבן דער כלה פאַר דער חתונה אַזאַ מין קיילעכדיקן האָליך, וואָס זי האָט דערנאָך באַנוצט אין שפּינען. אָבער דאָס איז ניט מער ווי אַ סברא. פאַראַן אויך אַנדערע טעאָריעס וועגן דעם, אָבער מ׳איז מיט קיינער פון זיי ניט זיכער. געווען ביי אידן אַ סך אַלטע דייטשע ווערטער פון דעם סאָרט, וואָס זייער באַדייטונג איז מיט דער צייט פאַרגעסן געוואָרן.

עס איז געווען אַ צייט, ווען מ׳האָט אין די דייטשע געטאָס געפּייערט צוויי שבתים פאַר דער חתונה. דעם שבת דירעקט פאַר דער חתונה האָט

מען גערופן „גרויס שפינהאָלץ״, און דעם שבת צוויי וואָכן פאַר דער חתונה האָט מען גערופן „קליין שפינהאָלץ״. אָבער מיט דריי הונדערט יאָר צוריק, אין 17טן יאָרהונדערט, איז „קליין שפינהאָלץ״ שוין געווען אונטער־געגאַנגען, און מען האָט געפייערט בלויז איין שבת פאַר דער חתונה. אין וואָרמס האָט זיך געפירט אין 17טן יאָרהונדערט, אַז דעם שבת פאַר דער חתונה איז דער אונטער־שמש געגאַנגען פרייטיק אָוונט נאָכן עסן דורך די גאַסן פון דער געטאָ און האָט גערופן הויך אויפן קול: „צו דער שפינהאָלץ!״ און קרובים און פריינט זיינען זיך באַלד צוזאַמענגעקומען ביי דער כלה׳ס עלטערן, וואו מ׳האָט זיי מכבד געווען מיט לעקעך און איינגעמאַכטס.

דער טאָג פון דער חתונה איז געוויינטלעך געווען פרייטיק, און דאָנער־שטיק, ערב דער חתונה, איז געווען אַ שמחה ביי דער כלה אין הויז. דאָס איז געווען דער טאָג ווען מ׳האָט געבראַכט צו דער כלה דעם חתנ׳ס חתונה־געשאַנקען. אָבער ניט דער חתן אַליין האָט עס געבראַכט, נאָר דער רב פון שטאָט, באַגלייט פון די אָנגעזעענסטע באַלעבאַטים. דער רב האָט איבערגע־געבן דער כלה די מתנות אין דעם חתנ׳ס נאָמען און איר געזאָגט בעת־מעשה אָט די ווערטער: „הער מיר צו, שיינע כלה. דיין חתן שיקט דיר דורך מיר די מתנות, אָבער דו מעגסט עס האַלטן פאַר דיין אייגנס ערשט נאָך דער חופה.״ דער רב האָט געמוזט אויסנעמען מיט דער כלה דעם דאָזיקן תנאי, כדי מ׳זאָל ניט קאָנען אויסטייטשן, אַז דאָס האָט דער חתן מקדש געווען די כלה דורך אַ שליח.

די כלה איז ביי דער דאָזיקער צערעמאָניע געשטאַנען פאַרשעמטערהייט און האָט געקוקט אָן דער זייט. זי האָט זיך געשעמט אַליין צוצונעמען די מתנה, האָט זי געבעטן אַ קרוב׳טע, וואָס איז געווען דערביי, זי זאָל עס צונעמען פאַר איר. די חתונה־מתנות זיינען געוויינטלעך באַשטאַנען פון אַ גאַרטל באַזעצט מיט זילבער אָדער אָפטמאָל אויך מיט גאָלד, אַ שלייער און ענלעכע זאַכן. אויך דער חתן פלעגט קריגן מתנות צו דער חתונה. די כלה פלעגט אים געוויינלעך געבן אַ רינג און אַ פּאָר שיך. דער כלה׳ס מוטער פלעגט צו דעם נאָך צולעגן אַ גאַרטל באַזעצט מיט זילבער.

חתן כלה פלעגן אויך קריגן מתנות פון קרובים און פריינט. איינע פון די פּאָפּולערסטע מתנות, וואָס מ׳האָט געגעבן חתן־כלה איז געווען אַ סידור. אין יענע צייטן איז נאָך ניט געווען די קונסט פון דרוק. אַ סידור, ווי יעדער בוך, האָט געמוזט געשריבן ווערן מיט דער האַנט און האָט געקאָסט אַ סך געלט. אָן אָרעמאַן האָט אַזאַ טייערע זאַך ניט פאַרמאָגט. איז דערפאַר קיין חידוש ניט וואָס אַ סידור איז אין יענע צייטן געווען אַ טייערע, אָנגעלעגטע

מתנה. אויך אַ „הגדה״, אַ קאָלירטע און אילוסטרירט מיט שענע בילדער, האָט זיך אין יענע צייטן גערעכנט פאַר אַ טייערן חתונה־געשאַנק.

אַ חתונה אין אַ ליטוויש שטעטל

מיר ווילן דאָ באַשרייבן אַ אידישע חתונה אין אַ ליטווישן שטעטל מיט אַ דור צוריק, אַן ערך אין די לעצטע צען יאָר פון ניינצנטן יאָרהונדערט. דער שרייבער פון דעם אַרטיקל באַשרייבט די דאָזיקע חתונה פון זיין אייגענעם זכרון. עס איז אַ חתונה, אויף וועלכער ער אַליין האָט אין זיינע קינדער־יאָרן געגעסן לעקעך.

אָבער צוערשט עטלעכע שורות וועגן דעם ליטווישן שטעטל, וואו דער שרייבער האָט פאַרבראַכט די ערשטע פאַר צענדליק יאָר פון זיין לעבן.

דאָס שטעטל

דאָס שטעטל, וואו די חתונה קומט פאָר, איז שוין פון זעקס יאָר מער אויף דער וועלט ניטאָ. די הייזער זיינען אַלע אָפּגעברענט, און די אידן וואָס האָבן געוואוינט אין די הייזער ליגן אַלע פאַרשאָטן אין איין גרויסן מאַסן־קבר.

ביז יוני 1941 איז אין דעם טייל פון ליטע, וואָס הייסט „זאַמוט״, האַרט ביי דער גרענעץ פון פּרייסן, 15־16 קילאָמעטער פון מעמעל, געלעגן אַ קליין שטעטל, וואָס האָט אויף רוסיש געהייסן גאַרזשדי און אידן האָבן עס גערופן גאָרזד. אַ שטעטל מיט אַן אַלטער געשיכטע און אַלטע טראַדיציעס פון הונדערטער יאָרן. אויפן אַלטן בית־עולם איז געווען אַ קבר פון אַ לעגענדאַרישן צדיק, וועלכער איז אין כמעלניצקיס שחיטות אויף אידן אַנטלאָפן פון לובלין און זיך באַזעצט אין גאָרזד.

קליין און אָרעם איז געווען דאָס שטעטל. דער ברוק אויף די פּאָר שמאָלע גאַסן איז געווען קרום און לאַם, אַ שפּיץ אַרויף און אַ שפּיץ אַראָפּ, און אין די נאַסע צייטן פון יאָר איז דאָס גאַנצע שטעטל געווען באַדעקט מיט אַ געדיכטער בלאָטע. אָבער דערפאַר איז זומער געווען שיין און גרין אין אַרום דעם שטעטל.

אויף איין זייט שטעטל האָבן שמאָלע, זאַמדיקע וועגן געפירט ווייטער קיין זאַמוט. אָבער אויף דער אַנדערער זייט, בלויז עטלעכע טריט הינטערן

שטעטל, איז מען אַריבערגעגאַנגען די „ראַגאַטקע” און מ'איז געווען אין אַן אַנדער מדינה, דאָרטן, אויף דער פּרייסישער זייט, האָט זיך אָנגעהויבן אַ ברייטער שאָסיי, וואָס האָט געפירט קיין מעמעל, און דאָרטן איז אַלצדינג געווען גאָר אַנדערש ווי אין זאַמוט. דאָרטן איז געווען טרוקן און שיין, און דאָרטן האָט מען געלעבט גאָר אַן ערך רייכער.

אין יענער צייט איז דאָס לעבן אין גאָרזד, אַזוי ווי אין אַלע זאַמוטער שטעטלעך, געווען רואיק און אידיליש. פּסח האָט אַפילו דער פּריסטאַוו געהאַט גרויס הנאה פון די מצות און דעם מעד, וואָס באַקאַנטע אידן האָבן אים אַריינגע־שיקט. יום־כיפור זיינען אַ סך קריסטן געקומען אין שול און מיט גרויס יראת הכבוד געשטאַנען און געקוקט ווי אידן דאַווענען; און אויף אַ אידישער חתונה איז דאָס גאַנצע שטעטל, יונג און אַלט, ניט בלויז אידן, נאָר אויך אַ סך קריסטן, צוזאַמענגעקומען אויפן שול־הויף און געשטאַנען קאָפּ אויף קאָפּ צו זען די חופּה־צערעמאָניע און צו הערן די מוזיק פון די קלעזמאָרים, וואָס מ'האָט געבראַכט אויף דער חתונה פון שקוד אָדער פון טעלז.

אָבער עלטערע לייט פון שטעטל האָבן שוין אין יענע צייטן זיך באַקלאָגט, אַז די אמת'ע פאַרצייטיגע אידישע חתונה האַלט ביים אונטערגיין. די וועלט ווערט וואָס פון טאָג אַלץ פאַרשייטער און אידישקייט ווערט וואָס ווייטער אַלץ שוואַכער, האָבן די עלטערע לייט געזאָרגט און זיך דערמאָנט אָן די אידישע חתונות, וואָס זיי האָבן נאָך געדענקט פון זייערע יונגע יאָרן. אין יענע יאָרן, האָבן זיי דערציילט, האָט מען געפירט די כלה אין מקווה מיט קלעזמאָרים, באַזעצט האָט מען די כלה אויף דער דייזשע, אין וועלכער מ'פאַרקנעט ברויט. מען האָט אָנגעפּאַקט די דייזשע פול מיט קישענס און באַזעצט אויף דעם די כלה. מ'האָט עס געהאַלטן פאַר אַ סגולה, אַז דאָס יונגע פּאָרל זאָל האָבן ברויט. אויף יעדער חתונה איז געווען אַ בדחן, וועלכער האָט צו באַזעצענס געזאָגט און געזונגען אַ סקאַרבאָוון פּזמון, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט די ווערטער: „כלה וויין, דו זיצסט דאָך אַליין.” די עלטערע לייט האָבן אויך געדענקט, ווי מ'פלעגט אַמאָל אָפּשערן דער כלה די האָר צו באַזעצענס.

מיט אַ דור צוריק זיינען אָט די אַלטע חתונה־מנהגים פון די פריערדיקע צייטן שוין געווען אונטערגעגאַנגען אין די זאַמוטער שטעטלעך. די כלה אין מקווה האָט מען געפירט אין דער שטיל. בלויז די מחותנת'טעס און די טוקערקע זיינען מיטגעגאַנגען מיט איר. באַזעצט האָט מען די כלה ניט אויף קיין דייזשע, נאָר אויף אַ שטול. קיין בדחן איז איבערהויפּט שוין מער ניט געווען. דער אַלטער בדחן פון שטעטל איז געשטאָרבן, און קיין נייער בדחן

איז מער ניט אויפגעוואַקסן. טאָמער איז יאָ געוואַקסן אַ בדחן, איז ער אַוועקגע־פאָרן קיין אַמעריקע. אויך פון אָפּשערן דער כלה אירע צעפּ האָט מען מער ניט געוואוסט. יונגע ווייבלעך האָבן זיך געמאַכט שייטלען פון זעלביקן קאָליר ווי די אייגענע האָר און האָבן געטראָגן דעם שייטל אויף די אייגענע האָר. מ׳האָט אָפּילו געזעדט אין שטעטל אויף היינטוועלטיקע ווייבלעך, אַז זיי טראָגן שייטלען געמאַכט בפועל־ממש פון זייערע אייגענע האָר, וואָס די שייטל־מאַכערקע האָט אויסגעשיטערט פאַר זייער חתונה.

מ׳פאָרט אַנטקעגן דעם חתן

דער חתונה־טאָג פאַר אַ מיידל איז געוויינטלעך געווען פרייטיק, און פאַר אַן אלמנה אָדער גרושה — דאָנערשטיק. אָבער ביי אַן אלמנה אָדער אַ גרושה האָט מען איבערהויפּט גאָרניט געזאָגט אַז מ׳מאַכט אַ חתונה, נאָר „מ׳האָט געשטעלט אַ חופּה“, האָט מען עס גערופן, און געשטעלט די חופּה האָט מען ניט ביי דער שול, נאָר אין שטוב גופא.

אָפּטמאָל, ווען דער בחור און דאָס מיידל זיינען געווען ניט פון דער זעלביקער שטאָט, האָט מען געמאַכט די חתונה אויפן וועג אין אַ קרעטשמע. מ׳האָט עס גערופן „אַ צוזאַמענגעפאָרענע חתונה.“ אין אַזאַ פאַל איז דער חתונה־טאָג געווען ניט פרייטיק, נאָר דינסטיק אָדער דאָנערשטיק, וואָרים די מחותנים האָבן געמוזט האָבן די נויטיקע צייט צו זיין אויף שבת צוריק אין דער היים. מערסטנס אָבער זיינען די מחותנים פון דעם חתנ׳ס צד גע־קומען אויף דער חתונה אין דער כלה׳ס שטעטל און דאָרטן געבליבן אויף איבער שבת.

ווען דער חתן און זיינע מחותנים זיינען געקומען צו דער כלה פון אַן אַנדער שטאָט, זיינען אַ צאָל געקליבענע מחותנים פון דער כלה׳ס צד גע־פאָרן אַנטקעגן חתן, און געפאָרן איז מען מיט גרויס פּאַראַד און אַ סך טומעל. מ׳האָט געדונגען די שענסטע בריטשקעס און די בעסטע פערד וואָס מ׳האָט נאָר געקענט קריגן, און אַ סך גלעקער זיינען געווען אָנגעבונדן אָן דעם שפּאַנגעצייג. אַז עס האָט זיך געהערט פון עק שטאָט ווי די פערד גאַלאָ־פּירן און די גלעקער אויף די פערד קלינגען, האָט מען שוין געוואוסט, אַז „דער חתן פאָרט!“ און יונג און אַלט זיינען באַלד געשטאַנען אין די פענסטער, אויף די גאַניקעס און אויפן גאַס צו זען דעם פּאַראַד, ווי דער חתן און זיינע מחותנים פאָרן אַריין אין שטאָט.

קיין זאַל פאַר חתונות איז, פאַרשטייט זיך, ניט געווען אין שטעטל.

אָבער געוויסע רייכערע באַלעבאַטים האָבן פאַרמאָגט גרויסע שטיבער מיט פלאַץ פאַר אַ גרעסערן עולם. האָבן די דאָזיקע באַלעבאַטים — אַ מאָל דער, אַמאָל יענער — געלאָזט מאַכן אין זייערע וואוינונגען די חתונות פון שטעטל. קיין געלט האָבן זיי פאַר דעם ניט גענומען. זיי האָבן עס געטאָן אַ טובה אָדער פון מצוה וועגן. אָבער מ׳האָט געמוזט האָבן פאַר יעדער חתונה צוויי אַזעלכע גרעסערע הייזער. וואָרים דער צערעמאָניאַל פרייטיק נאָכמיטאָג פאַר דער חופה און אויך דער טאַנץ און די הוליאַנקע שבת־צו־נאַכטס זיינען גע־פראַוועט געוואָרן פאַר מענער און פרויען אין צוויי גאַנץ באַזונדערע הייזער, אָפטמאָל גאַנץ ווייט איינע פון די אַנדערע.

קבלת־פּנים פאַרן חתן

פרייטיק, באַלד נאָך פרישטיק, איידער נאָך די חתונה האָט זיך אָנגעהויבן, זיינען די קלעזמאָרים געגאַנגען פון הויז צו הויז, צו אַלע קרובים און פריינט פון חתן־כלה, אויפשפּילן לכבוד דער חתונה. נאָכן אויפשפּילן האָבן זיי אין יעדן הויז געקראָגן קלעזמער־געלט. דאָס איז געווען איינע פון זייערע הכנסות. ניט זעלטן האָט פּאַסירט, אַז די קלעזמאָרים האָבן דורך אַ טעות אויסגעלאָזן פון דער ליסט איינעם פון די קרובים און ניט געקומען שפּילן אין זיין הויז. עס האָט ניט לאַנג געדויערט, האָט זיך געהערט אַ קלאַנג, אַז דער פעטער יאַנקע־מאָטע און די מומע פייגע־רויזע זיינען ברוגז געוואָרן און גייען ניט אויף דער חתונה. האָבן דער מחותן מיט דער מחותנת׳טע גע־מוזט לויפן הענדום־פּענדום איבערבעטן דעם פעטער מיט דער מומען. מ׳האָט, פאַרשטייט זיך, געוואָרפן די גאַנצע שולד אויף די קלעזמאָרים. ווי קען מען גאָר פאַראיבל האָבן אויף מענטשן וואָס מאַכן אַ שנאַפּס פאַרן דאַווענען? אָט אַזוי האָט מען איינגע׳טענה׳ט מיט דעם ברוגז׳ן פעטער און דער ברוגז׳ער מומען, וועלכע האָבן זיך געלאָזט איבערבעטן און זיינען געגאַנגען זיך אויספּוצן צו גיין אויף דער חתונה.

אין דעם הויז, וואו דער חתן איז איינגעשטאַנען, האָט מען פרייטיק פאַר דער חופה ניט געמאַכט קיין גרויסע צערעמאָניעס. אמת טאַקע, דאָרטן זיינען געזעסן לעבן דעם חתן דער רב און אויך נאָך אַנדערע כלי־קודש. דערצו נאָך זיינען דאָרטן געווען מאַנסבילן פון חתנ׳ס און אויך פון דער כלה׳ס צד. אָבער מ׳האָט נאָר געגעבן לעקעך מיט בראָנפן און דער חתן האָט גע־טיילט אַלעמען פריי פּאַפּיראָסן. מ׳האָט עס גערופן: „גיין צו דעם קבלת־פּנים פאַרן חתן.״ צו דעם דאָזיקן קבלת־פּנים זיינען געקומען אויך אַ סך זייטיקע

מענטשן, ווען מ׳האָט גאַרניט פאַרבעטן אויף דער חתונה. מ׳איז בלויז אַריינגעגאַנגען, אָפּגעבן דעם חתן מזל־טוב, גענומען אַ שטיקל לעקעך מיט אַ גלעזל בראָנפן און באַלד צוריק אַרויסגעגאַנגען.

„באַזעצענס" און „באַדעקענס"

די אמת׳ע חתונה איז געווען אין הויז וואו די כלה איז איינגעשטאַנען. דאָ האָט מען געפּראַוועט אַ סך פייערלעכע צערעמאָניעס אין די פּאָר שעה פאַר דער חופּה.

די ערשטע צערעמאָניע איז געווען „באַזעצענס". די דאָזיקע צערעמאָניע האָט מען געפּראַוועט אין אַ פייערלעכער און אומעטיקער אַטמאָספערע. די קלעזמאָרים האָבן געשפּילט אַ טרויעריקע מעלאָדיע. נאָך באַזעצענס האָט אין איין רגע זיך געביטן די אַטמאָספערע. די ווייבער אַרום דער כלה האָבן אָנגעהויבן האַפּקען און טאַנצן אַ פריילעכס, און אַלע זיינען געוואָרן לוסטיק און לעבעדיק. בלויז די כלה איז געבליבן אומעטיק ווי פריער. זי איז געזעסן אין מיטן צימער אָנגעטאָן אין אַ לאַנגן שלייער און האָט פאַרגאָסן טייכן טרערן, זיך אויסגעבעטן אַ גוט מזל.

נאָך באַזעצענס איז געקומען די פייערלעכע צערעמאָניע פון „באַדעקענס". אַ גרופּע פרויען, מיט די קלעזמאָרים פאַראויס, זיינען אַוועקגעגאַנגען צום חתן אים מקבל־פּנים צו זיין און אים צו רופן צו באַדעקענס. אָנגעקומען צום חתן, האָבן די קלעזמאָרים אויפגעשפּילט. די ווייבער האָט מען מכבד געווען מיט איינגעמאַכטס, און דער חתן און זיינע מחותנים מיט די ווייבער און קלעזמאָרים זיינען אַלע אינאיינעם אַוועקגעגאַנגען צו דער כלה.

אויפן גאַס האָבן אינגלעך געשריען מיט באַנומענע קולות: „דער חתן גייט!" און אין דער רגע האָבן די מיידלעך, וועלכע זיינען געשטאַנען ביי דער כלה׳ס שטול, אָנגעצונדן די ליכט, וואָס זיי האָבן געהאַלטן אין זייערע הענט.

דער חתן, באַגלייט אויף ביידע זייטן פון זיין טאַטן און דעם רב, איז דורכגעגאַנגען דורך די צוויי רייען מיידלעך מיט די אָנגעצונדענע ליכט, ביז ער איז אַזוי צוגעגאַנגען צו דער כלה׳ס שטול. דאָ זיינען געשטאַנען ביידע מאַמעס מיט אַ טעלער ראָזשינקעס אָדער האָפּען. דער טעלער איז געווען באַדעקט מיט אַ שיינעם, זיידענעם טיכל. דער רב און דער חתן האָבן ביידע אָנגענומען דאָס טיכל ביי צוויי עקן, עס האָסטיק אַ הויב געטאָן און באַדעקט מיט דעם די כלה. אין דעם מאָמענט האָט אַ האָגל פון ראָזשינקעס אָדער

האָפּען זיך אַ שאָט געטאָן אויף די קעפּ פון חתן און זיין באַגלייטער, דעם רב.

דער חתן און זיין סוויטע זיינען איצט צוריק אַוועקגעגאַנגען צום הויז וואו זיי זיינען איינגעשטאַנען. אָבער די קלעזמאָרים זיינען געבליבן ביי דער כלה צו שפּילן ביי דער דריטער צערעמאָניע: „דער כשר־טאַנץ", ביי וועלכן יעדע פרוי און מיידל האָט אַרומגענומען די כלה און זיך אַ דריי געטאָן מיט איר איבערן צימער.

די צערעמאָניעס פאַר דער חופּה זיינען איצט געווען פאַראיבער, און חתן־כלה, אין צוויי באַזונדערע הייזער, האָבן זיך איצט געגרייט פאַר דעם גרויסן און פייערלעכן מאָמענט פון זייער לעבן: די חופּה.ביידע האָבן זיי געפאַסט, און ביידע האָבן זיי מיט צעבראָכענע הערצער געזאָגט צו מנחה דעם לאַנגן „על־חטא". דער חתן האָט איצט דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן אָנגעטאָן אַ טלית, וואָס איז געווען אַ מתנה פון דער כלה. אונטער דעם טלית האָט ער געטראָגן אַ קיטל. אַט אַזוי, מיטן טלית און דעם קיטל, האָט ער געדאַוונט מנחה, און אַזוי איז ער געגאַנגען צו דער חופּה. אָפטמאָל האָט די מוטער נאָך אַריינגעלייגט אַ שטיקל קנאָבל ביים חתן אין קעשענע פאַר אַ סגולה קעגן אַן עין־הרע.

צו דער חופּה

דערווייל האָט דער שמש פון שול אויפגעשטעלט די חופּה אויפן שול־הויף ביי דער טיר פון שול. די חופּה איז געווען דאָס אייגנטום פון קהל, און איז געשטאַנען צוזאַמענגעלייגט אין פּאַליש פון שול. ווי נאָר דער שמש האָט אַרויסגעטראָגן די חופּה אויפן שול־הויף, האָבן זיך גלייך אַ סך אינגלעך אָנגעבאָטן צוצוהאַלטן די שטאַנגען. עס זיינען געווען מער אינגלעך בעלנים אויף דעם ווי חופּה־שטאַנגען, אָבער דער שמש האָט זייער לייכט אויסגעגליכן דעם שטרייט צווישן די אינגלעך. ער האָט אַוועקגעשטעלט צוויי אָדער דריי אינגלעך צו האַלטן יעדן פון די פיר חופּה־שטאַנגען. ס'איז בכלל געווען גלייכער, אַז וואָס מער פון די דאָזיקע אינגלעך זאָלן שטיין ביי די חופּה־שטאַנגען און מ'זאָל האַלטן אַן אויג אויף זיי. וואָרים אָט די אינגלעך, ווען זיי האָבן זיך אַרומגעדרייט צווישן דעם געדיכטן עולם, האָבן אָפּגעטאָן די מחותנים אַלערליי שטוקעס. ווינטער האָבן זיי געוואָרפן שניי, און זומער — שטעכיקע בערעלעך, און אָפטמאָל האָבן זיי אַפילו געוואָרפן שטיינער.

חתן־כלה האָט מען געפירט צו דער חופּה אין צוויי באַזונדערע פּראָצעסיעס מיט אַ היבשער הפסקה אינמיטן. צוערשט זיינען די קלעזמאָרים,

שפּילנדיק אַן אומעטיקן ניגון, געגאַנגען פאַראויס, פירנדיק די פּראָצעסיע פון דעם חתן און די מאַנסבילן. דערנאָך זיינען זיי אַוועק ברענגען די כלה מיט די ווייבער. אין דער צייט פון אָט דער הפסקה איז דער חתן געשטאַנען אונטער דער חופּה, אַרומגערינגלט פון די כלי־קודש און די מחותנים. אַן אויסגעפּוצטער און אַ בלייכער פון פאַסטן אַ גאַנצן טאָג, איז ער אַזוי געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן ווי פאַרשעמט, וויסנדיק, אַז אין דעם דאָזיקן מאָמענט האַלטן אויף אים אָנגעשטעלט די אויגן כמעט אַלע אידן פון שטעטל, וועלכע האָבן אָנגעפילט דעם שול־הויף פון עק צו עק, כדי מקיים צו זיין די מצווה פון „הכנסת כלה“.

אָבער צו לאַנג איז דער חתן ניט געשטאַנען אין אָט דער פּאָזע פון פאַרלעגנהייט און פאַרשעמטקייט. באַלד האָט זיך ווידער געהערט פון וויטן דער אומעטיקער ניגון פון די קלעזמאָרים, און די צווייטע, מער אימפּאָזאַנטע, פּראָצעסיע פון דער כלה האָט זיך לאַנגזאַם באַוועגט דורכן שול־הויף. די קלעזמאָרים האָבן זיך געפליסט מיט אַלע זייערע כוחות צו מאַכן דעם מאָמענט וואָס ערנסטער און פייערלעכער. אַ שווערע, איינגעהאַלטענע שטילקייט איז געלעגן אויף אַלעמען דורך דער גאַנצער צייט פון דער חופּה־צערעמאָניע.

נאָך דער חופּה

ווי נאָר דער רב האָט אַרויסגעזאָגט די לעצטע ווערטער פון דער לעצטער ברכה: „משמח חתן עם הכלה“, האָט פּלוצלינג זיך געביטן די אָט־מאָספערע. די אָנגעצויגנקייט איז פאַרשוואונדן און דער דריקנדיקער אומעט האָט זיך אויפגעלייזט אין אַ לוסטיקער פרייד. פון אַלע זייטן האָט זיך געהערט אַן אויסגעשריי: „מזל־טוב!“ די כלה האָט אָפּגעדעקט איר פּנים. די קלעז־מאָרים האָבן אויפגעשפּילט אַ פריילעכס און האָבן מאַרשירט אַלעמען פאָראויס. מענער און פרויען האָבן זיך איצט דורכגעמישט אין איין פּראָצעסיע, וועלכע האָט האַסטיק מאַרשירט צו דער כלה אין הויז. די צוויי מאַמעס האָבן געטאַנצט פאָראויס פאַר חתן־כלה, וועלכע זיינען איצט געגאַנגען זייט־ביי־זייט. ווען די פּראָצעסיע איז צוגעקומען נאָענט צום הויז, איז אַ מחותנת׳טע, אַ מומע אָדער אַן אַנדער קרובה אַרויסגעקומען אַלעמען אַנטקעגן מיט אַ גרויסער „קידקע“ אין אירע הענט, האָפּקענדיק און שרייענדיק: „מזל־טוב!“ דער כלה׳ס צד האָט שטענדיק געזען, אַז די כלה זאָל אַריבערגיין די שוועל פון הויז פריער פאַרן חתן. מ׳האָט עס געהאַלטן פאַר אַ סגולה, אַז זי זאָל שפּילן די ערשטע פידל אין הויז.

פרייטיק־צו־נאַכטס האָט מען געדאַוונט ביים חתן, אָבער שבת פרי איז דער חתן געגאַנגען אין שול. ער איז געגאַנגען באַגלייט פון די צוויי טאַטעס און די צוויי אונטערפירערס. ווי נאָר מ׳האָט אָנגעהויבן לייענען, האָט דער כלה׳ס מוטער אויסגערופן אין דער ווייבערשער שול: „ווער גייט פירן די יונגע ווייבל אין שול?״ כמעט אַלע פרויען פון שול זיינען מיטגעגאַנגען מיט דער כלה׳ס מוטער. איינע האָט על־כל־פּנים געמוזט מיטגיין. דאָס איז געווען די רבי׳צין. די כלה איז געזעסן אין שול אויבנאָן לעבן דער רבי׳צין. זי איז געזעסן שטיל און האָט ניט געדאַוונט. מ׳האָט געזאָגט, אַז דער טעם פון דעם דאָזיקן מנהג איז כדי ניט צו פאַרשעמען אַ ניט־געלערנטע כלה, וועלכע האָט ניט געקענט דאַווענען.

דעם טאַנץ און די הוליאַנקע נאָך הבדלה האָבן די קלעזמאָרים אָנגעהויבן מיט שפּילן זמירות. די קלעזמאָרים האָבן געשפּילט ביי דער כלה, וואו די מיידלעך און די ווייבער האָבן געטאַנצט און געגעסן נאַשערייען ביז שפּעט נאָך האַלבער נאַכט. ביי דעם חתן האָבן זיך די מאַנסבילן משמח געווען גאָר אויף אַן אַנדער שטייגער. דאָרט האָט מען ניט געטאַנצט, נאָר דער חזן פון שטעטל האָט משמח געווען און אונטערהאַלטן דעם חתן און די חתונה־געסט מיט חזנות. ער האָט אויך געמאַכט „מי שברך״ חתן־כלה און די מחותנים אין נאָמען פון יעדן איינעם און באַקומען קליינגעלט פאַרן „מי שברך״. אַ חוץ דעם חזן, האָט אויך יעדער חתונה־גאַסט מיט עפּעס אַ שטיקל טאַלאַנט אונטער־האַלטן דעם עולם מיט כל׳ערליי געזאַנגען, פזמונות, גראַמען און בדחנ׳ישע שטיק.

די יונגאַטשעס פון שטעטל זיינען אין אַזאַ פריילעכן אָוונט געווען שטאַרק פאַרנומען אויף ביידע פראָנטן. זיי האָבן אָפּגעטאָן שטוקעס די מחותנים סיי ביי דעם חתן, סיי ביי דער כלה. מער ווי איין מאָל האָט פּאַסירט, אַז מ׳האָט גאָר פלוצלונג אַריינגעשטופּט דעם שטאָט־באָק אין הויז אַריין צווישן די אויסגעפּוצטע מחותנים. דאָס בעסטע מיטל איז געווען זיך ניט איינצורייסן מיט די יונגאַטשעס און זיך אויסצוקויפן פון זיי מיט גרויסע חלקים לעקעך און טאָרט. מ׳האָט אויך ניט געטאָרט פאַרשטעלן די פענסטער, כדי די יונגאַטשעס זאָלן בעסער שטיין לעבן הויז און קוקן ווי די מיידלעך טאַנצן.

זונטיק, נאָך דער חתונה, האָט געהייסן „דער רומפּעל״. „רומפּעל״ איז אַן אַלט דייטשיש וואָרט, וואָס האָט באַדייט טומל. אויפן רומפּעל האָט מען געגעסן אַ געזעגן־מאָלצייט, און נאָך דעם מאָלצייט האָט מען אויסגערופן די „דרשה־געשאַנק״. אין די פריערדיקע צייטן האָט דער בדחן עס אויסגערופן. אין דער צייט, פון וועלכער מיר דערציילן דאָ, האָט עס דער סאָרווער געטאָן.

אַ אידישע חתונה אין דייטשלאַנד צום סוף מיטלאַלטער

די צייט ביים סוף פונם 14טן יאָרהונדערט איז געווען ענלעך אין אַ געוויסער מאָס צו אונזער איצטיקער צייט, נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. אויך דעמאָלט איז געווען ניט לאַנג נאָך אַ בלוטיקער קאַטאַסטראָפע אין אידישן לעבן. עס איז געווען עטלעכע צענדליק יאָר נאָך די שחיטות אויף אידן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין די יאָרן פון „שוואַרצן טויט״. אַזוי רופט מען ביז היינט די שרעקלעכע מגפה וואָס האָט געבושעוועט איבער גאַנץ אייראָפּע און אַזיע אין די יאָרן 1348 און 1349. און באַלד ווי די מגפה האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרשפרייטן, האָט מען אויסגעטראַכט אַ בלבול אויף אידן, אַז דאָס איז זייער שולד; אַז דאָס האָבן זיי פאַרגיפטעט אומעטום די ברונימער און די טייכן, כדי אויסצוראָטן די גויים. און ניט גלאַט אַזוי אַ בלבול, גלאַט אַזוי אַ ליגן האָט מען אויסגעטראַכט אויף אידן, נאָר מ׳האָט צום ליגן נאָך אויסגעטראַכט אַלערליי סימנים און מ׳האָט דערציילט דעם ליגן מיט אַלערליי איינצלהייטן.

גזירות, פּאָגראָמען און שחיטות אויף אידן זיינען אין מיטלאַלטער געווען אַן אָפטע זאַך. אָבער די סאַמע בלוטיקסטע שחיטה, וואָס אידן האָבן אין מיטלאַלטער דורכגעמאַכט, איז פאָרגעקומען אין די יאָרן פון דער שוואַרצער מגפה.

דער צענטער פון אידישן גייסטיקן לעבן איז ביז דעמאָלט געווען די געגענט פון דעם ריין, און דאָרטן זיינען אידן דערקלערט געוואָרן מחוץ פון דעם געזעץ, אָדער מ׳האָט זיי פאַרברענט לעבעדיקערהייט. אין באַזעל האָט מען אויסגעבויט אויף אַן אינדזעלע אין דעם ריין אַ ספּעציעל הויז און דאָרטן האָט מען צונויפגעטריבן אַלע אידן און זיי פאַרברענט. אַ וואָך שפּעטער האָט מען פאַרברענט אויפן שייטערהויפן אַלע אידן פון פרייבורג. אין וואָרמס האָט מען פאַרברענט אין איין טאָג איבער 400 אידישע מענער, אַ חוץ ווייבער און קינדער. אין אָפּענהיים און אין פראַנקפורט האָבן די אידן זיך אַליין פאַרברענט אין זייערע אייגענע הייזער, כדי ניט אַריינצופאַלן אין די הענט פון די פיינט. אין מאַינץ האָבן די אידן זיך צוגעגרייט פאַר דעם אָנפאַל, און דריי הונדערט פון זיי האָבן זיך באַוואָפנט און דער׳הרג׳עט צוויי הונדערט פון דעם שטאָטישן המון. דאָס האָט שטאַרק אויפגערעגט די גאַנצע קריסטלעכע באַפעלקערונג פון שטאָט, וועלכע האָט זיך אויך באַוואָפנט. עטלעכע טעג האָבן זיך אידן העלדיש פאַרטיידיקט, און אַז זייער ווידערשטאַנד איז געווען געבראָכן, האָבן זיי אונטערגעצונדן זייערע הייזער און זיינען

דאָרט פאַרברענט געוואָרן. אַרום זעקס טויזנט אידן זיינען אומגעקומען אין מאַינץ, און אַזוי ווייטער אין אַלע אַנדערע שטעט פון ריינלאַנד.

דאָס איינציקע לאַנד, וואו אידן האָבן צום ווינציקסטן געליטן פון דער שוואַרצער מגפה, איז געווען פוילן. האָט זיך אָנגעהויבן אַן אויסוואַנדערונג פון די דייטשע אידן קיין פוילן, און דער מיטלפונקט פון אידישן לעבן האָט זיך אין יענער צייט אַריבערגעטראָגן פון מערב־איראָפּע קיין מזרח־איראָפּע. טויזנטער אידן זיינען דעמאָלט געקומען פון דייטשלאַנד קיין פוילן און האָבן מיטגעבראַכט אַהין זייער געלערנטקייט און אויך זייער שפּראַך, זייער אידיש־דייטש, פון וועלכער עס האָט זיך שפּעטער אַנטוויקלט אונדזער אידיש.

אָבער דער מאַסן־מאָרד אין דער צייט פון דער שוואַרצער מגפה האָט ניט אויסגעראָט אינגאַנצן די אידן אין דייטשלאַנד. צעשפּרייטע רעשטלעך זייערע האָבן זיך ווידער אומגעקערט אין די ערטער וואו זיי האָבן פריער געוואוינט. די גייסטיקע אויבערהערשאַפט אין דעם אידישן לעבן האָבן די דייטשע אידן פון דעמאָלט אָן פאַרלאָרן.

עטלעכע צענדליק יאָר נאָך דער שוואַרצער מגפה איז נאָך געווען אַ תוהו־ובוהו אין דעם אידישן לעבן אין דייטשלאַנד. אַ סך ישיבות זיינען געווען אונטערגעגאַנגען. אַ סך אידישע קהילות זיינען נאָך געווען חרוב. די געבליבענע קהילות זיינען ניט געווען פאַרבונדן איינע מיט דער אַנדערער, און יעדע קהילה האָט געהאַט אירע אייגענע מנהגים. מ׳האָט באַדאַרפט אַ גרויסן רב, מיט אַ גרויסער רעליגיעזער אויטאָריטעט, צו מאַכן אַן אָרדענונג אין דעם לעבן פון די דייטשע אידן. אַזאַ רב איז געווען ר׳ יעקב הלוי סעגאַל, וועלכער איז באַקאַנט מיטן ראשי־תיבות מהרי״ל.

דער מהרי״ל איז געווען דער רב און אויך דער ראש־ישיבה אין מאַינץ. אַ לעבן האָט ער געמאַכט פון שדכנות, און זיין גאַנצע הכנסה פון דעם רבנות האָט ער אַוועקגעגעבן אויסצוהאַלטן די ישיבה.

פון אַלע נאָענטע און ווייטע קהילות האָט מען זיך געווענדט מיט „שאלות" צו דעם מהרי״ל, און ער האָט אַלעמען געשיקט „תשובות" און אַלע האָבן אים געפאָלגט. אַליין קיין ספרים האָט ער ניט געשריבן, אָבער ער האָט געהאַט אַ געטרייען תלמיד, ר׳ זלמן, וועלכער האָט אָנגעשריבן אַ ספר וועגן זיין גרויסן רבי׳ן — דעם ספר מהרי״ל — וואָס איז איינער פון די רייכסטע קוואַלן פאַר דער קולטור־געשיכטע פון די אידן אין דייטשלאַנד אין מיטל־אַלטער.

ר׳ זלמן האָט ניט געשריבן קיין ביאָגראַפיע פון זיין רבי׳ן, נאָר ער האָט געשריבן אַ ספר מיט דינים לויט ווי דער מהרי״ל האָט גע׳פסק׳נט און לויט

ווי ער האָט זיך אויפגעפירט אין זיין פּערזענלעכן לעבן. אָבער אין ר׳ זלמנ׳ען איז געזעסן א שרייבער, אַ בעלעטריסט, און ער רייסט איבער אָפּטמאָל אינגאַנצן די דינים און די פרומע דרשות זיינע און באַשרייבט מיט אַלע פּרטים און מיט לעבעדיקע קאָלירן סצענעס און צערעמאָניאַלן, אין וועלכע דער מהר״ל איז געווען דער אָנפירער. עס איז אַ מערקווירדיק קאַפּיטל אידישע ליטעראַטור, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין די דייטשע געטאָס אַרום פינף־זעקס הונדערט יאָר צוריק. געשריבן איז דער „ספר מהר״ל״ אין העברעאיש, אָבער מ׳קען לייכט דערקענען, אַז די שפּראַך וואָס דער מחבר האָט גערעדט איז געווען אידיש.

אַזוי אַרום רייסט איבער ר׳ זלמן די „הלכות נשואין״, די דינים פון חתונה־האָבן, און באַשרייבט אַ חתונה אין מאַינץ, דער עיקר ווי דער מהר״ל, דער מסדר־קידושין, האָט זיך אויפגעפירט אויף דער חתונה.

ביי דער חתונה

די חתונה וואָס ווערט דאָ באַשריבן איז אַ סך אַנדערש פון דער טראַדיציאָנעלער, אַלטער, אידישער חתונה וואָס מיר געדענקען נאָך.

ערשטנס, קומט־פאַר די חתונה־צערעמאָניע ניט פּריוואַט, נאָר פּרייטיק אינדערפרי; צווייטנס, פּראַוועט מען די חתונה־צערעמאָניע ניט אויפן שול־הויף, נאָר אינעווייניק אין שול גופא, אויף דער בימה; דריטנס, איז דאָס וואָס מיר רופן חופה גאָר ניטאָ אויף דער דאָזיקער חתונה; פערטנס, קיינער לייענט ניט די כתובה.

נאָר לאָמיר בעסער באַשרייבן פון אָנהויב אָן דעם גאַנצן גאַנג פון אַ אידישער חתונה אין דער ריין־געגנט אין יענע צייטן.

עס איז פרייטיק באַגינען אין מאַינץ. דער שמש, ווי זיין שטייגער איז אַלע טאָג, גייט פון הויז צו הויז, קלאַפּט אין די טירן מיט אַ הילצערנעם האַמער און וועקט אַלעמען צום דאַווענען. פאַר איין וועג רופט ער אויך די גאַנצע געמיינדע צו דער חתונה. אַ חתונה טראָגט ניט קיין פּריוואַטן כאַראַקטער, נאָר די גאַנצע שטאָט נעמט אָן אָנטייל אין דער שמחה און אַלע פילן זי מיט.

די חתונה הויבט זיך אָן מיט דעם, וואָס דער מהר״ל צוזאַמען מיט עטלעכע חשוב׳ע באַלעבאַטים פון דער קהילה גייען אַוועק צום חתן און ברענגען אים אויפן שול־הויף. פאַראויס גייט דער חתן, נאָך אים דער

מהרי״ל און די באַלעבאַטים, און הינטער זיי גייען די קלעזמאָרים מיט אַ גרויסן עולם אידן, וואָס טראָגן ברענענדיקע פאַקלען אין די הענט.

נאָכדעם ווי מ׳האָט געבראַכט דעם חתן אויפן שול־הויף, גייען די פאַקל־טרעגער און די קלעזמאָרים צוריק און קומען באַלד ווידער מיט דער כלה און אירע חברות. ווען די כלה קומט צו צום אַריינגאַנג פון שול־הויף, גייען צו דער מהרי״ל און די אָנגעזעענע באַלעבאַטים צו דעם חתן און פירן אים מקבל פנים צו זיין די כלה. דער חתן נעמט זי אָן ביי דער האַנט, און ווי זיי שטייען אַזוי, אָנגענומען פאַר די הענט, וואַרפט דער גאַנצער פאַרזאַמלטער עולם קערנער ווייץ אויף זיי און רופט אויס דריי מאָל: „פרו ורבו!״ (פרוכ־פערט אייך און מערט אייך!). אין די קערנער מישט מען אויך אַריין מטבעות. די מטבעות זיינען אַ סגולה צו רייכקייט, אָבער מ׳נוצט זיי אויס פאַר צדקה. אָרעמעלייט קלייבן זיי אויף פון דר׳ערד.

האַלטנדיק זיך אַזוי פאַר די הענט, גייען־צו חתן־כלה צו דער טיר און זעצן זיך דאָרט אַ ווײַלע אַוועק אויף אַ באַנק. זיצן זיי אַזוי אַ קורצע ווײַלע, און די כלה גייט דאַן אַהיים, טוט זיך אָן אַ שלייער אויפן פנים און פון אויבן, איבער איר קלייד, אַ ווייס תכריכים־העמד. מ׳טייטשט עס אויס ווי אַ מיטל, זי זאָל זיך דערמאָנען אָן טויט און ניט אַריבערכאַפּן די מאָס פון פרייד. איבער דעם ווייסן העמד טוט זי זיך אָן דעם ברייטן מאַנטל מיט שמאָלע אַרבל, וואָס פאַרהייראַטע פרויען טראָגן אויף שמחות. דער דאָזיקער ברייטער מאַנטל איז באַפּוצט מיט פעלץ און באַצויגן מיט זייד.

אין דער צייט פירט מען אַריין דעם חתן אין אַ זייטיקן צימער פון דער שול־געביידע, וואו ער טוט זיך אָן זיינע שבת׳דיקע בגדים. ער פוצט זיך אויס אין אַ פעלערינע מיט אַ קאַפּושאָן אַריבערגעצויגן איבער זיין קאָפּ. אַזאַ פעלערינע מיט אַ קאַפּושאָן טראָגן אידן און אויך דייטשן ביי פאַרשיידענע יום־טוב׳דיקע געלעגנהייטן.

דער חתן זעצט זיך דאַן אַוועק אין שול ביים ארון־קודש אויף דער צפון־מזרח׳דיקער זייט פון שול, און דער עולם דאַוונט שחרית. מ׳זאָגט נאָר קיין „תחנון״ ניט. אין אָט דער צייט, ווען דער חתן מיט דעם גאַנצן עולם דאַווענען אין שול, זיינען די חברות פון דער כלה שטאַרק פאַרנומען מיט איר אינדערהיים. זיי פלעכטן איר די האָר און גיבן איר מתנות.

באַלד נאָכן דאַווענען הייבט זיך אָן די חתונה־צערעמאָניע. די שול איז געפּאַקט, אַלע קרובים און פריינט זיינען אָנגעטאָן אין זייערע שבת׳דיקע בגדים. אויך דער מהרי״ל, — דער מסדר־קידושין, — טראָגט זיינע שבת׳־דיקע קליידער, מיט איין אויסנאַם: ער איז אָנגעטאָן אין זיין וואָכעדיקן

טלית, ניט אין דעם ספּעציעלן טלית, וואָס ער טראָגט שבת און יום־טוב. בלויז איין מאָל, דערציילט אונדז ר׳ זלמן, האָט דער מהרי״ל אָנגעטאָן צו אַ חתונה זיין שבת׳דיקן טלית. דאָס איז געווען אויף דער חתונה פון זיין אייגענער טאָכטער.

אונטער די טענער פון מוזיק פירט מען צו די כלה ביז דער טיר פון שול. אין דער צייט וואָס זי שטייט דאָרטן נעמט דערווייל דער מהרי״ל דעם חתן און פירט אים אַרויף אויפן באַלעמער אין מיטן שול. דער מהרי״ל שיט דאָן אַרויף אַש אויף דעם חתנ׳ס קאָפּ, אונטערן קאַפּושאָן, אויפן אָרט וואו מ׳לייגט די תפילין. מ׳דערקלערט עס ווי אַ מיטל זיך צו דערמאָנען אָן דעם חורבן פון ירושלים. דער מהרי״ל, באַגלייט פון די מיוחסים אין דער גאַנצער קהילה, גייט דערנאָך צו צו דער טיר מקבל־פּנים צו זיין די כלה. דער מהרי״ל נעמט אָן די כלה ביי איר מאַנטל און פירט זי צו צו דער רעכטער זייט פון דעם חתן אויפן באַלעמער, אַז זיי זאָלן ביידע שטיין מיטן פּנים צו דרום. אויך די נאָענטע מחותנים שטייען אויפן באַלעמער.

עס הייבט זיך איצט אָן די רעליגיעזע צערעמאָניע פון דער חתונה. קיין חופּה איז ניטאָ. מ׳וויקלט בלויז איין די קעפּ פון חתן־כלה אין דעם חתנ׳ס טלית אָדער אין דעם קאַפּושאָן פון דעם חתנ׳ס פּעלערינע. אָט דאָס רופט מען חופּה. מ׳דערציילט אָבער אין מאַינץ, אַז ווען דער מהרי״ל האָט חתונה געמאַכט זיין אייגענע טאָכטער, האָט ער געמאַכט אַן אַנדער סאָרט חופּה. ער האָט גענומען דעם ברעג פון דער כלה׳ס שלייער און אים אַרויפגעלייגט אויף ביידנס קעפּ. דאָס, האָט דער מהרי״ל געזאָגט, איז געווען דער עלטערער מנהג. ערשט שפּעטער האָט מען איינגעפירט אין דער ריין־געגנט אַרויפצולייגן ווי אַ חופּה אויף די קעפּ פון חתן־כלה דעם ברעג פון דעם חתנ׳ס קאַפּושאָן אָנשטאָט דעם ברעג פון דער כלה׳ס שלייער.

מ׳האַלט דערווייל גרייט צוויי וויין־גלעזער, איינס פאַר דער ברכה פון „אירוסין״ (דאָס מקדש זיין) און דאָס אַנדערע פאַר דער ברכה פון „נשואין״ (די חתונה, די חופּה). די גלעזער זיינען פאַרשיידן אין פאָרם אָפּהענגיק דערפון צי די כלה איז אַ מיידל אָדער אַן אַלמנה. ווען אַן אַלמנה נעמט אַן אַלמן, מאַכט מען די חתונה דאָנערשטיק אָנשטאָט פרייטיק, און די חתונה־צערעמאָניע קומט פאָר ניט אינעווייניק אין שול, נאָר אויפן שול־הויף, ביי דער טיר פון שול.

נאָך דעם ווי דער מהרי״ל ענדיקט זאָגן די ברכה פון „אירוסין״, רופט ער צו צוויי עדות און פרעגט זיי:

„איר זעט אָט דעם רינג? דענקט איר, אַז ער האָט עפּעס אַ ווערדע?״

„יאָ", ענטפערן די צוויי עדות.

דער מהרי"ל הייסט דאַן די עדות גוט אַכטונג געבן, אַז דער חתן זאָל מקדש זיין די כלה מיטן ריכטיקן נוסח פון „הרי את". דער חתן טוט אַרויף דעם רינג אויפן פאָדערפינגער פון דער כלה׳ס רעכטער האַנט און איז זי מקדש. דער מהרי"ל רופט דאַן צוויי אַנדערע עדות פאַר דער כתובה. ער לייענט ניט די כתובה אין דער הויך. ער איז נאָר „מקבל קנין" מיט די צוויי עדות, אַז זיי זאָלן אַכטונג געבן אויף דער כתובה און זאָלן זען, אַז מ׳האָט ריכטיק מקיים געווען אַלע תנאים, וואָס מ׳האָט אָפּגעמאַכט ביים קנס׳מאָל. דער מהרי"ל זאָגט דאַן די „שבע ברכות" און אַז ער ענדיקט זאָגן די ברכות, גיט ער דעם חתן און דער כלה צו טרינקען פון דעם כוס ויין וואָס ער האַלט אין האַנט. דערנאָך דערלאַנגט ער דאָס גלאָז צום חתן. דער חתן דרייט זיך אויס מיטן פנים צו צפון און גיט אַ שליידער דאָס גלאָז אויפן וואַנט פון שול, צוברעכנדיק עס אויף שטיקלעך. אין דער רגע גיבן אַ כאַפּ דעם חתן די מחותנים פון זיין צד און פירן אים אַוועק מיט גרויס פרייד און אין גרויס איילעניש, כדי אַנצוקומען פאַראויס פאַר דער כלה אין דעם הויז וואו די חתונה קומט־פאָר.

נאָך דער חופה

נאָך דער חופה עסן חתן־כלה אַן איי און הון. אין פריערדיקע ציטן — דערציילט ר׳ זלמן — האָט זיך געפירט, אַז חתן־כלה האָבן נאָך דער חתונה געגעסן אין אַ באַזונדערן צימער. בלויז איין פרוי, אַ קרוב׳טע, איז דאָרטן געווען מיט זיי און האָט זיי דערלאַנגט דאָס עסן. ערשט אין אַ ווילע אַרום זיינען אַריין אין דעם צימער לוסטיק און פריילעך אַלע מחותנים פון דער חתונה. אָבער אין דער צייט פון דעם מהרי"ל איז דער דאָזיקער מנהג שוין געווען אונטערגעגאַנגען. דער צימער וואו חתן־כלה האָבן געגעסן נאָך דער חופה איז פון אָנהויב אָן געווען פול מיט מענטשן.

פרייטיק נאַכט גייען ניט חתן־כלה אין שול, נאָר עס קומט אַן עולם צו זיי אין הויז דאַוונען. דערפאַר אָבער איז שבת פרי אַ גרויסע שמחה, אַ גרויסער יום־טוב אין שול וואו דער חתן דאַוונט. מיט גרויס פּאַראַד און אין אַ פייערלעכער פּראָצעסיע און זינגענדיק פאַרשיידענע פּיוטים פירן די שענסטע באַלעבאַטים פון שטאָט דעם חתן אין שול. ביים דאַוונען זאָגט מען ספּעציעלן פּיוט לכבוד דער חתונה. דער חתן גייט נאָך אָנגעטאָן אין זיין פּעלערינע, אָבער דער קאַפּושאָן איז מער ניט אַריבערגעצויגן איבער

זיין קאָפּ, ווי צו דער חופּה. ער זיצט אין צפון־מזרח׳דיקן ווינקל פון שול לעבן דעם ארון־קודש. ביי דער זייט פון דעם חתן זיצן די פּאַטערס פון דעם חתן און פון דער כלה. זיי אַלעמען גיט מען עליות, אָבער דעם חתן רופט מען אויף מיט ספּעציעלע פּיוטים און מ׳לייענט פאַר אים פון דער תורה די מעשה פון רבקה׳ן און אברהמ׳ס קנעכט. אויך די הפטורה איז אַ ספּעציעלע לכבוד דעם חתן. (מ׳לייענט פון ישעיה ס״א און ס״ב, ווייל דאָרטן ווערט גערעדט פון די שיינע קליידער און פון דער גרויסער פרייד פון חתן־כלה). מ׳מאַכט דעם חתן וויניקסטנס דריי מאָל „מי שברך״, און דער חתן „שנדר׳ט״ דריי מאָל: אויף ליכט פאַר דער שול, אויף אַ נייער מפּה פאַר דער ספר־תורה און אויף תלמוד־תורה אָדער הכנסת־כלה.

קומענדיק פון שול צוריק אַהיים, דערלאַנגט דער חתן צו דער כלה, אָדער ריכטיקער, צו דער יונגער ווייבל, זיין מאַנטל, זיין גאַרטל און זיין קאַפּעליוש. דאָס איז אַ צייכן, אַז זי האָט אַ חלק אין זיין גאַנצן פאַרמעגן.

אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט האָט מען דערנאָך געהוליעט און גע־טאַנצט אונטער די קלאַנגען פון מוזיק־אינסטרומענטן. דער מהרי״ל האָט בשום־אופן ניט דערלויבט צו מאַכן אַ חתונה אָן קלעזמאָרים. אַזוי ווי שבת טאָר מען ניט שפּילן, זיינען דערפאַר די מוזיקאַנטן שטענדיק געווען קריסטן. ס׳איז געווען וועגן דעם אַ גאַנצע שקלאָ־וטריא ביי די רבנים אין שפּעטערן מיטלאַלטער. די רבנים אין דייטשלאַנד האָבן מתיר געמאַכט צו דינגען גוי׳־אישע מוזיקאַנטן צו שפּילן אויף אַ חתונה אום שבת, אָבער די ספרד׳ישע רבנים אין די מזרח־לענדער האָבן עס פאַרבאָטן צו טאָן. ביי די אָריענטאַלישע אידן זיינען שפּיל־אינסטרומענטן ניט געווען קיין אַבסאָלוטע נויטווענדיקייט פאַר אַ חתונה, אַז מ׳זאָל צוליב דעם דינגען גוי׳אישע מוזיקאַנטן צו שפּילן אום שבת. היינט־צו־טאָג מאַכן די ספרד׳ישע אידן חתונה אָן קלעזמאָרים. זיי זינגען אַ סך אויף חתונות, אָבער זיי שפּילן ניט מיט קיין מוזיק־אינ־סטרומענטן.

ביבליאָגראַפיע

גאָסטער, משה, די כתובה און איר געשיכטלעכע אנטוויקלונג, בערלין 1923.

אַרטיקל *Marriage* אין *Encyclopedia of Religion and Ethics*; און *Encyclopedia of Social Sciences*

Westermarck, Edward, *The History of Human Marriage*, 5th ed., 1921.

Neubauer, Jacob, *Beiträge zur Geschichte des biblisch-talmudischen Eheschliessungsrechts,* Leipzig 1920.

Mielziner, M., *The Jewish Law of Marriage and Divorce in Ancient and Modern Times,* 1901.

Loew, Leopold, *Gesammelte Schriften, vol. III,* 1893.
Krauss, S., *Talmudische Archeologie, vol.* II, 1911.
Gaster, M., *The Ketubah, Berlin* 1923.
Epstein, Louis M., *The Jewish Marriage Contract,* 1927.
Cowley, A., *Aramaic Papyri of the Fifth Century B. C.,* Oxford 1923.
Bertholet, A., *A History of Hebrew Civilization,* London 1926.
Benzinger, I., *Hebräische Archeologie,* 3rd ed., Leipzig 1927.
Baron, Salo, *A Social and Religious History of the Jews, vol.* I, 1937.

אַ אידיש קינד ווערט געבאָרן

אין די צייטן פון תנ״ך

דער תנ״ך נעמט אַרום אַלע זייטן פון אידישן לעבן אין פאַרלויף פון כמעט טויזנט יאָר, און מיר געפינען אין אים אויך אַ סך פונקטן און שטריכן וועגן דער געבורט פון אַ אידיש קינד.

פון סגולות און כישוף־מיטלען צו פאַרלייכטערן דאָס האָבן און, נאָכן האָבן, צו באַשיצן די מוטער און דאָס קינד פון בייזע רוחות ווערט אין תנ״ך אין ער־געץ נישט דערמאָנט. אָבער דאָס איז לחלוטין קיין ראיה ניט, אַז אידן האָבן אין יענע צייטן ניט געניצט אַזוינע מיטלען. דאָס וואָס זיי ווערן ניט דער־מאָנט איז אפשר ניט מער ווי אַ צופאַל.

צי אידישע פרויען זיינען שוין אין די צייטן פון תנ״ך געגאַנגען צו קינד אויף אַ בראָכשטול, איז ניט זיכער. דער פאַקט וואָס אין דער צייט פון די תנאים האָט מען אַ בראָכשטול גערופן „משבר״ האָט פון לכתחילה אָן געהאַט אָט דעם פשט [1]).

אָט וואָס מיר ווייסן יאָ וועגן געבורט פון אַ אידיש קינד אין יענע צייטן.

אַרום דער געווינערין זיינען געשטאַנען אַ צאָל ווייבער, קרובה׳טעס און שכנ׳טעס. אויך אַ הייבאַם (מילדת) איז געווען דערביי. אידן האָבן שטאָלצירט, אַז אידישע פרויען זיינען נישט אַזוי אײדל און שוואַך ווי די „ציוויליזירטע״ עגיפּטישע פרויען, אַז זיי האָבן דאָס קינד לייכט און גיך, ווי די בעדואינער־קעס, אָפט מאָל נאָך אידער די הייבאַם קומט [2]). דאָך אָבער איז די געווינערין געווען אין גרויס סכנה, איבערהויפּט נאָך ווען זי איז געווען אַן ערשטלינג.

---

1) דער טייטש פון „משבר״ (ישעיה ל״ז, 3) און „אבנים״ (שמואל א, 16) איז ניט זיכער. זע: תנ״ך עם פּירוש מדעי אויף דעם וואָרט „אבנים״. זע אויך וועגן „אבנים״ דעם אַרטיקל פון אַברהם זאַרזאָווסקי אין הקדם, ב׳ I, זז׳ 23־24 און דעם אַרטיקל פון W. שפּיגלבערג אין Zeitschrift für Assyrologie, XIV, ז׳ 269. זע אויך וועגן בראָכשטול: ש. קרויס, Talmudische Archeologie II, ז׳ 6, און זז׳ 429־430, הערה 53. פ״גל הערה 9.

2) ווייבער לעבן דער געווינערין: שמואל א, ד, 20. אַ הייבאַם: בראשית ל״ה, 17; ל״ח, 28; שמואל א׳ 15 און ווייטער.

ניט זעלטן איז אַ פרוי געשטאָרבן פון די ווייענישן. די הייבאַם און די וויבער וואָס אַרום האָבן געווײנטלעך געזוכט זי צו באַרואיקן און איר צוצוגעבן מוט מיט דעם, וואָס זיי האָבן איר געזאָגט, אַז ס'איז אַ אינגל [3]. אידן האָבן געגלייבט, אַז די ווייטאָגן פון דער פרוי ביים האָבן אַ קינד זיינען אַ קללה פון גאָט. דאָס האָט גאָט פאַרשאָלטן די פרוי גאָר גאָר פאַר צייטן, ביים אָנהייב פון דער וועלט.

דאָס ניי געבוירענע קינד האָט מען תיכף געבאָדן און געוואַשן אין וואַרעמען וואַסער. דערנאָך האָט מען עס איינגעריבן מיט זאַלץ און איינגעוויקלט אין ווינדעלעך. איינצורייבן דאָס קינד מיט זאַלץ איז ביז היינטיקן טאָג נאָך אַן אָנגענומענער גאַנג ביי די אַראַבישע פעלאַכן אין ארץ־ישראל. באַלד האָט זיך די ידיעה וועגן דער געבורט פון דעם קינד צעטראָגן איבער דער גאַנצער שכונה. איבער די פלאַכע דעכער פון די הייזער האָט איין פרוי עס דער־ציילט דער אַנדערער, און באַלד זיינען זיי אַלע געקומען צו דער קימפּע־טאָרין און איר געגעבן אַ ברכה [4].

דער פאָטער איז ניט געווען דערביי. און עמעצער האָט אים געבראַכט די בשורה. אויב ס'איז געווען אַ אינגל, האָט מען אים געזאָגט: „אַ אינגל איז דיר געבאָרן געוואָרן!" און ער איז געוואָרן מלא־שמחה; וואָרעם „אַ נחלה פון גאָט זיינען זין", האָבן אידן געזאָגט [5].

באַלד נאָך דער געבורט פון דעם קינד האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן.

---

3) ירמיה ד, 31; בראשית ל"ה, 17; שמואל א, ד, 20; פ"גל בראשית רבה, פ"ב, א.

4) רות ד' 14־15; לוקאָס א, 58; יחזקאל ט"ז, 4. וועגן איינרייבן דאָס קינד מיט זאַלץ זע אויך: שבת קכ"ט, ב. וועגן זאַלץ ווי אַ סגולה, זע: שעפּטעלאָוויץ Altpalästinensischer Bauernglaube, p. 79; Wuttke, Deutscher Volksaberglaube, דריטע באַאַרבעטונג, זז' 381־382; עמאַנועל לעוו אין דעם זאַמלבוך צום אָנדענק פון ג. א. קאָהוט, ז' 454.

5) פון ירמיה ב, 15 זעט אויס, אַז דער פאָטער איז ניט געווען דערביי. פאַרקערט אָבער ווייזט אויס פון דעם אויסדרוק „גם בני מכיר בן מנשה יולדו על ברכי יוסף" (בראשית נ, 23), אַז אין גאָר אַלטע צייטן איז ביי אידן, פונקט ווי ביי פיל אַנדערע פעלקער, געווען איינ־געפירט, אַז דער מאַן איז געווען דערביי און האָט צוגענומען דאָס קינד אויף זיינע קני, אָנערקענענדיק מיט דעם, אַז דאָס איז זיין קינד. עס קען אויך געמאָלט זיין, אַז אפילו אין ירמיהס צייט און אויך נאָך שפּעטער, ווען דער פאָטער פלעגט שוין ניט זיין דערביי פלעגט ער דערנאָך אַרויפנעמען דאָס ניי־געבאָרענע קינד אויף זיינע קני ווי סימבאָלישע אָנערקענונג. דער ספר איוב איז אָן ספק פון אַ שפּעטערער צייט ווי ירמיה, און דאָך טרעפן מיר דאָרטן אויך דעם אויסדרוק „מדוע קדמוני ברכים" (ג, 9־12). זע וועגן דעם: קרויס, דצ"ו, ב' וו, ז' 6; Ploss, Das Kind; Ernest Samter, Geburt, Hochzeit und Tod, 1907, זז' 115־166; Löw, Lebensalter.

טייל מאָל האָט דער פאָטער אויסגעקליבן דעם נאָמען, טייל מאָל די מוטער, טייל מאָל די קרובים און פריינד. אין יענע צייטן האָט מען ביי אידן ניט געגעבן קיין נאָמען נאָך אַ געשטאָרבענעם אין דער משפחה, נאָר נאָך אַ געוויסער געשעעניש אָדער אַ געוויסן צושטאַנד אין דער צייט פון געבורט [6].

אַ אינגל האָט מען אויפן אַכטן טאָג מל געווען. ס'איז ניט זיכער, צי דאָס מל זיין אויפן אַכטן טאָג איז געווען איינגעפירט פון די עלטסטע צייטן אָן. מל געווען דאָס קינד האָט דער פאָטער אָדער, אין אַ נויטפאַל, די מוטער. געמאַכט די אָפעראַציע האָט מען מיט אַ שאַרפן מעסער פון אַ געשליפענעם שטיין [7].

אויב דאָס אינגל איז געווען אַ בכור ביי דער מוטער, האָט ער געמוזט אויסגעלייזט ווערן. נאָך דעם ווי ער איז אַלט געוואָרן צום ווינציקסטן אַ חודש און האָט דערמיט דערוויזן זיין לעבנס־פעאיקייט, איז ער געבראַכט געוואָרן אין היילקטום, און דער פאָטער האָט אים דאָרטן אויסגעלייזט פון דעם כהן פאַר פינף שקל. אין תנ"ך ווערט אין ערגעץ ניט דערמאָנט, אַז דער פדיון־הבן איז פאָרגעקומען אין היילקטום. דאָס ווערט דערמאָנט בלויז אין דער עוואַנגעליע פון לוקאַס, וועלכער איז ניט געווען קיין איד און איז געווען עלול צו מאַכן אין דעם אַ טעות. עס לייגט זיך אָבער אויפן שכל, אַז אין די גאָר אַלטע צייטן פון דער זעלבסטשטענדיקער אידישער מלוכה, ווען מען האָט נאָך ניט באַדאַרפט גיין דווקא קיין ירושלים, ווען דאָס לאָקאַלע היילקטום, די „במה", איז געווען נאָענט ביי דער האַנט, איז די צערעמאָניע פון אויסלייזן דעם בכור פאָרגעקומען אין היילקטום.

זיבן טעג נאָכן האָבן אַ אינגל איז די קימפעטאָרין געווען טמא, און דריי און דרייסיק טעג האָט זי ניט געטאָרט קומען אין קיין היילקטום. אויב ס'איז געווען אַ מיידל, איז די צייט פון דער מוטערס טמא זיין געווען טאָפּל (פערצן און זעקס און זעכציק). ערשט ווען אָט די צאָל טעג איז פאַרבייגעגאַנגען און ווען די קימפעטאָרין האָט געבראַכט אין היילקטום צוויי קרבנות: אַ בראַנדאָפּפער (עולה) און אַ זינדאָפּפער (חטאת), איז זי

6) דער פאָטער קלייבט אויס דעם נאָמען: בראשית ד, 26; ה, 3, 29; כ"א, 3; מ"א, 51־52; שמות, ב, 22; שמואל ב, י"ב, 24; הושע א, 4, 6, 9. די מוטער קלייבט אויס דעם נאָמען: בראשית ד', 25; כ"ט, 32 — ל, 24; ל"ח, 4־5; שופטים י"ג, 24; שמואל א, 20; ישעיה ז, 14. קרובים און באַקאַנטע גיבן דעם נאָמען: רות, ד, 17. — מער באריכות וועגן דעם וועל איך שרייבן אין אַן אַנדער אַרבעט.

7) דער פאָטער איז מל; בראשית י"ז, 23; די מוטער: שמות, ד, 25. שטיינערנער מעסער: דער לעצטער פסוק און אויך אין יהושע ה, 2־3.

דערקלערט געוואָרן פאַר „טהור" און זי האָט געמעגט נעמען אָנטייל אין אַלע רעליגיעזע צערעמאָניעס [8].

2

אין די תלמודישע צייטן

אַ סך רייכער זיינען די ידיעות און אַ סך קאָלירפולער ווערט דאָס בילד, ווען מיר קומען אַראָפּ צו די צייטן פון די תנאים און די אמוראים: קורץ פאַר און עטלעכע הונדערט יאָר נאָך דעם צווייטן חורבן. מיר טרעפן דאָ אַ סך נייע און אינטערעסאַנטע פאַקטן, אָבער די נייע פאַקטן זיינען ניט אַלע דווקא אַ פּראָדוקט פון די נייע צייטן. זיי מעגן אין דעם און יענעם פאַל זיין גאָר פון פאַרצייטנס, און עס מעג זיין ניט מער ווי אַ צופאַל, וואָס זיי זיינען אין די מקורים פון די פריערדיקע צייטן ניט דערמאָנט געוואָרן.

פון דער צייט פון די תנאים וויסן מיר שוין אויף זיכער, אַז אידישע פרויען זיינען געגאַנגען צו קינד אויף אַ בראָכשטול אין אַ האַלב זיצנדיקער, האַלב ליגנדיקער פּאָזיציע. אַזאַ בראָכשטול (אויף העברעאיש האָט עס געהייסן „משבר" און אויף אַראַמיש „מתברא") איז קענטיק געווען דאָס אייגנס פון דער הייבאַם. די הייבאַם האָט מען גערופן „חיה", די וואָס ברענגט לעבן (אַ נאָמען, מיט וועלכן מען האָט אויך גערופן די קימפּעטאָרין גופא), אָדער מען האָט זי אויך גערופן „חכמה", די קלוגע; זי האָט באַקומען באַצאָלט, און הייבאַמעריי איז שוין געווען אַ פּראָפעסיע וואָס איז געווויינטלעך איבער־געגאַנגען בירושה פון דער מוטער צו דער טאָכטער אָדער צו דער שנור.

ווען ס'איז ניט געווען קיין הייבאַם אין דעם אָרט, האָט מען זי געבראַכט פון ערגעץ אַנדערש. האָט מען קיין הייבאַם אין גאַנצן ניט געקענט קריגן, האָט ארויסגעהאָלפן אַ שקלאַפין אָדער איינע פון די ווייבער וואָס זיינען געשטאַנען דערביי. אין אַ נויטפאַל האָט מען געבראַכט אַ רופא. אין תלמוד ווערט גערעדט פון דעם פאַל, ווען אַ קינד ווערט געבאָרן אַ „יוצא דופן". טייל פאָרשערס האַלטן, אַז דאָס האָט באַטייט אַ קינד ארויסגענומען

8) ויקרא יב. — די אייגענע זאַך האָט אַ קימפּעטאָרין ביי די אַמאָליקע גריכן ניט געטאָרט פּערציק טעג באַזוכן קיין טעמפּל, און ביי די היינטיקע גריכן טאָר זי אין פאַרלויף פון אַט דער צייט ניט אַריינגיין אין אַ קלויסטער. — זע: זאַמטער, דצ"וו, זז' 22־23.

דורך אַ קייזערשניט. אָבער דער דאָזיקער אויסטייטש איז ניט זיכער[9].

גלייך ווי דאָס קינד איז אַרויסגעקומען פון דער מוטערס שויס, נאָך איידער מען האָט עס געבאָדן, האָבן עס אַריינגענומען אין זייערע אָרעמס די פרויען וואָס זיינען געשטאַנען דערביי און עס געהאַלדזט און געקושט, איבערהויפּט נאָך, ווען דאָס איז געווען אַ אינגל. באַלד האָט די הייבאַם געריייניקט דאָס נפש׳ל פון דעם שמוץ, אויסגעבאָדן עס אין וואַרעמען וואַסער און איינגעריבן מיט זאַלץ. דאָס האָט מען געמעגט טאָן אפילו אום שבת. דערנאָך האָט מען איינגעשמירט דאָס קינד אין צוגעוואָרעמטן בוימל און עס באַשאָטן מיט פּודער, געמאַכט פון צעריבענע מירטנבלעטער. די הייבאַם האָט דערנאָך אויסגעגלייכט דעם קינד די אברים און עס איינגעוויקלט אין ווינדעלעך פון בייכל ביז די פיסלעך. אין ערטער, וואו עס זיינען געווען מוקן, האָט מען געמאַכט אַ קאַשע פון זויערע ווייַנטרויבן און באַשמירט דערמיט דעם שאַרבן פון קינד, כדי די מוקן זאָלן עס ניט בייסן.

די קימפּעטאָרין איז געלעגן אין בעט, אַרומגערינגלט מיט פאַרשיידענע סגולות און כישוף־מיטלען צו באַשיצן זי און דאָס קינד פון בייזע רוחות. דער פענצטער איז געווען פאַרשטאָפּט מיט אַ בינטל גראָז אָדער אַ קאָלדרע. אָפט מאָל האָט מען אים פאַרשטאָפּט מיט דערנער, ווייל דערנער זיינען געווען אַ סגולה קעגן בייזע רוחות און כישוף; צום פוס פון בעט איז געווען צוגעבונדן אַ הון. לעבן בעט איז געשטאַנען אַ שיסל וואַסער. דאָ און דאָרטן איז אויך געשטאַנען לעבן בעט אַ געגרייטער טיש, און צום פוס פון בעט איז געווען צוגעבונדן אַ שטיק אייזן. אָט די לעצטע צוויי סגולות און אויך די סגולה צו פאַרשטאָפּן דעם פענצטער מיט דערנער האָבן די תנאים געהאַלטן פאַר ניט־אידיש, פאַר „דרכי האמורי"[10].

דאָס קינד איז געלעגן אין אַ וויגעלע. ביי אָרעמעלייט איז דאָס געווען דער מולטער, אין וועלכן מען פלעגט פאַרקנעטן טייג. דאָס זעלביקע וואָרט „עריסה" באַטייט אין תלמוד ביידע זאַכן: מולטער און וויג. ביי די רייכע אָבער איז די וויג געווען אַ שיין באַפּוצט וועגעלע אויף רעדלעך. צום

---

9) שבת קכ"ט, (משעה שתשב על המשבר); משנה נדה, 5 (ביושבת על משבר). מיר זעען דערפון, אַז אין דער עפּאָכע פון די תנאים האָט מען געהאַלטן, אַז דאָס וואָרט משבר אין תנ"ך באַטייט אַ בראָכשטול. פ"גל הערה 1 אויבן. מקורים און וויסנשאַפטלעכע ליטעראַטור אין קרויס, דצ"ה, ב' II; לעוו, דצ"ה. — אין אידיש איז „יוצא דופן" געוואָרן דער אויסדרוק פאַר אַ קרומער, ווילדער זאַך.

10) תוספתא שבת ו (ז). דאָ רעדט זיך ניט וועגן אַ געווינערין, ווי קרויס האַלט, נאָר וועגן אַ קימפּעטאָרין.

וועגעלע זיינען געווען צוגעבונדן גלעקלעך. מיטן קלאַנג פון די גלעקלעך האָט מען פאַרשלעפערט דאָס קינד, און אגב זיינען די גלעקלעך געווען אויך אַ סגולה צו פאַרטרייבן די ניט־גוטע.

פונקט ווי ביי פיל אַנדערע פעלקער איז אויך ביי אידן אין ארץ־ישראל געווען דער מנהג איינצופלאַנצן אַ בוים, ווען אַ קינד איז געבאָרן געוואָרן. איז עס געווען אַ אינגל, האָט מען פאַרפלאַנצט אַ צעדערבוים; איז עס געווען אַ מיידל, האָט מען פאַרפלאַנצט אַ ציפּרעס. מען האָט געגלייבט, אַז דאָס איז אַ סגולה, אַז דאָס קינד זאָל וואַקסן און קוועלן ווי דער בוים [11].

ביים געבאָרן ווערן פון אַ קינד האָבן אידן דעמאָלט קיין שמחה ניט געפּראַוועט. דערפאַר אָבער איז דער ברית געווען אַ גרויסע שמחה. נאָך דעם אָונט פריער האָט זיך געטומלט אין הויז. עס האָבן געברענט די אייל־לאָמפּן און ס׳האָבן געקלאַפּט די זאַרנעס. דאָס האָט מען געמאָלן מעל פאַר געבעקס און צוגעגרייט אַלץ וואָס איז נייטיק פאַר דער שמחה [12].

מען האָט איצט מל געווען שוין מיט אַן אייזערנעם מעסער, ניט מיט אַ שטיינערנעם, ווי אין די צייטן פון תנ״ך. אַ נאָמען האָט מען געגעבן אַ אינגל ניט באַלד ווי ער איז געבאָרן געוואָרן, נאָר ערשט אויפן ברית. עס איז שוין איצט געווען איינגעפירט אַ נאָמען צו געבן אַ קינד נאָך עמעצן אין דער משפחה, געווייינטלעך נאָך אַ געשטאָרבענעם, אָבער אָפט מאָל אויך נאָך אַ לעבעדיקן. אַ קינד האָט פיל מאָל געהייסן נאָך דעם טאַטן אָדער דעם זיידן נאָך ביי זייער לעבן [13].

3

אַ ברית און אַ פּדיון־הבן אין די תלמודישע צייטן

מיר האָבן אין תלמוד און מדרש שילדערונגען פון צוויי בריתן אין יענע צייטן, איינער אין ירושלים און דער צווייטער אין ציפּורי, אין גליל. צווישן אָט די צוויי שמחות ליגן אַן ערך 150 יאָר.

דער ערשטער ברית, פון וועלכן מיר הערן אינטערעסאַנטע פאַקטן, קומט

11) גיטין, נ״ז, א. וועגן דעם דאָזיקן מנהג ביי אַנדערע פעלקער, זע: פלאָס, דצ״וו, ב׳ I, זז׳ 61־63 און שעפּטלאָוויץ, דצ״וו, ז׳ 26.

12) יאָזעפוס, אַפּיאָן, ב׳ II, ז׳ 25; סנהדרין, ל״ב, ב; ירושלמי כתובות פרק ראשון, הלכה ה. זע וועגן דעם אין: קרויס, דצ״וו, ב׳ II, און יעקב מאַן, Rabbinic Studies.

13) אייזערנער מעסער: שבת, ק״ל, א. קרויס, דצ״וו; מאַן, דצ״וו, הערה 12.

פאַר אין ירושלים קורץ פאַרן צווייטן חורבן. דער טאַטע איז אבויה, איינער פון די רייכע און חשובע אידן פון ירושלים. ס'איז געבאָרן געוואָרן ביי אים אַ אינגל וועלכן מען האָט אַ נאָמען געגעבן אלישע. דאָס איז דער שפּעטער באַרימט געוואָרענער אלישע בן אבויה. אויפן ברית זיינען פאַרבעטן די גדולים פון ירושלים, צווישן זיי אויך רבי אליעזר און רבי יהושע, די גרעסטע און באַרימטסטע תלמידים פון רבן יוחנן בן זכאי. נאָכן ברית פּראַוועט מען אַ רייכע סעודה און מען איז זיך שטאַרק משמח. אין איין צימער הוליען די רייכע אַריסטאָקראַטישע אידן פון ירושלים. מען פּאַטשט מיט די הענט און מען טאַנצט און זינגט. מען זינגט תהלים־געזאַנגען און מען זינגט אויך גריכישע לידער, אין וועלכע די פערזן גייען אַלפאַבעטיש. אין אַ צווייטן זיצן רבי אליעזר און רבי יהושע און מיט זיי נאָך אַנדערע אידן, פרומע און געלערנטע, וואָס ווילן ניט קיין הוליאַנקע. ריידן רבי אליעזר און רבי יהושע דברי־תורה [14]).

סיי ביי רייכע, סיי ביי אָרעמע איז געקומען אַ גרויסער עולם אין דעם הויז, וואו אַ ברית איז פאָרגעקומען. געווען דעמאָלט אין ירושלים אַ חברה צו גיין אויף בריתן, אַ חברה צו גיין אויף חתונות און אַ חברה צו גיין מנחם־אבל זיין [15]).

אין דער צייט פון די תנאים איז שוין אויך געווען אָנגענומען דער נוסח פון די ברכות וואָס מען זאָגט עד־היום אויף אַ ברית. דער מוהל האָט געזאָגט „אשר קדשנו במצוותיו וצוונו על המילה"; דער פאָטער האָט געזאָגט: „אשר קדשנו במצוותיו וצוונו להכניסו בבריתו של אברהם אבינו"; און דער פאַרזאַמלטער עולם האָט אויף דעם אָפּגעענטפערט: „כשם שנכנס לברית כך יכנס לתורה לחופה ולמעשים טובים" [16]).

דער צווייטער ברית, פון וועלכן מיר הערן, איז פאָרגעקומען ביי אַ רייכן אידן אין ציפורי אַן ערך 150 יאָר נאָך אלישע בן אבויהס ברית. אין משך פון דער צייט זיינען פאָרגעקומען גרויסע שינויים און איבערקערענישן אין לעבן פון אידישן פאָלק. קורץ נאָך אלישע בן אבויהס ברית איז געקומען דער צווייטער חורבן פון ירושלים, און 60־65 יאָר שפּעטער איז געקומען בר־כוכבאס אויפשטאַנד, אין וועלכן יהודה איז כמעט ווי פאַרוויסט געוואָרן; דער צענטער פון אידישן לעבן און פון אידישער גייסטיקער טעטיקייט אין ארץ־ישראל האָט זיך אַריבערגעטראָגן קיין גליל. די גרעסטע שטאָט פון

14) ירושלמי חגיגה, ב, ו"ז; רות רבה, ו, ה.
15) תוספתא מגילה ד (ג), 15.
16) שבת קל"ד, ב.

גליל און דער צענטער פון דער אַדמיניסטראַציע פון דעם אידישן ישוב אין דעם לאַנד איז געווען ציפּורי. ביי איינעם פון די רייכע אידישע פּירערס אין ציפּורי איז עס פאָרגעקומען די שמחה.

אויך געסט פון די שטעטלעך אַרום זיינען געבעטן געוואָרן צום ברית. מיר הערן ווי אידן גייען פון עין־תאנה, אַ שטעטל דערביי, קיין ציפּורי צו דעם ברית, צווישן זיי אויך דער תנא ר׳ שמעון בן חלפתא. דער פאָטער איז מכבד די געסט מיט זיבניאָריקן ווין און זאָגט צו זיי: „איך פאַרלאָז זיך אויף דעם האַר פון הימל, אַז איך וועל אייך געבן צו טרינקען פון אָט דעם ווין אויף מיין זונס חתונה״. דער עולם ענטפערט אָפּ: „ווי דו האָסט אים אַריינגעבראַכט צום ברית, אַזוי זאָלסטו אים אויך אַריינברענגען צו תורה און חופּה״. מען האָט דאָרטן אָט אַזוי געטרונקען און געהוליעט ביז האַלבער נאַכט [17]).

וואָס ס׳איז שייך דעם פּדיון־הבן, האָט ער נאָכן חורבן בית־המקדש שוין געהאַט כמעט פאַרלאָרן זיין לכתחילהדיקן זינען, אַז דער בכור געהער צום הייליקטום און אַז ער מוז דערפאַר אויסגעלייזט ווערן פון דעם כהן. פיל כהנים פלעגן גאָר אָוועקגעבן צוריק די פינף „סלעים״. פּדיון־הבן איז שוין דעמאָלט געווען ניט מער ווי אַ סימבאָלישע צערעמאָניע, אַ מצווה פון דער תורה, און נאָר דערפאַר האָט מען געפּראַוועט דעם יום־טוב, פאַר־בונדן מיט אַ סעודה [18]).

4

אין דער ערשטער העלפט מיטל־עלטער

וואָס ווייטער מיר גייען אין דער אידישער געשיכטע, אַלץ מער זעען מיר, ווי די צערעמאָניע פון ברית־מילה געווינט אין חשיבות און ווערט פון אַ פאַמיליע־שמחה אַ יום־טוב פון דער גאַנצער קהילה. אָט דער היסטאָ־רישער פּראָצעס האָט אַ פּנים זיך אָנגעהויבן נאָך אין די צייטן פון צווייטן בית־המקדש, ווען אַנטיוכוס עפּיפאַנעס האָט פאַרבאָטן ברית־מילה ביי טויטשטראָף. אַרום 300 יאָר שפּעטער האָט דער רוימישער קייסער אַדריאַנוס נאָכגעטאָן אין דעם פּרט אַנטיוכוסן. די דאָזיקע גזירות פון גוישע הערשערס

17) קהלת רבה ג, ד; ילקוט שמעוני משלי, תתקמ״ז; דברים רבה, ט, א.

18) בכורות נ״א, א; פסחים קכ״א, ב; תרומת הדשן, רס״ח (שיש לעשות סעודה לפדיון הבן ושכן היו נוהגים בימי הגמרא).

האָבן אַ סך צוגעהאָלפן צו מאַכן דעם ברית מער באַליבט און פּאָפּולער.

אָבער אַ יום־טוב פון גאַנץ קהל ממש איז דער ברית געוואָרן ערשט אין דער צייט פון די גאונים, אַרום ניינטן יאָרהונדערט. דעמאָלט איז די צערעמאָניע אַריבערגעטראָגן געוואָרן פון הויז אין שול אַריין. שוין פון לענגער איז געווען איינגעפירט צו מאַכן דעם ברית באַלד אין דער פרי, מחמת אַ מצווה טאָר מען ניט אָפּלייגן. איז מען איצט, אין דער עפּאָכע פון די גאונים, געגאַנגען אַ טריט ווייטער און געמאַכט דעם ברית אין שול גופא, באַלד נאָכן דאַווענען, און פאַרשטייט זיך, אַז דער גאַנצער עולם איז געבליבן אין שול ביזוואוינען די צערעמאָניע.

כל־זמן מען האָט געמאַכט דעם ברית אין הויז, האָט ער ניט געהאַט צו טאָן מיט דעם דאַווענען. ווען ס'איז אָבער איינגעפירט געוואָרן צו פּראַווען דעם ברית אין שול, איז ער אַריינגעבראַכט געוואָרן אין דעם נוסח און דעם געשלידער פון דעם דאַווענען. מען האָט אויסגעלאָזן פון דאַווענען די טיילן וואָס מען זאָגט ניט אין יום־טובדיקע און האַלב־יום־טובדיקע טעג. אַחוץ דעם האָט מען געזונגען גרויסע שטיקער פון דאַווענען און מען האָט אויך געזאָגט און געזונגען ספּעציעלן פּיוט, וואָס פּייטנים האָבן מחבר געווען לכבוד דער שמחה פון אַ ברית.

עס זיינען דעמאָלט אויך צוגעקומען נייע פאָרמען אין דעם צערעמאָניאַל גופא. אַן ערך אין דער זעלביקער צייט, ווען דער ברית איז אַריבערגעטראָגן געוואָרן אין שול, איז שוין אויך געווען איינגעפירט אַוועקצושטעלן אויף אַ ברית אַ שטול פאַר אליהו הנביא. אין יענער צייט איז אויך צוגעקומען צו די פריערדיקע צוויי שותפים אויף דער דאָזיקער שמחה — דער פאָטער און דער מוהל — נאָך אַ וויכטיקע פּערזאָן. דאָס איז געווען דער סנדק, דער אַסיסטענט פון דעם מוהל, וועלכער האַלט צו דאָס קינד אויף זיין שויס בעת דער אָפּעראַציע (דער נאָמען „סנדק" שטאַמט פון גריכיש). שפּעטער האָט דער סנדק באַקומען אַן אַסיסטענטין, ס'רוב זיין אייגענע פרוי, וועלכע האָט געבראַכט דאָס קינד פון דער קימפּעטאָרין אין שול אַריין. נאָך שפּעטער איז אָט די פונקציע פון העלפן דעם סנדק צעטיילט געוואָרן צווישן צוויי, אַ מאַן און אַ פרוי, וועלכע מען האָט גערופן „קוואַטער" און „קוואַטערקע"[19].

אויך דער צערעמאָניאַל פון פדיון־הבן איז אין דער עפּאָכע פון די גאונים געוואָרן רייכער און איינדריקלעכער. עס איז דעמאָלט איינגעפירט

---

19) סנדק פון גריכיש „סינדיקאָס", לעוו, דצ"וו.

געוואָרן דער דיאַלאָג צווישן דעם פּאַטער און דעם כהן, וועלכער איז געבליבן ביז היינטיקן טאָג [20].

די קימפּעטאָרין און דאָס קינד זיינען אין מיטל־עלטער אַלץ מער און מער אַרומגערינגלט געוואָרן מיט פאַרשיידענע קמיעות, סגולות און כישוף־מיטלען פון דער געבורט אָן ביז נאָכן ברית. איבערהויפּט האָט מען געהיט דאָס קינד און די מוטער אין דער נאַכט ערב דעם ברית. „וואַכנאַכט" האָט מען גערופן די דאָזיקע נאַכט ביי די דייטשע אידן. קרובים און פריינד זיינען זיך צוזאַמענגעקומען ביי דער קימפּעטאָרין אין שטוב און די גאַנצע נאַכט דאָרטן געלערנט תורה, כדי דאָס קינד זאָל ניט „באַנומען ווערן" (באַכישופט ווערן) [21].

5

אין דער צווייטער העלפט מיטל־עלטער

פון דער צווייטער העלפט מיטל־עלטער ווייסן מיר שוין וועגן אונזער ענין אַ היפּש ביסל פּרטים.

אָט הערן מיר פון אַ ברית אין רוים אין דרייצנטן יאָרהונדערט. פאַראַן מערערע שולן אין דער אידישער קהילה, און אין אַלע אָנאָנסירט מען דעם ברית. מען גייט אַרום מיט אַ הדס איבער אַלע שולן, און אַז אידן פילן ביים דאַוונען דעם ריח פון די בשמים, ווייסן זיי שוין, אַז אין איין שול איז אין דעם טאָג אַ ברית. די שול, וואו דער ברית קומט פאָר, איז העל באַלויכטן. עס ברענען אַ סך ליכט, צווישן זיי איינע וואָס איז היפּש גרויס. אויף דער טיר פון שול איז אויפגעהאָנגען אַ שיינע שטיק באַנד. מען זאָגט ניט אין דאַוונען קיין „תחנון". אונטן אין שול, ביים אַריינגאַנג, וואו די צערעמאָניע פון ברית ווערט געפּראַוועט, שטייט אַ שיינע שטול פאַר אליהו הנביא. דערביי שטייט די שטול פאַר דעם סנדק. בעתן דאַוונען הערשט אַ יום־טובדיקע שטימונג. מען דאַוונט אָפּ ביז „עלינו" און עס הייבט זיך אָן די צערעמאָניע פון דעם ברית („עלינו" זאָגט מען נאָכן ברית).

אונטער דער צייט ווערט דאָס קינד געבאָדן אין וואַרעם וואַסער און

20) תשובות הגאונים, שערי תשובה, מ״ז.

21) באריכות וועגן דעם אין ווייטערדיקע טיילן פון מיין אַרבעט. — וועגן וואַכנאַכט ביי ווינער אידן אין 15טן י״ה, זע: א. גאָלדמאַן אין די פילאָלאָגישע שריפטן פון ייוואָ, ב׳ I, זז׳ 91־94.

אַנגעטאָן אין שיינע מלבושימלעך, ווי ער וואָלט געווען אַ חתן וואָס גרייט זיך צו דער חופּה. ער טראָגט אַ לייוונטן העמדעלע, אַ טוניקל (סרבל) און אַ קליין היטעלע. מיט גרויס פּאַראַד טראָגט מען דאָס אינגעלע פון הויז אין שול אַריין. דער פּאַטער רופט אויס „ברוכים היושבים!", און דער עולם ענט־פערט אָפּ: „ברוך הבא!" דער פּאַטער דערלאַנגט דאָס קינד מיט דער רעכטער האַנט דעם סנדק. דער סנדק נעמט אים צו מיט דער רעכטער האַנט און זעצט זיך אַוועק האַלטנדיק אים אין שויס. דער מוהל שטייט דערביי. נאָענט לעבן אים שטייט דער פּאַטער, צו ווייזן, אַז ער האָט געמאַכט דעם מוהל פאַר זיין שליח מל צו זיין דאָס קינד זיינס. אויך דער גאַנצער עולם שטייט אויף די פיס בעת דעם מל זיין.

ווען דאָס מל זיין איז אַריבער, נעמט דער מוהל דאָס קינד פון דעם סנדק און דערלאַנגט עס דעם פּאַטער. דער פּאַטער דערלאַנגט עס צו אַ קוואַטער, וועלכער האַלט עס ביז מען ענדיקט זאָגן די ברכות פון דעם ברית. ווי מיר זעען דאָ, איז די פונקציע פון דעם סנדק ווי דער אַסיסטענט פון דעם מוהל שוין געווען דעמאָלט געטיילט צווישן צווייען: איינער האָט געהאַלטן דאָס קינד בעתן מל זיין און דער אַנדערער — דערנאָך, ווען מען האָט געזאָגט די ברכות און געגעבן דעם קינד אַ נאָמען [22]).

נאָך מער פּרטים הערן מיר פון אַ ברית אין דייטשלאַנד אָנהייב פופצנטן יאָרהונדערט. די שטאָט איז מיינץ, וואו עס זיצט ווי אַ רב און ראש־ישיבה דער באַרימטער מהרי"ל (ראשי־תיבות פון מורנו הרב רבי יעקב לוי). זייער אָפט איז דער מהרי"ל סנדק. אין דעם פאַל גייט ער פריער טבילה.

אין שול איז זייער ליכטיק. עס זיינען אָנגעצונדן צוועלף ליכט, אַנטקעגן די צוועלף שבטים פון ישראל. דערצו נאָך ברענט איין ליכט וואָס איז גאַנץ גרויס. אַ שיינע גרויסע שטול, באַדעקט מיט אַ שיינעם צודעק, שטייט צוגעגרייט פאַר אליהו הנביא. עס איז נאָכן דאַווענען, פאַר „עלינו". דעם סנדקס ווייב ברענגט דאָס קינד פון דער קימפּעטאָרין. זי ברענגט עס ביז דער טיר פון שול, אָבער זי גייט ניט אַריין אינעווייניק. ס'וואָלט געווען אַ פאַרשייטקייט פאַר אַ פרוי אַריינצוגיין אין שול צווישן די מאַנסבילן. עס טרעפט, אַז דעם סנדקס ווייב קען ניט זיין אויפן ברית, גייט דעמאָלט דער סנדק אַליין צו דער קימפּעטאָרין ברענגען דאָס קינד. אָבער דעם מהרי"ל געפעלט דאָס ניט, אַז אַ מאַנסביל זאָל אַריינגיין אין אַ צימער פול מיט ווייבער. שפּעטער האָט מען געפונען אַ תרופה. פון זיבעצנטן יאָרהונדערט הערן מיר, אַז אין וואָרמס איז דאָ אַ ספּעציעלע טיר אין דער ווייבערשער

22) שבלי הלקט; מחזור ויטרי.

שול, דורך וועלכער אַ פּרוי האָט דערלאַנגט דאָס קינד צו אַ מאַן אויף דער אַנדערער זייט טיר. מ׳האָט זי גערופן „אידיש־טיר״ (די טיר, דורך וועלכער מען האָט אַריינגעטראָגן דאָס קינד עס צו אידישן)[23].

מיר הערן אויך פון אַ פאַל, ווען צוויי בריתן מיט אַ מאָל ווערן גע־פּראַוועט ביי אַ צווילינג אין מיינץ אין יענער צייט. עס ווערט אָלצדינג געטאָן אין טאָפּל. עס ברענען אין שול פיר און צוואַנציק קליינע ליכט און צוויי גרויסע. מען ברענגט ביידע אינגלעך אין שול אַריין, און צוויי מוהלים, מיט דער הילף פון די סנדקס, מאַכן די אָפּעראַציע איינער נאָך דעם אַנדערן. די ברכה מאַכן ניט ביידע מוהלים, נאָר ווען איין מוהל ענדיקט די ברכה, ענטפערט דער אַנדערער „אָמן״.

מיר הערן אויך פון אַ פּדיון־הבן אין מיינץ אין דער צייט פון מהרי״ל. דער טאַטע פון דעם קינד איז אַ איד פון ערפורט. אָבער אַ חודש נאָך דער געבורט געפינט ער זיך אין מיינץ און מאַכט דאָרטן דעם פּדיון־הבן אין בייזיין פון מהרי״ל.

קודם כל לייגט דער פאָטער אַריין דאָס געלט אין אַ זעלבערנעם געפעס און פרעגט דעם מהרי״ל, צי די דאָזיקע סומע באַטרעפט פינף שקל. רופט זיך אָפּ אַ בחור פון דער ישיבה, אַז דאָס געפעס אַליין איז דאָך ווערט מער. ענטפערט אים אויף דעם דער מהרי״ל, אַז די כלי איז אַ געליענע און דער בעל־שמחה טאָר זי ניט אַוועקגעבן דעם כהן. דער מהרי״ל הייסט דעם פאָטער צולייגן נאָך אַ ביסל געלט, אַז עס זאָל ווערן פולע פינף שקל לויט זיין, דעם מהרי״ל׳ס, חשבון. דער פאָטער פאָלגט דעם מהרי״ל, און מען זעצט זיך צום טיש עסן. אַלע מאַכן „המוציא״, און דער פאָטער טראָגט אַריין דאָס געפעס מיט דעם געלט און שטעלט זיך אַוועק פאַר דעם כהן און זאָגט אים: „דו דער און דער, מיין פרוי די און די האָט מיר געבאָרן אַ זון אַ בכור וואָס הייסט אַזוי און אַזוי, און איך גיב אים דיר אַוועק״. ענטפערט אים דער כהן: „דו קענסט אים מיר אַוועקגעבן וואו ער געפינט זיך?״ רופט זיך אָן דער פאָטער: „יאָ״. ענטפערט אים דער כהן: „אויב דו ווילסט, קענסטו אויסלייזן פון מיר דיין בכור״. רופט זיך אָפּ דער פאָטער: „יאָ, נעם צו די ווערט פון פינף שקל ווי אַן אויסליז פאַר מיין זון דעם בכור וואָס הייסט אַזוי און אַזוי״. נעמט דער כהן צו דאָס געלט פון דעם פאָטער, און געבנדיק דאָס דעם כהן מאַכט דער פאָטער די ברכה „על פדיון הבן״ און אויך אַ

23) מהרי״ל: מנהגים־בוך פון וואָרמס ציטירט ביי ישראל צינבערג, די געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי אידן, ב׳ V.

„שהחיינו". דער כהן נעמט אַ כוס וויין אין האַנט און מאַכט אַ ברכה „בורא פרי הגפן" און טרינקט פון כוס און גיט אויך דעם פאָטער צו טרינקען.

דערמיט ענדיקט זיך די צערעמאָניע, און דער עולם נעמט זיך צו דער סעודה און עסט און טרינקט און לאָזט זיך וואויל גיין [24].

6

אין אַ אידיש שטעטל אין מזרח־אייראָפּע מיט אַ יאָר פופציק צוריק [25]

אַ אידישע פרוי גייט צו קינד. דער מאַן גייט רופן די הייבאַם. אויב ס'איז ביי נאַכט, גייט ער ניט אַליין, נאָר עמעצער, בדרך־כלל אַן עלטערע פרוי, גייט מיט אים מיט. בלויז די הייבאַם און אַ פּאָר עלטערע פרויען זיינען ביי דער געווינערין. די עטלעכע וואָס וויסן, אַז די פרוי גייט צו קינד, זאָגן עס קיינעם ניט אויס. מען האַלט עס כמעט פאַר אַ סוד. מען גלייבט, אַז וואָס מער מענטשן עס וויסן פון דעם, אַלץ גרעסער די ווייטיקן פון דער געווינערין.

ווען די ווייענישן זיינען זייער שווערע און עס פאַרציט זיך זייער לאַנג, הייבט מען אָן ניצן פאַרשידענע סגולות. מען פירט די געווינערין אין דריי מאָל דריי הקפות אַרום טיש. דערנאָך פירט מען זי דריי מאָל אַהין און צוריק איבער דער שוועל פון איר צימער. מען עפנט אַלע שאַפעס, קאַמאָדן און טירן אין שטוב. מען קניפּט אויף אַלע קניפּלעך און מען שפיליעט אויף אַלע קנעפּלעך אין די וועש פון דער געווינערין. מען ברענגט אין צימער פון דער געווינערין דעם אידן, וועלכער האָט דעם ערשטן טאָג פון דעם פאַרגאַנגענעם ראש־השנה געקראָגן מפטיר, און ער לייענט דאָרטן מיטן ניגון

---

24) וועגן דעם, ווי אַזוי מען האָט אין יענע צייטן געגעבן אַ קינד אַ נאָמען, אין אַ ווייטערדיקן טייל פון מיין אַרבעט.

25) דאָס שטעטל, פון וועלכן עס רעדט זיך דאָ, איז דאָס ליטווישע געבוירן־שטעטל פון דעם שרייבער (גאָרזד, אין דער אַמאָליקער קאָוונער גובערניע). אָבער ניט קענענדיק רעקאָנסטרואירן אַ גאַנץ בילד מיט אַלע פּרטים לויט זיין אייגענעם זכרון און לויט דעם זכרון פון פאַרלאָזלעכע לאַנדסלייט, ביי וועמען ער האָט זיך נאָכגעפרעגט, האָט ער אויך וואו ניט וואו זיך באַנוצט מיט ליטעראַרישע פאַרצייכענונגען פון אַנדערע שרייבערס: פויליגע וענגעראָוו, Memoiren einer Grossmutter; יהודה עלזעט, ממנהגי ישראל, רשומות I א״אדג. כאָטש מזרח־אייראָפּע נעמט אַרום אַ גרויסן שטח מיט אַ פאַרשיידנקייט אין מנהגים, האַלט איך אָבער, אַז אין אירע הויפּטפּונקטן גילט די באַשרייבונג ניט נאָר פאַר ליטע, נאָר אויך פאַר אַנדערע שטעט און לענדער אין מזרח־אייראָפּע.

די דאָזיקע הפטורה, אין וועלכער עס ווערט דערציילט פון חנה׳ן, שמואלס מוטער, אַז זי איז אַ צייט מיט יאָרן געווען אַן עקרה און דערנאָך האָט גאָט איר געגעבן אַ זון. אויב די דאָזיקע סגולות העלפן אַלץ ניט, טוט מען נאָך אַנדערע מיטלען. מען ברענגט די שליסל פון שול און מען דערלאַנגט זיי דער געווינערין אין האַנט. מען ברענגט אויך אַ מפּה פון אַ ספר־תורה און מען גאַרטלט אַרום דערמיט די געווינערין. ווייבער פון דער משפּחה לויפן אַוועק אין שול און מיט געשרייען און געוויינען רייסן זיי איין דעם אָרון־קודש. אַ גרופּע ווייבער גייען אויך אַוועק אויפן בית־עולם איינרייסן די קברים, איבערהויפּט די קברים פון דער געווינערינס קרובים. מיט באַנומענע קולות שרייט מען און מען וויינט דאָרטן, אַז די מתים זאָלן זיך מיען אין הימל פאַר דער אומגליקלעכער געווינערין און איר אומשולדיק קינד וואָס דאַרף קומען אויף דער וועלט.

אַחוץ די געבעטן אויף די קברים מעסט מען אויך פעלד. מען גייט אַרום בית־עולם ציענדיק אַ קנויל פאָדעם. די פאָדעם גיט מען דערנאָך דעם ליכטציער פאַר קנויטן אויף ליכט וואָס מען שענקט פאַר דער שול אָדער בית־המדרש. מען בלאָזט אויך שופר אין דעם צימער פון דער געווינערין און מען שלאָגט אויך כפּרות. אויב עס איז בנמצא, איז אויך אַ סגולה איר צו געבן אין מויל קייען אַ שטיקל מצה געבליבן פון אפיקומן, אָדער דעם פּיטום פון אַ אתרוג. ס׳איז אַ סגולה, ווען זי קייט עס, אַראָפּשלינגען טאָר זי עס ניט.

מזל טוב! די געווינערין איז איבערגעקומען! איבערהויפּט איז גרויס די שמחה, ווען ס׳איז אַ אינגל. אָבער על כל פּנים פרייט מען זיך, וואָס די פאַמיליע איז גרעסער געוואָרן. מען האָט ניט ליב קיין קליינע פאַמיליע. „גאָט זאָל אָפּהיטן צו האָבן איין קינד און איין העמד“ איז אַ אידיש שפּריכוואָרט. אַ צווייט שפּריכוואָרט זאָגט: „נאָך אַ קינד, נאָך אַ ברויט“ (דער צוגאָב אין דער הוצאה איז בלויז נאָך אַ לעבל ברויט).

מען באָדט דאָס קינד באַלד נאָכן געבאָרן ווערן, דער טאַטע און די קרובים וואָס געפינען זיך דערביי וואַרפן אַריין געלט אין וואַנעלע. ס׳איז אַ סגולה, דאָס קינד זאָל זיין רייך. דאָס געלט געהער צו דער הייבאַם. דאָס וואַנעלע טאָר נישט זיין קיין נייס. מען באָרגט געוויינטלעך אַ וואַנעלע, אין וועלכן מען האָט געבאָדן קינדער וואָס זיינען אויפגעוואַקסן שטאַרק און געזונט. אויך די ערשטע ווינדעלעך טאָרן ניט זיין קיין נייע, נאָר מען מאַכט זיי פון אַן אַלטער העמד. אַ פרוי וואָס ריכט זיך אין קימפּעט אַריין טאָר ניט צוגרייטן קיין ווינדעלע אין פאָראויס. ס׳איז ניט מזלדיק. אַנדערע פרויען מאַכן די

ווינדעלעך דעם גאַנצן ערשטן יאָר פון אַלטע העמדער. דאָס איז אַ סגולה, דאָס קינד זאָל ניט אויפוואַקסן קיין רייסער.

נאָכן אָפּבאָדן דאָס קינד גייט די הייבאַם צוריק אַהיים. אויב ס'איז ביי־נאַכט, טאָר זי ניט גיין אַליין. אויב דער פאָטער פון דעם קינד גייט מיט איר, נעמט ער מיט נאָך עמעצן מיט זיך, כדי ער זאָל ניט גיין צוריק אַהיים איינער אַליין. ניט נאָר די מוטער און דאָס קינד, אויך דער פאָטער און די הייבאַם זיינען אין סכנה פון ניט־גוטע.

אויף מאָרגן:

די וואוינונג ביי בעל־הבתישע אידן באַשטייט ס'רוב פון צוויי צימערן. אין דעם איינעווייניקסטן ווינקל פון אייבעראַלקער ליגט די קימפעטאָרין אין אַ הימלבעט וואָס זעט אויס פון וויטן כמעט ווי אַ חופה. זי האָט פיר שטאַנגען ביי די פיר עקן און אַן אויבערשפּרייט פון אויבן און איז נאָך דערצו פאַרצויגן מיט פאַרהענגלעך.

די קימפעטאָרין, מיט אַ בלאַסן און צופרידענעם פּנים, ליגט אין בעט אָנגעטאָן אין אַ ווייסער יאַק און אַ ווייסער הויב אויפן קאָפּ. צופוסנס ליגט דאָס עופהלע, מיט דעם גאַנצן קערפּער צוזאַמען מיט די הענטעלעך און די פיסלעך איינגעוויקלט שטייף אין ווינדעלעך.

איבער דער שטוב דרייט זיך אַרום די וואַרטערין, אַ געוויסע אידענע אין שטאָט, וועלכע מען דינגט אין אַלע הייזער פאַר דער צייט פון אַ קימפּעט. די וואַרטערין טוט אַלע אַרבעט אין שטוב, דער עיקר אָבער קעכלט זי די קימפעטאָרין. זי דערלאַנגט איר נאָכאַנאַנד יאַיכלעך, איינגעמאַכטס, טריאַנקעס [26] און נאָך אַנדערע מאכלים און האַרץ־אָפּכאַפּעניש. דערהויפּט גיסט זי כסדר אין דער קימפעטאָרין הינערשע יאַיכלעך. מען קלייבט די ביינער פון די הינדלעך אין אַ רעשעטע. כל־זמן די רעשעטע איז נאָך ניט פול מיט די הינערשע ביינער, איז אַ סימן, אַז די קימפעטאָרין איז נאָך ניט געקומען צו זיך, זאָגן די ווייבער.

די קימפעטאָרין און דאָס קינד ווערן אויך באַהיט און באַשירעמט, זיי זאָלן חס־ושלום ניט ניזוק ווערן פון די ניט־גוטע. איבערן צוקאָפּנס, הויך אויף דער וואַנט, איבער דער טיר, איבער די פענצטער און אויך אומעטום אויף די ווענט אַרום, וואו נאָר עס איז דאָ אַ שטיקל ליידיקער אָרט, זיינען אויפגעקלעפּט אָדער אויפגעהאַנגען געדרוקטע קמיעות. אפילו אונטערן צוקאָפּנס ליגט אַ געדרוקטע קמיע. די ערשטע, און קענטיק די גאָר וויכ־טיקסטע, שורה אין דער קמיע איז: „אָדם און חוה חוץ לילית". עס שטייען

---

26) געמאַכטס פון בראָנפן (קאָניאַק), איי און צוקער.

אויך אין דער קמיע די נעמען פון די דריי מלאכים סינאָי, סינינאָי און סמנגלף (סעמאַנגעלאַף), פאַר וועמען די לילית האָט מורא. און דערצו נאָך ווערט דאָרט דערציילט אַ מעשה, ווי אַזוי אליהו הנביא האָט אַ מאָל באַגעגענט ליליתן און איר כיתה. און לילית האָט אים געזאָגט, אַז דאָס גייט זי צו אַ קימפעטאָרין צו טייטן די מוטער און דאָס קינד. אליהו איז געווען גרייט צו מאַכן, אַז אין איין רגע זאָל פון איר ווערן אַ שטיין. האָט לילית ביי אים געפועלט, ער זאָל איר קיין זאַך ניט טאָן, און דערפאַר האָט זי אים אויסגעזאָגט דעם סוד, ווי אַזוי צו באַשיצן קימפעטאָרינס פון איר און דער כיתה אירער. דער סוד איז: אויפהענגען אויף דער וואַנט אַ פּאַפּיר, אויף וועלכן אַלע אירע פאַרשיידענע נעמען זאָלן זיין אויסגערעכנט. נאָך דער דאָזיקער מעשה קומען אין דער קמיע זיבעצן נעמען פון ליליתן, און גאָר צום סוף שטייט קאַפּיטל קכ״א פון תהלים (שיר המעלות אשא עיני אל ההרים, וכו׳). רופן אידן די דאָזיקע קמיע נאָך דעם קאַפּיטל תהלים, אַ „שיר־המעלות״.

אויב ס׳איז אַ אינגל, קומט אַלע אָוונט פון דער ערשטער וואָך אַ מלמד מיט אַ מנין אינגלעך לייענען קריאת־שמע ביי דער קימפעטאָרין. די קינדער קריגן דערנאָך ראָזשינקעס, ניס, עפּל און לעקעך, און דער מלמד קריגט נאָך דער וואָך געלט פאַר דער טרחה.

די ערשטע שמחה צוליב דעם געבאָרן ווערן פון אַ אינגל איז דעם ערשטן פרייטיק־צו־נאַכט. די דאָזיקע פייערונג רופט מען „בן־זכר״. אין שול ביים דאַווענען רופט אויס דער שמש: „דער און דער רופט דעם עולם צום בן־זכר״. נאָך דער פרייטיק־צו־נאַכטיקער וועטשערע קומען זיך צונויף קרובים און גוטע פריינד געבן מזל־טוב די עלטערן פון דעם קינד, און מען טרינקט קוואַס און ביר און מען עסט עפּל און געקאָכטע אַרבעס און באָב. צווישן די געסט איז אויך דאָ דער חזן, און אַלע צוזאַמען זינגען זמירות. אויף מאָרגן, שבת אין דער פרי נאָכן דאַווענען, איז ווידער אַ שמחה. קרובים און גוטע פריינד קומען זיך ווידער צוזאַמען אין הויז לכבוד דעם ניי־געבאָרענעם זון. דער עולם מאַכט ברכה אויף וויין אָדער בראָנפן, און מען פאַרבייסט מיט לעקעך און נאָך כיבוד. מען רופט עס „שלום־זכר״, לויט אַ מאמר אין דער גמרא, אַז „ווען אַ אינגל ווערט געבאָרן, קומט שלום אויף דער וועלט״ [27]).

אַ סך גרעסער און יום־טובדיקער איז די שמחה פון דער וואַכנאַכט. עס קלייבט זיך אויף אַ גרויסער עולם, עס זיינען אָנגעצונדן אַ סך ליכט,

27) כיון שבא זכר בעולם בא שלום בעולם, נדה ל״א, ב.

מען עסט אַ גרויסע יום־טובדיקע סעודה און מען פילט זיך באמת יום־טובדיק אין דעם הויז. נאָך דער סעודה זינגט מען געוויסע תפילות און מען לערנט תורה ביז נאָך האַלבער נאַכט. צווישן דעם עולם איז אויך דאָ דער מוהל וועלכער לייגט אַוועק זיין מוהל־מעסער אויף איבער נאַכט ביי דער קימפעטאָרין אונטערן צוקאָפּנס. איידער מען גייט אַהיים, לייענט דער עולם קריאת־שמע לעבן דער קימפעטאָרין.

דער נאָמען פון דעם קינד איז שוין באַשטימט געוואָרן. געוויינטלעך גיט מען ניט איינעם, נאָר צוויי נעמען. דער פאָטער האָט געשטאָרבענע קרובים אין זיין משפחה און די מוטער — אין איר משפחה, און נאָך יעדערן וויל מען האָבן אַ נאָמען. מאַכט מען דערפאַר ס׳רוב אַ פּשרה און מען גיט דעם קינד צוויי נעמען.

7

דער ברית אין אַ אידיש שטעטל

דער ברית ווערט געמאַכט אין הויז, און באַלד פאַר פרי הייבט מען אָן די הכנות צו באָדן דאָס קינד. דאָס באָדן צום ברית איז כמעט אַ גאַנצע צערעמאָניע, אין וועלכער אַ סך עלטערע ווייבער באַטייליקן זיך. מען האַלט פאַר אַ מצווה אַרויפצוגיסן אַ פּאָר הויפנס וואַסער אויפן קינד. יעדערער וואָס טוט עס לאָזט גלייכצייטיק אין וואַנעלע אַ זילבערנע מטבע פאַר דער הייבאַם.

דער עולם איז נאָך אין שול. מען קומט אין דאַוונען צו „וכרות עמו הברית״, זינגט עס דער מוהל ביז „ישתבח״ מיט אַ געוויסן סקאַרבאָוון ניגון. מען זאָגט ניט קיין „תחנון״, און עס פילט זיך אַ שטיקל יום־טוב אין שול.

אַרום ניין־צען אַזייגער אין דער פרי, באַלד נאָכן דאַוונען, הייבט דער עולם אָן זיך צוזאַמענצוקלייבן. אין פאָדערשטן צימער, וואו דער ברית דאַרף פאָרקומען, ברענען צוויי גרויסע ליכט אין זילבערנע אָדער מעשענע לייכטערס. אויף אַ באַזונדער טישל שטייט שוין גרייט אַלץ וואָס ס׳איז נייטיק פאַרן ברית: אַ פלאַש וויין, אַ כוס, אַ טעלער מיט זאַמד און אַ פושקע מיט פולווער פון אַלטן, פאַרפוילטן האָלץ. דערצו נאָך שטייען גרייט צוויי געבעטעטע שטולן, איינע פאַר דעם סנדק און די אַנדערע, באַדעקט מיט אַ וויסן ליילעך, פאַר אליהו הנביא.

דער עולם האָט זיך שוין צוזאַמענגעקליבן. דער מוהל הייסט וויקלען דאָס קינד, און דאָס ווערט געטאָן לויט אַ געוויסן אָנגענומענעם גאַנג. איינ־געוויקלט מיט אַ שיין היטעלע אויפן קעפּל, ליגט דאָס אינגעלע אויף אַ קישעלע, באַדעקט מיט אַ דעקעלע, און די מוטער קוקט אויף אים מיט אַן אומעט אויף איר בלאַסן פּנים.

די הייבאַם נעמט דאָס קינד פון דער מוטער און דערלאַנגט עס דער עלטסטער פרוי וואָס שטייט לעבן בעט. זי לוליעט און שאָקלט עס אַ רגע און דערלאַנגט עס דער נאָענטסטער פרוי, וועלכע גיט עס ווידער אַ פּאָר שאָקלען און דערלאַנגט עס ווידער צו אַן אַנדער פרוי; אַזוי אַרום וואַנדערט דאָס קינד פון אָרעם צו אָרעם, ביז עס קומט אָן סוף־כל־סוף צו דער קוואַטערקע וועלכע טראָגט עס ביז צו דער שוועל פון פאַדערשטן צימער. ווי נאָר דאָס קינד באַוויזט זיך, רופט אויס דער גאַנצער עולם: „ברוך הבא!" דער קוואַטער נעמט דאָס קינד פון דער קוואַטערקע (דער קוואַטער און די קוואַטערקע זיינען אין די מערסטע פאַלן מאַן און ווייב, אָדער שוועס־טער־קינדער, פון די נאָענטסטע אין דער משפחה) און דערלאַנגט עס דעם מוהל. דער מוהל זאָגט געוויסע פּסוקים און לייגט אַוועק דאָס קינד אויף אליהו הנביאס שטול און רופט אויס: „דאָס איז די שטול פון אליהו הנביא, דערמאָנט זאָל ער זיין צום גוטן" און ער זאָגט אַ תפילה, טיילווייז צו גאָט, טיילווייז צו אליהו הנביא.

איצט קומט דער ברית גופא. דער גאַנצער עולם שטייט. בלויז איינער זיצט, דער סנדק, וועלכער איז מערסטנס דער רב פון שטאָט. איינגעוויקלט אין אַ לאַנגן טלית זיצט ער אויף אַ געבעטער שטול, מיט אַ פוסבענקעלע אונטער די פיס, גרייט צו נעמען דאָס קינד. דער מוהל שטייט לעבן אליהו הנביאס שטול, און הינטער אים שטייט דער פאָטער. נעמט דער מוהל דאָס קינד פון אליהו הנביאס שטול און לייגט עס אַוועק צום סנדק אויף די קני און זאָגט די ברכה און טוט אָפּ זיינס. נאָך דער אָפּעראַציע מאַכט דער פאָטער אַ ברכה, וואָס ער האָט אַריינגעבראַכט זיין קינד אין דעם בונד פון אברהם אָבינו, און דער עולם ענטפערט אָפּ מיט דער ווינטשעוואַניע וועלכע איז שוין קרוב צו צוויי טויזנט יאָר אַלט: „כשם שנכנס לברית כן יכנס לתורה, לחופּה ולמעשים טובים".

דער מוהל מאַכט איצט אַ לענגערע ברכה אויף אַ כוס וויין. אין פאַרלויף פון דער דאָזיקער ברכה גיט ער דעם קינד אַ נאָמען. ווען ער קומט אין דער ברכה צו די ווערטער: „בדמיך חיי", באַנעצט ער מיט דעם וויין די ליפּן פון דעם קינד. פאַרשיידענע מענטשן פון צווישן דעם עולם האַלטן דערווייל אין שאָקלען דאָס קישעלע מיטן קינד וואָס פּישטשעט פון ווייטיק און

באַרואיקט זיך אַ ביסל, ווען דער מוהל באַנעצט אים דעם מויל מיטן וויין.

נאָך דער דאָזיקער ברכה און תפילה איז דער ברית געענדיקט. מען טראָגט אַריין דאָס קינד צוריק צו דער מוטער, און דער עולם וואַשט זיך די הענט און זעצט זיך צום טיש עסן. אין פאַרלויף פון דער סעודה מאַכט דער חזן דעם קינד „מי שברך" אין נאָמען פון יעדן איינעם פון די בייזייענדיקע, איבערהויפט פון די קרובים. דער שמש העלפט דאָ אַרויס דעם חזן, אים אַריינשעפּטשענדיק אין אויער יעדערנס נאָמען (מי שברך אבותינו... בעבור שרבי פלוני ברבי פלוני מברך אותו). נאָכן בענטשן, אין וועלכן עס זיינען דאָ ספּעציעלע הוספות לכבוד דעם ברית, רופט אויס דער שמש: „דער בעל־ברית בעט דעם עולם, ער זאָל קיין פאַראיבל ניט האָבן; אם ירצה השם אויף בר־מצווה וועט ער פאַרבעסערן מיט אַלעם גוטן".

דער עולם געזעגנט זיך, ווינטשנדיק דעם פאָטער, — און אַ ביסל פון וויטן, דורך דער טיר פון הינטערשטן צימער, אויך דער מוטער — אַז זיי זאָלן אויפהאָדעווען דעם זון „לתורה לחופה ולמעשים טובים".

נאָכן ברית, ווען דאָס קינד איז שוין געמלט און טראָגט שוין אין זיין לייב דעם „צייכן פון הייליקן בונד", גייט אַראָפּ די מורא פאַר „לילית און איר כיתה" און מען נעמט אַראָפּ די שיר־המעלותן פון דער קימפּעטאָרינס צימער.

אויב ס'איז געבאָרן געוואָרן אַ מיידל, מאַכט מען ווייניק צערעמאָניעס און סעודות. בלויז דעם ערשטן שבת איז אַ שמחה. דער פאָטער איז עולה לתורה, און דער חזן, אָדער דער שמש, מאַכט פאַר אים „מי שברך" דער מוטער און דעם קינד, ווען ער גיט אַ נאָמען. נאָך דער שבתדיקער סעודה קומען ווייבער, קרובות, שכנות און גוטע באַקאַנטע געבן מזל־טוב דער קימפּעטאָרין, און מען איז זיי מכבד מיט לעקעך און איינגעמאַכטס. מען רופט עס: „גיין אויף קיכלעך".

אַזוי ווי ביי אַ מיידל איז ניטאָ קיין גרענעץ אין צייט, ווען לילית פאַרלירט איר שליטה אויפן קינד, הענגען די שיר־המעלותן פיל לענגער ווי פאַר אַ אינגל. מען האַלט זיי בדרך־כלל ביז די מוטער שטייט אויף פון קימפּעט.

דער שבת, ווען די קימפּעטאָרין שטייט אויף פון קימפּעט, סיי ביי אַ אינגל, סיי ביי אַ מיידל, איז אַ שמחהלע אין הויז. אַגרופּע ווייבער, גאָר נאָענטע פון דער משפּחה צוזאַמען מיט דער הייבאַם, קומען אין דער פרי צו דער קימפּעטאָרין זי פירן אין שול. פאַרן אַוועקגיין אין שול עסט מען לעקעך און איינגעמאַכטס. אין דער ווייבערשער שול גיבן אַלע אָפּ מזל־טוב דער קימפּעטאָרין, און אין דער מענערשער שול קריגט דער פאָטער אַן עליה און ער לאָזט מאַכן „מי שברך" דער מוטער און דעם קינד.

אידישע שטעט

- אַ שטעטל אין דער ליטע
- די געשיכטע פון אַן עיר ואם בישראל
- אידישע קהילות אין רוסלאַנד און אין פוילן

פ ר אַ ג

דער אַלטער יחוס פון פּראַג

די היינטיקע פּראַג שפּילט אַ קליינע ראָליע אין אידישן לעבן. אָבער מיט הונדערטער יאָרן צוריק איז פּראַג געווען, נאָך אַמסטערדאַם, די איינפלוס־רייכסטע אידישע קהילה אין אייראָפּע.

פּראַג איז אַ גרויסע יחסנ'טע. געווען אַמאָל אַ צייט, ווען זי איז געווען די וויכטיקסטע שטאָט אין גאַנץ דייטשלאַנד, אָבער נאָך גרעסער איז איר אי־דישער יחוס. די אידישע קהילה פון פּראַג איז כמעט די עלטסטע אין מיטל־אייראָפּע, און אין פאַרלויף פון הונדערטער יאָרן האָט זי פאַרנומען דעם אויבנאָן ביי די אייראָפּעאישע אידן. דאָרטן האָבן געלעבט אידישע גייסטיקע שאַפער, וועמענס נעמען וועלן קיינמאָל נישט פאַרגעסן ווערן.

נאָך ביז היינטיקן טאָג איז דער אידישער קוואַרטאַל דער אינטערעסאַנט־סטער אָרט אין פּראַג, וואָס יעטווידער רייזנדער גייט אָנקוקן. היינט הייסט דער קוואַרטאַל „יאָזעף־שטאָט”. דאָס איז די באַרימטע פּראַגער געטאָ, וואָס האָט פאַרנומען אַ גאַנצן טייל, אַ גאַנצן קוואַרטאַל פון דער שטאָט.

דאָ, אין דעם אַלטען אידישן קוואַרטאַל, זעט מען נאָך היינט די אַלטע שולן, דעם באַרימטן אַלטער פּראַגער בית־עולם, דעם אידישן ראַט־הויז און נאָך אַנדערע אַזעלכע זאַכן, וועלכע דערמאָנען די אַמאָליקע אַלטע צייטן, ווען די אידן האָבן דאָ געפירט זייער אייגן לעבן. שווער צו געפי־נען נאָך אַזאַ פּלאַץ אין דער וועלט, וואָס זאָל זיין אַזוי פיל אָנגעזאַפּט מיט אַלטע אידישע מעשיות, לעגענדעס און אַבערגלויבנס, אַלטע טראַדיציעס און דערנידערונגען, ווי דער אידישער קוואַרטאַל אין פּראַג.

גענוי ווען אידן האָבן אָנגעהויבן זיך באַזעצן אין פּראַג, וויס מען נישט. עס זיינען נישטאָ וועגן דעם קיין זיכערע ידיעות. אַ טייל האַלטן, אַז נאָך אין די צייטן פון צווייטן בית־המקדש איז שוין געווען אַ אידישע קהילה אין פּראַג און אַז אידן זיינען אין דער צייט פון חורבן אַנטלאָפן פון ירושלים און זיך באַזעצט אין בעהמען. אָבער דאָס זיינען נישט מער ווי פאַנטאַס־טישע מעשיות. עס קען געמאָלט זיין, אַז אידן האָבן שוין געוואוינט אין יענע מקומות אין די ערשטע יאָר־הונדערטן פון דער קריסטלעכער ציי־טרע־כענונג. אָבער קיין באַווייזן פאַר דעם האָט מען נישט.

אָבער יעדנפאַלס האָבן אידן אין יענע אוראַלטע צייטן געלעבט אויף דעם

אָרט, וואו פּראַג שטייט היינט, — די שטאָט מיטן נאָמען פּראַג איז ערשט געגרינדעט געוואָרן אין אַכטן יאָרהונדערט.

פון דער צווייטער זייט אָבער איז קיין צווייפל נישט, אַז אידן האָבן געלעבט אין פּראַג נאָך איידער דאָרטן איז איינגעפירט געוואָרן די קריסט־לעכע רעליגיע (דאָס איז פאָרגעקומען אין צענטן יאָרהונדערט). אין אָנהויב האָבן די אידן געוואוינט אין אַן אַנדער טייל פון דער שטאָט, אויף דער לינ־קער זייט פון דעם טייך מאָלדאַווע. שפּעטער אָבער, אין דעם עלפטן יאָר־הונדערט, איז זייער צאָל זיך צעוואַקסן, און מ׳האָט זיי געגעבן אַ נייעם, ברייט־טערן פּלאַץ זיך צו באַזעצן, אויף דער רעכטער זייט פון דער מאָלדאַווע. דאָס איז די איצטיקע יאָזעף־שטאָט.

מ׳האָט אָבער די אידן נישט געצוואונגען צו וואוינען אין דעם קוואַר־טאַל. זיי האָבן געוואוינט אין פאַרשיידענע טיילן פון שטאָט. ערשט אַרום מיטן פון פופצנטן יאָרהונדערט האָבן אַלע אידן פון די אַנדערע טיילן פּראַג זיך אויך אַריבערגעקליבן אין דעם אידישן קוואַרטאַל, אין דער אידנ־שטאָט. אַ שרעקלעכע עפּידעמיע האָט דעמאָלט געבושעוועט אין פּראַג, און די אידן האָבן באַשלאָסן צו לעבן און צו שטאַרבן צוזאַמען.

פון יענער צייט אָן זיינען אַלע אידן פון פּראַג געוואָרן צונויפגעשמאָלצן אין איין גרויסער קהילה, וועלכע איז הונדערטער יאָרן געווען פון די סאַמע גרעסטע און איינפלוסרייכסטע ביי אידן.

וואָס די אידן האָבן איבערגעלעבט אין פּראַג

אין די ענגע גאַסן פון דער אידנשטאָט אין פּראַג האָבן זיך אָפּגעשפּילט אַ סך שטורעמדיקע און בלוטיקע סצענעס. ווען די שטיינער פון דעם אידישן קוואַרטאַל וואָלטן געקאָנט ריידן, וואָלטן זיי געהאָט צו דערציילן אַ סך שרעק־לעכע געשיכטעס. זיי וואָלטן דערציילט פון בלוטיקע אַטאַקעס און רויבערייען, פון פאַרפאָלגונגען און גזירות, פון העלדישקייט און מאַרטירערטום.

די געשיכטע פון די אידן אין פּראַג איז אומגעפער דיזעלבע ווי די גע־שיכטע פון אַלע אַנדערע אידישע קהילות אין יענע יאָרהונדערטן. אין די צייטן פון די קרייץ־צוגן, ווען די קריסטן זיינען געפאָרן איינצונעמען ארץ־ישראל פון די מאַכמעדאַנער און האָבן דערוויל אויפן וועג געמאָרדעט און געראַבעוועט די אידן, האָט אויך די אידנשטאָט פון פּראַג ניט ווייניק געליטן פון די דאָזיקע פרומע און בלוטדורשטיקע בויאַנעס. צוערשט האָבן זיי אויס־גע׳הרג׳עט גאַנצע אידישע קהילות אין דייטשלאַנד. דערנאָך זיינען זיי געקומען

אין בעהמען און האָבן געמאַכט אַן אָנפאַל אויף די אידן פון פּראַג און האָבן דערמאָרדעט יעדן, וואָס האָט זיך פון זיי נישט געלאָזט מיט געוואַלד שמד׳ן.

דאָס איז געשען אין יאָר 1099. הונדערט יאָר שפּעטער, אין דער צייט פון דעם דריטן קרייץ־צוג, איז דער קריסטלעכער המון ווידער דורכגעגאַנגען דורך בעהמען אויפן וועג קיין ארץ־ישראל און האָט געפאָדערט געלט פון די פּראַגער אידן. די אידן האָבן נישט געגעבן, און דער קריסטלעכער המון האָט גענומען באַגיין גוואַלדטאַטן קעגן זיי. אָבער די פּראַגער אידן האָבן זיך מוטיק געשטעלט אַנטקעגן, און די פרומע קריסטלעכע בויאַנעס האָבן גאָרניט אויסגעפירט און זיך געמוזט צוריקציען.

צוויי הונדערט יאָר נאָך דעם דריטן קרייץ־צוג, אין יאָר 1389, איז פאָר־געקומען די בלוטיקסטע פאַרפאָלגונג, וואָס די פּראַגער אידן האָבן ווען ניט איז דורכגעמאַכט.

אין יענעם יאָר האָט געטראָפן, אַז אַ גלח איז זונטיק פון פּאַסכאַ (פּסח) דורכגעגאַנגען דורכ׳ן אידישן קוואַרטאַל מיט דער הייליקער האָסטיע (דאָס הייליקע ברויט) אין זיין האַנט. עס איז געווען דער לעצטער טאָג פּסח, און אידישע קינדער האָבן זיך געשפּילט אין זאַמד אויף דער גאַס און זיך געוואָרפן מיט שטיינדלעך. צופעליק האָבן אַ פּאָר שטיינדלעך געטראָפן דעם גלח. דער גלח און זיינע באַגלייטער זיינען געוואָרן שרעקלעך אויפגעבראַכט אויף די אידישע קינדער און האָבן זיי שרעקלעך געשלאָגן. די עלטערן האָבן דערהערט דאָס געשריי פון זייערע קינדער, זיינען זיי אויף גיך אַרויסגעלאָפן פון די הייזער זיי העלפן. דער גלח איז דאַן אַוועק אין שטאָט אויפ׳ן מאַרק־פּלאַץ און געמאַכט אַ געוואַלד, אַז די אידן האָבן אים אַזוי פאַרוואָרפן מיט שטיינער, אַז דאָס הייליקע ברויט איז אים אַרויסגעפאַלן פון די הענט.

דער קריסטלעכער עולם פון שטאָט האָט זיך גלייך צונויפגעזאַמלט, זיך באַוואָפנט מיט אַלערליי מערדערלעכע וואָפן און געמאַכט אַ מורא׳דיקן אַנ־פאַל אויף די אידישע הייזער. מ׳האָט געגעבן די אידן צוויי ברירות: אָדער זיך שמד׳ן אָדער שטאַרבן. און אַז די אידן האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו שמד׳ן, האָט מען דעם גאַנצן טאָג און די קומענדיקע נאַכט זיי געמאָרדעט און גע־שאָכטן. אַ סך אידן, צווישן זיי אויך דער פּראַגער רב, האָבן נישט געוואָלט אַריינפאַלן צו די בויאַנעס אין די הענט, און זיי האָבן אַליין דערהרג׳עט זייערע פרויען און קינדער און דערנאָך באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. אַרום דריי טויזנט אידן זיינען אומגעקומען אין דער דאָזיקער שחיטה. דער צאָרן פון די צבור־שעוועטע קריסטן איז געווען אַזוי גרויס, אַז זיי האָבן זיך נישט באַנוגנט מיט׳ן הרג׳ענען און צערייסן אויף שטיקער די לעבעדיקע. זיי האָבן אפילו צעבראָכן

אויף שטיקלעך אַלע מצבות פון בית־עולם, אַרויסגעשלעפּט די טויטע פון די קברים, אַראָפּגעריסן פון זיי די תכריכים און געלאָזן זיי זיך וואַלגערן אויף די גאַסן.

דער פּאָגראָם איז געווען אַזאַ שרעקלעכער און בלוטיקער, אַז אַפילו דער פּויפּסט איז געוואָרן אומרואיק. ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ פּויפּסטלעכן דעקרעט, אין וועלכן ער האָט שטאַרק פאַרדאַמט דעם באַרבאַרישן פּאָג־ראָם. אָבער דער מוסר פון דעם פּויפּסט האָט אַ קליינעם איינדרוק געמאַכט אויף די פרומע קריסטן. און אַז די פּראַגער אידן האָבן זיך געווענדט נאָך הילף און שוץ צום קעניג פון בעהמען, וועלכער איז געווען אויך דער קייזער פון דייטשלאַנד, האָט ער זיי געענטפערט, אַז זיי האָבן כשר פאַרדינט דעם פּאָגראָם, וואָרים אין דעם טאָג פון פּאַסכאַ מוזן זיי זיצן פאַרמאַכט אין זייערע הייזער און האָבן קיין רעכט נישט צו ווייזן זיך אויפן גאַס.

אין פּאָגראָם זיינען צעשטערט געוואָרן אַלע מצבות פון דעם פּראַגער בית־עולם און עס איז דעריבער נישט געבליבן היינט קיין מצבה פון פריער ווי דעם פופצענטן יאָרהונדערט.

די פּראַגער אידן האָבן אין יענער צייט געליטן ניט נאָר פון דעם צעבור־שעוועטן קריסטלעכן המון, זיי האָבן אויך געהאַט אַ סך אויסצושטיין פון געוועזענע אידן, פון משומדים. נישט לאַנג נאָך דער בלוטיקער שחיטה האָבן די פּראַגער אידן געהאַט אַ סך צרות פון דעם משומד פּסח־פּעטער. אין יאָר 1399 האָט ער זיך גע'שמד'ט, זיך איבערגעלייגט דעם נאָמען אויף פּעטער און איז אויפגעטראָטן מיט אַ בלבול קעגן די אידן, אַז אין דער תפילה „עלינו", וואָס זיי זאָגן אין דאַוונען, זיינען דאָ ווערטער קעגן יעזוס'ן. די אידן זאָגן אויף די גויים אין „עלינו", האָט פּסח־פּעטער גע'טענה'ט, „שהם משתחוים אל הבל וריק" (זיי בוקן זיך צו נישטיקייט און פוסטקייט), און די בוכשטאַבן פון דעם וואָרט „וריק" באַטרעפן דיזעלבע צאָל ווי „ישו" (316). הייסט עס דעריבער, אַז די אידן באַליידיקן יעזוס'ן אַלע טאָג אין דאַוונען.

די קריסטן האָבן געגלויבט דעם בלבול פון דעם משומד, אַז מיט דעם וואָרט „וריק" לאַכן די אידן אָפּ פון יעזוס'ן. אַ סך אידן פון פּראַג האָט מען צוליב דעם אַריינגעזעצט אין טורמע, זיבן־און־צוואַנציק האָט מען הינגעריכ־טעט, דריי אידן האָט מען פאַרברענט אויפן שייטער־הויפן, פאַרן המון אין די אויגן.

די פּראַגער אידן, ווי די אידן אין גאַנץ אייראָפּע, זיינען דאַן געווען אונ־טערגעוואָרפן אונטער די קאַפּריזן פון די הערשער און פון דעם ווילדן המון. אָבער ניט שטענדיק האָבן זיי געהאַט אויסצושטיין פּאָגראָמען און שחיטות.

דאָס פלעגט גאָר אָפט פּאַרקומען. עס זיינען אָבער געווען אויך פרידלעכע צייטן, ווען די אידן האָבן געקענט טאָן רואיק זייער אַרבעט און פירן זייער אייגענעם אַרט לעבן.

אָבער זיכער מיט זייער רו זיינען די פּראָגער אידן קיינמאָל ניט געווען. יעדן מאָמענט האָט די רו געקאָנט צעשטערט ווערן און עפּעס אַן אומגליק האָט געקאָנט קומען אויף די איינוואוינער פון דער פּראָגער געטאָ. קלענערע פאַרפאָלגונגען און אויסנאַם־געזעצן האָבן כמעט קיינמאָל ניט אויסגעפעלט. די אידן האָבן געמוזט טראָגן די געלע לאַטע אויף זייערע קליידער. זיי האָבן געמוזט צאָלן ספּעציעלע שטייערן און זייערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס זיינען געווען באַגרענעצט.

און ניט נאָר האָט מען געדריקט די אידן, נאָר אפילו די אידישע ספרים האָט מען אויך פאַרפאָלגט. אין יאָר 1559 האָט מען קאָנפיסקירט אַלע אידישע ספרים אין פּראָג, אפילו די סידורים. אין דעמזעלבן יאָר איז געווען אַ גרויסע שרפה אין דעם אידישן קוואַרטאַל, און אַ גרויסע צאָל הייזער איז פאַרברענט געוואָרן. אָבער אַנשטאָט צו העלפן איינלעשן דאָס פייער, האָבן די קריסטן פון שטאָט געוואָרפן שוואַכע אידישע פרויען אין די ברענענדיקע פלאַמען און געראַבעוועט דאָס אידישע האָב־און־גוטס.

עס זיינען געווען דאַן אַ סך שרפות אין פּראָג און אויך אין אַנדערע בעהמישע שטעט, און מ׳האָט באַשולדיקט די אידן, אַז זיי זיינען די אונטערצינדערס. מ׳האָט געמאַכט אויף די אידן אויך אַ בלבול, אַז זי גיבן איבער צום סולטאַן די געהיימנישן ווי מ׳גרייט זיך אויף קריג קעגן טערקיי. אין יאָר 1561, צוויי יאָר נאָך דער שרפה, האָט דער קעניג פון בעהמען, דער שפּעטערדיקער קייזער פון דייטשלאַנד, פערדינאַנד דער ערשטער (דער ברודער פון קאַרל דעם פינפטן) אַרויסגעגעבן אַ באַפעל אַרויסצוטרייבן אַלע אידן פון בעהמען. פון דער גרויסער צאָל אידן אין פּראָג האָבן נאָר צען באַקומען די דערלויבעניש דאָרטן צו בלייבן. אַ סך פּראָגער אידן האָבן אויסגעוואַנדערט קיין פּוילן און טערקיי, די צוויי לענדער וואו מ׳האָט דעמאָלט די אידן צורו געלאָזן.

די באַשולדיקונגען קעגן די אידן האָבן זיך באַלד אַרויסגעוויזן פאַר בלבולים. אָבער דער קעניג האָט גע׳טענה׳ט, אַז ער קען זיין דעקרעט נישט צוריקציהען, ווייל שוין לאַנג האָט ער זיך אַ נדר געטאָן אַרויסצוטרייבן די אידן פון פּראָג און ער קען נישט ברעכן זיין נדר. אָבער סוף־כל־סוף האָט פערדינאַנד פאָרט צוריקגעצויגן זיין באַפעל, און די אידן האָבן ווידער זיך באַזעצט אין פּראָג. אַרויסגעהאָלפן אין דעם האָט אַ פּראָגער איד, מרדכי צמח

הכהן, וועמעס מצבה עס שטייט נאָך ביז היינט אויפן פראַגער בית־עולם. דער דאָזיקער איד איז געפאָרן קיין רוים, צוגעקומען דאָרט צום פּויפּסט, פּיוס דעם פערטן, און דער פּויפּסט האָט אים געגעבן אַ פּאַפּיר, אַז ער באַפרייט דעם קעניג פון זיין שבועה. אַט אַזוי האָט אַ פראַגער איד אין זעכצעטן יאָר־הונדערט מיט דער הילף פון זיין הייליקייט דעם פּויפּסט, „מתיר נדר" געווען דעם קייזער פערדינאַנד צו לאָזן וואוינען די אידן אין פּראַג.

אין אָנהויב זיבעצנטן יאָרהונדערט האָבן געלעבט אַרום צען טויזנט אידן אין פּראַג און עס איז זיי געגאַנגען זייער גוט. די פּראַגער געטאָ האָט דעמאָלט דערגרייכט איר העכסטע מדרגה. די דייטשע קייסאָרים זיינען געווען גוט צו אידן, און אַ צאָל אידן האָבן זיך זייער הויך אַרויפגעאַרבעט. אין יענער צייט האָט געלעבט אין פּראַג דער באַרימטער אידישער באַנקיר מרדכי מייזעל, דער פאָרשטייער פון דער פּראַגער אידישער קהילה, וועמעס מצבה שטייט נאָך היינט אויף דעם פּראַגער בית־עולם.

מרדכי מייזעל איז געווען דער ערשטער קאַפּיטאַליסט פון זיין צייט. ער האָט די העכסטע און גרעסטע מענטשן אין לאַנד אַנטליען געלט, און אפילו דער דייטשער קייזער אַליין פלעגט פון צייט צו צייט מאַכן אַ הלוואה ביי אים. אַ סברה, אַז מייזעל פלעגט געבן דעם קייזער געלט אויף קליינע צינזן, און דעריבער איז דער קייזער געווען אַזוי גוט צו אים און האָט אים געשאָנקען אַזוי פיל פּריווילעגיעס.

מייזעל האָט זייער פיל אויפגעטאָן פאַר דער אידישער קהילה אין פּראַג. ער האָט געלאָזט ברוקירן די גאַסן אין דעם אידישן קוואַרטאַל, האָט אויסגעבויט צוויי שולן, אַ קראַנקנהויז, אַ באַד, און האָט געשטיצט מיט פיל געלט ניט בלויז די אָרעמע אידן פון פּראַג, נאָר אויך די אידן אין פּוילן און אין ירושלים. נאָך ביז היינטיקן טאָג איז דאָ אַ מייזעל־גאַס אין דעם אידישן קוואַרטאַל פון פּראַג.

נאָך מייזעל'ס טויט איז אַ צווייטער אידישער באַנקיר, יעקב באַסעווי, אַן איטאַליענישער איד, געווען דער פאָרשטייער פון דער אידישער קהילה אין פּראַג. באַסעווי איז געווען זייער אָנגענומען ביי דעם קייזער פערדינאַנד דעם צווייטן. דער קייזער האָט אים געמאַכט פאַר אַן אַדעליקן און אים געגעבן אומגעווינלעכע פּריווילעגיעס. באַסעווי האָט געהערט צו די הויף־לייט פון דעם קייזער, און ער האָט דערפאַר ניט באַדאַרפט טראָגן קיין געלע לאַטע אויף זיינע קליידער, ווי אַלע אידן אין יענע צייטן.

די צייט פון מרדכי מייזעל און יעקב באַסעווי איז געווען די גליקלעכסטע אין דער געשיכטע פון דער פּראַגער געטאָ. באַלד אָבער האָט זיך אָנגע־

הויבן דער „דרייסיק־יעריקער קריג“ אין דייטשלאַנד, און די אידישע לאַגע האָט זיך פאַרערגערט. דער „דרייסיק־יעריקער קריג“ איז געווען ניט איין מלחמה, נאָר אַ לאַנגע ריי פון מלחמות, אין וועלכע כמעט גאַנץ אייראָפּע איז געווען פאַרוויקלט.

אין בעהמען זיינען געווען דאַן צוויי פּאַרטייען — אַ פּראָטעסטאַנטישע פּאַרטיי, וועלכע האָט זיך געוואָלט אָפּרייסן פון עסטרייך, און אַ קאַטוילישע פּאַרטיי, וועלכע האָט געהאַלטן מיט דער קאַטוילישער דינאַסטיע קיסרים פון דער האַבסבורגער פאַמיליע. די אידן זיינען געבליבן געטריי דעם קייזער, און דאָס האָט זיך זיי גוט געלוינט.

אין יאָר 1619, אין אָנהויב פון דעם דרייסיק־יעריקן קריג, האָבן די קעגנער פון דעם קייזער, די פּראָטעסטאַנטן פון פּראַג, געמאַכט אַן אָנפאַל אויף דעם אידישן קוואַרטאַל און געראַבעוועט און געשלאָגן די אידן פאַר זייער טרייהייט צום קייזער. אין אַ יאָר אַרום, אָבער, האָט די קייזערלעכע אַרמיי אָפּגעהאַלטן אַן אַנטשיידענדיקן זיג און האָט באַלאַגערט פּראַג. דאָ האָבן זיך אָנגעהויבן פאַר פּראַג טעג און וואָכן פון מאָרד און רויב. אָבער מערק־ווירדיק איז וואָס די אידן, די ערשטע קרבנות פון אַלע מלחמות, האָבן דעם מאָל נישט געליטן. דער קאָמאַנדיר פון דעם קייזערלעכן חיל האָט אַוועק־געשטעלט אַ וואַך ביי די טויערן פון דעם אידישן קוואַרטאַל צו באַשיצן די אידן.

אַז עס זאָל זיין אַ מלחמה, אַ באַלאַגערונג, און די אידישע געטאָ זאָל בלייבן אומבאַשעדיקט, איז געווען אַן אומגעוויינלעכע פּאַסירונג. די פּראַגער אידן האָבן עס באַטראַכט פאַר אַ נס, און זיי האָבן באַשטימט יענעם טאָג, דעם פערצנטן טאָג אין חודש חשוון, פאַר אַ תענית און אַ יום־טוב. דער דאָזיקער טאָג איז געווען באַקאַנט ווי דער פּורים פון פּראַג. פאַרמיטאָג פלעגן די פּראַגער אידן פאַסטן אין יענעם טאָג און נאָך מיטאָג פלעגן זיי הוליען.

דורך דער גאַנצער צייט פון דעם דרייסיק־יעריקן קריג זיינען די אידן געבליבן טריי דעם קייזערלעכן הויז פון האַבסבורג, און דער קייזער האָט זיי באַשיצט, זיי געטאָן פילע טובות און זיי געגעבן פאַרשידענע רעכט, וואָס זיי האָבן פריער נישט געהאַט.

פונדעסטוועגן האָט דער גוטער קייזער פערדינאַנד דער צווייטער אויך געזוכט מיטלען צו פועל׳ן ביי די פּראַגער אידן, אַז זיי זאָלן זיך שמד׳ן. אין יאָר 1630 האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ באַפעל, אַז די פּראַגער אידן מוזן גיין איינמאָל אַ וואָך אין דער קירך פון דער הייליקער מאַריע און הערן דעם גלח׳ס דרשה. דאָס שרעקלעכסטע אין דעם באַפעל איז געווען, וואָס ער האָט

פאַרבאָטן די אידן צו שמועסן אָדער צו כאַפּן אַ דרעמל אין מיטן דער דרשה. מ׳קען זיך פאָרשטעלן וואָס פאַר אַ גזירה דאָס איז געווען פאַר אידן, אויסצוהערן אַ לאַנגע דרשה, און נאָך פון אַ גלח, און ניט טאָרן אויסריידן אַ וואָרט אין מיטן.

אָבער די פּראַגער אידן האָבן זיך אַן עצה געגעבן: ווען דער קייזער האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו גיין הערן דרשות פון דעם גלח, איז דאָס טאַקע געווען אַ גזירה, אָבער ווען אַן אויבער־גלח פון פּראַג האָט אין דער צייט פון דרייסיק־יעריקן קריג זיי געוואָלט צווינגען דאָס צו טאָן, האָבן זיי אים נאָכגעגעבן, נאָר זיי פלעגן קומען אין קירך מיט אויערן אָנגעשטאָפּט מיט וואַטע און וואַקס.

דער לעצטער גירוש אויף די פּראַגער אידן איז פאָרגעקומען אין מיטן אַכצענטן יאָרהונדערט. די עסטרייכישע קייזערין מאַריע טערעזע האָט אין יאָר 1744 אַרויסגעגעבן אַ דעקרעט, אַז אַלע אידן מוזן פאַרלאָזן בעהמען. זי איז געווען אין כעס אויף די פּראַגער אידן, ווייל אין איר לאַנגן קריג מיט פּרייסן האָבן זיי געהאַלטן מיט אירע פיינט.

דער גירוש אויף די אידן האָט אָבער געפירט צו אַ גרויסן עקאָנאָמישן קריזיס אין פּראַג, און פון אַלע זייטן, פון אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג האָבן זיך אָנגעהויבן שיטן פּעטיציעס צו דער קייזערין, אַז זי זאָל צוריקציען איר באַפעל. די קייזערין האָט ענדלעך נאָכגעגעבן און האָט דערלויבט די אידן זיך צוריקצוקערן, אָבער מיט דעם באַדינג, אַז זיי זאָלן צאָלן אַ יערלעכן, ספּעציעל אידישן שטייער פון דריי הונדערט טויזנט פלאָרין, אויסער די געווייגלעכע שטייערן, וואָס אַלע צאָלן.

אָט־דעם אידישן שטייער האָבן די בעהמישע אידן געצאָלט ביז דער רעוואָלוציע פון 1848. אין דעם דאָזיקן וואונדערלעכן יאָר, ווען אין די מערסטע לענדער פון אייראָפּע האָבן געפלאַקערט רעוואָלוציעס און די טראָנען פון די דעספּאָטן האָבן זיך געוואַקלט און זיינען געפאַלן, האָבן די פּראַגער אידן באַקומען די פרייהייט צו וואוינען אין אַלע טיילן פון שטאָט און זיינען מער ניט געצוואונגען געווען צו וואוינען איינגעשלאָסן אין דער געטאָ. ביסלעכווייז האָט מען אָוועקגענומען די טויערן און די ווענט פון אַרום דער געטאָ.

וואָס פאַר אַ לעבן די אידן האָבן געפירט אין דער פּראַגער געטאָ

אָבער די אַלע געשעענישן, וואָס מיר האָבן דאָ דערציילט, גיבן אונז נאָר די דרויסנדיקע זייט פון דער פּראַגער געטאָ. פיל אינטערעסאַנטער איז

די אינעווייניקסטע זייט, דער אָרט לעבן, וואָס די אידן האָבן אין די אַמאָליקע צייטן געפירט אין דער דאָזיקער גרעסטער און באַרימטסטער געטאָ.

דאָס אינערלעכע אידישע לעבן אין דער פּראַגער געטאָ איז זייער אינטע־רעסאַנט דערפאַר, וואָס עס קען אונז דינען ווי אַ מוסטער פאַר דעם אידישן געטאָ־לעבן אין אַלגעמיין. ווען מיר ווילן זיך שאַפן אַ בילד, ווי אידן האָבן געלעבט פאַרצייטן אין זייערע פאַרשלאָסענע געטאָס אין איראָפּע, איז דאָס בעסטע צו באַטראַכטן דאָס אידישע לעבן אין דער גרעסטער אידישער געטאָ, אין פּראַג.

די פּראַגער געטאָ איז געווען גרויס און איז געווען אָפּגעזונדערט פון דער שטאָט ווי אַ באַזונדערער קוואַרטאַל. „דער פינפטער הויפּט־דיסטריקט פון פּראַג" האָט עס געהייסן. ביין טויערן זיינען געווען אין דעם מויער אַרום דער געטאָ, און אַלע נאַכט פלעגט מען פאַרריגלען און פאַרשליסן די טויערן פון אינעווייניק, און קיינער האָט נישט געקענט נישט אַריין און נישט אַרויס.

אָבער נישט בלויז אַ באַזונדערע שטאָט איז געווען די פּראַגער געטאָ, נאָר ריכטיקער אַ באַזונדערע מדינה, אַ אידישע מדינה, אַ מלוכה אין אַ מלוכה, וואָרים די פּראַגער געטאָ האָט געהאַט איר אייגענע פאַרוואַלטונג, אירע אייגענע ריכטער און אירע אייגענע אידישע געזעצן.

ענג און שמאָל זיינען געווען די גאַסן פון דער געטאָ און שרעקלעך גע־דיכט באַזעצט. איין הויז האָט געהאַט צענדליקער באַלעבאַטים. געווען הייזער, וואו עס זיינען געווען מער באַלעבאַטים ווי טירן און פענסטער. און אַז מען האָט באַדאַרפט צורעכט־מאַכן אַ טרעפּ אָדער אַ דאַך, איז געווען שווער צו באַשטימען צו וועמען דער אָדער יענער טייל געהערט, און עס זיינען געגאַנגען משפּטים וועגן דעם.

געווען אין דער געטאָ גאָר ווייניק הייזער, וואו איין באַלעבאָס אָדער איין באַלעבאָסטע האָט געפירט די ווירטשאַפט. אין די מערסטע הייזער האָבן גע־וואוינט אַזוי פיל פאַמיליעס און קוואַרטיראַנטן, אַז אויף די דילן פון די שטיבער זיינען געווען אָנגעצייכנט מיט קרייד די גרענעצן, ווי וויט עס ציט זיך דאָס רעכט פון דער און פון יענער פאַמיליע אָדער פון דעם און יענעם קוואַרטיראַנט. אין אַ ברעקל צימער האָבן געוואוינט און זיינען געשלאָפן צוזאַמען אַ טוץ דערוואַקסענע מענטשן און קינדער.

אין די ענגע גאַסן פון דעם דאָזיקן געדיכטן קוואַרטאַל האָט מען נישט געוואוסט פון היגיענע, פון ריינלעכקייט. דער ברוק אויף די גאַסן איז געווען באַדעקט מיט שמוץ און אָפּפאַל. האַלב־נאַקעטע קינדערלעך זיינען דאָ אַרומגעלאָפן און האָבן זיך געטומלט און געשפּילט. אויף די שוועלן פון

די הייזער אָדער דערביי אויף בענקלעך פלעגן זיצן ווייבער און טאָן אַלץ וואָס זיי האָבן געדאַרפט. דאָ האָט מען אין הייסע זומער־טעג געגעסן אונטערן פרייען הימל און דאָ האָט מען אָפּן פאַר אַלעמען געצוואָגן און גע־קעמט די קינדער. פון הויז צו הויז, פון טויער צו טויער, פון פענסטער צו פענסטער האָט מען דאָ געפירט שמועסן הויך אויפן קול, און איינער צום אַנדערן האָט אַרויסגעשריען די אינטימסטע פאַמיליען־געהיימנישן. און נישט אויף איין שפּראַך האָט מען גערעדט, נאָר אויף דריי: בעהמיש, דייטש און אידיש.

אָבער די אידן האָבן זיך געמוזט פילן גוט און היימיש אין אָט־דער גע־דיכטעניש. וואָרים זיי זיינען דאָ געווען אין דער היים, אין אַן אייגענער אי־דישער מדינה, מיט אייגענער אידישער פּאָליציי און אַפילו אַן אייגענער אידי־שער טורמע. די דירעקטאָרן, די פירער פון דער קהילה, פלעגן אויסגעוויילט ווערן פון די אייגנטימער פון די הייזער. זיי זיינען געווען די באַלעבאַטים, די הערשער פון דער אידישער מדינה און האָבן געהאַט די פּאָליציי־פאַרוואַלטונג אין זייער האַנט. זיי האָבן געהאַט די אויפזיכט אויף די אידישע פּאָליציסטן, די „גאַסן־משרתים״, ווי מ׳האָט זיי דעמאָלט גערופן.

משפּטים פלעגן געבראַכט ווערן פאַר דער קאָלעגיע פון רבנים, וועלכע זיינען געווען די ריכטער פון די אידן. שוין אין דרייצענטן יאָרהונדערט האָט דער קעניג פון בעהמען באַפרייט די פּראַגער אידן פון דער ריטערלעכער מאַכט פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג און זיי געלאָזט באַשטימען אַן אייגענעם אידישן ריכטער. אַזוי ווי די אידן האָבן גע׳משפּט לויט דעם תלמוד׳ישן גע־זעץ, האָט דער ריכטער אַלע מאָל געמוזט זיין אַ רב.

אַלע רעליגיעזע ענינים האָט אָנגעפירט אַ קאָלעגיע פון רבנים אונטער דעם פאָרזיץ פון דעם אויבער־רב. אויף די וועלטלעכע ענינים האָט געהאַט צו זאָגן די קאָלעגיע פון די דירעקטאָרן אונטער דעם פאָרזיץ פון דעם „פּרנס״, דעם „פּרימאַטאָר״, ווי מען האָט אים גערופן. די דאָזיקע קאָלעגיע האָט געהאַט די גאַנצע דעה, און האָט געקענט אויך אימיצן באַשטראָפן מיטן אַריינזעצן אים אין דער טורמע פון דער אידישער קהלה.

אין די ערשטע צייטן איז די שול געווען דאָס געריכטס־הויז, וואו די אי־דישע ריכטער האָבן גע׳משפּט. אָבער אין אָנהויב זעכצענטן יאָרהונדערט האָט דער אויבנדערמאָנטער רייכער פּרימאַטאָר פון דער אידישער קהלה, מרדכי מייזעל, געלאָזט אויסבויען דאָס אידישע ראַטהויז, וואָס שטייט נאָך ביז היינט, און פון דאַמאָלסט אָן איז דאָס ראַטהויז געווען דאָס געריכטס־הויז פון די פּראַגער אידן. צום אידישן ראַטהויז איז צוגעבויט געוואָרן אַ שול,

וועלכע האָט געטראָגן דעם נאָמען „האָך־סינאַגאָגע". די דאָזיקע שול איז געווען באַשטימט פאַר די ריכטער פון דעם ראַטהויז.

דאָס ראַטהויז האָט אויף זיין טורם אַ מערקווירדיקן זייגער. אין יענע ציַיטן, ווען דאָס ראטהויז איז געבויט געוואָרן, איז דאָס געווען דער איינציקער טורם מיט אַ זייגער. דער ציפערבלאַט פון דעם זייגער איז אַ אידישער, גע־צייכנט מיט די אותיות פון דעם אידישן אלף־בית. אַזוי ווי דער אידישער אלף־בית גייט פון רעכטס צו לינקס, זיינען דערפאַר די ווייזערס פון דעם זייגער אויך געגאַנגען פון רעכטס צו לינקס.

אין יאָר 1627 האָט קייזער פערדינאַנד דער צווייטער געגעבן די פּראַגער אידן נאָך אַ גרעסערע זעלבסטפאַרוואַלטונג און געמאַכט די אידישע געטאָ אין גאַנצן פאַר אַ זעלבסטשטענדיקער שטאָט. פון דעמאָלט אָן זיינען דאָרט געווען צוויי געריכטן, אַ נידעריקערער און אַ העכערער. קלענערע משפטים פלעגן פאָרגעבראַכט ווערן פאַר דעם נידעריקערן געריכט, וואָס פלעגט אָפּ־האַלטן זיינע זיצונגען אַלע טאָג. גרעסערע משפטים פלעגן אָבער גיין דירעקט צום העכערן געריכט, פון וועלכן דער אויבער־רב איז געווען פאָרזיצער. מען האָט אָבער אין יעדן משפט געקענט אַפּעלירן פון דעם נידעריקערן געריכט צו דעם העכערן. עס זיינען אויך געווען אידישע אַדוואָקאַטן אין פּראַג, וועלכע האָבן אַרויסגעהאָלפן מיט זייערע עצותביידע צדדים. די דאָזיקע אַדוואָקאַטן האָבן געטראָגן דעם אידישן נאָמען „מליצים".

אין דער פּראַגער געטאָ זיינען געווען אַ סך ישיבות און שולן, אָבער אויך אַ סך שענקען און פריילעכע ערטער. מ'איז געווען פריילעך און לוסטיק, אָבער אויך זייער פרום. צוויי מאָל אַ טאָג, אינדערפרי און אין אָוונט, פלעגט דער שטאָט־שמש רופן אַלעמען אין שול דאַוונען. איינמאָל פלעגט ער רופן אויף דייטש און איינמאָל אויף בעהמיש.

פון די עלטסטע צייטן אָן זיינען אין דער פּראַגער געטאָ געווען פיר צעכן (געווערקשאַפטן). דאָס זיינען געווען די קצבים, די גאָלד־שמידן, די שניידער און די שוסטער. ווען דער קייזער פלעגט קומען אין פּראַג האָבן די אידישע קצבים געהאַט די פּריווילעגיע צו מאַרשירן מיט זייערע פאָנען פאָראויס פאַר אַלע אַנדערע צעכן פון די איבעריקע טיילן שטאָט. די פּריווילעגיע האָבן די אידישע קצבים באַקומען פון קייזער אין אָנערקענונג פאַר זייער מוט און העלדישקייט, וואָס זיי האָבן אַרויסגעוויזן, ווען זיי האָבן פאַרטיידיקט פּראָג קעגן די שוועדן אין דעם דרייסיק־יעריקן קריג.

מערקווירדיקע זאַכן פון דער פּראַגער געטאָ

דירעקט אַנטקעגן דעם ראַטהויז שטייט נאָך עד היום די „אַלט־ניי־שול", די עלטסטע געביידע אין דעם אידישן קוואַרטאַל. גענוי ווען די שול איז געבויט געוואָרן, ווייס מען נישט. אָבער וויפיל מ׳זאָל נישט אָפּדינגען פון איר אַלטקייט, איז זי אויף יעדן פאַל שוין אַרום זיבן, אַכט הונדערט יאָר אַלט.

די סינאַגאָגע האָט אַ מערקווירדיקע אַלטע און אינטערעסאַנטע געשיכטע הינטער זיך. אַזוי פיל שרפות און פאַרפלייצונגען, פּאָגראָמען און גירושים האָבן פאַרוויסט די אידישע געטאָ, און די אַלט־ניי־שול איז אַלץ געבליבן גאַנץ און נישט באַשעדיקט. עס איז דערפאַר קיין וואונדער נישט, וואָס די אוראַלטע, הייליקע געביידע איז אַרומגעוועבט און אַרומגעפלאָכטן געוואָרן מיט אַזוי פיל מעשיות, לעגענדעס, טראַדיציעס און אַבערגלויבנס.

איין לעגענדע דערציילט, אַז די שול איז געבויט געוואָרן פון אידן, וועלכע זיינען אַנטלאָפן פון דעם חורבן ירושלים. זיי האָבן נאָך אָבער געהאָפט, אַז דער בית־המקדש וועט באַלד ווידער אויפגעבויט ווערן. דעריבער האָבן זיי געבויט אַ שול נאָר אויף דערווייל, ביז ירושלים וועט צוריק אויפגעשטעלט ווערן. דעריבער, דערקלערט די לעגענדע, הייסט די שול „אַלט־ניי", פון די העברעאישע ווערטער „על תנאי" (מיט אַ באַדינג).

נישט ווייט פון דער אַלטער שול איז דער אַלטער אידישער בית־עולם, איינער פון די עלטסטע אידישע בית־עולמס אין אייראָפּע.

דאָ געפינען זיך די קברים פון די גרעסטע אידישע פּערזענלעכקייטן אין די פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער. דאָ ליגן גרויסע רבנים און באַרימטע געלערנטע, גרויסע דאָקטוירים און באַרימטע פילאַנטראָפּן און בעל־צדקה׳ס. דאָ שטייען נאָך די מצבות פון מרדכי מייזעל און מרדכי צמח הכהן, פון וועמען מיר האָבן אויבן דערציילט; פון דוד גאַנז, דעם אידישן היסטאָריקער, וועלכער האָט ביים סוף פון זעכצנטן יאָרהונדערט פאַרפאַסט אַ בוך „צמח דוד", אַ כראָניק פון אידישער געשיכטע פון דעם אָנהויב פון דער וועלט ביז צום יאָר 1592; פון דעם פּראַגער רב, דוד אָפּענהיים, וועלכער האָט צונויפגעקליבן איינע פון די גרעסטע זאַמלונגען פון אידישע ספרים און מאַנוסקריפּטן (דאָס געהערט איצט צו דער ביבליאָטעק פון אָקספאָרד).

נאָר פון אַלע אַמאָליקע גרויסע אידן אין פּראַג, וואָס מ׳ווייזט נאָך ביז היינט זייערע קברים אויף דעם אַלטן בית־עולם, איז דער סאַמע מערקווירדיקסטער און אינטערעסאַנטסטער געווען דער פּראַגער רב, רבי יהודה לייב בן בצלאל (מהר״ל מפּראג), פון וועמען עס זיינען געבליבן אַזוי פיל וואונדערלעכע מעשיות און לעגענדעס אין פאַרבינדונג מיט דעם גולם.

מהר״ל

אידן פאַרמאָגן אַ סך וואונדערלעכע מעשיות, לעגענדעס און פאַנטאַסטישע פאַרשטעלונגען, אָבער קיין איינע איז נישט אַזוי פאַרשפּרייט און נישט אַזוי איינגעבאַקן אין האַרצן ביי אַלעמען ווי די פאַנטאַסטישע געשטאַלט פון דעם ליימענעם גולם.

יונג און אַלט זיינען באַקאַנט מיט דער געשיכטע פונם גולם. ווען עמיצער איז אומגעשיקט, אומגעלומפּערט, און עס פאַלט אים אַלצדינג פון די הענט, רופט מען אים גולם. „דאָס איז גאָר קיין מענטש ניט, נאָר אַ ליימענער גולם״, הערט מען אָפט ווי טאַטע־מאַמע זאָגן אויף זייער אומבאַהאָלפענעם קינד, ווען עס צעברעכט עפּעס.

מיר האָבן זיך אָנגעהערט מיט מעשיות וועגן דעם גולם נאָך אין אונזער קינדהייט, און פון דעמאָלט אָן האָבן זיי זיך איינגעקריצט אין אונזער זכרון. אין די לעצטע יאָרן אָבער איז דער גולם אַרויס פון זיינע אידישע גרעניצן און געוואָרן באַרימט איבער גאַנץ אייראָפּע און אַמעריקע. באַרימט האָבן אים געמאַכט די פּאָעטן מיט זייערע פּאָעמעס און ראָמאַנען, וואָס זיי האָבן געשריבן מיט דעם גולם פאַר אַ טעמע. און נאָך פולער צו מאַכן די מאָס פון באַרימטקייט, האָט מען דעם גולם אויסגענוצט ווי אַ טעמע פאַר אַ פילם און יונג און אַלט האָבן געזען די לעגענדע מיט די אויגן.

ווי אַזוי איז אויפגעקומען און זיך פאַרשפּרייט ביי אידן די דאָזיקע פאַנטאַסטישע פאַרשטעלונג פון דעם גולם, פון דעם קינסטלעך באַשאַפענעם מענטשן?

שוין לאַנג, פון די אַלטע צייטן אָן, איז געווען ביי אידן דער גלויבן, אַז געוויסע אויסגעצייכנטע, פרומע מענטשן, צדיקים גרויסע, פאַרמאָגן דעם כח צו באַשאַפן נייע וועלטן און זיי צעשטערן. די דאָזיקע צדיקים, האָבן אידן געגלויבט, באַזיצן אַזעלכע סודות, אַזעלכע פאַרבאָרגענע געהיימנישן פון דער „קבלה״, אַז זיי קאָנען מיט זיי ענדערן דעם נאַטירלעכן גאַנג פון דער וועלט און שאַפן די גרעסטע וואונדער. אַפילו לעבעדיקע זאַכן קענען זיי באַשאַפן, וואָרום זיי וויסן די געהיימנישן פון „שם המפורש״, פון גאָטס נאָמען, און מיט די געהיימנישן פון דעם „שם המפורש״ קענען זיי אפילו אויסקנעטן אַ מענטשן פון ליים און מאַכן, אַז ער זאָל לעבן און זיך באַוועגן.

דער גלויבן אין דער געהיימער כשוף׳דיקער קראַפט פון גאָטס נאָמען

איז ניט קיין ספּעציעל אידישער, מען טרעפט אים אויך ביי אַנדערע פעלקער. אויך דעם גלויבן, אַז געוויסע וואונדער־מענטשן קענען מאַכן אַ טויטן קעגנשטאַנד צו לעבן, טרעפט מען ביי אַנדערע פעלקער. אין מיטלאַלטער, למשל, האָט מען דעם רוימישן פּאָעט ווירגיל געמאַכט פאַר אַ מכשף, און ס׳איז אַרומגעגאַנגען וועגן אים אַ לעגענדע, אַז ער האָט געמאַכט, אַז אַ סטאַטוע זאָל זיך באַוועגן און אַרומגיין.

אָבער ביי קיין אַנדער פאָלק האָט דער דאָזיקער גלויבן זיך ניט אַזוי וויט און ברייט צעוואַקסן און ניט אַרויסגעבראַכט אַזעלכע שיינע, פאַנטאַסטישע גולם לעגענדעס, ווי ביי אידן.

געווען ביי אידן אין די אַמאָליקע צייטן ניט איינער, נאָר אַ סך וואונדער־מענער, „בעלי מופתים״, וועלכע האָבן, ווי דאָס פאָלק האָט געגלויבט, געמאַכט ליימענע גולמס. אָט, למשל, ווערט דערציילט, אַז אין אָנהויב זעכצענטן יאָרהונדערט האָט דער כעלמער רב, רבי אליהו בעל שם, געמאַכט אַ גולם, וועלכער איז געווען ביי אים אַ משרת, אַ הויז־קנעכט.

און ניט נאָר אין פּוילן, אויך אין ליטע איז דאָ אַ מעשה פון אַ גולם. עס גייט אַרום אַ לעגענדע, אַז אָט דאָ ניט לאַנג צוריק, אין די ערשטע יאָרן פון נייַנצענטן יאָרהונדערט, האָט רבי דוד יאַפּע פון דראָהיטשין, אַ שטעטל אין גראָדנער גובערניע, באַשאַפן אַ גולם אַלס אַ שבת־גוי פאַר די אידן פון שטעטל, דערהויפּט צו הייצן פאַר זיי שבת די אויוועגס. די באַפעלן צו הייצן די אויוונס פלעגט מען געבן דעם גולם פריטיק, און ער פלעגט זיי שבת דורכפירן פּינקטלעך. אָבער מיט אַ גולם איז פאָרט שווער זיך צו שאַפן. איינמאָל האָט ער ניט פאַרשטאַנען ריכטיק וואָס מען האָט אים אָנגעזאָגט, און ער האָט געמאַכט אַ שׂרפה, פון וועלכער דאָס גאַנצע שטעטל האָט אָפּגעברענט. דער רב האָט גלייך אַראָפּגענומען דעם „שם המפורש״ (גאָטס נאָמען) פון זיין האַלדז און פון דעם גאַנצן גולם זיינען געבליבן ליימענע שערבעלעך.

אָבער דאָס זיינען אַלץ קליינע גולמ׳לעך. דער אמת׳ער באַרימטער גולם (דער קלאַסישער גולם, אַזוי צו־זאָגן) איז דער גולם פון פּראָג. דאָס איז דער גולם, וואָס דער פּראָגער רב, רבי יהודה לייב (מהר״ל מפּראג), האָט לויט דער אידישער לעגענדע, געשאַפן אין זעכצנטן יאָרהונדערט כדי צו ראַטעווען דורך אים די אידן פון דעם בלוט־בלבול.

דער פּראָגער גולם איז דערפאַר פון אַן אַנדער סאָרט ווי אַלע אַנדערע גולם׳ס. דאָס איז אַ גולם, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן ניט פאַר קיין פּערזענלעכן געברויך, אויך ניט צו פאַרנעמען די שטעלע פון אַ שבת־גוי, נאָר כדי דורכצופירן אַ גרויסע, פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבע פאַרן כלל־ישראל.

דער גולם פון פראָג איז דערפאַר אַ נאַציאָנאַלע לעגענדע, אַ נאַציאָנאַלער גולם, און זיין לעגענדאַרישער באַשאַפער, רבי לייב פון פראָג, איז ניט גלאַט אַזוי אַ „בעל־מופת", אַ וואונדער־טוער, נאָר ער איז אַ נאַציאָנאַלע פיגור אין דער אידישער געשיכטע, אַ קעמפער קעגן דעם בלוט־בילבול, אַ רעטער און פאַרטיידיקער פון די אידן.

דער פראַגער רב רבי יהודה־לייב (דער מהר"ל), איז געווען דער באַרימטסטער פון אַלע פראַגער רבנים. הגם עס איז שוין דריי הונדערט יאָר זינט ער איז געשטאָרבן, פונדעסטוועגן ווייזט מען נאָך היינט אין דעם אידישן קוואַרטאַל אין פראָג דאָס הויז וואו ער האָט געוואוינט, און עס גייען נאָך היינט אַרום אין פראָג אָן אַ צאָל מעשיות און לעגענדעס וועגן אים.

קיין שום גרויסער מענטש אין יענע צייטן איז ניט געוואָרן אַזוי לעגענדאַריש, איז ניט אַזוי אַרומגעפלאָכטן געוואָרן מיט פאַנטאַסטישע, וואונדערלעכע מעשיות, ווי דער דאָזיקער רבי לייב פון פראָג, דער מהר"ל אָדער דער „גור אריה", ווי אידן האָבן אים גערופן. אין דער פאַנטאַזיע פון דעם פאָלק איז דער רב פון פראָג געוואָרן אַ מין מכשף, אַ וואונדער־מאַן, וועלכער האָט געקאָנט טאָן די סאַמע גרעסטע וואונדער אין דער וועלט.

פאַרוואָס אָבער איז גראָד דער דאָזיקער פראַגער רב געוואָרן ביים פאָלק אַ וואונדער־טוער, אַ באַשאַפער פון אַ גולם?

דאָס איז אַפּנים געקומען דערפון, וואָס רבי לייב פון פראָג איז געווען ניט בלויז אַ גרויסער גאון נאָר אויך אַ גרויסער חכם און געלערנטער מאַן. ער האָט געפירט ויכוחים מיט די הויכע גלחים פון פראָג, האָט מיט זיין קלוגשאַפט געראַטעוועט די פראַגער אידן פון בלוט־בלבולים און דערצו נאָך האָט ער זיך אויך אָפּגעגעבן מיט וויסנשאַפט, מיט אַסטראָנאָמיע און כעמיע. די דאָזיקע וויסנשאַפטן זיינען נאָך דעמאָלט געווען טיילווייז כישוף. דער אַסטראָנאָם האָט מען נאָך געהאַלטן פאַר אַ שטערן־זעער און דעם כעמיקער האָט מען געהאַלטן פאַר אַ שוואַרץ־קינסטלער, וואָס קען מאַכן גאָלד פון שטיינער. אַזוי ווי רבי לייב איז געווען באַשעפטיקט מיט אַסטראָנאָמיע, איז ער דערפאַר באַקאַנט געוואָרן מיט דעם באַרימטן אַסטראָנאָם פון יענער צייט טיכא בראהע, און דורך אים האָט ער באַקומען אַ צוטריט צום דייטשן קייזער רודאָלף דעם צווייטן, מיט וועמען ער האָט אין יאָר 1592 געהאַט אַ געשפּרעך.

אין דער פאַנטאַזיע פון דעם פאָלק האָט דאָס אַלץ זיך צונויפגעמישט און ס'איז אַרויסגעקומען אַ וואונדערלעכע געשטאַלט: אַ רב, אַ צדיק, וועלכער קען שטערנזעעריי און שוואַרצע קונץ, וועלכער רעדט מיטן קייזער און ראַטעוועט די אידן פון בלוט־בלבול. איז עפּעס אַ חידוש וואָס פון אַזאַ מענטשן

איז אין דער פאַנטאַזיע פון פאָלק געוואָרן דער וואונדערלעכער, לעגענדאַרי־שער מהר״ל פון פראַג?

געבאָרן געוואָרן איז רבי יהודה־ליוו אין יאָר 1513 אין דער שטאָט וואָרמס, און שוין די געבורט פון דעם קינד האָט לויט דער לעגענדע געראַטעוועט די אידן פון אַ בלוט־בלבול, וואָרום דער מהר״ל איז געבאָרן געוואָרן אין דער נאַכט פון ערשטן סדר. דער פאָטער, רבי בצלאל, איז געזעסן ביים סדר־טיש און געזאָגט מיט כוונה די הגדה, און גראָד ווען ער האָט געזאָגט „שפוך חמתך״ און די טיר האָט זיך געעפנט פאַר אליהו הנביא, האָט עס רבי בצלאלס פרוי געכאַפּט וועהעניש און זי האָט אָנגעהויבן גיין צו קינד. זיינען אייניקע לייט האָסטיק אַרויס אויפן גאַס ברענגען די הייבאַם.

אין דעם זעלביקן אויגנבליק איז צוגעקומען נאָענט צו רבי בצלאל׳ס הויז אַ מאַן איינגעהילט אין זיין מאַנטל איבערן קאָפּ און מיט אַ פולן זאַק אויפן פּלייצע. דאָס האָט דער מאַן געטראָגן אַ טויט קריסטלעך קינד אונטערצוואַרפן ביי רבי בצלאל׳ן אין קעלער. ווי נאָר אָבער ער האָט געזען, אַז מענטשן לויפן אים אַנטקעגן, האָט ער געמיינט, אַז מ׳וויל אים כאַפּן, האָט ער אויך אָנגעהויבן שטאַרק לויפן. די פּאָליציי האָט געזען, אַז איינער לויפט מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס, האָבן זיי געמיינט אַז דאָס איז אַ גנב; זיי האָבן אים פאַרהאַלטן, און ער האָט גלייך זיך מודה געווען און דערציילט, ווער עס האָט אים געדונגען אונטערצוואַרפן דאָס טויטע קינד.

אין דער זעלביקער שעה, ווען דער קריסט האָט זיך מודה געווען אויף אַלצדינג, איז דאָס קינד געבאָרן געוואָרן, און רבי בצלאל האָט אויף אים נביאות געזאָגט, אַז ער איז געקומען אויף דער וועלט, כדי צו באַפרייען די אידן פון דעם שרעקלעכן בלבול, פון וועלכן זיי ליידן, פון דעם בלוט־בלבול.

ער האָט אַ נאָמען געגעבן דעם קינד יהודה לייב לויט דעם פסוק אין חומש „גור אריה יהודה (יהודה איז אַ יונגער לייב), ווייל אַזוי ווי אַ לייב וועט ער באַזיגן אַלע זיינע פיינט און ניט לאָזן פאַרצוקן זיינע קינדער״.

מהר״ל קומט קיין פּראַג און הויבט אָן אַ קאַמף קעגן דעם בלוט־בלבול

פון וואָרמס איז דער מהר״ל געקומען יונגערהייט אין פּאָזען, און שפּעטער איז ער אַזוי באַרימט געוואָרן מיט זיין תורה און חכמה, אַז די געמיינדע פון פּראַג האָט אים אויסגעקליבן פאַר איר אויבער־רב.

די פּראַגער אידן האָבן אין יענער צייט זייער פיל געליטן פון דעם בלוט־בלבול. דער מהר״ל האָט דערפאַר באַלד אָנגעהויבן אַ קאַמף קעגן אָט־דעם שענדלעכן בלבול, און ער האָט אָנגעשריבן וועגן דעם אַ לאַנגן בריוו צום פּראַגער קאַרדינאַל יאָהאַן סילוועסטער. אין זיין בריוו האָט ער געפאָ־דערט גערעכטיקייט פאַר זיינע געדריקטע ברידער און פאַרלאַנגט, אַז דער קאַרדינאַל זאָל אים געבן אַ געלעגנהייט זיך אויפצורייַדן מיט די גלחים און זיי איבערצייגן אין אַן עפנטלעכן ויכוח, ווי פאַלש עס איז די באַשולדיקונג אַז אידן באַנוצן זיך מיט בלוט פון קריסטן.

דער קאַרדינאַל האָט אָנגענומען דעם פאָרשלאָג און האָט גערופן דריי הונדערט גלחים צו פירן דעם ויכוח מיט דעם פּראַגער רב. דער מהר״ל האָט אָבער געלאָזט וויסן דעם קאַרדינאַל, אַז עס איז אוממעגלעך פאַר איין מענטשן צו דעבאַטירן מיט דריי הונדערט, און ער האָט דערפאַר אים פאָרגעשלאָגן, אַז עס זאָלן אָפּגעהאַלטן ווערן דרייסיק זיצונגען אין דרייסיק טעג, און צו יעדער זיצונג זאָלן צען גלחים דערלאַנגען צום קאַרדינאַל זייערע פראַגן און אַרגומענטן שריפטלעך. דער קאַרדינאַל האָט אָנגענומען דעם פאַרלאַנג, און די גאַנצע דרייסיק טעג האָט מען אין פּראַג אַלע טאָג גאַנץ פרי אויסגעזאָגט דעם גאַנצן תהילים אין אַלע שולן, און אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק האָט מען געפאַסט.

מער ווי הונדערט פראַגן האָבן די גלחים געשטעלט דעם מהר״ל. אָבער ער האָט אויף אַלע פראַגן געגעבן קלוגע און שאַרפזיניקע ענטפערס, וועלכע זיינען אַלעמען געפעלן געוואָרן. דער קאַרדינאַל, ווערט דערציילט, האָט אים געדריקט די האַנט און אים צוגעזאָגט, אַז ער וועט אַרויסשיקן אַ צירקולאַר צו אַלע גלחים, וואָס זיינען אונטער אים, און זיי לאָזן וויסן פון דעם ויכוח און די צופרידנשטעלנדיקע ענטפערס. אויך די דריי הונדערט גלחים, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין דעם וויכוח, האָבן געשלאָסן באַקאַנטשאַפט מיט רבי לייב׳ן.

די פּראַגער אידן האָבן איצט אַביסל פרייער אָפּגעאָטעמט. אָבער איין פאַנאַטישער גלח איז נאָך געוועז, מיטן נאָמען טאַדעאוס, וועלכער האָט ניט אויפגעהערט צו שמידן פּלענער, ווי צו מאַכן אויף די אידן אַ בלוט־בלבול און צו פאַרפירן אידישע מיידלעך אין קלויסטער. פאַר אָט דעם גלח האָט דער מהר״ל שטאַרק מורא געהאַט, און כדי אים צו באַקעמפן, האָט ער באַשלאָסן צו באַשאַפן אַ גולם. דאָ קומען מיר צו דער שיינער גולם־לעגענדע, פון וועלכער מיר ווילן דאָ מאַנכע אינטערעסאַנטע פּרטים איבערדערציילן אין קורצן.

ווי אַזוי דער מהר״ל האָט באַשאַפן דעם גולם

דער מהר״ל, דערציילט די לעגענדע, האָט אַמאָל געזאָגט צו זיינע תלמי־דים, אַז ער שרעקט זיך זייער פאַר דעם גלח טאַדעאוס, ווייל אין דעם גלח׳ס נשמה איז דאָ אַ פונק (אַ ניצוץ) פון דעם פלישתי. „ישבי פון נוב״, פון וועמען עס ווערט דערציילט אין תנ״ך, אַז ווען ניט אבישי בן־צרויה וואָלט ער דער־הרג׳עט דויד׳ן (שמואל ב, כ״א, 16, 17), אָבער אין זיין (דעם מהר״לס) נשמה איז דאָ אַ פונק פון דוד המלך. און אַזוי ווי דוד האָט ניט געקאָנט באַזיגן יענעם פלישתי, פונקט אַזוי וועט זיין זייער שווער פאַר אים, דעם מהר״ל, צו באַזיגן דעם גלח.

דער מהר״ל האָט דערפאַר אָנגעפרעגט אין חלום דאָרטן אויבן אין הימל, וועלכע מיטלען ער זאָל אָנגעמען קעגן אָט־דעם בייזן פיינט פון די אידן. און מ׳האָט אים פון דאָרטן געגעבן אַן ענטפער לויטן אַלף־בית מיט די דריי ווערטער:

„אתה ברוא גולם דבוק החומר ותגזר זדים חבל טורפי ישראל״. דאָס הייסט: „דו באַשאַף אַ גולם געקלעפּט פון ליים און דו זאָלסט אים באַפעלן צו פאַרניכטן די גאַנצע באַנדע בייזוויליקע אידן־פרעסער״.

דער מהר״ל האָט געזאָגט, אַז אין די צען ווערטער, ווען מען ווייסט ווי צונויפצורעכענען די אותיות, ליגן אַזעלכע סודות פון דער קבלה, אַז מען קען מיט זייער כח באַשאַפן אַ גולם.

און דער מהר״ל, דערציילט די לעגענדע, האָט זיך גענומען צו דער מלאכה. ער האָט באַלד איבערגעגעבן דעם סוד צו זיין איידעם יצחק בן־שמשון הכהן און צו זיין תלמיד, יעקב בן־חיים הלוי און זיי געזאָגט, אַז זיי מוזן אים דערביי העלפן, ווארום דער איידעם יצחק איז געבוירן געוואָרן אין מזל פייער. דער תלמיד, רבי יעקב, איז געבוירן געוואָרן אין מזל וואַסער און דער מהר״ל גופא איז געבוירן געוואָרן אין מזל רוח (לופט), און כדי צו באַשאַפן דעם גולם מוז מען האָבן אַלע פיר עלעמענטן: פייער, וואַסער, לופט און ערד.

אין יאָר 1580, דעם צווייטן טאָג פון חודש אדר, האָבן אַלע דריי זיך טובל געווען אין דער מקווה מיט גרויס כוונה און זיינען דערנאָך, אַ זייגער פיר פאַרטאָג, אַרויסגעגאַנגען הינטערן שטאָט. דאָרטן האָבן זיי אויף אַ ליימענעם ברעג פון דעם טייך מאָלדאַווע אויסגעמאָסטן אַ מענטשן דריי איילן לאַנג, און האָבן אויסגעצייכנט אויף דער ערד זיין צורה מיט הענט און מיט פיס, און דער גולם איז געלעגן פאַר זיי מיטן פנים צום הימל. די דריי מענער

האָבן זיך אַזוי אַנידערגעשטעלט ביי דעם גולם צופוסנס און האָבן אים געקוקט גראָד אין פּנים אַריין.

דאַן האָט דער מהר״ל געהייסן דעם כהן גיין זיבן „הקפות״ אַרום דעם גולם פון רעכטס צו לינקס און אים אָנגעזאָגט, וועלכע געהיימע צונויפשטעלונגען פון אותיות ער זאָל זאָגן בשעת מעשה. דער כהן האָט עס געטאָן, און דער ליימענער קערפּער איז געוואָרן רויט ווי אַ שטיק פייער.

דערנאָך האָט דער מהר״ל געהייסן זיין תלמיד, דעם לוי, ער זאָל גיין זיבן הקפות אַרום דעם גולם, אָבער פון לינקס צו רעכטס. אים האָט דער מהר״ל איבערגעגעבן אַנדערע געהיימע צונויפשטעלונגען פון אותיות, וועלכע פּאַסן פאַר זיין עלעמענט פון וואַסער. דאָס פייער אין דעם ליימענעם קערפּער האָט זיך גלייך איינגעלאָשן. אַ פּאַרע האָט אָנגעהויבן גיין פון אים, און ער איז באַוואַקסן געוואָרן מיט האָר און מיט נעגל.

איצט האָט דער מהר״ל אַליין געמאַכט זיבן הקפות אַרום דעם גולם, האָט אים אַריינגעלייגט אין מויל אַ שטיקל פּאַרמעט מיט דעם „שם המפורש״, און זיך בויגנדיק צו מזרח, מערב, דרום און צפון האָבן זיי אַלע דריי געזאָגט מיט געהיימע כוונות דעם פּסוק פון בראשית: „און ער האָט אַריינגעבלאָזן אין זיינע נאָזלעכער אַן אָטעם פון לעבן און דער מענטש איז געוואָרן אַ לעבעדיקע באַשעפעניש״.

און דער גולם האָט געעפנט די אויגן און געקוקט אַרום זיך אַזוי ווי געפּלעפט.

דאָ האָט דער מהר״ל געזאָגט צו אים: „עמוד על רגליך!״ (שטעל זיך אויף דיינע פיס!). און דער גולם האָט געפאָלגט און זיך אַנידערגעשטעלט.

זיי האָבן אים אויך אָנגעטאָן קליידער פון אַ שמש, וואָס זיי האָבן מיטגע־בראַכט און דער גולם איז געוואָרן אַ מענטש ווי אַלע מענטשן. נאָר איין זאַך האָט אים אויסגעפעלט: דער כח צו ריידן, און דאָס איז געווען אַ גרויסע מעלה. וואָרום איין גאָט אין הימל ווייס, וואָס עס וואָלט געקאָנט געשען, ווען דער גולם וואָלט צו אַלצדינג נאָך געווען אַ רעדנער!

פיר אַ זייגער אין דער פרי האָבן די דריי מענטשן אָנגעהויבן מאַכן דעם גולם, און אַ זייגער זעקס זיינען שוין געגאַנגען אַהיים פיר מענטשן.

אויפן וועג אַהיים האָט דער מהר״ל געזאָגט צום גולם: „זאָלסט וויסן, אַז מיר האָבן דיך באַשאַפן צו פּאַרהיטן אידן פון צרות. דו וועסט הייסן יוסף און וועסט זיין ביי מיר אַ שמש אין בית־דין־שטוב. דו זאָלסט מיך פאָלגן און אויספירן פּינקטלעך אַלץ וואָס איך וועל דיר הייסן; אַפילו אין פייער און אין

וואָסער זאָלסטו אַריינשפּרינגען; אַפילו פון דאַך זאָלסטו אַראָפּשפּרינגען, אויב איך וועל עס דיר הייסן".

אין שטוב האָט דער מהר"ל געזאָגט, אַז ער האָט געטראָפן אין גאַס אַ שטומען אָרעמאַן, אַ תמ'עוואַטן מענטשן, האָט ער אויף אים רחמנות געקראָגן און אים גענומען אַהיים, ער זאָל זיין באַהילפיק די שמשים. דער מהר"ל האָט אָבער שטרענג פאַרבאָטן, אַז קיינער זאָל זיך מיט אים ניט שאַפן.

אַזוי איז דער גולם געזעסן שטענדיק אין דעם רב'ס בית־דין־שטוב, שטיל אין אַ ווינקעלע, מיטביידע הענט אונטערגעשפּאַרט אונטערן קאָפּ, טאַקע ווי אַ גולם. טייל מענטשן האָבן אים גערופן „יאָסל גולם", אַנדערע האָבן אים גערופן „דער שטומער יאָסל".

יאָסל גולם איז נאָר גוט אַלס כלי־טועל, אָבער אין פּריוואַטע ענינים איז ער אַ דורכפאַל

אַלע מענטשן ביים מהר"ל אין שטוב האָבן זיך געהיט זיך ניט צו שאַפן מיט יאָסל גולם. איינמאָל אָבער, אַ טאָג פאַר ערב־פּסח, איז פּערעלע די רביצין, דעם מהר"ל'ס ווייב, געווען שרעקלעך פאַרהאַרעוועט און האָט זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן זיך גאָר ניט צו שאַפן מיט יאָסל גולם. זי האָט אים געגעבן אַ וואונק, אַז ער זאָל ברענגען וואַסער און אָנגיסן די צוויי גרויסע פעסער, וואָס זיינען געשטאַנען אין אַ באַזונדערער יום־טוב'דיקער שטוב.

יאָסל האָט געכאַפּט די עמערס און איז האַסטיק אַוועק צום ברונעם.

עס האָט לאַנג ניט געדויערט, איז דעם רב'ס הויז מיטן הויף געוואָרן פאַרפלייצט מיט וואַסער. ס'איז געוואָרן אַ געשריי און אַ געלויף. דער מהר"ל האָט דאָס דערהערט און איז אויך געקומען צו לויפן. ער האָט דערזען די סצענע און האָט געזאָגט צו דער רביצין מיט אַ שמייכל: „אַ פיינעם וואַסער־טרעגער האָסטו זיך אויסגעקליבן אויף פּסח! וואָלסטו אים ווינציקסטענס אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל אויפהערן גיסן וואַסער, ווען די פעסער וועלן זיין פול".

דעם גולם האָט אָבער דער גאַנצער טומל ניט אינטערעסירט. ער האָט אַלץ נאָך געהאַלטן אין טראָגן וואַסער פון ברונעם. ערשט ווען דער מהר"ל האָט צו אים אַ געשריי געטאָן: „גענוג וואַסער!" האָט ער אַוועקגעשטעלט די עמערס.

פון דעמאָלט אָן האָט די רביצין זיך שוין געהיט, זיך ניט צו שאַפן מיטן גולם. אין פּראַג איז אָבער ביז היינט געבליבן אַ ווערטל: „דו טויגסט פאַר דעם, ווי יאָסל גולם פאַר אַ וואַסערטרעגער".

אָבער ניט נאָר ווי אַ וואַסערטרעגער, אויך ווי אַ פישפאַנגער האָט זיך דער גולם ניט אויסגעטויגט. איינמאָל האָט דער מהר״ל גופא געשיקט דעם גולם כאַפּן פיש און עס האָט אויך נישט געטויגט, פּונקט ווי ערב־פּסח מיט דעם וואַסער. אמת טאַקע, אַז פאַר קיין פּערזענלעכע צוועקן טאָר מען זיך מיט גאָטס נאָמען, מיט דעם „שם המפורש״, ניט באַנוצן. אָבער דאָ איז געווען אַ מצווה־זאַך, און דער מהר״ל האָט זיך דעריבער דערלויבט צו שאַפן זיך מיט יאָסל גולם.

עס איז געווען ערב־ראש־השנה אין דער פרי. אין דרויסן האָבן געבו־שעוועט גרויסע שטורעמס און קעלטן, און אין גאַנץ פּראָג איז דערפאַר ניט געווען צו קריגן קיין שטיקל פיש אויף יום־טוב. דער מהר״ל האָט געהאַט גרויס צער, וואָס ער בלייבט יום־טוב אָן פיש, און ער האָט אַוועקגעשיקט יאָסל גולם צום טייך כאַפּן פיש. די רביצין האָט אָבער גראָד ניט געהאַט קיין קליינעם זעקל אים מיטצוגעבן די פיש אַריינצולייגן, האָט זי אים מיטגעגעבן אַ גאַנץ גרויסן זאַק. דער מהר״ל האָט געוויזן דעם גולם ווי אומצוגיין מיט די נעץ און אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל די געפאַנגענע פיש אַריינלייגן אין זאַק און זאָל באַלד קומען צוריק אַהיים.

דער גולם איז אַוועק צום טייך, אָבער וואָס דאָס וואָרט „באַלד״ באַטייט האָט ער ניט באַגריפן.

דערווייל האָט מען געבראַכט דעם מהר״ל אַ מתנה אַ פיש פון אַ דאָרף דערביי, און מ׳האָט אָן דעם גולם אינגאַנצן פאַרגעסן.

עס איז געוואָרן פאַרנאַכט, און מען האָט שוין באַדאַרפט גיין דאַוונען מנחה. דער מהר״ל האָט באַדאַרפט נויטיק דעם גולם און האָט געפרעגט וואו ער איז. מ׳האָט אים געענטפערט, אַז ער איז נאָך ניט געקומען צוריק פון טייך, און דער מהר״ל האָט געשיקט רבי אברהם־חיים, דעם שמש, ער זאָל אים רופן אַהיים; און טאָמער וועט ער ניט וועלן גיין, ווייל ער האָט נאָך קיין פיש ניט געכאַפּט, זאָל ער, דער שמש, אים זאָגן, אַז דער מהר״ל איז אים מוחל די פיש, אַבי נאָר ער זאָל קומען באַלד אַהיים.

רבי אברהם־חיים, דער שמש, איז אַוועק אויסערן שטאָט, האָט זיך אַוועק־געשטעלט אין דער הויך אויפן ברעג טייך און האָט אַראָפּגעשריען אונטן צו יאָסל גולם, אַז ער זאָל גלייך גיין אַהיים. דער גולם האָט אויפגעהויבן דעם זאַק און געוויזן, אַז ער איז נאָך ניט אינגאַנצן פול, און ער קאָן נאָך ניט גיין אַהיים ביז ער וועט ניט כאַפּן נאָך עטלעכע פיש. דאָ האָט רבי אברהם־חיים ווידער אַראָפּגעשריען צו אים, אַז דער מהר״ל האָט אים באַפוילן, אַז ער איז אים מוחל די פיש, נאָר ער זאָל קומען באַלד אַהיים.

ווי נאָר יאָסל גולם האָט דערהערט די דאָזיקע ווערטער, האָט ער געכאַפּט דעם זאַק פיש און זיי אַריינגעוואָרפן צוריק אין טייך אַריין, און גענומען דעם נעץ מיט דעם זאַק אויף די פּלייצעס און איז האַסטיק אַוועקגעלאָפן אַהיים.

רבי אברהם־חיים איז געקומען צום רב און האָט דערציילט די שיינע מעשה, וואָס יאָסל גולם האָט אָפּגעטאָן. איז געוואָרן אַ גרויס געלעכטער אין שטוב. דער מהר״ל אָבער האָט אין דער שטיל באַמערקט אויף דעם, אַז ער זעט איצט באַשיינפּערלעך, אַז דער גולם טויג נאָר צו ראַטעווען אידן פון צרות, אָבער ניט מזכה צו זיין אידן מיט מצוות (מיצוועס).

יאָסל גולם אַלס דערפאָלגרייכער דעטעקטיוו

ווען עס איז אָבער געקומען צו העלפן אידן פון אַ גזירה, באַזונדערס פון אַ בלוט־בילבול, איז דער גולם געווען דער גרעסטער אויפטוער. פלעגט דער מהר״ל אים דאַרפן שיקן אין אַ געפערלעכן אָרט, פלעגט ער אים אָנטאָן אַ קמיע, דורך וועלכער ער פלעגט ווערן אומזעבאַר (אַ „רואה ואינו נראה״). אַזוי ווי ער פלעגט יעדן זען, אָבער אים זען פלעגט קיינער ניט, פלעגט ער זיך אַרומדרייען צווישן די אידישע שונאים און הערן אַלע זייערע געשפּרעכן און זייערע סודות. פלעגט ער דערגיין עפּעס אַ בילבול, אַ רכילות אויף די אידן, פלעגט ער גלייך קומען און עס איבערגעבן דעם מהר״ל, און מ׳האָט געקאָנט פאַרהיטן עס זאָל ניט קומען צו קיין גזירה.

יעדן יאָר, פון פּורים ביז חול־המועד פּסח, פלעגט יאָסל גולם אַרומגיין נאַכט פאַר נאַכט איבער די גאַסן פון אידישן קוואַרטאַל אין פּראַג אָנגעטאָן אין די קליידער פון אַ גויאישן לאַסטטרעגער און אַרומגעגאַרטלט מיט אַ שטריק. פלעגט ער עפּעס זען אַ פאַרדעכטיקן פאַרשוין פאַרנדיק מיט אַ פור אָדער טראָגנדיק אַ פּעקל אונטערן אָרעם, פלעגט ער גלייך צולויפן און איבערזוכן וואָס דאָס איז, און אויב דאָס איז געווען אַ זאַך צו מאַכן אַ בילבול אויף אידן, פלעגט ער אַרומבינדן דעם מענטשן מיט זיין שטריק און אים אַוועקשלעפּן צו דער פּאָליציי, און אַז יאָסל גולם האָט געשלעפּט, איז מען שוין געגאַנגען, וואָרום זיין כח איז געווען איבערנאַטירלעך.

באַלד האָט דער גולם זיך אַרויסגעוויזן ווי איינער פון די דערפאָלגרייכסטע דעטעקטיוון.

אין פּראַג האָט דאַמאָלט געלעבט דער באַרימטער גביר, רבי מרדכי מייזעל, וועלכער פלעגט געבן געלט אויף פּראָצענט. אַ גויאישער קוילער איז אים שולדיק געווען פינף טויזנט גולדן און האָט ניט געהאַט צו באַצאָלן.

מייזעל האָט אים פאַרקלאָגט אין געריכט, און דער קוילער האָט דערפאַר באַשלאָסן מאַכן אויף מייזלען אַ בלוט־בילבול און אים אַריינברענגען אין טורמע.

עס איז געווען קורץ פאַר פסח, און דער קוילער האָט אויסגעגראָבן אַ קריסטלעך קינד, וואָס איז געווען נאָר וואָס געשטאָרבן, האָט אים דורכגע־שניטן דעם האַלז, אים איינגעוויקלט אין אַ טלית און אים אַריינגעלייגט אין אַ געקוילעטן חזיר, פון וועלכן ער האָט אַרויסגענומען די געדערעם.

אין אַ פינסטערער נאַכט האָט דער קוילער אַרויפגעלייגט דעם חזיר אויף אַ וואָגן און אַריינגעפאָרן דערמיט אין שטאָט אַריין, כדי עס אונטערצוואַרפן אין רבי מרדכי מייזעלס הויז. דאָ איז פּלוצלונג צוגעלאָפן יאָסל גולם און האָט מיט דעם שטריק אַרומגעכאַפּט און צוגעבונדן דעם קוילער מיטן חזיר צו דער פור. דער קוילער איז געווען אַ גרויסער גיבור און האָט זיך גע־שטעלט אַנטקעגן. אָבער יאָסל גולם האָט דערלאַנגט עטלעכע קלעפּ, און ער האָט זיך גלייך אונטערגעגעבן. יאָסל גולם האָט זיך אַרויפגעזעצט אויף דער פור און אַריינגעפאָרן מיט איר אין ראַטהויז אַריין. אויפן הויף פון ראַטהויז איז געוואָרן אַ טומל, פּאָליציי איז באַלד אָנגעקומען, אָבער יאָסל גולם האָט זיך באַלד אַרויסגעדרייט און ניט געוואָרן מער. פּאָליציי האָט גענומען אונטער־זוכן און געפונען אין דעם חזיר דאָס טויטע קינד אין אַ טלית.

דער קוילער האָט זיך מודה געווען אין דער גאַנצער מעשה און איז פאַר־משפט געוואָרן אויף עטלעכע יאָר טורמע. אָבער קיינער אין פּראָג האָט ניט געוואוסט, ווער עס האָט געכאַפּט דעם קוילער ביי דער האַנט. בלויז איינער האָט פאַרשטאַנען פון וועמען דאָס שטאַמט, דאָס איז געווען דער גלח טאַדעאוס, און ער האָט זיך נאָך מער פאַרלייגט מיט אַלע כוחות מלחמה צו האַלטן מיט דעם מהר"ל און מיט אַלע אידן פון פּראָג.

אין יאָר 1583 האָט דעם גלח טאַדעאוס זיך איינגעגעבן איבערצורעדן אַ צעלאָזענע אידישע מיידל צו שמד'ן זיך. זי איז אַנטלאָפן פון איר פאָטער'ס הויז חול־המועד פסח, און מיט איר הילף האָט טאַדעאוס געמאַכט אַ בלוט־בילבול אויף אידן. גראָד האָט זיך דעמאָלט געמאַכט, אַז אַ גויאישע דינסט, וועלכע האָט אַ צייט מיט יאָרן געאַרבעט ביי אַ רייכן אידן אין הויז, איז פּלוצ־לינג פאַרשוואונדן פון דער פּראַגער געטאָ. דער גלח טאַדעאוס האָט דערפון זיך דערוואוסט און דאָס האָט אים געגעבן אַ גינסטיקע געלעגנהייט אויסצושמידן זיין בייזן פּלאַן קעגן די אידן. באַזונדערס האָט ער געוואָלט אַריינכאַפּן אין זיין נעץ דעם מהר"ל'ס ביידע שמשים, רבי אברהם־חיים און יאָסל גולם, און נאָכדעם דעם מהר"ל אַליין אויך.

אויף מאָרגן נאָכדעם ווי די משומדת׳טע איז אַנטלאָפן פון איר פאָטער׳ס הויז, האָט מען זי געבראַכט צום קאַרדינאַל פון פראַג זי צו טויפן. דער קאַר־דינאַל האָט זי געפרעגט פאַרוואָס זי וויל זיך טויפן, און זי האָט געענטפערט, אַז זי קאָן ניט בלייבן ביי אַזאַ אמונה, וואָס אירע אַנהענגער שעכטן אַלע יאָר אַ קריסט, כדי אַריינצוקנעטן זיין בלוט אין די מצות. אַז דער קאַרדינאַל האָט איר געפרעגט פון וואַנען זי וויס עס, האָט זי געענטפערט, אַז דעם לעצטן פאַר־פסח איז זי אַליין געווען דערביי, ווי דעם רב׳ס צוויי שמשים, איינער אַ ריידנדיקער און איינער אַ שטומער, האָבן געבראַכט איר פאָטער אַ פלעשעלע בלוט און ער האָט זיי באַצאָלט אַ סך געלט פאַר דעם.

די משומדת׳טע האָט אָבער געוואָלט פאַרהיטן איר פאָטער, און זי האָט דערביי באַמערקט, אַז איר פאָטער איז דערין ניט שולדיק, ווייל אַלע פראַגער אידן פאָלגן זייער רב, און אַז ער שיקט זיי אַ פלעשל בלוט, מוזן זיי עס צונעמען. דער קאַרדינאַל האָט איר דאַן געפרעגט, וואו די אידן האָבן באַקומען אַ גוי צו שעכטן, ווייל די פאָליציי וויס ניט פון קיין קריסט, וואָס זאָל האָבן פאַר־שוואונדן געוואָרן. די מיידל האָט געענטפערט, אַז לויט דעם געשפרעך, וואָס זי האָט געהערט צווישן די שמשים און איר פאָטער, איז דער קרבן דעם יאָר געווען די קריסטלעכע דינסט, וואָס איז פורים־צייט פאַרפאַלן געוואָרן.

דער קאַרדינאַל איז געווען אַ קלוגער און פיינער מאַן און האָט געלאָזט וויסן דעם מהר״ל פון דער גאַנצער מעשה. דער מהר״ל האָט גלייך אַרויסגעגע־נומען יאָסל גולם פון דער בית־דין־שטוב און אַוועקגעלייגט שלאָפן אויף זיין פלאַץ אַן אַנדער שטומען אידן, וואָס האָט אויסגעזען ענלעך צו אים.

אין מיטן נאַכט האָט די פאָליציי אַרעסטירט רבי אברהם־חיים דעם שמש און דעם שטומען אידן, וועלכער איז געשלאָפן אויף דעם גולמ׳ס געלעגער, און זיי אַוועקגעזעצט אין טורמע. אויף מאָרגן האָט גאַנץ פראַג שוין געקאָכט מיט דעם נייעם בלוט־בילבול. אידן האָבן געוויינט, געפאַסט און געזאָגט תהילים. אָבער קיינער האָט ניט געוואוסט וואָס פאַר אַן עצה צו געבן. דער איינציקער, וועלכער האָט זיך ניט פאַרלוירן, איז געווען דער מהר״ל, וואָרום מיט אַזאַ דעטעקטיוו ווי יאָסל גולם האָט מען ניט באַדאַרפט פאַרצווייפלען.

דער מהר״ל האָט אין אָנהויב אַרויסגעשיקט אין געהיים אַכט אידן צו זוכן די קריסטין אין די דערפער און שטעטלעך אַרום פראַג. און אַז זיי זיינען גע־קומען צוריק מיט ליידיקע הענט, האָט ער גערופן צו זיך יאָסל גולם און אים גע־פרעגט אויפן וואונק, אויף שטום־לשון, צי ער קען גוט פערזענלעך די פאַר־שוואונדענע קריסטין. דער גולם האָט געענטפערט אויפן וואונק, אַז יאָ, און דער מהר״ל האָט אים אַוועקגעשיקט זוכן די קריסטין אין איינעם פון פיר

ערטער, וואו זי האָט זיך באַדאַרפט געפינען. דער מהר״ל האָט אָבער אָנגעזאָגט שטרענג דעם גולם, אַז ער מוז קומען צוריק אין פאַרלויף פון די צוויי וואָכן, וואָס זיינען נאָך געבליבן ביז דעם משפט.

די צוויי וואָכן זיינען אַוועקגעפלויגן. ס׳איז געקומען דער טאָג פון משפט. אין די קירכן האָבן געקלונגען אַלע גלאָקן, און אַ גרויסער המון קריסטן האָט זיך פאַרזאַמלט אַרום דעם געריכטס־הויז. טאַדעאוס און די משומדת׳טע זיינען געקומען צופאָרן אין אַ פאַרמאַכטער קאַרעטע, און דער פאַרזאַמלטער המון האָט זיי געגעבן אַ שטורמדיקע אָוואַציע. די אַרעסטירטע אידן האָט מען געבראַכט צופירן געשמידט אין קייטן און אונטער אַ שטרענגער וואַך. דערנאָך זיינען געקומען דער מהר״ל און רבי מרדכי מייזעל אַלס די פאַרשטייער פון דער אידישער געמיינדע, און דער משפט האָט זיך אָנגעהויבן.

דער גלח טאַדעאוס האָט געאַרבעט אויף אַלע כלים צו באַווייזן די שולד פון די אידן, און די משומדת׳טע האָט עדות געזאָגט, אַז זי האָט אַליין געהערט, ווי דער אַלטער שמש האָט געזאָגט צו איר פאָטער ביים געזעגענען זיך: „זאָרגט זיך ניט, ביז איבער אַ יאָר וועט דער אויבערשטער אונז צושיקן אַן אַנדער קריסטין פאַר אַ כפרה״.

דאָ האָט מיט איינמאָל זיך דערהערט אַ קלאַפעריי און אַ טומל אויפן גאַס. יאָסל גולם איז געקומען צופאָרן אין פולן גאַלאָפּ מיט דער קריסטין. די ריכטער האָבן געהייסן זיי גלייך אַריינפירן. טאַדעאוס האָט זיך שרעקלעך דערשראָקן. די משומדת׳טע האָט אויפן שטעל גע׳חלש׳ט, און אַז מ׳האָט זי אָפּגעמינטערט, האָט מען זי פאַר׳משפט אויף זעקס יאָר טורמע. טאַדעאוס איז אַ פאַרשעמטער און צעטומלטער אַוועק האַסטיק אין קלויסטער. די צוויי שמשים האָט מען אויפן שטעל באַפרייט, און די אידן פון פראַג זיינען, ווי די אידן אין שושן הבירה, געווען פריילעך און לוסטיק, וואָס יאָסל גולם האָט זיי געראַטעוועט פון אַזאַ צרה.

דער גלח טאַדעאוס האָט אָבער ניט פאַרלוירן זיין מוט און האָט כסדר אָרגאַניזירט נייע בלוט־בילבולים אויף אידן. אַלע עטלעכע יאָר האָט ער אָרגאַניזירט אַ נייעם בילבול, און יעדן מאָל האָט דער מהר״ל געראַטעוועט די אידן מיט דער הילף פון זיין וואונדערלעכן דעטעקטיוו, יאָסל גולם.

אייך בלוט־בילבול נאָך דעם אַנדערן האָט געפּלאַצט, און דער קייזער, רודאָלף דער צווייטער, האָט סוף־כל־סוף אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז מ׳זאָל מער ניט מאַכן דעם דאָזיקן בילבול אויף די אידן.

אַוועקגעגאַנגען אַ פסח נאָך אַ פסח, און ס׳איז געווען שטיל. מ׳האָט אויפ־געהערט מאַכן בילבולים אויף די פראַגער אידן, און דער מהר״ל האָט גערופן

זיין אײדעם, רבי יצחק הכהן, און זיין תלמיד, ר׳ יעקב הלוי, און זיי געזאָגט, אַז מען דאַרף שוין מער קיין גולם ניט און דעריבער מוזן זיי, וועלכע האָבן אים געהאָלפן באַשאַפן דעם גולם, אים אויך איצט העלפן צו נישט מאַכן דעם גולם.

אין אָוונט האָט דער מהר״ל באַפוילן יאָסל גולם, אַז ער זאָל זיך לייגן שלאָפן ניט ווי געוויינלעך אין בית־דין־שטוב, נאָר ער זאָל זיך מאַכן זיין געלעגער אויף דעם שול־בוידעם און דאָרטן שלאָפן. נאָך האַלבער נאַכט זיינען דער מהר״ל מיט זיין אײדעם און מיט זיין תלמיד אַרויפגעגאַנגען אויף דעם בוידעם פון דער אַלטער פּראָגער שול. נאָר פאַרן אַרויפגיין האָט זיך דער מהר״ל מפלפל געווען מיט זיין אײדעם, צי אַ כהן מעג זיך געפינען אין אַ שטוב, וואו עס ליגט אַזאַ סאָרט מת, ווי יאָסל גולם, און דער מהר״ל האָט אויפגעוויזן מיט אַ פּילפּול, אַז אַזאַ מת מאַכט ניט טמא.

אַז זיי זיינען אַרויפגעגאַנגען, האָבן זיי אַלע דריי זיך אַנידערגעשטעלט צוקאָפּנס ביי דעם ליגענדיקן גולם, פּונקט פאַרקערט, ווי בשעת זיי האָבן אים באַשאַפן, און אויך די הקפות זיינען זיי געגאַנגען אין דער פאַרקערטער ריכטונג. דערביי האָט זיך אויך געפונען דער אַלטער שמש, רבי אברהם־חיים, מיט צוויי ליכט אין די הענט. נאָך די זיבן הקפות איז דער גולם שוין געווען טויט און איז געלעגן ווי אַ שטיק פאַרהאַרטעוועט ליים. דאַן האָט דער מהר״ל צוגערופן דעם שמש, רבי אברהם חיים, און האָט פון אים צוגענומען די צוויי ליכט, און מען האָט אויסגעטאָן דעם גולם אַלע קליידער, נאָר דאָס העמד האָט מען אויף אים געלאָזן. אַזוי ווי אויפן שול־בוידעם האָבן ניט אויסגעפעלט קיין אַלטע טליתים, האָט מען אים איינגעוויקלט און גוט אַרומגעבונדן מיט צוויי טליתים. דערנאָך האָט מען אים אַרונטערגערוקט אונטער דעם גרויסן באַרג שמות, וואָס איז דאָרטן געלעגן, אַז עס האָט זיך פון אים גאָרנישט ניט אַרויסגעזען. דער מהר״ל האָט דאַן אָנגעזאָגט רבי אברהם־חיימ׳ען, אַז ער זאָל פאַרברענען דעם געלעגער מיט די קליידער, ווען קיינער וועט עס ניט זען, און זיי זיינען אַלע אַראָפּגעגאַנגען און זיך געוואַשן די הענט.

אין דער פרי האָט מען פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז יאָסל גולם איז ברוגז געוואָרן און אַנטלאָפן אין מיטן נאַכט. באַלד אויף דער צווייטער וואָך, דערציילט די לעגענדע, האָט דער מהר״ל געלאָזט אויסרופן אַן איסור (אַ פאַרבאָט), אַז קיינער זאָל זיך ניט דערוועגן אַרויפגיין אויף דעם בוידעם פון דער אַלטער שול און מ׳זאָל דאָרטן ניט אַרויפלייגן מער קיין שמות.

און ביז היינטיקן טאָג הערשט דער גלויבן ביים פאָלק אין פּראָג, אַז מען טאָר ניט אַרויפגיין אויפן בוידעם פון דער אַלט־נייער שול אין פּראַג,

ווייל דאָרטן ליגט דער גולם. איינמאָל, ווערט דערציילט, האָט דער באַרימ־טער פּראַגער רב, רבי יחזקאל לאנדוי, זיך אונטערגענומען אַרויפצוגיין אויפן בוידעם צו זען דעם טויטן גולם. אַ סך טעג פריער האָט ער געפאַסט. אונטען אין שול זיינען בשעת־מעשה געשטאַנען זיינע תלמידים און געזאָגט תהילים. אַרויפגעגאַנגען איז ער אָנגעטאָן אין טלית און תפילין. אָבער אַז ער איז אַראָפּגעגאַנגען צוריק, איז ער געווען שטאַרק צעשראָקן. אויף מאָרגן האָט ער באַנייט דעם אַלטן פאַרבאָט, אַז קיין מענטש זאָל ניט וואַגן אַרויפגיין אויפן בוידעם צום גולם.

אַ אידישער קוואַרטאַל אין אַמאָליקע צייטן

די אידן האָבן אַליין פאַרוואַלטעט זייער געזעלשאַפטלעכן לעבן. — די רעגירונגען האָבן נאָר געוואָלט מ'זאָל זיי צאָלן פּינקטלעך שטייערן — די דריי קלאַסן אין דער אידישער געמיינדע: רבנים, בעלי־בתים און ישיבה־בחורים. — די ראָלע פון דער שול אין יענע צייטן. — די אידישע קרעטשמעס אין פּאַריז פון מיטלאַלטער.

אין אַ אידישער געטאָ פאַרצייטן איז געווען ענג און טונקל. אָבער אידן האָבן זיך דאָרטן ניט געפילט אַזוי שלעכט, ווי עס דוכט זיך אונז היינט, ווייל זיי זיינען דאָרטן געווען ביי זיך אין דער היים, ווי אין אַן אייגענער אידישער מדינה.

די רעגירונגען זיינען געווען פאַראינטערעסירט נאָר איינצומאָנען די שטייערן פון די אידן, אָבער אין די אינערלעכע ענינים פון דער געטאָ האָבן זיי זיך ווינציק וואָס געמישט. ד אידן האָבן געהאַט זייער אייגענע אַדמיניסטראַציע, זייערע אייגענע אינסטיטוציעס און האָבן אַליין געהאַט די דעה אויף זייער גאַנצן געזעלשאַפטלעכן לעבן.

וואָס פאַר אַ פּנים האָט דאַמאָלט געהאַט אַ אידישע קהלה, און אין וועלכע קלאַסן איז זי געווען צעטיילט?

די אידן זיינען אין די אַמאָליקע צייטן פון מיטלאַלטער געווען איינגעטיילט אין פאַרשיידענע קלאַסן, אָבער ניט לויט זייער פאַרמעגן, נאָר לויט זייער קענטעניש, לויט דער מאָס פון אידישער בילדונג, פון לומדות, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט.

דעם סאַמע אויבענאַן אין אידישן לעבן האָט פאַרנומען דער קלאַס פון די רבנים. צו דעם קלאַס האָבן געהערט די רבנים, דיינים און ראשי־ישיבות. אַ צווייטער קלאַס זיינען געווען די אָנגעזעענע למדנים. דאָס זיינען געווען אידן, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט מסחר אָדער מיט אַן אַנדער פּריוואַטער פּרנסה, אָבער זיי האָבן געקאָנט דערצו אַ סך לערנען, און אַז דער רב פלעגט האַלטן אַ דרשה אויף דער בימה, פלעגן זיי זיך אַריינמישן און נעמען אַן אָנטייל אין דעם פּלפּול. אַ דריטער קלאַס זיינען געווען די בחורים פון די ישיבות.

די דאָזיקע דריי קלאַסן האָבן, אַזוי צו־זאָגן, פאַרגעשטעלט מיט זיך די

אידישע אינטעליגענץ. ווען אַ איד אָבער האָט ניט געהערט צו קיינעם פון אָט די קלאַסן, ווען ער איז געווען ניט קיין רב, ניט קיין ראש־ישיבה, ניט קיין ישיבה־בחור און אויך ניט קיין למדן, נאָר סתם אַ איד, האָט ער דאַן געהערט צו דעם קלאַס באַלעבאַטים. אַ באַלעבאָס איז געווען אַ איד, וועלכער האָט זיך ניט אויסגעצייכנט מיט קיין לומדות. ער האָט געמעגט זיין אַ פיינער איד, און קיינער האָט אויף אים קיין שלעכטס ניט געהאָט צו זאָגן. אָבער ער איז געווען אַן „עם־הארץ" און האָט ניט געקאָנט צוגערעכנט ווערן צו די „לומדים". אַ אידן אַ למדן האָט מען ניט געטאָרט באַצייכענען ווי אַ „באַלעבאָס". דאָס וואָלט געווען אַ באַליידיקונג פאַר אים.

אַזוי אַרום מעג מען זאָגן, אַז מיט פיר־פינף הונדערט יאָר צוריק זיינען די אידן געווען צעטיילט אין צוויי קלאַסן: אין „לומדים" און „באַלעבאַטים". די לומדים זיינען געווען די אַריסטאָקראַטיע און די באַלעבאַטים די דעמאָ־קראַטיע. די באַלעבאַטים זיינען זעלבסטפאַרשטענדלעך געווען די מערהייט אין דער קהלה. די הויפט־דעה אָבער האָבן געהאַט די לומדים. זיי זיינען געווען די טאָנגעבער אין אידישן לעבן, צו זיי האָט מען זיך שטענדיק צו־געהערט.

דאָס בילד גילט אָבער בלויז פאַר דער עלטערער צייט, פאַר דעם פער־צענטן און פופצענטן יאָרהונדערט. ביסלעכוויז אָבער איז אויפגעקומען ביי אידן אַ געלט־אַריסטאָקראַטיע, און אין אַכצענטן יאָרהונדערט האָט מען שוין איינגעטיילט די קלאַסן אין אַ אידישער קהלה ניט לויט לומדות, נאָר לויט דעם פאַרמעגן.

ווער האָט אָנגעפירט די אידישע קהלה און ווער זיינען געווען אירע פאַרטרעטער ביי דער רעגירונג?

די פאַרוואַלטונג איז געלעגן אין די הענט פון אַ ראַט, וואָס איז אויס־געקליבן געוואָרן פון דער קהילה. די דאָזיקע מיטגלידער פון דעם קהלה־ראַט האָבן געהייסן „טובי העיר", „ראשי־הקהל" אָדער אויך „פרנסים" (שפּעטער אָבער האָט מען מיט דעם וואָרט „פרנס" באַצייכנט בלויז דעם פאַרזיצער פון דעם ראַט, דעם פאַרשטייער פון דער קהלה). דער ראַט איז אין אַ טייל קהלות באַשטאַנען פון פיר מיטגלידער, מערסטנס אָבער איז ער באַשטאַנען פון זיבן. אין דער דייטשער שטאָט וואָרמס איז געווען אַ אידישער קהלה־ראַט פון צוועלף מיטגלידער, און יעדערער פון די צוועלף האָט געטאָן זיין דינסט און געפירט די קהלה איין חודש אין יאָר. אַ ראַטמאַן האָט דאָרטן דערפאַר געהייסן „פרנס החודש".

דער קהלה־ראַט האָט געהאַט אַ פאַרזיצער, וועלכער איז געווען דער

העכסטער פאַרשטייער. דעם אויבערשטן פרנס האָבן די גויים אין פילע ערטער גערופן „אידן־בישאָף". געוויינלעך פלעגט דער אידן־בישאָף אויסגעקליבן ווערן פון דער קהלה, און אַז ער איז ניט געפעלן, האָט אים די קהלה אין אַ יאָר אָדער צוויי אַרום אַראָפּגעוואָרפן. טיילמאָל אָבער האָט די קהלה אים נאָמינירט, און די רעגירונג האָט אים באַשטעטיקט. אין אַזאַ פאַל האָט מען אים ניט גע־קאָנט מער אַראָפּוואַרפן, און ער האָט אָנגעהאַלטן זיין שטעלע אויפן גאַנצן לעבן.

אין די ערשטע צייטן איז דער אידן־בישאָף געווען אי דער רבי, דער רעליגיעזער פאַרשטייער, אי דער אויבערשטער פרנס, דער וועלטלעכער פאַר־שטייער פון קהלה. שפּעטער אָבער איז דאָס צעטיילט געוואָרן אין צוויי באַ־זונדערע אַמטן, און עס פלעגן אָפט פאָרקומען רייבונגען צווישן דעם רב און דעם פרנס; וואָרום אָן דעם רב׳ס הסכמה האָט מען ניט געטאָרט טאָן קיין זאַך אין דער קהלה.

די ראַטמענער, די „ראשי־הקהל", האָבן געהאַט די גאַנצע דעה. אַלע האָבן געמוזט פאָלגן זייערע באַשלוסן, און פאַר ניט פאָלגן האָבן זיי געקאָנט אַרויפלייגן אַ שווערע שטראָף. זיי האָבן געקאָנט אַרויפלייגן אַ געלט־שטראָף און האָבן געקאָנט צומשפּטן מלקות.

אָבער די געוויינלעכסטע שטראָף פאַרצייטן איז געווען דער „חרם". האָט מען עמיצן אַריינגעלייגט אין „חרם", איז ער געווען פולשטענדיק באָיקאָטירט פון אַלעמען, און קיינער האָט מיט אים קיין שום מגע ומשא ניט געהאַט. די צערעמאָניע פון אַ „חרם" האָט געמאַכט אַ טיפן איינדרוק און האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף אַלעמען. מ׳פלעגט אָנצינדן ליכט אין שול, און אַז דער שופר פלעגט אַ בלאָז טאָן, פלעגן די ליכט פאַרלאָשן ווערן, און אַ מורא׳דיקע קללה פלעגט אויסגערופן ווערן קעגן דעם באַשטראָפטן.

דער חרם איז אַזוי אַרום געווען פאַרצייטן אַ וואָפן ביי די אידן אין די הענט קעגן אַ יחיד, וועלכער האָט געוואָלט ברעכן די דיסציפּלין און שע־דיקן דעם גאַנצן כלל, און אָפטמאָל אויך קעגן אַ גאַנצער קהלה, וועלכע האָט נישט געוואָלט אָננעמען אַ געוויסע תקנה, אַ געוויסע רעפאָרם, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן פון אַלע אַנדערע קהילות.

אידן האָבן אויך געהאַט זייער אייגענעם געריכט, זייער „בית־דין", און אין טייל לענדער האָבן די אידן אין געוויסע צייטן פון מיטלאַלטער געהאַט דאָס רעכט אַפילו צו משפּט׳ן קרימינעלע משפּטים. די אידישע קהילות האָבן געהאַט זייערע אייגענע אידישע געריכטן און אויך זייערע אייגענע טורמעס. מאַנכע געמיינדעס, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין אייגענע טורמעס, האָבן געהאַט אַ אידישן דעפּאַרטמענט אין דער אַלגעמיינער טורמע. די פאַרוואַלטונג פון

דער אידישער קהילה האָט געהאַט די פולמאַכט פון דער רעגירונג צו אַרעס־טירן אַ אידן און אים אַריינזעצן אין טורמע אין דער אידישער אָפּטיילונג. אַזעלכע אַרעסטאַנטן האָט מען ניט אַרויסגעלאָזן אָן דער דערלויבעניש פון די אידישע באַאַמטע. אָבער אפילו די אידישע אַרעסטאַנטן אין דער אַלגעמיי־נער טורמע האָבן געהאַט זייער פולע זעלבסטפאַרוואַלטונג. אין די פּראָנצוי־זישע טורמעס אין אַכצנטן יאָרהונדערט האָבן די אידישע אַרעסטאַנטן גע־קראָגן כשר׳ע עסן, האָבן געהאַט ביי זיך זייערע אידישע ספרים און האָבן אָפּגעהיט שבת.

די קאָנסטיטוציע פון דער אידישער קהלה און אירע באַאַמטע

די קאָנסטיטוציע פון דער אידישער קהילה איז געווען אַ דעמאָקראַטישע. די פאַרוואַלטער, די ראַטמענער און זייער פאָרזיצער, דער פּרנס, פלעגן אויס־געוויילט ווערן אויף אַן אסיפה פון גאַנץ קהל. די וואַלן פלעגן געווינלעך פאָרקומען חול־המועד־פסח אָדער חול־המועד־סוכות. אַ חוץ די ראַטמענער און דער פּרנס פלעגט אויך אויסגעוויילט ווערן דער גבאי, וועלכער איז געווען דער קאַסירער פון דער קהלה, און אין אַ סך שטעט זיינען אויך געווען ספּעציעלע באַאַמטע צו זאָרגן פאַר די אָרעמע לייט און די קראַנקע.

די דאָזיקע באַאַמטע זיינען אַלע געווען נישט קיין באַצאָלטע, און ביז דעם דרייצנטן יאָרהונדערט האָבן אויך דער רב און די דיינים ניט גענומען קיין געלט פאַר זייער אַרבעט. שפּעטער אָבער האָבן דער רב און די דיינים אָנגעהויבן קריגן שכירות.

צווישן די באַצאָלטע באַאַמטע זיינען, אַ חוץ דעם רב און די דיינים, געווען אויך דער שוחט, דער חזן און דער שמש. אָבער דער שמש איז געווען דער סאַמע וויכטיקסטער באַאַמטער פון זיי אַלעמען, און מיט דער צייט איז ער געוואָרן דער גאַנצער הערשער אין שול און דער מעכטיקסטער מענטש אין דער קהלה. דער שמש האָט געהאַט זייער פאַרשיידענע זאַכן צו טאָן. און צוליב דעם האָט ער געוואוסט געגוי אַלע פּריוואַטע ענינים פון יעט־ווידערן אידן אין דער קהלה. אומעטום איז געווען דער שמש און פון אַלצדינג האָט ער געוואוסט. איז ער דערפאַר אַנשטאָט אַ „שמש", אַ דינער, געוואָרן אַ האַר און אַ הערשער, האָט אין אַלץ זיך אַריינגעמישט און איבער אַלץ גע־זאָגט אַ דעה.

די הויפּט־פליכטן פון דעם שמש זיינען געווען אויפצופאַסן אויף דער שול און אויסצופירן דעם פּסק־דין פון דעם אידישן געריכט, דעם „בית־

דין״. ער איז, אַלזאָ, געווען אַ שול־אויפזעער און דערצו נאָך אַ מין פּאָלי־ציסט. האָט מען פאַר׳משפּט עמיצן צו מלקות, האָט דער שמש עס דורכגעפירט מיט אַ דיקן שטריק אָדער מיט אַ לעדערנעם רימען.

אָבער די מערסטע אַרבעטן פון דעם שמש זיינען געווען לייכטערע און אָנגענעמערע ווי געבן מלקות. דער שמש האָט געהאַט די אויפגאַבע צו לאָזן אַלעמען וויסן ווען שבת קומט און אויך אויפצואוועקן אַלעמען יעדן פרימאָרגן צו גיין דאַווענען. ער פלעגט גיין פון הויז צו הויז מיט אַ הילצערנעם האַמער אין האַנט און אָנקלאַפּן דריי מאָל אין יעדער טיר. שבת אָבער פלעגט ער ניט אָנקלאַפּן אין טיר מיטן האַמער, נאָר מיטן פויסט. אַז עמיצער איז געשטאָרבן אין פאַרלויף פון דער נאַכט, האָט ער אָנגעקלאַפּט בלויז צוויי מאָל. האָבן אַלע אידן שוין געוואוסט גלייך אין דער פרי, אַז ס׳איז דאָ אַ בר־מינן אין שטאָט.

דער שמש איז געווען אויך דער אויסרופער אין שול. ער האָט אויסגערופן ביים דאַווענען זאַכן, וואָס דער עולם האָט באַדאַרפט וויסן. איז געווען אַ שמחה אין הויז און מ׳האָט איינגעלאַדן געסט, האָט דער שמש צעטראָגן די איינלאַ־דונגען. ערב יום־כיפור פלעגט דער שמש גיין דערמאָנען יעדערן צו לאָזן די שיך אין דער היים, און אַז תשעה־באָב איז געפאַלן אום שבת, פלעגט ער גיין דערמאָנען יעדערן וועגן טרויער־מנהגים, וואָס מען דאַרף אָפּהיטן יענעם שבת.

עס איז אָבער כדאי צו דערמאָנען, אַז אין טייל קהילות איז געווען פאַרצייטן אָנגעשטעלט אַ ספּעציעלער שול־קלאַפּער, און דער שמש האָט ניט געהאַט די אַרבעט פון רופן אין שול.

אַזוי אַרום האָבן די אידן פאַרצייטן געהאַט אין זייערע געטאָס אַ סאָרט אייגענע אידישע מלוכה. אָבער אין ערגעץ האָבן די אידן ניט געהאַט אַזאַ פולע זעלבסטפאַרוואַלטונג ווי אין פּראָג. די אידן האָבן דאָרטן געהאַט זייער אייגענעם אידישן ראַט־הויז. די ראַטמענער פלעגן דאָרטן אויסגעוויילט ווערן פון די אייגנטימער פון די הייזער און האָבן געהאַט אין זייער האַנט די פּאָליציי־פאַרוואַלטונג און די גאַנצע הערשאַפט איבער דער אידישער מדינה, וואָס האָט געהייסן די אידן־שטאָט פון פּראָג.

די ראָלע פון דער שול אין אידישן לעבן פון מיטלאַלטער

אַ אידישע געטאָ אין מיטלאַלטער האָט פאַרמאָגט פאַרשיידענע אייגענע אינסטיטוציעס. אָבער דער מיטל־פונקט פון דעם אידישן לעבן איז דאַמאָלט געווען איין אינסטיטוציע: די שול. אַרום דער שול איז לכתחילה אויסגע־

וואַקסן דער אידישער קוואַרטאַל און אַרום איר האָט זיך אויך גערדייט דאָס גאַנצע געזעלשאַפטלעכע לעבן פון דער קהלה.

אין שול האָט דער איד, וועלכער האָט געלעבט אין דער געטאָ, אין דעם אידישן קוואַרטאַל, געטראָפן פרעמדע אידן פון אַנדערע שטעטלעך און געגנדן און האָט באַקומען פון זיי ידיעות וואָס עס טוט זיך און ווי מ׳לעבט אין די ווייטע מקומות. אין שול פלעגט ער הערן די דרשות פון דורכרייזענדע מגידים, און פלעגט דורך זיי זיך באַקענען מיט נייע געדאַנקען, נייע רעיונות און חקירות, און בכלל מיט די נייע זאַכן און פאַסירונגען, וואָס קומען פאָר אויף דער וועלט.

אָפטמאָל פלעגט מען טרעפן אין שול פרעמדע, דורכרייזענדע ישיבה־בחורים, וועלכע זיינען געפאָרן אין אַ ווייטער, באַרימטער ישיבה לערנען, אָדער בעל־מלאכות און סוחרים, וואָס האָבן זיך געשלעפט הונדערטער מיילן פאַר מסחר, אָדער קריגן אַרבעט.

אויך חזנים פלעגן אָפטמאָל דורכפאָרן און געבן אַ דאַווענען. ווארום אין פופצנטן און זעכצנטן יאָרהונדערט פלעגן איטאַליענישע לידער־זינגער און וואַנדערענדיקע מוזיקער אַרומפאָרן איבער צפון־איראָפּע און פאַר־שפרייטן אומעטום זייער קונסט, און אונטער זייער איינפלוס האָבן אויך די חזנים אָנגעהויבן אַרומצופאָרן פון שטאָט צו שטאָט און דאַווענען אַ שבת.

אַ גוטער חזן אָדער אַ מגיד פלעגט לאָזן אַן איינדרוק אויף אַ ווײַלע. עס פלעגט אָבער אויך פּאַסירן, אַז אַן עקזאַלטירטער מיסטיקער, אַ בעל־מקובל, פלעגט זיך באַווייזן אין שול און דערציילן וואונדערלעכע מעשיות פון עפּעס אַ משיח אין אַ ווייטן לאַנד, און עס פלעגט זיך צעפלאַמען ביי אַלעמען די פאַנטאַזיע וועגן דעם „קץ״ פון דעם גלות, און וועגן דער נייער, גליקלעכער צייט, וואָס דאַרף זיך באַלד אָנהויבן פאַר די אידן.

איבערהויפּט איז די שול ניט געווען דאַמאָלט אַן אָרט, וואו מ׳איז גע־קומען בלויז דאַווענען. אַלע זייטן פון דעם אידישן לעבן האָבן זיך אין יענע צייטן אָפּגעשפּיגלט אין שול. האָט אַ איד געהאַט אַ קריוודע קעגן עמיצן און ניט געפונען קיין גערעכטיקייט, האָט ער „מעכב געווען די קריאה״, ניט געלאָזט לייענען ביז דער עולם אין שול האָט אים נישט צוגעזאָגט זיך פאַר אים אָנצונעמען. האָט מען עפּעס וויכטיקס געדאַרפט באַקאַנט מאַכן דעם עולם, האָט מען עס אויסגערופן אין שול. אויך די רעגירונגען אין איראָפּע האָבן זיך דאַן באַנוצט אָפטמאָל מיט דער שול פאַר זייערע צוועקן. אין דריי־צנטן יאָרהונדערט, למשל, האָט די ענגלישע רעגירונג געצוואונגען די אידן אויסצורופן אין זייערע שולן, אַז זיי באַפרייען אַלע קריסטן פון די

חובות, וואָס זיי זיינען שולדיק. אין דער געטאָ פון רוים איז געווען אַ מנהג, אַז ערב־יום־כיפור פלעגט מען אויסרופן אין שול אַ רשימה פון זאַכן, וואָס זיינען גע׳גנב׳עט געוואָרן אין פאַרלויף פון דעם יאָר, כדי אידן זאָלן וויסן זיי ניט צו קויפן.

אין אַ סך קהילות איז געווען אַן אַלטער מנהג, אַז דער שמש פלעגט אַלע שבת אויסרופן אין שול די רעזולטאַטן פון אַלע פּראָצעסן אין דעם אידישן געריכט און אויך לאָזן אַלעמען וויסן וועגן הייזער און מאַיאָנטקעס וואָס שטייען צום פאַרקויף. אַ טייל רבנים איז ניט געפעלן דער דאָזיקער מנהג אויסצורופן אין שול וועגן אַ פאַרקויף פון סחורה, און זיי האָבן עס פאַר־באָטן.

צו שמועסן בעת׳ן דאַווענען, אין דער צייט ווען דער חזן זינגט, אָדער ווען מען לייענט פון דער ספר־תורה, איז שוין געווען אַ מאָדע מיט הונדערטער יאָרן צוריק. אויך זיך צו קריגן איבער „עליות״ איז שוין דאַמאָלט געווען אַ מאָדע. אין וואָרמס, די שטאָט וואו רש״י האָט געלעבט, האָבן צוויי אידן זיך אַמאָל אָפּגעקריגט אַרום צוויי שעה איבער אַן „עליה״, ווער פון זייביידן זאָל פאָרלייענען די פרשה פון דער ספר־תורה, וועלכע איז פאַר דער גאַנצער צייט פון דעם קריג געלעגן אויפגעעפנט אויף דער בימה. אין יענע צייטן, ווען עמיצער פלעגט קריגן אַן „עליה״, פלעגט ער אַליין מוזן פאָרלייענען די פרשה פון דער ספר־תורה. ווען דער עולם האָט געזען, אַז דער קריג ווערט זיך קיינמאָל ניט ענדיקן, האָבן זיי געכאַפּט די ספר־תורה און אַנטלאָפן מיט איר אין דעם קלויז פון די ישיבה־בחורים און דאָרטן געענדיקט דאָס לייענען, בעת אין שול זיינען געבליבן בלויז אַ פיר־פינף אידן, די צוויי, וועלכע האָבן זיך געקריגט, און זייערע אָנהענגער.

עס האָבן אויך ניט געפעלט דאַמאָלט קיין לצים און קונדסים, וועלכע פלעגן אָפּטאָן אין שול אַלערליי שטיקלעך און שפּיצלעך. אין דייטשלאַנד איז אין פופצעגטן יאָרהונדערט געווען אַ מאָדע צו טראָגן הילצערנע קאַלאָשן אויף די שיך. אָבער עס איז געווען אַן איסור פון רבנים אַריינצוגיין אין שול מיט די בלאָטיקע אויבער־שיך, פלעגט מען זיי לאָזן אין פאָליש פון פאָרנט ביים אַריינגאַנג. האָבן חברה קונדסים אין דער דייטשער שטאָט באַמבערג אָנגעהויבן אַוועקגנב׳ענען די שיך אָדער זיי אַזוי צומישן, אַז מ׳זאָל זיי ניט קענען דערנאָך אויסקלייבן. האָט דער רב געמוזט אַרויס־לאָזן אַ חרם קעגן די יונגאַטשעס. עס ווייזט אָבער אויס, אַז דער חרם האָט ניט פיל געווירקט, ווייל ער האָט געמוזט אַביסל שפּעטער באַנייט ווערן.

מ׳דאַרף אָבער דערביי ניט פאַרגעסן, אַז אין די קריסטלעכע קירכן איז

אויך דאַמאָלט ניט בעסער צוגעגאַנגען. פריצים פלעגן אַריינגיין אין קירך מיט די יאַגד־הינט, וועלכע זיינען געווען באַהאַנגען מיט גלעקלעך, און די הינטישע גלעקלעך פלעגן אָפטמאָל קלינגען אַזוי הויך, אַז מ׳האָט ניט געקאָנט הערן ניט די תפילות און ניט דאָס געזאַנג פון דער קירך.

דאָס שמועסן אין שול איז געווען דאַמאָלט אַ טייל פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן. דערהויפּט אָבער פלעגט מען ריידן ניט אין שול גופא, נאָר אין שול־הויף. ס׳איז געווען אַ מאָדע זיך צונויפצוקלייבן נאָכן דאַווענען אויפן הויף און דאָרטן שמועסן פון אַלע נייעס פון טאָג. די שול איז אַזוי ווייט געווען אַ היים פאַר די אידן פאַרצייטן, אַז ביז דעם נײַנטן אָדער צענטן יאָרהונדערט איז געווען אַ מאָדע ביי די אידן אין אַזיע, אַז אַ דורכרייזנדער איד פלעגט אפילו שלאָפן און עסן אין שול.

אַנדערע קהלשע אינסטיטוציעס אין די אַמאָליקע געטאָס

די שול איז אָבער ניט געווען די איינציקע קהל׳שע אינסטיטוציע אין די פאַרצייטיקע געטאָס. אין אַלע אידישע קהלות אין דייטשלאַנד איז געווען אַ קהל׳ש באַקהויז אָדער אויוון. דער דאָזיקער אויוון האָט געדינט פאַר אַ טאָפּלטן צוועק: איינמאָל אַ יאָר, פאַר פסח, האָט מען דאָרטן געבאַקן מצות, און דערצו האָט מען דאָרטן אַ גאַנץ יאָר געשטעלט אַלע פרייטיק די טשאָלענטן פון גאַנץ שטאָט.

אָבער ניט בלויז מיט אַ קהל׳שן אויוון פאַר טשאָלענט און פאַר מצות באַקן האָבן די פאַרוואַלטער פון דער קהלה פאַרזאָרגט אַלע אידן. עס איז אַפילו געווען אַ קהל׳שער קופּערנער קעסל צו קאָכן פאַר חתונות. רייכע אידן פלעגן באַצאָלן פאַרן באַנוצן זיך מיט דעם קהל׳שן אויוון און דעם קהל׳שן קעסל, די אָרעמע אָבער פלעגן עס קריגן אומזיסט.

זיי האָבן אויך געהאַט אַ קהל׳שע מקוה און אַ קהל׳שע באָד. אַקהל׳שע מקוה האָט, זעלבסטפאַרשטענדלעך, ניט אויסגעפעלט אין קיין אידישער קהלה, און אין פיל ערטער האָבן די אידן אויך געמוזט האָבן אַ קהל׳שן מרחץ, ווייל די רעגירונג האָט זיי אָפט פאַרבאָטן זיך צו באָדן אין די טייכן.

די אידן האָבן אויך געהאַט אַ קהל׳ש גאַסטהויז און אַ קהל׳ש טאַנץ־הויז אין זייערע קוואַרטאַלן. אין גאַסטהויז, וואָס איז געשטאַנען לעבן דעם באַקהויז, האָט מען געמאַכט חתונות. אָבער דאָס איז אויך געווען אַ סאָרט קרעטשמע פאַר דורכרייזנדע, וועלכע האָבן ניט געהאַט קיין אייגענע און באַקאַנטע, ביי וועמען איינצושטיין פּריוואַט.

אין אַכצנטן יאָרהונדערט איז די פּאַריזער פּאָליציי געווען שטאַרק פאַרנומען מיט דער דאָזיקער אידישער קרעטשמע. די אידן זיינען דאַמאָלט געווען אין פּאַריז אונטער דער אויפזיכט פון אַ ספּעציעלן פּאָליציי־אינספּעקטאָר, וועלכער האָט געמוזט וויסן וואו יעדער איד האָט זיך געפונען יעדע שעה פון דעם טאָג. אָט דער פּאָליציי־אינספּעקטאָר האָט געזוכט אַרויסצו־פּרעסן וואָס מער כּאַבאַר פון די אידן, באַזונדערס פון פּרעמדע, וועלכע האָבן ניט געהאַט קיין פּריינט. ווען אַ פּרעמדער אָבער איז איינגעשטאַנען אין דער קהל׳שער קרעטשמע, האָט דער פּאָליציי־אינספּעקטאָר ניט געקאָנט האָבן אַזאַ מאַכט איבער אים און ניט געקאָנט אַרויספּרעסן פון אים קיין סך געלט. האָט די פּאָליציי דעריבער געמאַכט אַלערליי בלבולים אויף דער אידישער קרעטשמע. אין אָנהויב האָט זי געמאַכט אַ באַשולדיקונג קעגן איר, אַז זי איז אַ שאַנד־הויז, און ווען עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די באַשולדיקונגען ברייגגען ניט אַריין קיין צופיל הכנסה דער פּאָליציי, האָט זי געמאַכט קעגן די אידישע קרעטשמעס (געווען צייטנווייז צוויי־דריי אַזעלכע קרעטשמעס אין פּאַריז) אַן אַנדער באַשולדיקונג: אַז זיי זיינען אַ סאָרט אידישע שולן, און עס ווייזט אויס, אַז פאַר דער פּאַריזער שטאָט־פּאַרוואַלטונג איז אַ שול געווען דאַמאָלט נאָך אַ שעדלעכערע זאַך ווי אַ שאַנדהויז.

אין יענע צייטן אָבער, אין אַכצנטן יאָרהונדערט, זיינען די אידישע קרעטשמעס אַריבער אין פּריוואַטע הענט, און די קהלה האָט דערמיט ניט געהאַט צו טאָן.

אַ אידישע קרעטשמע איז ניט געווען אומעטום. דערפאַר איז אָבער דאָס טאַנץ־הויז געווען אַן אַלגעמיינע אינסטיטוציע ביי די אידן אין מיטלאַלטער. דאָס איז געווען אַ קהל׳ש הויז, ספּעציעל צו טאַנצן און הוליען אויף חתונות. ביי די אידן אין די אַזיאַטישע לענדער האָט מען ניט באַדאַרפט אַזאַ אינסטי־טוציע, ווייל די אידישע וואוינונגען זיינען דאָרטן געווען גרויסע. אין אייראָפּע אָבער האָבן די אידן געוואוינט זייער ענג, און אין פּריוואַטע הייזער איז ניט געווען מעגלעך צו מאַכן אַ חתונה. ניט געווען קיין גרויסער זאַל אין די פּריוואַטע הייזער, וואו אַ סך מענטשן זאָלן קענען הוליען און טאַנצן. האָט מען דערפאַר געמוזט האָבן פאַר דעם אַ קהל׳שן זאַל.

די אידן האָבן אין מיטלאַלטער אויך געהאַט אַ סאָרט אייגענע אידישע פּאָסט. זיי פלעגן זיך באַנוצן פאַר דעם צוועק מיט סוחרים און אַלע אַנדערע אידן, וועלכע פלעגן דורכרייזן דורך דער שטאָט. אידן האָבן אויף אַזאַ אופן גע־האַט אַן אויסגעצייכנטע פאַרבינדונג צווישן די וויטסטע לענדער, און יעדע נייעס האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט, כאָטש עס זיינען אין יענע צייטן קיין צייטונ־

גען ניט געווען. די רבנים פלעגן זיך אָט אַזוי צונויפשרייבן אין די פאַרשיידענע טיילן פון איירָאפּע, און עס פלעגט אפילו אָנגיין אַ אידישע קאָרעספּאָנדענץ צווישן אַזיע, אַפריקע און אייראָפּע.

עס פלעגט אויך אַמאָל פּאַסירן, אַז מ׳פלעגט אַוועקשיקן אַ ספּעציעלן שליח, כדי באַקאַנט צו מאַכן אַ געוויסע וויכטיקע זאַך אין אַנדערע אידישע קהלות. אין אַזאַ אומגעווײנלעכן פאַל האָט מען זיך באַנוצט בלויז מיט אידן. אין אַלע אַנדערע פאַלן אָבער פלעגן אידן שיקן בריוו אויך דורך קריסטן און מאַכ־מעדאַנער, וועלכע פלעגן גיין אין אַ הייליקן אָרט אָדער פלעגן וואַנדערן מיט קאַראַוואַנען.

אין מיטלאַלטער איז די אידישע פּאָסט געווען באַרימט מיט איר פּינקט־לעכקייט, און רעגירונגען פלעגן זיך אָפטמאָל מיט איר באַנוצן. אַ אידישער בריוו־טרעגער האָט ניט געטאָרט עפענען קיינמאָל קיין בריוו. וואָרים שוין פון עלפטן יאָרהונדערט אָן איז געווען אַ חרם פון רבנו גרשום נישט צו עפענען קיין פרעמדע בריוו.

אַרום און אַרום האָבן די אידן אין מיטלאַלטער געלעבט אין זייערע געטאָס פאַרפּאַלגט און אונטערדריקט, געפּלאָגט און געהעצט פון אַלע זייטן. אָבער דערפאַר זיינען זיי געווען ביי זיך אינדערהיים, אין אַ סאָרט אייגענער אידישער מדינה, און עס איז זיי ניט געווען שווער אויפצוהאַלטן זייער אידישקייט.

געטאָס אין אייראָפּעאישע שטעט

ווי אַזוי די אידישע קוואַרטאַלן האָבן אויסגעזען

אין די פינצטערע צייטן פון מיטלאַלטער האָט מען אויסגעטראַכט אַלערליי מיטלען צו פּלאָגן און צו דערנידעריקן די אידן און זיי צו האַלטן אָפּגעזונדערט פון דער איבעריקער באַפעלקערונג. אָבער פון אַלע געזעצן און פאַרבאָטן, וואָס מען האָט אַרויסגעלאָזן געגן די אידן, זיינען צוויי געווען די שרעקלעכסטע. דאָס איז דאָס געזעץ, וואָס האָט געצוואונגען יעטווידן אידן צו טראָגן אַ געלע לאַטע אויף די קליידער, און דאָס געזעץ, אַז אידן מוזן לעבן אָפּגעזונדערט אין אידישע קוואַרטאַלן, אין געטאָס.

אַנגעהויבן איינשליסן די אידן אין געטאָס האָט מען אין פערצנטן יאָרהונדערט, און אין פופצנטן יאָרהונדערט זיינען שוין געווען מויערן כמעט אַרום אַלע אידישע קוואַרטאַלן אין אייראָפּע, גלייך ווי דאָרטן וואָלט געווען אַ פּעסט.

אָבער לאַנג נאָך איידער די אידן זיינען געווען געצוואונגען צו וואוינען אָפּגעזונדערט אין געטאָס, האָבן זיי שוין אומעטום, אין אַלע שטעט, געלעבט אין באַזונדערע אידישע קוואַרטאַלן. דאָס האָבן זיי צוערשט געטאָן מיט זייער אייגענעם פרייען ווילן. די אידן האָבן געזוכט צו וואוינען באַזונדער, אַלע איינאיינעם, ווייל אַזוי איז עס געווען בעסער און באַקוועמער פאַר זיי. ערשטנס איז עס זיי, לעבנדיק צוזאַמען, געווען לייכטער צו באַפרידיקן זייערע אידישע רעליגיעזע באַדערפענישן, און צווייטנס איז עס אויך געווען לייכטער זיך צו באַשיצן פון אַן אָנפאַל, ווען זיי האָבן געלעבט צוזאַמען אין אַ באַזונדערן טייל פון שטאָט.

אַזוי האָבן אויך די אידן אין די צייטן פון מיטלאַלטער געלעבט אין אָנהויב פרייוויליק אין געטאָס.

כל זמן אָבער די אידן האָבן געוואוינט פרייוויליק אין אַן אייגענעם קוואַרטאַל, האָבן אידן געוואוינט אויך אין אַנדערע טיילן פון שטאָט, און פונקט אַזוי האָבן פיל רייכע קריסטן געוואוינט אין סאַמע מיטן פון דעם אידישן קוואַרטאַל. פּרעכטיקע פּאַלאַצן און קלויסטערס זיינען געשטאַנען דעמאָלט ניט ווייט פון דער אידישער שול, און קריסטן האָבן פריי און גאַנץ פריינטלעך פאַרקערט מיט אידן. ווען די געטאָ איז אָבער געוואָרן אַ געצוואונגענע זאַך, ווען אידן האָבן ניט געטאָרט וואוינען אַנדערשוואו ווי אין זייער אייגענעם קוואַרטאַל, האָבן די קריסטן מיט זייערע פּאַלאַצן און קירכן זיך

אַרויסגעקליבן פון דאָרטן, און הויכע ווענט האָבן אָפּגעשיידט די גאַסן פון דער איבעריקער וועלט אַרום, כדי די קריסטן זאָלן ניט האָבן צו טאָן מיט די אידן און זאָלן קוקן אויף זיי ווי אויף נידעריקע באַשעפענישן.

ווי אַזוי האָט אויסגעזען אַ געטאָ פּאַרצייטן?

די געטאָ איז, ווי שוין געזאָגט, געווען אַרומגעצאַמט מיט אַ הויכער מויער, און יעדן אָוונט האָט מען פאַרשלאָסן די טויערן, און פון זון־אונטערגאַנג ביז זון־אויפגאַנג האָט קיינער ניט געטאָרט ניט אַריין און ניט אַרויס. ווען די גלאָקן האָבן געקלונגען אין די קלויסטערס צום אָוונט־געבעט, איז עס געווען דער סיגנאַל, אַז די געטאָ ווערט געשלאָסן, און צוויי וועכטער, באַשטימט פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, האָבן געהיט די טויערן. האָט מען געפונען אַ אידן נאָכן קלינגען פון די גלאָקן אויף דער אַנדערער זייט פון דער געטאָ־מויער, איז ער באַשטראָפט געוואָרן מיט אַ געלט־שטראָף, און אַז מען האָט אים געכאַפּט אַ צווייטן מאָל ביי אַזאַ זינד, האָט מען קאָנפיסקירט זיין פאַרמעגן, אָדער מען האָט אים געשמיסן מיט בייטשן, אים טרייבנדיק דורך די גאַסן פון שטאָט.

אָבער דאָס וואָס די געטאָ איז געווען אָפּגעשלאָסן פון דער וועלט מיט אַ הויכן מויער אַרום איז נאָך ניט געווען דאָס ערגסטע. נאָך ערגער איז געווען, וואָס די געטאָ איז געווען שרעקלעך שמוציק. די אידישע באַפעלקערונג איז געוואַקסן, אָבער די געטאָס זיינען געבליבן אומפאַרענדערט. עס האָט גע־טראָפן אָפטמאָל, אַז מען האָט דערלויבט די אידן צו פאַרגרעסערן זייער געטאָ. אָבער דאָס איז געווען אַ גרויסע זעלטנקייט. געוויינלעך האָט מען די גרעניצן פון די געטאָס ניט ברייטער געמאַכט. אַ געטאָ אין מיטלאַלטער האָט דערפאַר געמוזט אין אַ קורצער צייט ווערן ענג, געדיכט און שמוציק.

אין אַ סך שטעט איז דער אידישער קוואַרטאַל געווען אין דעם ענגסטן, שמוציקסטן און אומגעזונטסטן טייל פון שטאָט. און אפילו ווען די געטאָ איז געלעגן ניט אין קיין זומפּיקער געגנט, איז דאָרטן אויך נישט געווען שטאַרק אנגענעם צו וואוינען. וואָרים די געסלעך זיינען דאָרטן געווען שמאָלע און די הייזער אַזעלכע טונקעלע, אַז אפילו אין ליכטיקסטן טאָג איז דאָרטן אַריינגע־קומען זייער ווייניק זונשיין.

די אידישע געטאָ אין פראַנקפורט, צום ביישפּיל, איז געווען אַ טונקל געסל, צוועלף פוס די ברייט. די ברייטסטע שטיקער פון דער גאַס האָבן גע־האַלטן פופצן־זעכצן פוס. אַ וואָגן האָט זיך דאָרטן ניט געקאָנט אויסקירעווען. אַזוי ווי אָבער עס וואָלט געוואָרן אַ צו גרויסע טומלעניש און צעמישעניש פון

די פורן, וואָס האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן דער אידישער גאַס, האָט די שטאָט־פאַרוואַלטונג דערפאַר ברייטער געמאַכט דעם מיטלסטן אַריינגאַנג אין איר.

די דאָזיקע געטאָ פון פראַנקפורט האָט געהאַט הונדערט און ניינציק הייזער, אויסגעבויט געדיכט איינע ביי די אַנדערע. אין דער צאָל הייזער האָבן געוואוינט פיר הונדערט און פינף־און־פערציק פאַמיליעס. די גאַנצע אידישע קהילה פון פראַנקפורט איז אין יענע צייטן באַשטאַנען פון צווישן 25 הונדערט און פיר טויזנט פּערזאָן. עס קומט דערפאַר אויס, אַז אין יעדער שטוב האָבן געוואוינט צווישן דרייצן און צוואַנציק פאַרשוין.

די הייזער פון ביידע זייטן פון דער שמאָלער גאַס זיינען געווען הויכע. עס פלעגט זיך דעריבער דוכטן, אַז די שפּיצן פון די געביידעס אויף איין זייט גאָס רירן אָן די שפּיצן פון די געביידעס אויף דער אַנדערער זייט. די זון האָט געהאַט זייער וויניק געלעגנהייט אַריינצוקומען אַהין, און אין אַזאַ פינסטערן געפענגעניש האָבן די פראַנקפורטער אידן געמוזט פאַרברענגען זייער גאַנץ לעבן. ניט בלויז זיינען זיי הונדערטער יאָרן געווען געצוואונגען דאָרטן צו וואוינען, נאָר זיי האָבן אויך ניט געטאָרט אַרויסגיין פון זייער גאַס זיך אַביסל אָפּצופרישן. יעדן אָוונט, ווי די זון פלעגט זיך נאָר אַראָפּלאָזן, פלעגן פאַרשלאָסן ווערן די טויערן פון דער געטאָ און פלעגן נישט געעפנט ווערן ביז אויף מאָרגן אין דער פרי. דערצו נאָך פלעגט די געטאָ זיין פאַרשלאָסן אויך אַ גאַנצן טאָג אַלע זונטיק און אַלע אידישע און קריסטלעכע יום־טובים. בלויז אין זייער אַ דרינגענדיקן פאַל האָט אַ איד געמעגט אין די דאָזיקע טעג אַרויסגיין פון דער געטאָ. אין אַזאַ פאַל האָט מען ניט געעפנט פאַר דעם אידן דעם פאַרשלאָסענעם טויער, נאָר מען האָט אים אַרויסגעלאָזן דורך אַ קליין טירעלע, וואָס איז געווען אין יעדן טויער. און אפילו אין די וואָכעדיקע טעג האָבן אויך די אידן ניט געטאָרט אַריינאָטעמען קיין פרישע לופט. עס איז געווען אַ געזעץ, וואָס האָט שטרענג פאַרבאָטן די אידן צו גיין שפּאַצירן אין די עפנטלעכע פּלעצער.

אָדער לאָמיר בעסער נעמען פאַר אַ ביישפּיל די גרעסטע אידישע געטאָ אין מיטלאַלטער, די „יודען־שטאָט" פון פּראַג. די פּראַגער געטאָ האָט פאַרנומען אַ גאַנצן טייל פון שטאָט. „דער פינפטער הויפּט־דיסטריקט פון פּראַג" האָט עס געהייסן. אָבער ענג, געדיכט און שמוציק איז דאָרטן געווען פונקט ווי אין אַלע אַנדערע געטאָס.

ניין טויערן זיינען געווען אין דעם מויער, וואָס האָט אַרומגעצאַמט די

פּראגער געטאָ, און אַלע נאַכט פלעגט מען פאַרריגלען און פאַרשליסן די טויערן פון אינעוויייניק, און קיינער האָט ניט געקענט אַריין און ניט אַרויס.

נאָך ערגער האָבן די אידן געלעבט אין דער געטאָ פון רוים, וואו זיי זיי־נען אייגעשלאָסן געוואָרן אין 16טן יאָרהונדערט. די אידן זיינען דאָרטן געווען צונויפגעדריקט אין אַן ענגן פלאַץ ביי דעם ברעג פון דעם טייך טיבער. דאָרטן איז געווען זייער נידעריק און נאַס, און די רוימישע געטאָ איז געווען אַ נעסט פון אַלערליי קראַנקהייטן. אין יאָר 1656 האָבן דאָרטן געבושעוועט אַזויפיל עפּי־דעמישע קראַנקהייטן, אַז דריי חדשים נאָכאַנאַנד זיינען די טויערן פון דער געטאָ געווען אינגאַנצן פאַרשלאָסן און מען האָט פון דאָרטן קיינעם ניט אַרויסגעלאָזן.

ווען דער טיבער האָט אַ פלייץ געטאָן איבער די ברעגעס, זיינען די פונ־דאַמענטן פון די אידישע הייזער געשטאַנען אין וואַסער, און די אידן אין דער געטאָ האָט זיך געדוכט, אַז דאָס איז דער מבול און זיי ראַטעווען זיך דאָס אין נח׳ס תיבה. גאַנץ אָפט איז די געפאַר נאָך גרעסער געווען, און אַלע וואָס האָבן געוואוינט אין די אונטערשטע עטאַזשן פון די הייזער, האָבן זיך געמוזט ראַ־טעווען אין אויבערשטע וואוינונגען.

די געטאָ איז געווען שמוציק, אָבער דאָס אידישע לעבן דאָרטן איז געווען ריין

אַ חוץ דער ענגשאַפט און שמוץ און אומגעזונטקייט פון דער אידישער געטאָ אין די פאַרגאַנגענע צייטן, איז זי נאָך געווען דער מיטלפונקט פאַר אַלע פאַרברעכערישע עלעמענטן פון שטאָט. האָט אַ גנב אָדער וועלכער ניט איז פאַרדעכטיקער פאַרשוין זיך געוואָלט באַהאַלטן פון דער פאָליציי, האָט ער זיך באַהאַלטן אין דעם פאַרשלאָסענעם אידישן קוואַרטאַל. אַזוי ווי מען האָט געהאַלטן די געטאָ פאַר אַ מיאוס׳ען אָרט, האָט מען דאָרטן איבערגעטראָגן אַלע שאַנדהייזער פון שטאָט. אין יאָר 1375 האָבן די אידן פון דער דייטשער שטאָט שווידניץ גע׳פועל׳ט ביי דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, אַז מען זאָל פון דאַ־מאָלסט אָן און ווייטער ניט ברענגען מער די געפאַלענע פרויען צו אידן אין זייער קוואַרטאַל. מען האָט אויך טיילמאָל אינגאַנצן אַוועקגענומען די שאַנד־הייזער פון דער געטאָ, ווייל די קהלות האָבן צו שטאַרק פּראָטעסטירט געגן אַריינברענגען אין זייער קוואַרטאַל אַ זאַך, וואָס איז געווען דאַמאָלסט אַבסאָלוט פרעמד ביי אידן, וואָרים ביז דער לעצטער צייט איז פּראָסטיטוציע געווען אַן אומבאַקאַנטער שטריך אין אידישן לעבן.

קוקנדיק פון דרויסן האָט די אידישע גאַס, אַלזאָ, אויסגעזען דאַמאָלט זייער שמוציק. אינווייניק אָבער איז דאָס אידישע לעבן געווען אין יענע צייטן ריין. טראָץ דעם וואָס אידן האָבן געוואוינט אַזוי צונויפגעפרעסט אין די ענגע געטאָס, איז פונדעסטוועגן דאָס אידישע פאַמיליען־לעבן געווען אין יענע צייטן אויף אַ הויכער מדרגה. צניעות, באַשיידנקייט, צוריקגעהאַלטנקייט און געטריישאַפט צווישן מאַן און ווייב, זיינען געווען טיף איינגעוואָרצלט אין אידישן לעבן און אין דער אידישער פאַמיליע; און די אידישע לערער און פירער האָבן דאַן געזוכט און געשטרעבט איינצופלאַנצן אין אידישן מאַן און דער אידישער פרוי פון זייער קינדהייט אָן דידאָזיקע אידישע זיטן און כאַראַקטער־שטריכן.

די אידישע טאָכטער איז דאַמאָלט אַזוי דערצויגן געוואָרן, אַז זי זאָל געפינען איר אמת׳ע וועלט ביי זיך אין דער היים, אַז זי זאָל ניט אַרומלויפן אין די גאַסן און ניט שטיין ביי דער טיר פון איר שטוב און קוקן ווער עס גייט פאַרביי. מ׳האָט שטאַרק אַכטונג געגעבן אויף דעם, אַז ביידע געשלעכטער זאָלן זיין אָפּגעזונדערט איינע פון די אַנדערע, און מ׳האָט געזוכט אויסצומיידן יעדע געלעגנהייט, וואָס קאָן עפּעס אויפרייצן די ליידנשאַפט און ברעכן די צניעות.

מען דאַרף נאָך דערביי האָבן אין זינען, אַז די אידן האָבן אין זייערע ענגע, פינסטערע געטאָס אָפּגעהיט זייער צניעות און די ריינקייט פון זייער פאַמיליען־לעבן אין מיטן פון אַ פאַרדאָרבענער און אויסגעלאַסענער וועלט. וואָרים די קריסטלעכע געזעלשאַפט איז אין יענע צייטן, ביים סוף פון מיטל־אַלטער, געווען זייער צעלאָזן. פון געטריישאַפט צווישן מאַן און ווייב האָט מען געמאַכט חוזק, און פאַרן אָפּנאַרן דעם מאַן האָט די פרוי געקראָגן שבחים.

אַ סך געהאָלפן אין אויפהאַלטן די צניעות און די פאַמיליען־ריינקייט ביי אידן אין מיטלאַלטער האָט דער פאַקט וואָס זיי פלעגן דאַן חתונה האָבן זייער יונג. אמת טאַקע, אַז אומפאַרהייראַטע מענער זיינען דאַמאָלט אויך ניט געווען ריין פון זינד. אָבער די צאָל פון אומפאַרהייראַטע מענער איז אין יענע צייטן געווען זייער קליין. אפילו די בחורים אין די ישיבות זיינען אָפט געווען פאַרהייראַט; און אפילו אויף די ניט־פאַרהייראַטע איז אויך קיין מאָל קיין פאַרדאַכט נישט געפאַלן.

אויף אַן אומפאַרהייראַטן מאַן האָט מען איבערהויפּט געקוקט קרום פאַרצייטן אין דער אידישער געטאָ, און ער האָט ניט געקענט פאַרנעמען קיין אָפיציעלע שטעלע. אַן אומפאַרהייראַטער כהן האָט נישט געקענט אַרויפגיין דוכנ׳ען.

איבערהויפּט האָט מען אין דער פאַרצייטיקער געטאָ נישט דערלאָזט אַז פרעמדע מענער און פרויען זאָלן זיך טרעפן נאָענט. אפילו חתן־כלה האָבן זיך

ניט געטאָרט קושן. אין אכצנטן יאָרהונדערט איז קיין אידישע מיידל אין רוים ניט געגאַנגען אין דרויסן אַליין, ניט באַגלייט פון נאָך אַ מיידל.

אין זיבעצנטן יאָרהונדערט האָט פּאַסירט, אַז איינער אַ איד האָט דער־לויבט אַ פרעמדע פרוי זיך אָנצוגעבן פאַר אַ מאָמענט אַלס זיין ווייב, כדי זיך אַריבערצוגנבענען די גרעניץ אויף זיין פּאַספּאָרט. דער גרעניץ־באַאַמטער האָט אָבער באַלד געהאַט אויף זיי אַ פאַרדאַכט. „אויב דאָס איז דיין ווייב", האָט ער געזאָגט צו דעם מאַן, „דאַן גיב איר אַ קוש". דער איד האָט זיך אָפּגעזאָגט צו טאָן אַזאַ שרעקלעכע זאַך, און דער שווינדל איז אַרויסגעקומען.

ווי מ'האָט זיך פאַרוויילט און אַמוזירט אַמאָל אין די געטאָס

כאָטש די געטאָס זיינען געווען ענג און פינצטער, האָט אָבער דאָרטן ניט געפעלט קיין פרייד און פאַרגעניגן. די אידן זיינען דאָרטן געווען דער־נידעריקט און אָפּגעשלאָסן פון דער וועלט, און אָפט האָט די שנאה געגן זיי אויסגעבראָכן אין בלוטיקע פּאַרפאָלגונגען, אין גירושים און שחיטות. אָבער דאָך האָבן די אידן אפילו אין די ביטערסטע צייטן ניט פאַרלאָרן זייער אָפּ־טימיזם, זייער לוסטיקייט און פרייד מיט דעם לעבן.

אידן אין די געטאָס פאַרצייטן האָבן געהאַט גוואַלטיק גרויס הנאה פון אַרויסגיין שבת שפּאַצירן אויף דער פרישער לופט. יום־טוב פלעגן די אידן אַרומשפּאַצירן ביי די טייכן און קוקן ווי די פיש פלעסקן זיך אין וואַסער. דאָס דאַוונען אין שול פלעגט יום־טוב ניט דויערן צו לאַנג, כדי מען זאָל קע־נען דערנאָך האָבן אַ יום־טוב'דיקן פאַרגעניגן.

דעם גרעסטן פאַרגעניגן האָט זעלבסטפאַרשטענדלעך אַ איד דאַמאָלט געהאַט פון אַ געשמאַק שטיקל תורה, וואָס ער האָט געהערט פונם רב. אָבער ס'האָבן אויך ניט געפעלט קיין איינפאַכע סאָרטן פאַרגעניגן און פאַרוויילונגען.

די אידישע רעליגיע, די שטרענגע פרומקייט, איז אָן צווייפל געווען אַ גרויסע שטערונג אין יענע צייטן, ווען מ'האָט זיך געוואָלט אַמוזירן. דאָך האָט מען זיך אַ היבש ביסל אַמוזירט, נישט קוקנדיק אויף אַלע שטרענגע רעליגיעזע פאַרבאָטן.

מער ווי אַלץ איז די שטרענגע פרומקייט געווען דאַמאָלט אַ שטערונג אין צוויי זאַכן: זי האָט פאַרבאָטן צו שפּילן אין געלט, דאָס וואָס מיר רופן „געמ־בלען", און זי האָט ניט געלאָזןביידע געשלעכטער צוזאַמענקומען און פאַר־ברענגען צוזאַמען. אָבער פונדעסטוועגן האָבן אידן אין די געטאָס פון מיטל־אַלטער אַ סך געשפּילט און גאַנץ פיין זיך פאַרוויילט און אַמוזירט.

פון אַטלעטישע פאַרגעניגנס, איז טאַנצן געווען דער פּאָפּולערסטער ביי די אידן אין מיטלאַלטער. טאַנצן ווי אַ קונסט איז דאַמאָלט ביי די אידן ניט געווען אַנטוויקלט. דאָס טאַנצן איז מערסטנס באַשטאַנען פון שפּרינגען און האָפּקען. מ׳האָט געטאַנצט ניט צו ווייזן קיין קונסט, נאָר כדי אויפצוּוועקן פרייד און באַגייסטערונג אין זיך אַליין און אין דער גאַנצער פאַרזאַמלטער געזעלשאַפט. מ׳האָט געטאַנצט, הייסט עס, כדי זיך צו אַמוזירן.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דער פרומער שטייגער פון לעבן ביי די אידן אין מיטלאַלטער האָט ניט געקענט צולאָזן אַזאַ זאַך ווי טענץ פון מענער און פרויען צוזאַמען. דאָך אָבער האָט עס שטענדיק געצויגן ביידע געשלעכטער אַריינצוכאַפּן בשותפות אַ פאַרבאָטן טענצל. די פרומע אידן, די אידישע רעליגיעזע פאַרשטייער, האָבן שטאַרק פּראָטעסטירט קעגן דער איינפירונג פון אַזאַ פאַרשייטקייט. זיי האָבן אויסגעטייטשט אויף אַזאַ טאַנץ דעם פסוק פון משלי: „אַ האַנט צו אַ האַנט, עס בלייבט ניט ריין דער שלעכטער" („יד ליד לא ינקה רע", משלי, י"א 21). עס הייסט, האָבן זיי געזאָגט, אַז ווען מאַנסבילן און פרויען נעמען זיך אָן אַ האַנט אין אַ האַנט, קען שוין דערפון קיין גוטס ניט אַרויסקומען.

די פרומע זיינען געווען אַזוי שטרענג אין דער הינזיכט פון האַלטן די ביידע געשלעכטער אָפּגעשיידט איינע פון די אַנדערע, אַז אפילו יונגע קינ־דערלעך האָבן זיך געמוזט שפּילן אויפן גאַס אינגלעך באַזונדער און מיידלעך באַזונדער. מ׳האָט נאָר געמאַכט אַן אויסנאַם און דערלויבט צו טאַנצן אַ מאַן מיט זיין אייגענעם ווייב, אַ פאָטער מיט זיין טאָכטער, אַ מוטער מיט איר זון און אַ שוועסטער מיט איר ברודער.

אָבער די הנחה, וואָס מ׳האָט געמאַכט פאַר נאָענטע קרובים, האָט ניט צופרידנגעשטעלט דעם ברייטן עולם, און אַ סך בחורים און מיידלעך האָבן אָפּט איגנאָנצן ניט געפאָלגט די רבנים און די שטרענגע פרומע און האָבן שבת און יום־טוב געטאַנצט צוזאַמען אין דעם קהל׳שן טאַנץ־הויז, וואָרים אין די מערסטע געטאָס אין פראַנקרייך און אין דייטשלאַנד איז אין די צייטן פון מיטלאַלטער געווען אַ סאָרט קהל׳שע טאַנץ־הויז פאַר חתונות.

מ׳פלעגט אָבער טאַנצן אין דעם טאַנץ־הויז אפילו ווען ס׳איז ניט געווען קיין חתונה. מ׳פלעגט שבת און יום־טוב גלאַט אַזוי זיך צוזאַמענקומען אין דעם דאָזיקן קהל׳שן הויז זיך צו פאַרברענגען מיט טענץ.

אָבער ניט בלויז געטאַנצט האָט מען אַ סך אין די אידישע געטאָס פאַר־צייטנס, נאָר מ׳האָט אויך אַ סך געשפּילט. מ׳האָט געשפּילט שאַך, מ׳האָט גע־שפּילט אין קאָרטן, און מ׳האָט געשפּילט אויך אין אַנדערע זאַכן.

שאַך האָט מען אָנגעהויבן שפּילן ביי אידן שוין אין צוועלפטן יאָרהונ־דערט. אין אָנהויב איז עס קענטיק געווען מער אַ ווייבערישע שפּיל איידער אַ מענערשע. די מערסטע אידישע שפּילן אין מיטלאַלטער זיינען אַריינגע־דרונגען ווי ווייבערישע פאַרוויילונגען. מחמת מיט ווייבער איז מען פאַר־צייטן ביי אידן ניט געווען אַזוי שטרענג אין אַזעלכע זאַכן, און מ׳האָט זיי געגעבן מער פּריווילעגיעס ווי מענער צו פאַרבטל׳ען די צייט מיט פאַר־וויילונגען און שפּילן.

אָבער אין שפּעטערן מיטאַלטער האָבן אויך אידישע מאַנסבילן אָנגעהויבן שפּילן שבת שאַך, און ס׳האָבן זיך ניט געהערט קיין ערנסטע פּראָטעסטן געגן דעם. עס איז אפילו געוואָרן דעמאָלט ביי אידן אַ מאָדע צו שפּילן לכבוד שבת מיט זילבערנע שאַך־פיגורן. מ׳האָט ניט געהאַט אויסצוזעצן געגן שאַך, ווייל דאָס איז ניט קיין שפּיל פאַר געלט, נאָר אַ שפּיל צו שאַרפן דעם קאָפּ.

אין זיבעצנטן יאָרהונדערט אָבער האָבן זיך אָנגעהויבן הערן פּראָטעסטן געגן שאַך־שפּיל. די טענה איז געווען, אַז אויב יאָ שאַרפן דעם קאָפּ, זאָלן אידן בעסער שאַרפן די קעפּ מיט דער תורה איידער מיט שאַך־שפּיל. אָבער קיין גרויסע ווירקונג האָבן די פּראָטעסטן פון שטרענג פרומע רבנים ניט געהאַט. אַ סך אידן האָבן געשפּילט אין שאַך אין מיטאַלטער און האָבן אפילו גע־לערנט די שפּיל זייערע קינדער, כדי זיי זאָלן זיך ניט איינגעוואוינען אין קאָרטן און אין אַנדערע געלט־שפּילן. בכלל אָבער האָבן אידן אין מיטלאַלטער שוואַך געהאַלטן פון שאַך־שפּיל. אין צוועלפטן יאָרהונדערט האָבן אפילו מאַנכע גרויסע רבנים געשפּילט אין שאַך.

פאַרקערט אָבער האָבן פרומע אידן אַלעמאָל, אין אַלע צייטן, שטאַרק פּראָטעסטירט געגן אַלע שפּילן, וואו מ׳שטעלט געלט איין אין קאָן. אָבער אויך די פּראָטעסטן האָבן נישט שטאַרק געווירקט. אין די אידישע געטאָס אין דייטשלאַנד און אין פראַנקרייך האָט מען אין מיטאַלטער אַ היבש ביסל „גע־געמבלט״. מ׳האָט געשפּילט אין „אום צי גראַד״, אין „ריק אָדער שניט״. מ׳האָט זיך געוועט אויף טויבן, ווערמעס טויב עס וועט שנעלער פליען, און מ׳האָט אויך געשפּילט אַ סך אין לאָטעריען.

אָבער פון פופצנטן יאָרהונדערט אָן האָבן זיך אידן אַ נעם געטאָן צו קאָרטן און זיינען געוואָרן אַזוי פאַרקאָכט אין דעם, אַז מ׳האָט מיט קיין פאַרוויילונג ניט פאַרשוועגדט אַזוי פיל צייט ווי מיט קאָרטנשפּיל. איבערגענומען האָבן די אידן דעם קאָרטן־שפּיל, אַזוי ווי אַלע אַנדערע שפּילן, פון די גויים אַרום. וואָרים די מויערן פון די געטאָס זיינען געווען אַ קנאַפּע מחיצה. די אידן האָבן איבערגענומען זייער פיל זיטן פון זייערע קריסטלעכע

שכנים, און אַז דער קאָרטנשפּיל האָט אין דער אַנדערער העלפט פון פערצנטן יאָרהונדערט זיך פאַרשפּרייט איבער די לענדער פון אייראָפּע, האָט ער אויך אַריינגעדרונגען אין די אידישע געטאָס.

אין איטאַליע, וואו די שפּיל אין קאָרטן האָט זיך פאַרשפּרייט פריער ווי אין אַלע אַנדערע לענדער, זענען אידן, נאָך אין 14טן יאָרהונדערט, פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם שפּיל. דער אידישער סאַטיריקער פון יענער צייט קלונימוס בן קלונימוס דערמאָנט שוין דעם קאָרטנשפּיל אין זיין סאַטירישן ווערק „אבן בוחן" (פּרואוו־שטיין), וואו ער שילדערט די טונקעלע זייטן פון דעם דאַמאָלס־טיקן אידישן לעבן. פון אים ווייסן מיר, אַז אידן אין איטאַליע האָבן דעמאָלט גערופן קאָרטן מיט דעם העברעאישן וואָרט „קלפים". דאָס וואָרט „קלפים" באַדייט אייגנטלעך פאַרמעטלעך. עס קאָן זיין, אַז דער נאָמען שטאַמט דערפון, וואָס קאָרטן זיינען לכתחילה געמאַכט געוואָרן פון פאַרמעט. עס קאָן אָבער אויך זיין, אַז דאָס וואָרט איז גלאַט אַזוי אַ באַצייכנונג פאַר קאָרטן.

אַז אידן זיינען געוואָרן פאַרקאַכט אין קאָרטן, האָבן די רבנים געמוזט נע־מען אַ שטעלונג צו דעם. אָבער ניט אַלע רבנים האָבן געהאַט וועגן דעם די־זעלבע מיינונג. געווען אַזעלכע וואָס זיינען שטרענג אַרויסגעטראָטן קעגן קאָרטנשפּיל און עס איינגאַנצן פאַרדאַמט. זייערע טענות זיינען געווען, אַז ערשטנס איז דער געווינס פון קאָרטן ניט קיין ערלעכער נאָר אַ סאָרט רויב. צווייטנס, פאַרשווענדן די שפּילער זייער צייט און זייער גייסטיקן כוח אויף אַ זאַך, וואָס ברענגט ניט קיין נוצן און העלפט ניט מאַכן דעם מענטשן בעסער און פרימער. דריטנס, האָבן די געגנער פון קאָרטן גע׳טענה׳ט, אַז עס איז אַ גע־פאַר, ווען אידן שפּילן מיט גויים און געווינען פון זיי.

פאַרקערט ווידער זיינען געווען רבנים אין ווענעדיג, וועלכע האָבן פאַר־טיידיקט דאָס שפּילן אין קאָרטן מיט גויים. זיי האָבן גע׳טענה׳ט, אַז אויב מ׳זאָל פאַרבאָטן אידן צו שפּילן אין קאָרטן מיט גויים, וועט עס ברענגען אַ סך שאָדן אַ גרויסן טייל פון דער אידישער געמיינדע, ווייל זייער פיל אידן שטייען אין געשעפטלעכע פאַרבינדונגען מיט די קריסטן פון דער שטאָט, און אַז די קריסטן שפּילן מוזן די אידן ניט ווילענדיק מיטשפּילן מיט זיי.

אין אַ טייל קהלות האָט מען פאַרצייטן פיל מאָל פאַרבאָטן אינגאַנצן צו שפּילן אין קאָרטן, און מ׳האָט אַרויסגעגעבן אַ „חרם" געגן יעדן וואָס וועט זיך באַטייליקן אין קאָרטנשפּיל. אַן אויסנאַם איז נאָר געמאַכט געוואָרן מיט תעניתים און מיט קראַנקע. אין אַ תענית האָט מען געמעגט שפּילן אין קאָרטן, כדי צו פאַרטרייבן די צייט, און אַ קראַנקער האָט עס געמעגט טאָן, כדי ער זאָל פאַרגעסן זיין ווייטיק.

עס זענען אָבער געווען רבנים, צווישן זיי אויך דער באַרימטער רב פון קראָקע, רבי משה איסערלעס (דער רמ״א), וואָס זיינען איינגעגאַנגען אויף אַ פּשרה און האָבן גע׳פּסק׳ענט, אַז אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר טאָר מען טאָקע נישט שפּילן אין קאָרטן. מ׳מעג אָבער יאָ שפּילן אין האַלבע יום־טוב־טעג, ראש חודש, חנוכה און פּורים, און אין אַלע טעג, ווען מ׳זאָגט ניט קיין „תחנון״ און אויך ווען ס׳איז אַ שמחה אין שטוב, ווי: אַ ברית, אַ חתונה און דאָס גלייכן. זיי האָבן אויך דערלויבט צו שפּילן אין קאָרטן אין דער נאַכט פון „ניטל״ (קריסטמעס אָוונט) און אין דער וואַך־נאַכט (די נאַכט פאַרן ברית).

אָבער צי די רבנים האָבן יאָ אָדער ניט דערלויבט, האָבן אידן סייווי געשפּילט אַ סך אין קאָרטן אין דעם מיטלאַלטער. און אפילו, אַז מען האָט אַרויסגעגעבן אַ שטרענגען „חרם״ געגן קאָרטנשפּיל, האָט מען אויך גע־וואוסט, אַז אַ סך אידן וועלן אויף דעם ניט קוקן און וועלן בלייבן אויך ווייטער פאַרקאָכט אין זייערע קאָרטן. און אַזוי ווי די אידן אין די גענטאָס זיי־נען קיינמאָל ניט געווען קיין קאַלטע גזלנים, האָבן זיי טאָקע דעריבער ניט געוואָלט, אַז דער „חרם״ זאָל חס־ושלום שאַדן די קאָרטנשפּילער. אין דעם אַלטן פּינקס פון דער אידישער קהילה אין מאַינץ איז דערפאַר דער „חרם״ געגן קאָרטנשפּילער געווען געשריבן מיט אַ „כ״ אָנשטאָט מיט אַ „ח״, כדי די קאָרטנשפּילער זאָלן ניט געשטראָפט ווערן פאַר זייערע זינד.

מיין שטעטל גאָרזד

דאָס שטעטל און זיין היסטאָריע

עס איז אַ קליין שטעטל, ניט ווייט פון מעמל. אידן רופן עס גאָרזד. אויף ליטוויש הייסט עס Gargždai, און די דייטשן אויף דער אַנדערער זייט גרענעץ האָבן פאַרטייטשט דעם נאָמען אויף גאַרזדען. אויף רוסיש האָט מען עס גערופן גאָרזשדי. דער פּוילישער נאָמען איז Gorzdy.

ווי ווייט איך געדענק, האָט דאָס שטעטל געהאַט אַ 200־300 אידישע פאַמיליעס, אַחוץ נאָך אַ קריסטלעכע באַפעלקערונג [1]. געווען צוויי גרויסע אידישע גאַסן, דריי קריסטלעכע און איינע אַ געמישטע. ממילא האָט גאָרזד געמעגט הייסן ניט קיין „שטעטעלע", נאָר אַ שטעטל.

קיין געשריבענע דאָקומענטן וואָס זאָלן באַווייזן, ווי אַלט דאָס שטעטל איז, זיינען ניטאָ. דאָס איינציקע וואָס האָט אונז אפשר געקאָנט דערציילן די עלטסטע געשיכטע פון שטעטל, דער פּינקס פון דער קהילה, איז פאַרברענט געוואָרן אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

די עלטסטע מצבה וואָס איז געפונען געוואָרן אויפן בית־עולם איז פון יאָר 1731 (תצ"א כ׳ שבט). נאָר מען דאַרף אָננעמען, אַז דער בית עולם איז אַ סך עלטער. וואָרעם גאָר אַ מאָל איז אין די שטעטלעך פון זאַמעט קיין מנהג ניט געווען צו שטעלן מצבות אויף די קברים; אויב עס איז יאָ פאַראַן אַ מצבה אויף אַ קבר, איז דאָס פון אַ שפּעטערדיקער צייט.

עס ווייזט אויס, אַז נאָך פאַר גזרות ת"ח איז גאָרזד געווען אַ היפּש שטעטל. מחמת אין דער צייט פון גזרות ת"ח האָט זיך באַזעצט אין גאָרזד און דאָרט אויסגעלעבט זיינע יאָרן ר׳ בענדעט פאָדקאָווע, דער לעגענדאַרישער פּליט פון כמעלניצקיס שחיטות, וועגן וועמען עס וועט ווייטער דערציילט ווערן באריכות. גאָרזדער אידישע קהילה איז על־כל־פּנים אַ סך עלטער פון דער שכנותדיקער אידישער קהלה פון מעמל. יאָרן לאַנג פלעגט מען פירן די אידישע מתים פון מעמל צו קבורה אויפן גאָרזדער בית־עולם. אין די אַמאָליקע צייטן, ווען גאָרזד איז נאָך געווען פוילן, איז דאָס געווען אַ לייכטע זאַך. אָבער נאָך דער צעטיילונג

1) די יעווריעיסקאַיאַ ענציקלאָפּעדיאַ ברענגט, אַז אין 1847 האָט גאָרזד געהאַט 648 אידישע נפשות; די פּאָלקסציילונג פון 1897 האָט געוויזן 2,470 איינוואוינערס, בתוכם 1,455 אידן. לויט דער ליטווישער פאָלקסציילונג פון 1923 האָט דאָס שטעטל געהאַט 7,312 איינוואוינערס, דערין 1,049 אידן.

פון פּוילן, ווען ליטע איז געבליבן בײַ רוסלאַנד, האָט די רוסישע רעגירונג פאַרבאָטן אָדער געמאַכט גרויסע שוועריקייטן אַריבערצופירן מתים איבער דער גרענעץ. מען איז געווען געצוואונגען צו שמוגלען זיי איבער דער גרענעץ אַזוי ווי קאָנטראַבאַנד.

אַרום און אַרום איז אין גאָרזד ווינציק וואָס געבליבן לזכרון פאַר די שפּעטערדיקע דורות. די אַמאָליקע פאַרהאָרעוועטע און פאַרגרעבטע תושבים פון שטעטל האָבן קיין זאַך ניט פאַרשריבן. דערפאַר אָבער קען מען פון דאָרטן ברענגען רײַכן עטנאָגראַפישן מאַטעריאַל.

דאָס שטעטל מיט אַ דור צוריק

זינט 1914 האָט גאָרזד דורכגעמאַכט אַ סך מלחמות און פײַנדלעכע אָקו־פּאַציעס. אָבער מיט אַ דור צוריק האָט קיינער אין שטעטל גאָרניט געקענט אײַנפאַלן, אַז אַזעלכע שרעקלעכע צײַטן האַלטן אין אָנקומען. אונטער דער אימפּעריע פון די צאַרן איז דאָס שטעטל געווען פאַרגליווערט און אידיליש, ווי אַלע שטעטלעך פון יענעם טייל ליטע וואָס טראָגט דעם נאָמען זאַמעט. אין יענער צײַט, ווען דער שרײַבער פון דעם אַרטיקל איז נאָך געווען אַ קינד, טראָגן מיר זיך דאָ אַריבער.

דאָס שטעטל ליגט האַרט בײַ דער גרענעץ פון פּרייסן. 15־16 קילאָמעטער פון שטעטל ליגט מעמל, וואָס דאָס איז יעמאָלט אויך געווען פּרייסן. אָבער מען דאַרף ניט גיין אַזוי ווײַט קיין אויסלאַנד. בלויז עטלעכע טריט הינטערן שטעטל גייט מען אַריבער די ראַגאַטקע און מען איז אין אַן אַנדער מדינה.

דאָס שטעטל איז קליין און אָרעם. דער ברוק אויף די פּאָר שמאָלע גאַסן איז קרום און לאָם, אַ שפּיץ אַרויף און אַ שפּיץ אַראָפּ, און אין די נאַסע צײַטן פון יאָר באַדעקט מיט אַ געדיכטער בלאָטע. די מערסטע הײַזער זײַנען אָפּגעריסן און פאַרוואָרלאָזט, און אויף די מענטשן — אָרעמע קרעמערס און הענדלערס, פאַרהאָרעוועטע בעלי־עגלות און בעלי־מלאכות — ליגט אַן אָפּגעלאָזנקייט און אַ שווערע ערנסטקייט.

אויף איין זײַט שטעטל פירן שמאָלע זאַמדיקע וועגן ווײַטער קיין זאַמעט. אָבער אויף דער פּרייסישער זײַט הייבט זיך אָן אַ ברייטער שאָסיי וואָס פירט קיין מעמל, און אַלצדינג איז דאָרטן גאָר אַנדערש ווי אין זאַמעט. דאָרטן איז טרוקן און שיין. יעדע זאַך איז ריין און געפּוצט, און מען לעבט דאָרטן אָן ערך רײַכער. דאָרטן איז דײַטשלאַנד.

עקאָנאָמיש הענגט אָפּ כמעט דאָס גאַנצע שטעטל פון פּרייסן. אויף פּרייסן

גייט כמעט דער גאַנצער האַנדל. כמעט אַלע קליידער און שיך וואָס מען טראָגט דאָ זיינען געקויפט אין מעמל. די אידן אין שטעטל זיינען איינגעוואוינט מיט פּרייסן ווי מיט אַן אייגענער מדינה. אַלע ריידן זיי דייטש. ניט קיין אמת דייטש, נאָר עפּעס אַ מין ספּעציעלן זאַמעטער אידיש־דייטשישן לשון. מען רעדט באמת אידיש מיט די דייטשן, נאָר מען פאַרבייט דאָ און דאָרט דעם קמץ אויף אַ פּתח, און ווי אַ צוגאָב לייגט מען נאָך צו העטן זי, מעכטן זי און וואָלן זי, און מען איז זיכער ביי זיך, אַז דאָס רעדט מען דייטש. די דייטשן אין דער גרענעץ־געגנט זיינען שוין איינגעוואוינט מיט דעם דאָזיקן טשיקאַוון לשון פון די זאַמעטער אידן און פאַרשטייען אים זייער גוט.

אָבער דאָס איז בלויז אין עקאָנאָמישן לעבן. גייסטיק איז דאָס שטעטל לגמרי אַ שטיק מזרח־איראָפּע. אדרבא גאָר: גייסטיק, רעליגיעז האָט מען אַ שטאַרקע אַנטיפּאַטיע צו דייטשלאַנד. עלטערע פרומע אידן ווילן אונטער קיין שום אומשטאַנדן ניט בלייבן שבת אין מעמל. אמת, דאָרטן איז דאָ אַן אָרטאָ־דאָקסישע אידישע קהלה, אָבער אמתע פרומקייט און דער אמתער שבת, האַלט מען, איז דאָ נאָר אין זאַמעט. וואָרעם אין וואַרעמע טעג גייט מען אין מעמל שבת אין שול אין קורצע רעק, אָן אַ וואָסערן אויבערראָק, און פליש און פיש, „בשר ודגים וכל מטעמים", עסן זיי אין מעמל גאָר אין אַלע טעג פון וואָך.

אָפּקלאַנגען פון אַמאָל

לעבן אַזוי אידן אין שטעטל אויף דער גרענעץ־ליניע צווישן צוויי ציוויליזאַציעס, און פון ביידע זייטן דרינגען אַריין צו זיי און מישן זיך דורך אין זייער זכרון אַלערליי אָפּקלאַנגען פון די געשעענישן אין דער ברייטער וועלט.

מען דערציילט אַ סך מעשיות פון די לעצטע צוויי מלחמות: פון דער רוסיש־טערקישער און פון דער דייטש־פראַנצויזישער. מען דערציילט פון סקאָבעלאָוו (סקאָבעליעוו) און אָסמאַן־פּאַשאַ, פון מאָלטקע און מאַקמאַהאָן. ווען עס טרעפט, אַז אַ בחור אין שטעטל איז קליין־געוויקסיק, אָבער ער באַ־נעמט זיך האָפערדיק און מיט אַן אָנשטעל פון גבורה, רופט מען אים מיט אַ צונאָמען מאָלטקע דער העלד. ביסמאַרק איז זייער פּאָפּולער אין שטעטל. מען פאַרערט אים שטאַרק אין מעמל, און ממילא האַלט מען פון אים אויך אין גאַרזד. אַזאַ גבורה: געגומען נאַפּאָלעאָנען אין פלען! אין קליינקייט, גע־מאַכט אַ תל פון נאַפּאָלעאָנען און מאַרשאַל מאקמאהאָן און געקראָגן אַזוי פיל קאָנטריבוציע: פינף טויזנט מיליאָן! מען דערציילט אין שטעטל, אַז מען האָט אָנגעהויבן ציילן דאָס געלט, אָבער מען האָט באַלד איינגעזען, אַז

דאָס איז ניט מעגלעך, אַז מען וואָלט באַדאַרפט דערויף הונדערטער יאָרן. איז געבליבן, אַז מען זאָל וועגן גאָלד אויפן פּוד.

אָבער פּאַר נאָך אַ גרעסערן מיניסטער האָלט מען ביקנספּעלדן (ביקנזפילד). מען דערציילט מעשיות, ווי דער רוס איז שוין געשטאַנען לעבן סטאַמבול און ער האָט געהאַלטן אַט־אַט, וואָלט געווען אָך און וויי צו דעם טערק. האָט אָבער ביקנספּעלד געזאָגט לא מיט אַן אַלף, און דער רוס איז ניט געגאַנגען קיין איין טריט ווייטער. ס׳איז געווען לא קם ולא זע. איבערהויפּט האָט מען ליב צו דערציילן, ווי אַזוי ביקנספּעלד האָט שטיל געמאַכט גאָרטשאַקאָוון אויף דעם בערלינער קאָנגרעס. ער האָט גערעדט, און גאָרטשאַקאָוו האָט געשוויגן ווי יורקעס הונט. איין מאָל, ווען עס איז געקומען צו רייד וועגן דעם אינדזל ציפּערן (קיפּראָס), האָט גאָרטשאַקאָוו געזאָגט, אַז דאָרטן איז דאָ אַלצ־דינג אַחוץ אידן און חזירים; האָט ביקנספּילד אים געענטפערט: „לאָמיר ביידע זיך דאָרטן באַזעצן״. אידן אין שטעטל האָבן זייער ליב דעם דאָזיקן אַנעקדאָט און זיי ווערן ניט מיד אים איבערדערציילנדיק.

פון די דאָזיקע צוויי מלחמות דערציילט מען בלויז מעשיות. קיין רושם אויפן שטעטל האָבן זיי ניט געלאָזן. פאַרקערט די פיל פריערדיקע קרימער מלחמה האָט יאָ איבערגעלאָזן אַ שטאַרקן ממשותדיקן איינדרוק. נאָך פאַראַן עט־לעכע גבירים אין שטעטל, וואָס זיינען געבליבן רייך פון דעם סעוואַסטאָ־פּאָלער קריג. מען דערציילט, אַז עס האָט יעמאָלט ממש געוואַלגערט זיך געלט אויף די גאַסן, אָבער זייער ווייניק האָבן געהאַט דעם שכל עס אויפצוהייבן. מען רופט יענע צייט די מאַכעריי, און מען זאָגט אויף די גבירים אין שטעטל, אַז זיי זיינען געבליבן גבירים פון דער מאַכעריי־צייט.

פון קיין צייט־רעכענונג ווייס מען ניט אין שטעטל. מען רעכנט די יאָרן לויט די מיאַטעזשן (די צוויי פּוילישע אויפשטאַנדן פון 1831 און 1863). מען זאָגט: דעמס און דעמס פאָטער עליו־השלום איז געשטאָרבן פינף יאָר נאָך דעם ערשטן מיאַטעזש. דער און דער האָט דעם צווייטן מאָל געשטעלט חופּה פּונקט 7 יאָר נאָך דעם צווייטן מיאַטעזש. פון דעם צווייטן מיאַטעזש דערציילט מען דער עיקר וועגן דעם קניאַזש (פירשט) אָגינסקי, דעם פאָטער פון די אָגינסקיס פון ריטעווע און פּלונגיאַן, ווי ער האָט זיך פאַרסמט, ווען דער אויפשטאַנד, פון וועלכן ער איז געווען אַ פירער, איז צעשלאָגן געוואָרן.

אַ סך מער דערציילט מען מעשיות פון דעם ערשטן מיאַטעזש. דער העלד פון די דאָזיקע מעשיות איז דער פּוילישער גענעראַל גיעלגוד. גיעלגוד איז געווען זיכער, אַז דער אויפשטאַנד איז צעשלאָגן, איז ער מיט זיין חיל אַריבער די פּרייסישע גרענעץ, כדי דאָרטן אינטערנירט צו ווערן. אָבער אַן אָפיציר

פון זיין חיל האָט אים דערקלערט פאַר אַ פאַררעטער און אויף דער גרענעץ־ליניע אים דערשאָסן. די דאָזיקע סצענע האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ פּאָר מייל הינטער גאָרזד. דאָרטן, עטלעכע טריט אויף דער פּרייסישער זייט פון גרענעץ, געפינט זיך עד־היום גיעלגודס קבר. דערציילט מען נאָך אין שטעטל פון גיעלגודן און זיין מיאוסן סוף, און ווען נאָר אימיצער הייבט אָן גוט, אָבער ער האָט אַ שלעכטן סוף, זאָגט מען אויף אים: ער האָט אויסגעפּירט ווי גיעלגוד.

די היסטאָרישע אָפּקלאַנגען גייען צוריק נאָך אַ סך ווייטער ווי דער ערשטער פּוילישער אויפשטאַנד. מען דערציילט נאָך אַפילו פון יאָר 1812, ווען די פראַנצויזן זיינען געווען אין שטעטל. אָט וואָס מיין זיידע (מיין פאָטערס פאָטער) האָט מיר אַמאָל דערציילט שבת פאַרנאַכט פאַר מעריב פון דער צייט, ווען נאַפּאָלעאָן איז געגאַנגען אויף מאָסקווע. ער, מיין זיידע, איז געבאָרן געוואָרן, האָט ער געזאָגט, אין דעם יאָר פון דעם ערשטן פּוילישן מיאַטעזש און די דאָזיקע מעשיות האָט ער געהערט פון זיין מאַמען.

דורך גאָרזד זיינען דורכגעגאַנגען באַטאַליאָנען פון נאַפּאָלעאָנס חיל. זייער לאַגער איז געווען הינטערן שטעטל, אין טאָל, וואו די מיניע פליסט. פלעגן די פראַנצויזישע סאָלדאַטן אַרויסגיין איבער די דערפער, דאָרט כאַפּן עופות און שאָף און זיי בראָטן אויף די לאַנקעס אויף גרויסע פייערן.

ווען עס האָט זיך דערהערט אין שטעטל, אַז די פראַנצויזן קומען, איז אויף אַלעמען אָנגעפאַלן אַ טויטשרעק. מען האָט מורא געהאַט, אַז זיי וועלן אַלעמען אויסהרגענען. צום סוף אָבער האָבן זיי גאָר קיינעם ניט געטשעפּעט.

מיין זיידנס טאַטע, שאַיע פון בערגל, איז געווען אַ קצב. איין מאָל אין אַ שיינעם טאָג איז אַ פראַנצויזישער אָפיציר צוגעגאַנגען צו זייער הויז וואָס איז געשטאַנען אַ ביסל מחוצן שטעטל און אָנגעהויבן רופן אין דער הויך: שלאַקטער! שלאַקטער! אַלע אין הויז זיינען געווען זיכער, אַז דאָס איז דער פראַנצויז געקומען אַלעמען אויסשלאַכטן (אויסשעכטן), און מען האָט געפּרוּווט אַנטלויפן און זיך באַהאַלטן. אָבער סוף־כל־סוף און מיט אַ סך שוועריקייטן האָט דער פראַנצויזישער אָפיציר געגעבן צו פאַרשטיין אַביסל אויף פראַנצויזיש און אַ ביסל אויף דייטש, אַז ער איז אַ איד און אַז ער זוכט אַ אידישן שלאַקטער (שוחט) וואָס זאָל צושטעלן כשר פלייש פאַר די אידישע סאָלדאַטן אין זיין לאַגער.

אַ צווייטע מערקווירדיקע סצענע האָט זיך אָפּגעשפּילט שבת פרי אין שול. אין מיטן דאַווענען איז אַריינגעקומען אַ פראַנצויזישער אָפיציר. דער עולם אין שול האָט זיך דערשראָקן, און אין דער פּאַניק וואָס איז אויסגע־בראָכן האָט מען גענומען שפּרינגען דורך די פענצטער. אָבער מיט די באַ־

װעגונגען פֿון זײַן האַנט האָט זיך אײַנגעגעבן דעם אָפּיציר צו באַרואיקן דעם עולם און צו פֿועלן, מען זאָל אומגעשטערט דאַװנען װײַטער. װי פֿאַרחידושט זײַנען אַלע געװאָרן, װען מען האָט געזען, װי דער פֿראַנצויז נעמט אַרויס אַ שײנעם זײַדענעם טלית און דאַװנט מיט מיט אַלעמען.

מסורות פֿון גאָרזד און װיזײַיק

די מעשׂיות װאָס װערן דאָ װײַטער דערצײלט האָבן פּאַסירט טײלװײז אין גאָרזד גופֿא און טײלװײז אין װיזײַיק, אַ דאָרף 5 קילאָמעטער פֿון גאָרזד. דאָרטן שײדן זיך פֿונאַנדער די װעגן אויף ריטעװע, װעװירזאַן און פּלונגיאַן, און װי אַ צענטראַלער פּונקט האָט װיזײַיק אַלע מאָל געשפּילט אַ ראָלע בײַ יעדער װיכטיקער געשעעניש.

גאָר אַ מאָל איז װיזײַיק געװען אַ שטעטל מיט אַ אידישער קהלה און מיט אַן אײגענעם בית־המדרש. אונטער רוסלאַנד האָט עס נאָך ביז דער ערשטער װעלט־מלחמה געהײסן שטעטל (מיעסטעטשקאָ). חרוב געװאָרן איז די דאָרטיקע אידישע קהלה ערשט אין דער צײַט פֿון דעם ערשטן פּױלישן אױפֿשטאַנד. מען האָט געזאָגט, אַז די פּױלישע פּריצים, צו װעמען די קלײנע שטעטלעך האָבן געהערט, האָבן ניט געװאָלט האָבן לעבן זיך אין אַזאַ צײַט קײן אידן און האָבן אַנגעװענדט אַלע מיטלען פֿון זײ פּטור צו װערן.

קײן אײגענעם בית־עולם האָט װיזײַיק קײן מאָל ניט געהאַט, זײערע מתים פֿלעגן זײ ברענגען צו קבורה אױפֿן גאָרזדער בית־עולם. אױך אין אַנדערע קהלשע ענינים זײַנען זײ געװען פֿאַרבונדן מיט דער גאָרזדער קהילה.

אָט װאָס עס האָט פּאַסירט אין 1831. דער מיאַטעזש פֿון די פּאָליאַקן האָט זיך געהאַט צעפֿלאַקערט איבער גאַנץ זאַמעט, אָבער די רוסן האָבן שױן געהאַט אַרײַנגעשיקט זײערע חילות. אין פּאַלאָנגע און אין ראַסײן זײַנען געשטאַנען מחנות רוסישע סאָלדאַטן. אידן האָבן געהאַט אױסצושטײן צרות פֿון אַלע זײַטן. סײ די פּאָליאַקן, סײ די רוסן האָבן זײ געפּײניקט פֿאַר זײַן געטרײ צום צװײטן צד. איבערהױפּט האָט מען געהאַט צו לײדן פֿון די פּאָליאַקן, און אַ סך אידן זײַנען אומגעקומען פֿון די פּױלישע מיאַטעזשניקעס נאָר פֿאַר דער זינד װאָס זײ זײַנען געװען אידן.

אין דעם דערמאָנטן יאָר, אום שבֿועות, איז אָנגעקומען אַ בריװ פֿון דער רוסישער אַרמײ אין פּאַלאָנגע צו דעם גלח אין װיזײַיק מיט דער אױפֿפֿאָדערונג, ער זאָל אָפּשיקן דעם בריװ װאָס גיכער צו דער רוסישער אַרמײ אין ראַסײן. קײן פּאָסט איז אין יענע צײַטן ניט געװען אין זאַמעט, און די גאַנצע

פאַרבינדונג האָבן אויפגעהאַלטן שלוחים, דאָס הייסט אָרעמע אידן וואָס פלעגן פאַר אַ קליינעם געצאָלט אָוועקטראָגן אַ בריוו פון איין שטאָט אין דער אַנ־דערער. אַז דער גלח האָט געקראָגן דעם בריוו, האָט ער תיכף געשיקט רופן דעם גרעסטן בעל־הבית פון שטעטל, זישע זוסמאַנאָוויטש (אַן עלטער־זיידע פון דעם שרייבער פון אַרטיקל פון זיין מוטערס צד) און אים געהייסן באַלד באַזאָרגן אַ אידישן שליח אָפצושיקן דעם בריוו. זישע האָט גאַנץ גוט גע־וואוסט, אַז אָפזאָגן זיך פון דער שליחות איז ניט מעגלעך. האָט ער געלאָזט רופן פון גאָרזד אַן אָרעמען אידן מיטן נאָמען וועלוועל פאַקטאָר און מיט אים אָפגעשיקט דעם בריוו. וועלוועל איז מיטן בריוו אַריינגעפאַלן צו די פּאָליאַקן אין די הענט. ער האָט באַצאָלט מיטן לעבן; די פּאָליאַקן האָבן אים אויפגעהאָנגען. אַז זישע האָט דערהערט פון דעם אומגליק, האָט ער מער קיין רו ניט געהאָט. אַלע נאַכט איז אים געקומען וועלוועל צו חלום און אים גערופן צו אַ דין־תורה אין הימל. זישע האָט ביי די רבנים אין גאָרזד און קרעטינגע געבעטן אַ תשובה. זיי האָבן אים אָבער געענטפערט, אַז זיי האָבן פאַר אים קיין תיקון ניט. איז זישע אַוועק צו זיינעם אַ זון אין פּאַלאַנגע און איז דאָרטן געשטאָרבן יונגערהייט פון גרויס עגמת־נפש (דער שרייבער פון דעם אַרטיקל געדענקט נאָך ווי מען פלעגט אויפרופן צו דער תורה דעם זון פון וועלוועל פאַקטאָר משה בן הקדוש ר׳ זאב).

דער העלד פון אַ צווייטער מעשה פון וויזייץ איז אברהמעלע דעם מעלות התורה, אַ ברודער פון דעם ווילנער גאון. מען האָט אים גערופן נאָך זיין ספר מעלות התורה [2]). דער דאָזיקער רב איז געווען באַרימט מיט זיין גאונות און פרומקייט. זיין ערשטע שטעלע פון רבנות איז געווען אין קראָזש, שפּעטער איז ער געווען אַ רב אין איירוגאָלע. אויף דער עלטער האָט ער זיך אויפ־געהאַלטן ביי זיין זון ר׳ אליי, וועלכער איז געווען רב אין ניישטאָט (סוגיגט). ער פלעגט אויך אָפט קומען צו זיינעם אַן איניקל אין וויזייץ. פון אָט דער לעצטער צייט פון ר׳ אברהמעלעס לעבן דערציילט מען אַ סך וואונדער־מעשיות. מען דערציילט, אַז ווען ער פלעגט זאָגן פרייטאָג צו נאַכט שיר־השירים אין וויזייצער בית־מדרש, פלעגן טאַנצן אַלע ליכט און אַלע שטענדערס.

זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר אים און זיין צייט זיינען די ווייטערדיקע צוויי מעשיות.

דער וועג פון ניישטאָט קיין וויזייץ האָט זיך געצויגן פאַזע דער דייטשי־

2) דאָס איז אַ קליין ספרל פון דרוש און קבלה, געדרוקט אין פּאַרלויף פון 19טן יאָר־הונדערט אין זעקס אויסגאַבעס: דאָס ערשטע מאָל אין קאָפּוסט 1827, דאָס זעקסטע מאָל אין מונקאַטש 1893.

שער גרענעץ. איין שטיק, דער „שנאַוקסטער וועג", איז געווען האַרט אויף דער גרענעץ־ליניע: אויף איין זייט וועג פלעגן פאָרן די רוסן און אויף דער אַנדערער זייט די דייטשן. דאָרטן פלעגט דעריבער שטענדיק אָנגיין אַ גרויסער שמוגל איבער דער גרענעץ. אין פינצטערע נעכט פלעגט מען זיך אָפּט ניט ווילנדיק אַריינדרייען אין דער דייטשישער זייט און מען פלעגט דערנאָך האָבן צרות פון די רוסישע סאָלדאַטן פאַר שמוגלען זיך איבער דער גרענעץ.

איין מאָל איז ר' אברהמעלע געפאָרן מיט אַ געניטן בעל־עגלה פון ניישטאָט קיין וויזשין. ער איז שוין יעמאָלט געווען בלינד פון אַלטקייט און דערצו נאָך איז דאָס געווען אין אַ שטאָק פינצטערער נאַכט. פאָרנדיק אויפן שנאַוקסטער וועג, האָט דער בעל־עגלה ניט באַמערקט, אַז זיי זיינען אַראָפּ אויף דער דייטשישער זייט. אָבער דער בלינדער ר' אברהמעלע האָט אים באַלד אָנגעוויזן אויף דעם, און ער, דער פורמאַן, האָט זיך תיכף אַרויפגעדרייט צוריק אויף דער רוסישער זייט איידער די רוסישע גרענעץ־סאָלדאַטן האָבן דאָס באַמערקט. דער פורמאַן האָט בשום־אופן ניט געקאָנט פאַרשטיין, ווי אַזוי דער בלינדער ר' אברהמעלע האָט אין אַזאַ חושך־פינצטערניש דערקענט דעם וועג, און ער האָט געבעטן ר' אברהמעלען, ער זאָל אים אויפקלערן דעם וואונדער. ר' אברהמעלע האָט אים געענטפערט גאַר פשוט: „דעם וועג ווייס איך אַליין ניט אויסצוקלייבן, אָבער איך דערפיל גלייך דעם חילוק. ווי נאָר איך קום אויף דער דייטשישער זייט, הייבט מיך גלייך אָן שטיקן די דייטשישע לופט".

זיינע לעצטע יאָרן האָט ר' אברהמעלע פאַרבראַכט ביי זיין זון ר' אלי' אין ניישטאָט. אַז ער איז קראַנק געוואָרן צום לעצטן מאָל, האָט מען אים אַוועק־געפירט אין דעם דערבייאיקן דייטשישן שטעטל קייטיץ צו אַ דאָקטער. דאָרטן איז ער אָבער שלאָף געוואָרן, און מען האָט אים שוין צוריק ניט גע־קענט פירן. ער איז געשטאָרבן אין קייטיץ. פאַר דער פטירה האָט ער אָנגע־זאָגט, מען זאָל אים ניט מקבר זיין אין דער טומאהדיקער ערד פון דייטשלאַנד, נאָר ברענגען צו קבורה אין ניישטאָט. אָבער קיין בר־מינן איבער דער גרענעץ האָט די רעגירונג ניט דערלויבט צו פירן. האָט מען דעריבער קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט ווי צו טראָגן דעם בר־מינן איבער דער גרענעץ ווי קאָנטראַבאַנד. צוויי קרעפטיקע שמשים פון דער ניישטאָטער חברה־קדישא זיינען געקומען אין קייטיץ און האָבן אַרויפגענומען אויף זיך דעם בר־מינן צו גיין מיט אים איבער דער גרענעץ. ווי גרויס איז אָבער געווען זייער פאַרוואונדערונג, אַז ווי נאָר זיי האָבן זיך אַ קער געטאָן צו גיין, האָבן זיי דערזען, אַז זיי שטייען שוין אויפן ניישטאָטער בית־עולם.

דערהרגעט דעם גבאי צוליב „אתה הראית"

גלייך אין אַריינגאַנג פון גאָרזדער בית־עולם קאָן מען זען אַן אַלטע הילצערנע מצבה וואָס איז באַדעקט מיט מאָך און צעפוילט פון לאַנגיאָריקע רעגנס. בלויז עטלעכע שורות און שטיקלעך שורות קאָן מען נאָך איבערלייענען:

בשנת תרכ״ז לפ״ק
בערב
בעת אמירת אתה הראית
נפלה עושק ביניהם ובבוקר
נמצא מת בשדה ולא נודע
מי הכהו
לכן שאו אתנו קינה
ידידים וקוננו בקינת
יואל

אָט וואָס דער שרייבער פון דעם אַרטיקל האָט געהערט פון זיין פאָטער:

ר׳ זוסל פּריים, אַזוי האָט דער נפטר געהייסן, איז געווען פון די אויסגע־צייכנטע אידן אין שטעטל, אַ למדן און אַ גרויסער ירא־שמים. ער איז אויך געווען דער גבאי אין שול. געשטאָרבן איז ער אין הויכן עלטער אין יאָר 1866, אָבער ניט מיט קיין נאַטירלעכן טויט, ווי עס איז צו זען פון די עטלעכע ווערטער אויף דער מצבה.

עס איז געווען שמחת־תורה אין אָונט. דער עולם איז געווען שטאַרק בגילופינדיק. דער המון האָט זיך געבונטעוועט קעגן די פּני, איבערהויפּט קעגן די גבאים. איינער פון המון מיטן נאָמען שראָעל (ישראל) האָט ניט אַנ־דערש געוואָלט ווי קויפן „אתה הראית". ר׳ זוסל האָט אָבער בשום אופן ניט צוגעלאָזן, אַז „אתה הראית" זאָל אַריינפאַלן צו אַזאַ פאַרגרעבטן אידן. שראעל איז אַוועק פון שול אַ צוקאָכטער און אין אַ פּריוואַטן הויז זיך געשוואָרן שפּעטער ביי ברויט, אַז ער וועט זיך נוקם זיין אָן ר׳ זוסלען. ר׳ זוסל האָט וועגן דעם גאָרניט געוואוסט און איז, ווי אַלע שמחת־תורה, אַוועק נאָך מעריב צום רב ר׳ משהלע יפה זיך משמח זיין. פון דעם רבס הויז איז ער שפּעט אין אָונט אַוועק אַהיים, און אין דער פרי האָט מען אים געפונען ליגנדיק דערוואָרגן אויף טויט לעבן זיין גאָרטן.

דער פאָטער פון שרייבער פון דעם אַרטיקל האָט געדאַוונט יענעם שמחת־תורה אין דער פרי אין דעם זעלביקן מנין וואָס שראָעל. דער עולם האָט פון קיין זאַך ניט געוואוסט און געדאַוונט שחרית מיט כוונה, ווען פּלוצלינג איז ר׳

זוסלס אַ ברודער אַריינגעפאַלן מיט אַ טומל, געכאַפּט שראָעלן ביי די לאַצן און שרייענדיק: „גזלן, דו האָסט דערהרגעט מיין ברודער", האָט ער אים גענומען שלעפּן פון שטוב. שראָעל האָט געענטפערט: „איך גיי אַליין, שלעפּ מיך ניט", און איז מיט אים אַרויס. מער האָט מען שוין דעם טאָג ניט געדאַוונט. יענער שמחת־תורה איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טאָג פון טרויער. אַלע האָבן געוויינט און געקלאָגט אויף ר' זוסלס אומנאַטירלעכן טויט. שראָעלן האָט מען דערווייל אַריינגעזעצט אין טורמע. דעם נפטר האָט מען אַראָפּגעפירט אויפן בית־עולם, אָבער עס האָט געדויערט אַ לאַנגע צייט ביז ער איז געקומען צו קבר ישראל; פּאָליציי האָט עס נישט דערלויבט. ערשט אַ צייט נאָך יום־טוב איז אַראָפּגעקומען פון טעלדז דער „אויעזדנער" דאָקטער (דאָקטאָר מאַפּו, אברהם מאַפּוס זון), האָט געפּאַלמעסט דעם נפטר און דערלויבט אים מקבר צו זיין.

אויך איז אַראָפּגעקומען אַ געריכט־אויספאָרשער און האָט אויסגעפרעגט יעדן איינעם ווער נאָר עס האָט יענעם אָוונט געזען שראָעלן אָדער אים געהערט ריידנדיק (צווישן די אויסגעפרעגטע איז אויך געווען די מוטער פון דעם שרייבער). שראָעל איז דערווייל געזעסן אין טורמע אין גאָרזד. ערשט נאָך האַלב ווינטער האָט מען אים איבערגעפירט אין קאָוונער טורמע. פאַרן אָפּפאָרן איז ער געגאַנגען אין בית־מדרש זיך געזעגענען. ער איז אויך עולה־לתורה געווען. ער איז געקומען אין בית־מדרש באַלייט פון פּאָליציי און מיט קייטן אויף די הענט. בשעתן מאַכן די ברכה אויף דער תורה האָט ער ביטער געוויינט. זיין געוויין צוזאַמען מיטן קלאַנג פון די קייטן האָט געמאַכט אַ מוראדיקן רושם אויף דעם עולם. דער רב, ר' משהלע, האָט אים געטרייסט און געזאָגט: „אויב דו ביסט ניט שולדיק, וועסטו געוויס קומען צוריק אַהיים".

אין אַ געוויסער צייט אַרום איז שראָעל געקומען צוריק אַהיים אַ באַפרייטער פון געריכט. אין שטעטל אָבער איז ביי קיינעם קיין שום ספק ניט געווען, אַז ער האָט דערהרגעט ר' זוסלען צוליב „אתה הראית".

אוראייניקלעך פון ר' זוסל פּרייס וואוינען נאָך עד־היום אין סינסינעטי [3].

די מעשה פון ר' בענדעט פּאָדקאָווע

ר' בענדעט פּאָדקאָווע איז פריער דערמאָנט געוואָרן. די מסורה וועגן אים האָט דער שרייבער פון דעם אַרטיקל געהערט אין זיינע קינדערשע יאָרן.

3) פּאָר אַ גרויסן טייל פון אַט דעם מאַטעריאַל בין איך שולדיק אַ דאַנק בערע־וועלווע מילנערן און מיין ברודער יעקב שוים, צוויי תושבים פון גאָרזד, וועלכע האָבן אַט די ידיעות אויפגעקליבן און צוזאַמענגעשטעלט.

אָבער אַ סך פּרטים האָט ער גענומען פון דעם ספר „לקורות ערי ישראל ורבניהם" פון דעם ראַסיינער ביבליאָגראַף משה בר' שלמה־זלמן מאַרקאָוויץ, ווארשא, תרע"ג (דער שרייבער פון דעם אַרטיקל שטאַמט, פון זיין מוטערס צד, פון דעם דאָזיקן ר' בענדעט).

אָנהייבן מוזן מיר די מעשה מיט ראַסיין, אויך אַ זאַמעטער שטאָט, אין אַכצנטן יאָרהונדערט.

ביז היינטיקן טאָג נאָך איז דאָ אין ראַסיין אַ קלויז וואָס מען רופט דעם חסידים קלויז, אויף דעם אָרט איז אַמאָל געשטאַנען דאָס הויז, אין וועלכן ר' שמואל חסיד האָט געוואוינט. רופט מען דעם קלויז עד־היום אויף זיין נאָמען.

דער דאָזיקער ר' שמואל חסיד איז אַרום דעם מיטן אַכצנטן יאָרהונדערט געבאָרן געוואָרן אין גאַרזד. שפּעטער אָבער האָט ער זיך אַריבערגעקליבן אין ראַסיין, וואו ער איז געשטאָרבן אין עלטער פון 73 יאָר. אין איינעם מיט נאָך צוויי אַזעלכע פרומע ווי ער איז געווען איז ער געזעסן טאָג און נאַכט און געלערנט, אָפּגעזונדערט פון דער וועלט און אירע תענוגים. די צוויי חברים זיינען געווען: דער גאון און מקובל ר' משה, וועלכער איז אויף די עלטערע יאָרן געוואָרן רב אין טעלדז און דער גאון און מקובל ר' מרדכי, וועלכער איז אויף די עלטערע יאָרן געוואָרן רב אין פּאָקראָי. אין זייערע איינגערע יאָרן האָבן זיי ניט געהאַט קיין רבנות, נאָר זיי זיינען געזעסן אין ראַסיין און אין איינעם מיט ר' שמואל חסיד האָבן זיי געלערנט תורה און געפּראַוועט פרומקייט. דער עיקר האָבן זיי געזוכט שלמות אין די גוטע מידות וואָס אַ פרומער איד מוז פאַרמאָגן. פאַר דעם צוועק פלעגן זיי אַלע ערב ראש־חודש אויפשרייבן אויף אַ טאָוול אַ געוויסע מידה און זוכן אין דעם קומענדיקן חודש זיך אָנצונעמען מיט איר אין גאַנצן.

דאָס איז געווען אין דער צייט פון דעם ווילנער גאון, צו וועמען ר' שמואל חסיד פלעגט ניט פאַרפעלן צו פאָרן צוויי מאָל אַ יאָר. דער ווילנער גאון האָט שטאַרק געהאַלטן פון אים. ער פלעגט אים רופן דער זאַמעטער חסיד.

אויך ר' שמואל חסידס פאָטער, ר' ברוך־בענדעט, איז געווען פון די געהויבענע אידן. קיין גרויסער עולם־הזהניק איז ער על־כל־פּנים ניט געווען. צוויי און דרייסיק יאָר האָט ער געפירט אַן אַסקעטיש לעבן און געגעסן בלויז אַ שטיקל טרוקן ברויט. לויט ווי זיין זון, ר' שמואל חסיד, האָט אויף אים דערציילט, איז ער געווען אַ שטרענגער וועגעטעריאַנער און האָט קיין מאָל ניט פאַרזוכט עפּעס וואָס ס'קומט אַרויס פון אַ לעבעדיקער באַשעפעניש. עס איז דערפאַר ניט ריכטיק, ווען מען מיינט, אַז נאָר ביי חסידים איז יעמאָלט געווען דער קוואַל פון טיפער רעליגיעזקייט און אַז די מתנגדים זיינען געווען

אַלע טרוקענע מענטשן וועלכע האָבן געוואוסט בלויז פון ברעכן זיך די קעפּ אויף די פּשטלעך פון דער גמרא.

אָבער דער עיקר קומט ערשט, ווען מיר גייען הונדערט יאָר אויף צוריק, צום זיבעצטן יאָרהונדערט. ר׳ שמואל חסידס פאָטער, ר׳ ברוך־בענדעט, האָט געהייסן נאָך זיין זיידן, וועמען מען האָט גערופן מיט אַ צונאָמען ר׳ בענדעט פּאָדקאָווע [4]. פאַר וואָס ער האָט געטראָגן אַזאַ צונאָמען, וועגן דעם האָט מען דור נאָך דור דערציילט אָט וואָס:

ר׳ בענדעט איז געקומען קיין זאַמעט פון פּוילן. זיין פאָטער איז געווען רב אין פּויזן. אַזוי ווי בענדעט האָט צו צען יאָר שוין געשמט פאַר אַן עילוי, האָט זיך מיט אים מתחתן געווען אַ גרויסער גביר פון לובלין און אָפּגעשריבן תנאים, אַז דער עילוי זאָל נעמען זיין, דעם גבירס, טאָכטער. פאַרשטייט זיך, אַז דער גביר האָט צוגעזאָגט צו געבן אַ סך נדן, און אויף שבועות האָט ער געבראַכט דאָס בחורל צו זיך קיין לובלין.

דאָס איז געווען פּונקט אין דער צייט, ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן כמעל־ניצקיס שחיטות אויף אידן אין פּוילן. די קאָזאַקן האָבן יעמאָלט אויסגע־הרגעט די גאַנצע אידישע קהלה פון לובלין, און צווישן די געהרגעטע איז אויך געווען ר׳ בענדעטס מחותן. די מחותנתטע און איר טאָכטער זיינען געווען צווישן די, וועמען עס האָט זיך איינגעגעבן צו אַנטלויפן און זיך צו ראַטעווען פון די קאָזאַקן. אויך ר׳ בענדעט איז געווען צווישן די אַנטלאָפענע. אָבער אַ קאָזאַק אויף אַ פערד האָט אים געכאַפּט און איז אין פולן גאַלאָפּ אַריבער־געריטן איבער אים און אים צעטראָטן. פון ר׳ בענדעטן איז אָפּגעלאָפן אַ סך בלוט, און ער איז געבליבן ליגן אַ געחלשטער אויפן וועג. האָט דער קאָזאַק געמיינט, אַז דער איד איז טויט, און איז אַוועקגעריטן.

ר׳ בענדעט האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין חלשות, האָט ווידער געעפנט די אויגן און געזען, אַז ער ליגט אויפן שליאַך איינער אַליין. האָט ער צוזאַמענ־גענומען זיין לעצט ביסל כוח, זיך אויפגעהויבן פון דער ערד און צוגעקומען צו אַ טייכל לעבן וועג. דאָרטן האָט ער זיך אָפּגעוואַשן דאָס בלוט פון זיינע וואונדן. צו־פוס האָט ער זיך געשלעפּט ווייטער, ביז ער איז אָנגעקומען אין קאַלוואַריע (אין וועלכער, ווערט ניט אָנגעגעבן).

אָבער דער צייכן פון דער פּאָדקאָווע פון דעם קאָזאַקס פערד איז אים אויפן גאַנצן לעבן געבליבן אויפן פּנים, און מען האָט אים גערופן מיט אַ

4) משה מאַרקאָוויץ אין זיין פריער דערמאָנטן ספר רופט אים ר׳ בענדעט פּאָדקאָווער. איך האַלט אָבער, אַז דער צונאָמען „פּאָדקאָווע" איז ערשט שפּעטער פאַרגרייזט געוואָרן אין "פּאָדקאָווער".

צונאָמען ר׳ בענדעט פּאַדקאָווע. פון די וואונדן וואָס ער האָט באַקומען אויפן קאָפּ איז אים אויך צעמישט געוואָרן דער געדאַנק, און ער האָט ניט געדענקט קיין זאַך פון זיין פאַרגאַנגענהייט.

אין קאַלוואַריע, ווערט ווייטער דערציילט אין דער מעשה, האָט יעמאָלט געלעבט אַ גביר, אַ גרויסער בעל־צדקה און אַ גרויסער מכניס־אורח. האָט ער רחמנות געהאַט אויף די אומגליקלעכע פּליטים וואָס זיינען אַנטלאָפן פון כמיעלניצקיס שווערד, געעפנט פאַר זיי זיין הויז און זיי געגעבן צו עסן און צו טרינקען און אַלץ וואָס זיי האָבן באַדאַרפט.

צווישן דעם המון אָרעמע פּליטים וואָס זיינען געקומען צו יענעם גביר אין הויז איז אויך געווען ר׳ בענדעט. אין יענעם הויז פלעגן זיך אָפט צוזאַמענ־קומען למדנים און גדולים און זיך מפלפל זיין אין חידושי־תורה. איין מאָל האָט ר׳ בענדעט זיך אויך אַריינגעמישט אין זייערן אַ שמועס, און זיי האָבן געזען, אַז דאָס בחורל איז ניט אַבי־ווער, אַז ער איז מלא־וגדוש מיט תורה. האָבן זיי אָנגעהויבן אים אויספרעגן, ווער ער איז. ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן אויף קיין זאַך, וויל ער האָט געהאַט פאַרגעסן אַלץ וואָס מיט אים איז פריער געשען. אָבער ווען דער גביר האָט וועגן דעם געהערט, האָט ער זיך שטאַרק געפרייט, וואָס אַזאַ טייערער בחור איז געקומען צו אים, און האָט אים באַלד אָנגעהויבן צורידן, ער זאָל נעמען זיין טאָכטער. מען האָט געשריבן תנאים, און דער גביר האָט צוגעזאָגט צו געבן נדן אַזאַ גוואַלדיק הויכן סכום ווי צוועלף הונדערט טאַלער.

אין דעם אָוונט פאַר דעם טאָג פון דער חתונה האָט דער גביר געמאַכט אַן אָרעם־מאָלצייט פאַר אַלע אָרעמעלייט פון שטאָט. אַ חוץ עסן און טרינקען פון דאָס בעסטע האָט מען אויך געגעבן גרויסע נדבות אין מזומן געלט.

זיינען אַלע אָרעמעלייט געזעסן אַרום די טישן און געגעסן און געטרונקען און זיך משמח געווען. נאָר גאָר אונטן, ביים עק פון לעצטן טיש, איז געזעסן אַן אָרעמע אידענע מיט איר טאָכטער. זיי האָבן דעם גאַנצן אָוונט ניט טועם־טעם געווען פון קיין שום מאכלים, און גרויסע, זודיקע טרערן האָבן זיך די גאַנצע־צייט געגאָסן פון זייערע אויגן. האָט דאָס שטאַרק פאַרדראָסן איינעם פון די פאַרבעטענע געסט, און ער האָט זיך אָנגעבייזערט אויף דער אידענע, פאַר וואָס זי פאַרשטערט די שמחה. האָט זי אים אויף דעם געענטפערט: „ווי זאָל איך ניט וויינען, אַז דער חתן וואָס זיצט דאָ אויבן אָן איז דער חתן פון מיין טאָכטער וואָס זיצט דאָ לעבן מיר״.

ס׳איז געוואָרן אַ טומל. די פרוי און די טאָכטער האָבן אָנגעהויבן דערמאָ־נען דעם חתן פון די תנאים אין לובלין און ווי אַזוי ער איז געווען ביי זיי

אין הויז. האָט זיין זכרון ווידער אָנגעהויבן אַרבעטן אין אים, און ס׳איז תיכף אויף דער שטעל ביי אים געבליבן, אַז ער מוז חתונה האָבן מיט זיין ערשטער כלה און אַז די נייע תנאים ווערן בטל. דער מחותן האָט אָבער געטענהט מיט דער טענה פון גמרא, אַז „נסתחפה שדהו״, אַז די ערשטע כלה האָט דורך דעם אומגליק וואָס איז געקומען אויף אידן פאַרלאָרן איר רעכט.

הכלל, מען האָט גערופן רבנים צו אַ דין־תורה, און זיי האָבן געפּסקנט, אַז היות ווי דער לובלינער מחותן איז שוין טויט און די אַלמנה איז איצט ניט ביכולת צו געבן דעם צוגעזאָגטן נדן, זיינען ממילא די תנאים בטל. אָבער ר׳ בענדעט פּאַדקאָווע האָט ניט מקיים געווען דעם פּסק־דין פון די רבנים. ער האָט פאַרלאָזן דעם רייכן מחותן און די רייכע כלה פון קאַלוואַריע, האָט זיי אַוועקגעגעבן צוריק אַלע טייערע מתנות, און נאָך אין דער זעלביקער נאַכט האָט ער חתונה געהאַט מיט זיין ערשטער, איצט אָרעמער כלה. ער איז דערנאָך געקומען אין גאָרזד און אויסגעלעבט מיט איר די יאָרן.

דער שרייבער פון דעם אַרטיקל האָט זיינע קינדערשע יאָרן אַ סך מאָל געהערט פון אַלטע לייט אין שטעטל, אַז אויפן אַלטן בית־עולם געפינט זיך דער קבר פון ר׳ בענדעט פּאַדקאָווע.

וואָלאָזשין

שווער צו געפינען אַ אידישע שטאָט אָדער שטעטל, וואָס איז ביז ניט לאַנג צוריק געווען אַזוי באַרימט ביי אידן, ווי וואָלאָזשין.

וואָלאָזשין איז אַ קליין שטעטל פון אַ פּאָר טויזנט איינוואוינער אין ווילנער גובערניע. און דאָך האָט הונדערט יאָר נאָכאַנאַנד, דורכ'ן גאַנצן נייַנצנטן יאָר־הונדערט, די גאַנצע אידישע וועלט געקלונגען מיט דעם. ניט געווען כמעט קיין איד אויף דער וועלט, וואָס האָט ניט געוואוסט פון וואָלאָזשין. נאָך היינט־צו־טאָג הערט זיך אין דעם נאָמען וואָלאָזשין דער אָפּקלאַנג פון אַמאָליקער גרויס־קייט און באַרימטקייט.

און באַרימט אין וואָלאָזשין געוואָרן מיט איין זאַך — מיט איר ישיבה, וועלכע איז געווען די גרעסטע אין דער וועלט. פון יאָר 1803, ווען די וואָלאָ־זשינער ישיבה איז געגרינדעט געוואָרן, ביזן יאָר 1892, ווען זי איז געשלאָסן געוואָרן פון דער רוסישער רעגירונג, איז וואָלאָזשין געווען דער מיטל־פונקט פון דער אידישער פרומער וועלט. אַלע גרויסע רבנים און למדנים און אויך אַ סך אידישע „משכילים", אויפקלערער און שרייבער, זיינען געווען תלמידים פון וואָלאָזשינער ישיבה.

וואָלאָזשין איז אַרום הונדערט יאָר געווען אַ מין אידישע הויפּטשטאָט, די הויפּטשטאָט פון דער אַמאָליקער גייסטיקער אידישער מלוכה, די מלוכה פון תורה און פרומקייט.

ווי קומט עס אָבער, וואָס אַזאַ קליין אומבאַדייטנדיק שטעטל זאָל דער־הויבן ווערן צו אַזאַ הויכער שטופע, צו זיין דער מיטלפונקט פון גייסטיקן אידישן לעבן?

דער ענטפער אויף דעם איז, אַז דער גרינדער פון דער ישיבה, רבי חיים, איז געווען אַ וואָלאָזשינער. דאָרטן איז ער געבאָרן געוואָרן (אין יאָר 1749), און דאָרטן איז ער געשטאָרבן (אין יאָר 1821).

נאָך אַ צייט פריער, איידער די ישיבה איז געגרינדעט געוואָרן, זיינען שוין געווען גרויסע גאונים אין וואָלאָזשין. איין צייט איז דאָרטן געווען רב דער באַ־רימטער גאון רבי אריה לייב, וועמען מ'האָט גערופן נאָך זיין ספר „שאגת אריה". ער איז געווען אַזוי קלאָר אין גמרא, אַז ער פלעגט קענען אין איין שעה דורכוואַרפן ביי זיך אין קאָפּ דעם אינהאַלט פון גאַנץ ש"ס.

ביי אים האָט עס רבי חיים וואָלאָזשינער געלערנט אין די יונגע יאָרן.

געלערנט האָט ער אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט, און אַז עס פלעגט אויס־גיין דאָס חלב׳ענע ליכטל, פלעגט ער לערנען ביים שיין פון דער לבנה.

צו פינף־און־צוואַנציק יאָר איז רבי חיים שוין געווען באַרימט פאַר אַ גאון, און דאַן האָט ער אָנגעהויבן לערנען ביי דעם ווילנער גאון און איז געוואָרן דער גרעסטער תלמיד זיינער.

דער ווילנער גאון איז געווען דער פירער פון די „מתנגדים" אין דעם קאַמף קעגן די „חסידים". דער חסידיזם איז נאָך דעמאָלט געווען אַ נייע באַוועגונג, וואָס האָט שוין אָבער געהאַט פאַרכאַפּט אַ העלפט פון דעם אידישן פאָלק. אין אָנהויב האָט די חסידישע באַוועגונג זיך פאַרשפּרייט אין דרום־רוסלאַנד. אין דער אַנדערער העלפט פון אַכצנטן יאָרהונדערט האָט אָבער דער חסידיזם אָנגעהויבן אַריינדרינגען אויך אין ליטע. די געפאַר איז געווען גרויס, אַז אויך די ליטווישע אידן זאָלן פאַרכאַפּט ווערן פון דער דאָזיקער רעליגיעזער באַוועגונג.

די חסידישע לערע האָט זייער אַפּעלירט צו די ברייטע מאַסן פון פאָלק, צו די פּשוט׳ע, אומגעלערנטע אידן. וואָרים דער הויפּט פּרינציפּ פון דעם חסידיזם איז געווען, אַז כדי צו זיין פרום איז אַבסאָלוט ניט נויטיק צו זיין אַ למדן און צו זיצן און זיך ברעכן דעם קאָפּ מיט די פּשט׳לעך פון דער גמרא. אַן איינפאַכער איד, אַן עם־הארץ, קאָן זיין פרימער פון דעם גרעסטן למדן. די הויפּטזאַך איז ניט די טרוקענע מצווה, וואָס אַ איד טוט, נאָר די כוונה וואָס ער האָט דערביי. מ׳דאַרף דערפאַר איבערהויפּט גאָר ניט לערנען פיל, נאָר דאַוונען דאַרף מען אַ סך און מיט גרויס כוונה, און זיך באַהעפטן מיט גאָט אין דעם פריילעכן עקסטאַז, די התלהבות פון די תפילות.

עס איז דעריבער גאַנץ פאַרשטענדלעך, וואָס די לערע פון די חסידים האָט אין אָנהויב זיך פאַרשפּרייט אין דרום־רוסלאַנד און ניט אין ליטע, ווייל אין דרום־רוסלאַנד, אין אוקראַינע, האָבן די אידן געלעבט צע־שפּרייט איבער די דערפער און זיינען נישט געווען קיין גרויסע לומדים. אין ליטע אָבער האָבן די אידן געוואוינט אין די שטעט און האָבן דאָרטן געהאַט ישיבות, וואו מ׳האָט אַ סך געלערנט.

דער ווילנער גאון האָט דערפאַר ריכטיק איינגעזען, אַז דאָס בעסטע מיטל קעגן דער חסידישער באַוועגונג איז צו פאַרשפּרייטן וואָס מער דעם לימוד פון תלמוד. וואָס מער אידן וועלן לערנען גמרא, אַלץ ווייניקער גע־פאַר וועט זיין, אַז זיי זאָלן ווערן חסידים. דער ווילנער גאון האָט דעריבער גע־פּלאַנעוועט צו גרינדן אַ גרויסע ישיבה, אַן אַקאַדעמיע, וואו דער תלמוד זאָל געלערנט ווערן סיסטעמאַטיש.

אָבער דער ווילנער גאון איז דערווייל געשטאָרבן, און זיין פּלאַן האָט דורכגעפירט זיין גרויסער תלמיד, רבי חיים וואָלאָזשינער. אין ווילנע האָט ניט געלוינט צו גרינדן אַ נייע ישיבה, ווייל דאָרטן זיינען צוויי ישיבות שוין געווען, האָט ער דערפאַר געגרינדעט די ישיבה אין זיין שטעטל וואָלאָזשין.

זייער שטיל און באַשיידן איז געגרינדעט געוואָרן אָט די גרעסטע ישיבה, וואָס אידן האָבן פאַרמאָגט אין די לעצטע צייטן. רבי חיים האָט גענומען צען אידן לומדים פון שטאָט און האָט אָנגעהויבן זאָגן פאַר זיי אַ „שיעור" אין גמרא. דאָס איז באַקאַנט געוואָרן אין דער אומגעגנט, און אידן, וועלכע האָבן געוואָלט לערנען, האָבן אָנגעהויבן קומען קיין וואָלאָזשין הערן דעם „שיעור" פון רבי חיים'ען.

רבי חיים איז אַליין געווען אַ רייכער איד, אַ טוך־פאַבריקאַנט, און ער האָט אין אָנהויב אויסגעהאַלטן די תלמידים פון דער ישיבה מיט אַלץ וואָס זיי האָבן באַדאַרפט. פאַר אונז הײנט קלינגט דאָס זייער טשיקאַווע, אַז אַ איד אַ פאַבריקאַנט זאָל זיין דער גרעסטער גאון און צדיק פון זיין צייט און זאָל זיצן גאַנצע טעג און לערנען תורה. אָבער מיט הונדערט יאָר צוריק זיינען געווען אין רוסלאַנד אַזעלכע אידן.

די צאָל תלמידים איז אָבער אַזוי געוואַקסן, אַז רבי חיים איז מער ניט געווען אימשטאַנד זיי אַליין אויסצוהאַלטן, און ער האָט זיך געווענדעט מיט אַן אויפרוף צו אידן, אַז מ'זאָל אים מיטהעלפן. דער אויפרוף האָט געפונען אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג, אידן האָבן בייגעשטייערט געלט און די ישיבה איז געוואָרן אַ גאַנצע אינסטיטוציע.

די צאָל פון בחורים האָט שוין דערגרייכט ביז הונדערט, און רבי חיים האָט אויסגעבויט אַ הילצערנע געביידע פאַר דער ישיבה, און האָט איינגעפירט אַן אַנדער אָרדנונג, ווי אין די ישיבות ביז דאַן. דאָס „עסן טעג" האָט ער אינ־גאַנצן אָפּגעשאַפט. דערפאַר אָבער האָט ער פון דער קאַסע פון דער ישיבה געדונגען אַ אידענע, וועלכע האָט געקאָכט אַ קעסל פאַר דער ישיבה. זיינען די ישיבה־בחורים געווען פאַרזאָרגט מיט אַלצדינג. געגעסן האָבן זיי פון קעסל, און געשלאָפן זענען זיי אויף די האַרטע בענק פון דער ישיבה.

רבי חיים האָט אָבער ניט בלויז איינגעפירט אַ נייע עקאָנאָמישע אָרד־נונג אין דער ישיבה, ער האָט אויך איינגעפירט אַ נייעם גאַנג אין דעם לערנען, דעם גאַנג וואָס ער האָט איבערגענומען פון זיין גרויסן רבי'ן דעם ווילנער גאון. ביז דעם ווילנער גאון האָט אין די ישיבות געהערשט דער פּילפּול. מ'האָט געמאַכט פּשט'לעך, מ'האָט צונויפגעשלעפּט אַ וואַנט מיט אַ

וואַנט, מ׳האָט אויסגעבויט הויכע, פּילפּול׳דיקע געביידעס אויף דעם פונ־דאַמענט פון אַ צעשפּאָלטענער האָר.

דער ווילנער גאון אָבער, מיט זיין געוואַלדיקן לאָגישן און קריטישן גייסט, האָט אָפּגעשאַפט אָט דעם פּילפּול און האָט איינגעפירט אַ סיסטעם און אַ לאָגישע מעטאָדע. דעם דאָזיקן אופן פון לערנען האָט רבי חיים איינגעפירט אין זיין ישיבה. אַ חוץ אָבער דעם לערנען האָט רבי חיים געזוכט איינצופלאַנצן אין זיינע תלמידים אויך גוטע, מאָראַלישע זיטן, אַז זיי זאָלן פון דער יוגנט אָן באַ־הערשן זייערע ליידנשאַפטן און זאָלן שטרעבן צו אַ ריינעם, הייליקן לעבן.

אַז רבי חיים איז געשטאָרבן האָט גע׳ירש׳ענט זיין שטעלע אַלס ראש־ישיבה זיין זון רבי איצעלע וואָלאָזשינער. ער איז געווען אַ מער וועלטלעכער מענטש, ווי זיין פאָטער. ער האָט געקענט אַ סך שפּראַכן און אפילו אין מאַטע־מאַטיק איז ער געווען אַ קענער. אונטער אים איז די ישיבה זיך שטאַרק צעוואַקסן. ער האָט איינגעוואָרפן די הילצערנע געביידע און אויפגעשטעלט אויף איר פּלאַץ אַ מויער. די צאָל פון די ישיבה־לייט האָט שוין דערגרייכט צוויי הונדערט, און מ׳האָט זיי שוין געצאָלט וואָכערס אין מזומן — 35 קאָ־פּיקעס אַ וואָך.

פאַר דער ישיבה איז אָבער געווען אַ גרויסער פעלער, וואָס רבי איצעלע איז געווען אַ איד אַ חכם און האָט גענומען אַ לעבעדיקן אָנטייל אין אַלע כלל־זאַכן. פון נאָענט און ווייט איז מען געקומען צו אים נאָך עצות. און ווען נאָך די רוסישע רעגירונג האָט גערופן אידישע פירער און טוער אויף אַן אסיפה אין פּעטערבורג, איז רבי איצעלע געווען פון די ערשטע.

צוליב זיין שטענדיקן אַרומפאָרן האָט רבי איצעלע געמוזט איבערגעבן די אָנפירערשאַפט פון דער ישיבה צו זיינע צוויי איידעמס: רבי אליעזר־יצחק און נפתלי־צבי־יהודה בערלין (רבי הירש־לייב וואָלאָזשינער). וואָרים רבי איצעלע׳ס זון, רבי אליהו זלמן, איז געווען אַ רייכער סוחר און האָט זיך ניט אָפּגעגעבן מיטן לערנען.

אַז רבי איצעלע איז געשטאָרבן, איז רבי אליעזר יצחק געוואָרן דער ערשטער ראש־ישיבה און דער צווייטער איידים רבי הירש־לייב איז געוואָרן דער צווייטער ראש־ישיבה. די ישיבה איז איצט געוואָרן גרעסער און רייכער, און אַלץ וואָלט געגאַנגען גוט און גלאַט. איז אָבער געווען די צרה, וואָס רבי חיים׳ס פאַמיליע איז געוואָרן אַ הערשנדיקע דינאַסטיע, אַ משפחה פון גייסטיקע רעגירער, און וואו ס׳איז דאָ אַ דינאַסטיע, מוזן שוין זיין אינטערעסן און אינטריגעס און קריגערייען און מלחמות.

און אין וואָלאָזשין איז אין דער צייט פון רבי אליעזר־יצחק׳ס רעזשים

אויסגעבראָכן אַ מלחמה צווישן צוויי צווייגן פון רבי חיים׳ס דינאַסטיע. עס איז געווען אַ לאַנגע און ביטערע מלחמה.

די סיבה פון דער מלחמה, וואָס איז אויסגעבראָכן אין וואָלאָזשין, איז געווען פאָלגנדיקע:

רבי אליעזר יצחק איז געווען אַ קראַנקער מענטש, און זיין שוואָגער רבי הירש־לייב האָט געזאָלט ווערן דער יורש פון דעם וואָלאָזשינער טראָן. האָט אָבער רבי איצעלעס זון, רבי אליהו זלמן, גענומען פאַר זיין טאָכטער אַן איי־דעם גאָר אַן אַנטיק. אַ חוץ וואָס ער איז געווען אַ געוואַלטיקער למדן, איז ער געווען זייער אַ וועלטלעכער מענטש, א שיינער און אַ יחסן נאָך דערצו (ער איז געווען אַן אור־אור־אייניקל פון מהרש״א). אַזוי איז צוגעקומען אַ נייער רינג אין דער גאָלדענער קייט פון דער וואָלאָזשינער דינאַסטיע.

דער איידעם פון רבי אליהו־זלמן איז געווען רבי העשל לעווין פון ווילנע. דאָס איז געווען גאָר אַן אַנדער סאָרט מענטש, ווי די ראשי ישיבות פון וואָ־לאָזשין. ער איז געווען אַ פרומער, אָבער ניט קיין פאַנאַטיקער. האָט אפילו אַריינגעקוקט אין די נייע, היינטוועלטיקע ביכלעך, און עס האָט אים גאָרנישט געשאַדט צו זיין פרומקייט. אין די יונגע יאָרן האָט ער זיך אפילו גע׳חבר׳ט מיט די באַרימטע ווילנער „משכילים״ און שרייבער פון יענער צייט, מרדכי־אהרן גינצבורג און שמואל יוסף פין. דערצו איז ער ניט געווען קיין בטלן און איז געווען אָנגעטאָן אין ציכטיקע קליידער מיט פאַרקעמטע לאָקן און מיט אַ צילינדער־הוט אויפן קאָפּ.

עס איז גאַנץ פאַרשטענדלעך, אַז ווי נאָר רבי העשל איז געקומען קיין וואָלאָזשין, האָט די הערשנדיקע דינאַסטיע אָנגעהויבן קוקן קרום אויף אים. וואָרים רבי העשעל׳ן איז ניט געפעלן די גאַנצע אָרדנונג אין דער ישיבה און דער גייסט וואָס האָט געהערשט אין איר. רבי אליעזר־יצחק האָט צוריק איינ־געפירט דעם פלפול, און רבי העשל האָט אים איינמאָל געזאָגט עפנטלעך, פאַר אַלעמען אין די אויגן: „ווען איך זאָל ווערן דער ראש ישיבה, וואָלט איך מאַכן אַ סוף צו דער דאָזיקער צונויפשלעפעניש פון אַ וואַנט צו אַ וואַנט, וואָס פאַרטעמפּט די קעפּ און פאַרדרייט די געדאַנקען!״

ס׳איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז רבי העשל האָט אינגאַנצן אויפגעהערט קומען אין דער ישיבה, האָט אָנגעהויבן דאַווענען מיט אַ „מנין״ ביי זיך אין שטוב, און — די מלחמה איז אויסגעבראָכן.

רבי העשל האָט אָנגעהויבן זאָגן ביי זיך אין שטוב נאָכן דאַווענען אַ „שיעור״ אין גמרא. אַ סך בחורים פון דער ישיבה האָבן אָנגעהויבן קומען צו אים הערן זיין „שיעור״. און דערמיט האָט רבי העשל דערקלערט מלחמה קעגן זיינע

צוויי שוואָגערס און האָט באַשלאָסן אַרויסצורייסן מיט געוואַלד די הערשאַפט פון זייערע הענט.

אין אָנפאַנג איז דער קריג געווען אַ ריין דינאַסטישער. רבי אליעזר־יצחק איז געווען אַ קראַנקער מענטש, און ער איז טאַקע אין מיטן דער מלחמה געשטאָרבן. די פראַגע איז דעריבער געווען, ווער עס זאָל ירש׳ענען דעם וואָלאָזשינער טראָן: רבי הירש־לייב, וועלכער האָט שוין געהאַט פון לאַנג אַ חזקה אויף דעם, אָדער רבי העשל.

דערצו אָבער איז דאָ אויך געווען אַ קאַמף פון אידייען. רבי הירש־לייב איז געווען אַ קאָנסערוואַטיווער, פאַנאַטישער און ביז צו דעם טאָג, ווען די ישיבה איז געשלאָסן געוואָרן, האָט ער ניט אַריינגעלאָזן אין איר קיין פריי ווינטל, קיין שום ענדערונג און אויסבעסערונג. רבי העשל אָבער איז געווען מער הייגטוועלטיק, און ער האָט געפּלאַנעוועט צו רעפאָרמירן אינ־גאַנצן די ישיבה.

רבי העשל האָט געפּלאַנעוועט צו מאַכן אַ נייע אָרדנונג אין דעם לערנען, אַרויסצוטרייבן די טרוקנקייט און פאַרגליווערטקייט, וואָס האָבן געהערשט אין דער ישיבה און איינצופירן אַ נייעם גייסט. די בחורים זאָלן ניט נאָר שאַרפן די קעפּ מיט דער גמרא, נאָר זיי זאָלן אויך זיך באַקענען מיט דער הויכער מאָ־ראַל־לערע פון אידנטום און מיט דער גאַנצער רייכער, גייסטיקער ירושה, וואָס איז געבליבן צעשפּרייט אין דער תלמודישער ליטעראַטור. דערצו האָט ער גע־וואָלט אַרויסטרייבן פון דער ישיבה דעם איבערגעטריבענעם פאַנאַטיזם און די היפּאָקריטסטווע אין דער פרומקייט.

רבי העשל איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אַ חוץ דעם „שיעור" אין גמרא, וואָס ער האָט געזאָגט אַלע אינדערפרי, האָט ער אויך אָנגעהויבן זאָגן אַ „שיעור" אַלע פאַרנאַכט, „בין מנחה למעריב" אין תנ"ך, און געטייטשט האָט ער די פסוקים לויט מענדעלזאָנס „ביאור", וואָס אין דער ישיבה איז דאָס געווען פאַרבאָטן ווי אַפּיקורסות.

רבי העשל האָט געקראָגן אַ סך אָנהענגער צווישן די בחורים פון דער ישיבה און אויך צווישן די יונגע לייט פון שטאָט, די איידעמס פון די רייכע באַלעבאַטים. רבי אליעזר־יצחק איז אונטער דער צייט געשטאָרבן, און רבי העשל׳ס אָנהענגער האָבן זיך אָרגאַניזירט אַראָפּצוּוואַרפן רבי הירש־לייב׳ען. האָט אָבער רבי הירש־לייב אָרגאַניזירט אַ סיסטעם פון שפּיאָנאַזש, און האָט אפילו געגעבן אַ באַפעל צו די באַלעבאַטים, ביי וועמען די בונטאָוו־שטשיקעס האָבן געוואוינט, אַז זיי זאָלן אַרויסטרייבן די קוואַרטיראַנטן פון זייערע וואוינונגען.

די רעוואָלוציע האָט זיך צעפלאַקערט און די ישיבה־בחורים האָבן אָנגעהויבן מאַכן אָבסטרוקציעס, אַלערליי שטערונגען קעגן דעם ראש ישיבה, רבי הירש לייב: ווי נאָר רבי הירש לייב פלעגט אָנהייבן זאָגן דעם „שיעור" אין גמרא, פלעגן חברה אים פאַרוואַרפן מיט אַלערליי פראַגן און פלעגן אים ניט לאָזן גיין ווייטער.

ביינאַכט פלעגן די בונטאָווששיקעס אַוועקלייגן אין דער שטיל שטיקלעך שניי אויף די צילינדערס פון די לאָמפּן, וועלכע פלעגן דערנאָך אַלע, איינער נאָכן אַנדערן, פּלאַצן... אַז דער ראש ישיבה פלעגט שטיין אין אַ טונקעלן ווינקל פון דער ישיבה און קוקן אויף די פּנים'ער פון די בחורים, כדי צו דערקענען, ווער דאָ זיינען די שולדיקע, פלעגן דערווייל זיך אויסלעשן די לאָמפּן אין דעם אַנדערן ווינקל. די בונטאָווששיקעס פלעגן אויך אויסלעשן אַ סך לאָמפּן מיטן מויל. עס פלעגט ווערן חושך־פינסטער אַרום. און אין דער פינסטער פלעגט מען מאַכן אַ טומל, זיך וואַרפן מיט האַנטיכער, און אפילו אַרויפוואַרפן אַ האַנטוך אויפן טיש, וואו רבי הירש־לייב איז געזעסן.

די בונטאָווששיקעס האָבן געמיינט, אַז זיי וועלן דערמיט אויסמאַטערן רבי הירש־לייבן, און ער וועט אַליין זיך אָפּזאָגן פון זיין שטעלע. אָבער זיי האָבן געמאַכט אַ טעות. רבי הירש־לייב, וועלכער איז אַלעמאָל געווען זייער אַ שטרענגער, איז איצט געווען זייער געדולדיק און האָט אַלצדינג רואיק אַריבערגעטראָגן. די בחורים, וועלכע ער האָט אַרויסגעטריבן פון דער ישיבה ווי די הויפּט־אַגיטאַטאָרן, האָבן אפילו, איינמאָל, אַ דאָנערשטיק, אין מיטן דער נאַכט, געמאַכט אַ טומל און געשלעג אין ישיבה, אַזאַ טומל, אַז די שכנים אַרום זיינען צוזאַמענגעלאָפן האַלב נאַקעט, ווי אויף אַ שרפה.

אָבער אויך דאָס האָט ניט געהאָלפן. רבי הירש־לייב האָט געהאַלטן די לייצעס און האָט ווייטער געפירט. די רעוואָלוציע האָט זיך פאַרשפּרייט ווייט און ברייט אַרום. אין ווילנע און אין מינסק האָט מען אָפּגעהאַלטן פילע אספּות וועגן דעם. אָבער רבי העשל האָט אַפּנים ניט געהאַט קיין שטיצע צווישן די גבאים פון דער ישיבה אין די שטעט. זיינע רעפאָרם־פּלענער זיינען געווען צו־ראַדיקאַל פאַר יענעם קרייז אידן. זיי האָבן פּשוט זיך געשראָקן, אַז אויב מען זאָל איינפירן אַ נייע אָרדנונג, וועט די ישיבה אינגאַנצן אונטערגיין.

רבי העשל האָט געמוזט פאַרלאָזן וואָלאָזשין. דערציילט האָט מען דעמאָלט, אַז רבי חיים איז אים געקומען צו חלום און אים באַפוילן, אַז ער זאָל שנעל אַוועק פון וואָלאָזשין, כדי ער זאָל נישט צעשטערן די ישיבה. אַזוי האָבן יעדנפאַלס דערציילט רבי הירש־לייב'ס אָנהענגער.

רבי הירש־לייב האָט נאָך זיין נצחון איבער זיין שוואָגער ר' העשל מוחל

געווען אַלע רעוואָלוציאָנערן און האָט ווייטער געפירט די ישיבה אין דעם אַלטן, קאָנסערוואַטיוון גייסט. אפילו די קלענסטע אויסבעסערונג האָט ער ניט אַריינ־געלאָזן. אומזיסט האָבן די „משכילים" געשריבן אַרטיקלען און געפאָדערט, אַז מען זאָל צופּאַסן אַביסל די ישיבה צום גייסט פון דער נייער צייט. אפילו אידי־שע געשיכטע און העברעאישע גראַמאַטיק האָט מען ניט געלאָזט לערנען אין דער ישיבה, און די בחורים האָבן עס געמוזט לערנען אין געהיים.

די פאָדערונגען פון די „משכילים" האָט רבי הירש־לייב געקאָנט לייכט פאַרשווייגן. ערגער אָבער איז געווען, וואָס די רוסישע רעגירונג האָט געפאָ־דערט רעפאָרמען אין דער ישיבה. זי האָט געפאָדערט, אַז ניט ווייניקער ווי דריי שעה אַ טאָג זאָל מען לערנען מיט די תלמידים פון דער ישיבה רוסיש און אַנדערע וויסנשאַפטן; אַז אַרום און אַרום זאָל מען ניט לערנען מער ווי צען שעה אַ טאָג; אַז די גבאים פון דער ישיבה זאָלן מוזן קענען רוסיש, און נאָך אַנדערע ביוראָקראַטישע רעגולאַציעס.

רבי הירש־לייב איז אָבער געבליבן איינגעשפּאַרט און האָט ניט נאָכגעגע־בן, אַז די תלמידים זאָלן אפילו איין ווילע פון טאָג בטל'ען פון לערנען גמרא און זיך אָפּגעבן מיט וויסנשאַפטלעכע געגנשטאַנדן. ער איז געווען זיכער, אַז געוויסע אידן פון די הויכע קרייזן אין פּעטערבורג וועלן באַשיצן די ישיבה. אָבער ער האָט זיך אָפּגענאַרט. דעם 22טן יאַנואַר, 1892, האָט דער דאַמאָלס־טיקער רוסישער בילדונגס־מיניסטער דעליאַנאָוו באַפוילן צו פאַרמאַכן די וואָ־לאָזשינער ישיבה.

די וואָלאָזשינער ישיבה איז אונטערגעגאַנגען. דורך דער שלעכטער פירעכץ פון דער וואָלאָזשינער דינאַסטיע איז חרוב געוואָרן די הויפּט־שטאָט פון דער אידישער גייסטיקער מלוכה. אָבער נאָך לעבט אין דער דער־אינערונג פון פאָלק איר אַמאָליקע גרויסקייט און באַרימטקייט.

מענטש און גאט

• אין דער רעליגיעזער געשיכטע
פון אידישן פאָלק

מענטש און גאָט אין דער אידישער געשיכטע

רעליגיע אין אירע עלטערע שטופעס האָט באַדייט „עבודה מיראה", מורא האָבן פאַר דעם גרימיקן צאָרן פון גאָט, און עס האָט אויך באַדייט דערוואַרטן גאָט׳ס הילף. אויפן יסוד פון די דאָזיקע צוויי מענטשלעכע געפילן, מורא און הילף־זוכעניש, האָט זיך געהאַלטן, און האַלט זיך נאָך עד־היום, דער גרעסטער טייל פון רעליגיעזן צערעמאָניאַל.

מיט דער צייט אָבער האָט דער מענטש דערגרייכט אַ העכערע מדרגה אין זיין רעליגיעזער אַנטוויקלונג, די מדרגה פון „עבודה מאהבה". אויף אָט דער העכערער מדרגה באַשטייט פרומקייט דער עיקר אין זוכן צו באַהעפטן זיך מיט גאָט, צו פילן גאָט אין זיך, צו ווערן איינס מיט אים. אין חומש ווערט אָנגעזאָגט „ויראת מאלהיך", דו זאָלסט מורא האָבן פאַר דיין גאָט; אָבער עס ווערט אויך אָנגעזאָגט „ואהבת את יהוה אלהיך", דו זאָלסט ליב האָבן דיין גאָט. בעטן ביי גאָט, ער זאָל שיקן זיין הילף איז אַ געוויינטלעכער מאָטיוו אין תהלים־לידער. אָבער מיר האָבן אויך געזאַנגען אין תהלים, אין וועלכע די זעל פון דעם רעליגיעזן זינגער דאָרשט און שמאַכט נאָך גאָט און בעט ביי אים ער זאָל שיקן ניט זיין הילף, נאָר זיין ליכט און זיין אמת (קאַפּ. מ״ב־מ״ג).

אָבער „עבודה מאהבה" איז גאָר אַ הויכע און אויך אַ שווערע מדרגה. עס איז ניט גרינג צו דערגרייכן די שטופע פון פילן אין זיך אַ דירעקטע פאַר־אייניקונג מיט גאָט. דער בעסטער וועג צו דעם איז דורך רעליגיעזן עקסטאַז, און רעליגיעזע מענטשן מיט אַ מיסטישער נאַטור האָבן מיט פאַרשיידענע מיטלען געזוכט אַריינצופאַלן אין אַ רעליגיעזער התלהבות, כדי צו באַ־העפטן זיך מיט גאָט. אין אַזאַ מאָמענט פילט זיך דער מענטש ווייט פון דער רעאַלער וועלט. ער פילט זיך דעמאָלט „בסוד יהוה", וואו ער זעט זעאונגען און הערט הערונגען. אַזעלכע מאָמענטן פון „עלית נשמה" האָבן איבערגעלעבט די נביאים אין די אַלטע צייטן. אויך ר׳ ישראל בעל־שם־טוב האָט אין ראש־השנה נאַכט געהאַט „עלית נשמה", און ער דערציילט (אין זיין בריוו צו ר׳ אברהם גרשון מקוטוב), אַז ער איז יענעם מאָמענט געווען אין הימל און דאָרטן גערעדט מיט משיח׳ן. ווען דער רעליגיעזער עקסטאַז איז ניט געקומען פון זיך אַליין, האָט מען געזוכט אים אַרויסצורופן דורך מוזיק, ריקודים, התבודדות און סיגופים. געווען צייטן

ביי אידן, און אויך אין דער וועלט בכלל, ווען רעליגיעזער עקסטאַז האָט זיך שטאַרק פאַרשפּרייט און ברייטערע מאַסן זיינען פון דעם פאַרכאַפּט געוואָרן.

אָבער אַזעלכע אויפגערודערטע צייטן זיינען ניט קיין נאָרמאַלע. אין געווינטלעכע צייטן ווייסט דער רעליגיעזער מענטש, אַז נאָר אויסדערוויילטע מיסטיקער, יחידי־סגולה, זיינען זוכה צו אַ דירעקטער באַהעפטונג מיט גאָט. ער זוכט דערפאַר אַ פאַרמיטלונג, דורך וועלכער ער זאָל קענען צוקומען נעענטער צו דער גאָטהייט. אַזעלכע פאַרמיטלונגען צווישן מענטש און גאָט, וועלכע האָבן געשפּילט אַ ראָלע אין דער רעליגיעזער געשיכטע פון אידישן פאָלק, זיינען געווען דריי: 1) דער גאָט־מענטש, דער „איש אלהים"; 2) דאָס הייליקע אָרט, וואו גאָט האָט זיך אַנטפּלעקט; 3) דאָס געשריבענע וואָרט פון גאָט, די תורה. מיט דעם גאָט־מענטש און דעם הייליקן אָרט זיינען אידן געגאַנגען אין די וועגן פון אַלע אַנדערע פעלקער. אָבער מיטן שטעלן פרומקייט אויפן ראַציאָנעלן יסוד פון „כמו שכתוב בתורה", מיטן זוכן אַ פאַרבינדונג מיט גאָט דורכן אָפּהיטן זיין געשריבענעם ווילן, האָבן אידן זיך פאַרנומען אויף אַן אייגענעם אָריגינעל־אידישן דרך, און וואָס ווייטער אין דער אידישער געשיכטע אַלץ מער איז דער דאָזיקער דרך געוואָרן דער פונדאַמענטאַלער, דער עיקר׳־דיקער און דער צום מערסטן אָנגענומענער ביי אידן. עס וועט דאָ זיין אונזער עובדא צו ווייזן ווי אַזוי די דאָזיקע דריי פאַרמיטלונגען צווישן מענטשן און גאָט האָבן געווירקט אין פאַרשיידענע צייטן פון דער רעליגיעזער געשיכטע פון אידישן פאָלק.

אין דער עפּאָכע פון דער זעלבסטשטענדיקער אידישער מלוכה האָבן דער „איש אלהים" און דאָס הייליקע אָרט געשפּילט ביי אידן די ראָלע פון פאַרמיטלער צווישן מענטש און גאָט. מ׳האָט געגלויבט, אַז עס זיינען דאָ איינצלנע, אויסגעקליבענע יחידי־סגולה, וואָס שטייען אין נאָענטשאַפט צו גאָט, ווייסן פון זיינע פּלענער און קאָנען פּועל׳ן ביי אים אַלץ וואָס זיי ווילן. האָט עס דעם פרומען אידן געצויגן צו דעם „איש אלהים", דעם בעל־מופת, און דורך זיין פאַרמיטלונג האָט ער געזוכט אַ דערנענטערונג צו גאָט.

נאָך אַ גרעסערע ראָלע ווי דער „איש אלהים" האָט אין יענע צייטן געשפּילט דאָס הייליקע אָרט ווי אַ פאַרמיטלונג צווישן מענטש און גאָט. דאָ, אין הייליקן אָרט, האָט גאָט זיך אַנטפּלעקט צו זיינע אויסגעוויילטע אין די אַמאָליקע צייטן, און דאָ האָט מען געפילט זיין נאָענטקייט. געווען לכתחילה אַ סך אַזעלכע הייליקע ערטער אין ארץ־ישראל. ערשט קורץ פאַרן ערשטן חורבן, אין די טעג פון יאשיהו דעם מלך פון יהודה, איז ירושלים געוואָרן דאָס

איינציקע הייליקע אָרט, וואָס גאָט האָט אויסגעקליבן דאָרטן צו מאַכן רוען זיין נאָמען.

אָבער די תורה, דאָס געשריבענע וואָרט פון גאָט, ווי ווייט זי איז אין יענע עלטסטע צייטן שוין געווען, האָט קעגן דעם „איש אלהים" און דעם הייליקן אָרט געשפּילט אַ קנאַפּע ראָלע ווי אַ פאַרמיטלונג צווישן מענטש און גאָט. אַ גרויסע ראָלע הייבט אָן צו שפּילן די געשריבענע תורה ערשט ביים סוף פון דער עפּאָכע פון דער זעלבסטשטענדיקער אידישער מלוכה, אין יאשיהו'ס צייט. אַ פונדאַמענטאַלע רעפאָרם איז דאַמאָלט דורכגעפירט געוואָרן. דאָס אידישע לעבן איז איבערגעבויט געוואָרן, און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער היס־טאָרישער פּראָצעס, אין וועלכן די תורה איז דערהויבן געוואָרן צום הויפּט־יסוד פון אידישער פרומקייט און צום הויפּט־פאַרמיטלער צווישן מענטש און גאָט. אָבער צוערשט מוזן מיר דאָ אויף אַ ווײַלע זיך אומקערן צוריק צום „איש אלהים".

דער „איש אלהים" האָט ניט געקאָנט בלייבן לאַנג אין צענטער פון אידישער פרומקייט אין יענע אַלטע צייטן, ווען אידן האָבן געפירט אַ קאַמף קעגן דעם פּאָליטעאיזם פון זייערע שכנים־פעלקער. מחמת די גאַנצע השגה וועגן דעם געטלעכן מענטשן האָט געהאַט אין זיך אַ פּאָליטעאיסטישע טענדענץ. אָט טאַקע אין דעם איז אפשר געלעגן דער עיקר'דיקסטער חילוק צווישן אידן און אַנדערע פעלקער. אַלע פעלקער האָבן דערהויבן דעם מענטשן צו דער מדרגה פון אַ גאָט, בעת אידן האָבן אַזוי דערהויבן גאָט, אַז לגבי אים בלייבט דער מענטש אַלעמאָל קליין און נידעריק. אַלע פעלקער, מיט זייער פּאָליטע־איסטישן וועלטבאַנעם, האָבן געהאַט אין זייער מיטאָלאָגיע אַ לייטער מיט שטאַפּלען צווישן די מענטשן און די געטער. צווישן די גאַנצע מענטשן און די גאַנצע געטער זיינען אויך געווען כל'ערליי מיטלשטופעס, געטלעכע העראָען, האַלבע געטער, מענטשן וואָס האָבן געהאַט אַ פאָטער אַ גאָט אָדער אַ מוטער אַ געטין.

פאַר אידן אָבער איז געווען דערווידער די פּאָליטעאיסטישע השגה פון מיטלשטופעס צווישן מענטש און גאָט. אידן האָבן אַנטוויקלט אַ גלויבן אין איין גאָט, וועלכער איז ניט אַ טייל און אַ פּערזאָניפיקאַציע פון דער נאַטור, ווי די געטער פון די פּאָליטעאיסטישע פעלקער, נאָר ער שטייט העכער איבער דער נאַטור. ער איז אינגאַנצן גאָט און ניט מענטש, גייסט און ניט פלייש. לויט דעם אידיש־מאָנאָטעאיסטישן וועלטבאַנעם טאָר מען ניט אַראָפּ־ברענגען גאָט צו דער ספערע פון דער נאַטור און אירע באַשעפענישן. גאָט איז אינגאַנצן גאָט, און דער מענטש, אפילו דער פרימסטער, אפילו דער וועמען

גאָט האָט אויסגעווילט און זיך צו אים אַנטפּלעקט, איז ניט מער ווי אַ מענטש, ניט מער ווי „עפר ואפר". קיין מענטש, האָבן אידן געגלויבט, קאָן ניט אַריינ־קוקן גאָט אין פּנים, קאָן ניט קומען גאָר נאָענט צו דער גאָטהייט (כי לא יראני האדם וחי). אידן האָבן ניט געוואָלט פאַרמענטשלעכן גאָט און האָבן ניט גע־וואָלט פאַרגעטלעכן דעם מענטשן. ביידע זאַכן זיינען געווען קעגן זייער גייס־טיק־עטישער השגה. דער „איש אלהים", דער מענטש וואָס איז אַ מקורב צו גאָט, האָט אַזוי־אַרום געמוזט אַלץ מער און מער אַראָפּגיין פון דער היסטאָ־רישער סצענע אין דער אָפיציעלער אידישער רעליגיע. דער צדיק און בעל־מופת, וועלכער איז פּערזענלעך נעענטער צו גאָט פון אַלע אַנדערע מענטשן, איז, אמת טאַקע, געווען ביי אידן אויך אין אַלע שפּעטערדיקע צייטן. אָבער מ'איז געקומען צו אים בלויז אין אַן עת־צרה, ער זאָל עפּעס פּועל'ן ביי גאָט. אין צענטער פון אידישער פרומקייט איז ער נישט געשטאַנען.

אָבער ניט מיט איינמאָל איז דער געטלעכער מענטש אַראָפּ פון צענטער פון דער סצענע אין אידישן רעליגיעזן לעבן און געבליבן אין הינטערגרונט. פון דעם „איש אלהים", וועלכער האָט געהאַט אַ מיטאָלאָגישע נאָענטקייט צו גאָט, האָט זיך אַנטוויקלט דער גרויסער נביא פון עמוס'עס טיפּ, וואָס זיין שייכות צו גאָט איז געווען בלויז אַ פּסיכאָלאָגישע. דער גרויסער נביא האָט ניט געהאַט קיין פיזישע נאָענטקייט צו גאָט, איז ניט געווען ביי אים קיין בן־בית. דער עיקר איז ביי אים געווען ניט די זעאונג, נאָר די הערונג. דאָס וואָרט וואָס איז צו אים געקומען ווי אַן אַנטפּלעקונג פון גאָט פון אָט די גרויסע נביאים זיינען ניט געבליבן קיין לעגענדעס, נאָר זייערע רייד זיינען גע־בליבן פאַרשריבן אין ביכער. מיט די דאָזיקע רייד זייערע האָבן די גרויסע נביאים דערהויבן דעם אידישן רעליגיעזן געדאַנק צו אַ וועלט־געדאַנק, האָבן געגעבן אידן אַן אוניווערסאַליסטישן, עטיש־מאָנאָטעאיסטישן וועלט־באַנעם און האָבן דערמיט זיי געמאַכט פאַר אַן איבער־מלוכה'דיק פאָלק. זיי האָבן צוגעגרייט אַ נייעם, גייסטיקן באָדן פאַר אידן אין דער צייט, ווען זייער קאָנקרעטער באָדן, זייער מלוכה, האָט זיך געוואַקלט און געהאַלטן ביים אַרויסגעריסן ווערן פון אונטער זיי.

אָבער די העכערע קלאַסישע נבואה פון די גרויסע נביאים האָט ניט געקאָנט בלייבן אויף שטענדיק דער נייער יסוד פון גייסטיקן אידישן קיום. דער נייער באָדן, וואָס די קלאַסישע נביאים האָבן געשאַפן, איז געווען גוט נאָר צייטווייליק. דאָס איז געווען אַן אידעאַלער באָדן, וואָס נאָר יחידי־סגולה האָבן זיך גע־קאָנט אויף אים האַלטן. אַ געוויסע צייט נאָכן גלות־בבל איז די נבואה כמעט אונטערגעגאַנגען ווי אַ כוח אין אידישן לעבן, און איר פּלאַץ האָט אַלץ מער

און מער פאַרנומען די תורה. מיט דער תורה און דעם הייליקן אָרט, ירושלים, ווי פאַרמיטלונגען צווישן מענטש און גאָט האָבן זיך די אידן אויסגעלעבט רעליגיעז אין דער עפּאָכע פון צווייטן בית־המקדש, און פאַר ביידן איז געלייגט געוואָרן דער יסוד אין דער צייט פון יאשיהו.

תורה האָבן אידן אַלעמאָל געהאַט. אָבער תורה ווי דער יסוד פון אידישן לעבן הייבט זיך אָן ערשט אין יאשיהו׳ס צייט.

(תורה האָט אַן אַלגעמיינע באַדייטונג: לערנונג, אָנווייזונג. למשל, דער חכם זאָגט אין משלי: „הער צו, מיין זון, דעם מוסר פון דיין פאָטער, און זאָלסט ניט פאַרלאָזן די תורה פון דיין מוטער" (א, 8). אָבער תורה האָט אויך געהאַט אַ ספּעציפישע באַדייטונג: די תורה פון גאָט, וואָס די לויים און כהנים האָבן געלערנט מיט דעם פאָלק (יורו משפטיך ליעקב ותורתך לישראל, דברים ל״ג, 10; כי לא תאבד תורה מכהן ועצה מחכם ודבר מנביא, ירמיה י״ח, 18; ובקשו חזון מנביא ותורה תאבד מכהן ועצה מזקנים, יחזקאל ז, 26). אידן האָבן געגלויבט, אַז אויפן יסוד פון דער דאָזיקער תורה פון די לויים און כהנים האָט משה געשלאָסן דעם בונד (ברית) צווישן יהוה און ישראל. אָבער אָט די תורה איז נאָך ניט געווען קיין באַשטימטע, אַלעמען באַקאַנטע ספר־תורה. זי האָט געהאַט אַ געוויסן אינהאַלט, אָבער ניט קיין באַשטימטע, אָנגענומענע געשריבענע פאָרם. אַ „ספר־התורה" מיט אַן אומפאַרענדערלעכן נוסח האָט די תורה אָנגעהויבן ווערן ערשט אין דער צייט פון יאשיהו).

אין אַכצנטן יאָר פון דעם מלך יאשיהו, 35 יאָר פאַר דעם ערשטן חורבן פון ירושלים, איז דאָס אידישע לעבן כמעט אינגאַנצן איבערגעבויט געוואָרן. אַ געשריבן געזעצבוך, אַ ספר־תורה, איז דעמאָלט געפונען געוואָרן אין בית־המקדש, און אויף אַ גרויסער פאָלקס־פאַרזאַמלונג איז דאָס דאָזיקע ספר פון אַלעמען אָנגענומען געוואָרן ווי דער געשריבענער ווילן פון גאָט, וואָס אַלע אָנערקענען זיין אומפאַרענדערלעכע געטלעכע אויטאָריטעט, ווי די פאַרמיטלונג צווישן מענטש און גאָט. אויך בנוגע דעם הייליקן אָרט איז דעמאָלט פאָרגעקומען אַ פונדאַמענטאַלע ענדערונג. עס זיינען אָפּגעשאַפט געוואָרן אַלע במות, אַלע לאָקאַלע הייליקע ערטער פון דעם לאַנד, און ירושלים איז דערקלערט געוואָרן פאַר דעם איינאיינציקן הייליקן אָרט פאַר אַלע אידן.

אָבער דער פּראָצעס פון מאַכן די געשריבענע תורה פאַר דעם הויפּט־יסוד פון דעם אידישן גייסטיקן לעבן איז געווען אַ לאַנגזאַמער. אָפּגעשלאָסן געוואָרן איז ער ערשט אין דער צייט פון עזרא און נחמיה. ערשט דעמאָלט זיינען אידן געוואָרן ענדגילטיק „דאָס פאָלק פון דעם בוך", פון דעם „כמו שכתוב בתורה". די נבואה איז אין יענעם פּעריאָד כמעט ווי אונטערגעגאַנגען, דער מענטש

וואָס איז נאָענט צו גאָט און רעדט אין זיין נאָמען איז אַראָפּ פון דער סצענע אין אָפיציעלן אידישן לעבן, און בלויז דאָס געשריבענע וואָרט פון גאָט און גאָט'ס איינאיינציק הייליק אָרט זיינען געבליבן ביי אידן די פארמיטלונגען צווישן מענטש און גאָט.

דער איד, זוכנדיק אַ פאַראייניקונג מיט גאָט, האָט דעמאָלט, אין דער עפּאָכע פון צווייטן בית־המקדש, זיך גענומען צו דער תורה, געזוכט זי צו לערנען, זי צו פאַרשטיין און זי אָפּצוהיטן מיט אַלע פּרטים. אידן זיינען דעריבער פון יענער צייט אָן געוואָרן אַ פאָלק פון לערנער פון דער תורה. די תורה איז געוואָרן אַן ערך מער ווי אַ בוך פון געזעצן מיט אַ געטלעכער אויטאָריטעט. זי איז געוואָרן אַן עמאַנאַציע, אַן אַרויסשטראַלונג פון גאָט. אין תהלים, וואָס איז צום גרעסטן טייל אַ פּראָדוקט פון נאָכן גלות־בבל, ווערן דערפאַר געזונגען הימנעס צו דער תורה, פונקט ווי דאָרטן ווערן געזונגען הימנעס צו גאָט:

גאָט'ס תורה איז גאַנץ, זי דערקוויקט די זעל;
גאָט'ס עדות איז זיכער, זי מאַכט קלוג דעם נאַר.
גאָט'ס באַפעלן זיינען גראד, זיי דערפרייען דאָס האַרץ;
גאָט'ס געבאָט איז לויטער, עס מאַכט ליכטיק די אויגן;
גאָט'ס זאָג*) איז ריין, זי באַשטייט אויף אייביק.
גאָט'ס משפטים זיינען אמת, זיי זיינען אַלע גערעכט.
זיי זיינען גלוסטיקער פון גאָלד און פון אַ סך גינגאָלד,
און זיסער פון האָניק און האָניקזאַפט.
(תהלים י"ט)

נאָך אַ גרעסערע הימנע צו גאָט'ס תורה, צו דער אַרויסשטראַלונג פון דעם געטלעכן ווילן און דער געטלעכער חכמה, איז תהלים קאַפּיטל קי"ט, וואָס גייט נאָכן אלף־בית, אַכט פערזן אויף יעדן אות, און הייבט זיך אָן מיט די ווערטער:

וואויל צו די וואָס זייער וועג איז גאַנץ,
וואָס גייען אין גאָט'ס תורה.

אויך די בענקשאַפט און ליבשאַפט צום הייליקן אָרט האָט געפונען איר פולן אויסדרוק אין די תהלים־לידער:

ווי ליב זיינען דיינע וואוינונגען, גאָט פון די חיילות!
עס גלוסט און שמאַכט מיין זעל נאָך גאָט'ס הויפן,
מיין האַרץ און מיין לייב זינגען צום לעבעדיקן גאָט.
(תהלים פ"ד)

איינס פאַרלאַנג איך פון גאָט, דאָס בעט איך:
איך זאָל זיצן אין גאָט'ס הויז אַלע טעג פון מיין לעבן,

*) „אמרת" אָנשטאָט „יראת", לויט דוד מילער און נאָך אַ סך הייניקע מבארים.

צו זען די ליבלעכקייט פון גאָט,
און צו באַטראַכטן זיין היכל.
(תהלים כ״ז)

ווי אַ הינד לעכצט נאָך טייכן וואַסער,
אַזוי לעכצט מיין זעל נאָך דיר, גאָט.
עס דאָרשט מיין זעל נאָך גאָט,
נאָך דעם לעבעדיקן גאָט:
ווען וועל איך קומען און זיך ווייזן פאַר גאָט?
(תהלים מ״ב)

אָבער נאָר די אידן וואָס זיינען געגאַנגען אויפן ברייטן וועג פון אידישער פרומקייט האָבן זיך אויסגעלעבט רעליגיעז בלויז מיטן לערנען און אָפּהיטן די תורה און מיטן עולה־רגל זיין פון צייט צו צייט אין גאָט׳ס הייליקער שטאָט. געווען דעמאָלט אויך רעליגיעזע קרייזן ביי אידן, וועלכע האָבן זיך ניט צופרידנגעשטעלט מיט דעם אָפיציעלן דרך און ניט אויפגעהערט בענקען נאָך דעם גאָט־מענטש. איבערהויפּט האָט די אידייע פון דעם גאָט־מענטש ניט געקאָנט עלימינירט ווערן פון דעם משיח־קאָמפּלעקס.

עס זיינען געווען ביי אידן צוויי השגות, צוויי נוסחאות אין דער משיח־דערוואַרטונג. לויט איין השגה איז משיח ניט מער ווי אַ מענטש, אַ פּרינץ פון דוד׳ס הויז. לויט דער אַנדערער השגה איז ער אַ געטלעכע געשטאַלט, אַ גאָט־מענטש, מיט אַ נאָענטער שייכות צו דעם מיטאָלאָגישן ערשטן מענטשן, דעם „אדם הקדמון״. אין מיכה, ה, 1, טרעפן מירביידע להיפּוכ׳דיקע השגות אין איין פּסוק, קענטיק געשריבן פון צוויי הענט: „און דו, בית־לחם אפרתה, דער קלענסטער פון די משפחות פון יהודה, פון דיר וועט איינער מיר אַרויסקומען צו זיין דער הערשטער אין ישראל; און זיין אָפּשטאַם איז פון דער אור־צייט, פון די אייביקע טעג״. לויט דעם ערשטן האַלבן פּסוק שטאַמט משיח פון דער משפּחה אפרת, דוד׳ס משפחה פון בית־לחם (דברי הימים א, 3, 4), און לויט דעם אַנדערן האַלבן פּסוק לעבט משיח פון אייביק ביז אייביק. אין דער קלאַסישער זעאונג פון דניאל, קאַפּיטל ז, האָבן מיר אַ פּרואוו אויסצוגלייכן די דאָזיקע צוויי להיפּוכ׳דיקע השגות וועגן משיח׳ן. דער געטלעכער משיח וועט לויט אָט דער אַפּאָקאַליפּסע אַראָפּנידערן מיט די וואָלקנס פון הימל. ער געהערט נאָך זיין מהות נאָך אין דער ספּערע פון גאָט און די מלאכים. אָבער דאָך איז ער „כבר אנש״, ווי אַ מענטשן־זון, עס הייסט: אַ געטלעכער מענטש לעבן גאָט און די מלאכים. דער געטלעכער און דער מענטשלעכער משיח ווערן דאָ בכן אַביסל אויסגעגליכן, אָבער אין דעם אויסגלייך קומט משיח אַרויס אַ סך מער געטלעך ווי מענטשלעך. אַז ער שטאַמט פון מלכות־בית־דוד ווערט דאָ

לגמרי ניט דערמאָנט. אַביסל אַ בעסערן אויסגלייך האָבן מיר אין ישעיה קאַ־פּיטל י״א. משיח ווערט דאָ פאַרגעשטעלט לויט זיין מהות אינגאַנצן ווי אַ מענטש, אַ „חוטר מגזע ישי״. בלויז גייסטיק איז ער איבערמענטשלעך.

אידן האָבן אָפּנים געזוכט צו פאַרמענטשלעכן ווי וויט מעגלעך די משיח־געשטאַלט. זיי האָבן געהאָפט אויף דעם מענטשלעכן משיח, דעם בן־דוד, וועל־כער וועט צוריק אויפשטעלן די אידישע מלוכה ווי אין די אַמאָליקע צייטן, אָבער זיי האָבן געקוקט קרום אויף דער פאָרשטעלונג וועגן משיח׳ן ווי אַ גאָט־מענטש. זיי האָבן געזען אין דעם אַ סכנה פאַר די הויפּט־יסודות פון דעם אידישן וועלטבאַנעם: פאַר דעם אידישן מאָנאָטעאיזם און פאַר דעם גלויבן אין דער תורה. ביי דער זייט פון דעם געטלעכן משיח, ווי ביי דער זייט פון יע־דערן גאָט־מענטש, זעט אויס די תורה שוואַך און אָרעם ווי אַ פאַרמיטלונג צווישן מענטש און גאָט.

עס איז דערפאַר שטענדיק געווען אַ „ויתרוצצו״ צווישן דעם תורה־געדאַנק און דעם משיח־געדאַנק. משיח און די תורה האָבן ניט האַרמאָנירט, און די משיח־באַוועגונגען האָבן זיך טאַקע ניט זעלטן אויסגעלאָזן מיט שמד.

עס לאָזט זיך דעריבער גרינג פאַרשטיין פאַרוואָס אידן האָבן זיך פאַר־צייטן געפּלאָנטערט מיט דעם פּראָבלעם, וואָס עס וועט זיין פון דער תורה לעתיד לבוא, אַז משיח וועט קומען. עס איז ניט געווען קיין איינהייטלעכע מיי־נונג וועגן דעם. געווען איין מיינונג, אַז די אַלטע תורה וועט דעמאָלט אָפּגע־שאַפט ווערן און גאָט וועט געבן דורך משיח׳ן גאָר אינגאַנצן אַ נייע תורה (עתיד הקב״ה להיות יושב בגן עדן ודורש וכל הצדיקים יושבים לפניו וכל פמליא של מעלה עומדים על רגליהם וחמה ומזלות מימינו של הקב״ה ולבנה וכוכבים משמאלו והקב״ה יושב ודורש תורה חדשה שעתיד ליתן ע״י משיח, ילקוט שמעוני, אויף ישעיה כ״ו, 2). אויפן פסוק „ושאבתם מים בששון״, ישעיה י״ב, 3, מאַכט דער תרגום יונתן „ותקבלון אולפן חדת מבחירי צדיקיא״. געווען נאָך אַ מיינונג, אַז אין עצם וועט בלייבן די אַלטע תורה, נאָר זי וועט טיילווייז געענדערט ווערן (למה נאמר משנה תורה שעתידה להשתנות, ספרי, דברים, ק״ס). פאַרקערט ווידער, טרעפן מיר אויך אַ מיינונג, אַז דער אַלטער גייסטיקער סדר, וואָס איז געבויט אויף דער תורה, וועט אין קיין שום פּרט ניט געענדערט ווערן און אַז משיח׳ס איינציקע עובדא וועט זיין בלויז צונויפ־צוזאַמלען אַלע אידישע גלות׳ן קיין ארץ־ישראל (אין ישראל צריכין לתלמודו של מלך המשיח לעתיד לבוא שנאמר אליו גוים ידרשו לא ישראל אם כן למה מלך המשיח בא ומה הוא בא לעשות? לכנס גליותיהן של ישראל, בראשית רבה, פרשה צ״ח, י״ד). לכל הדעות אָבער וועט משיח זיך נישט פאַרנעמען מיט

די ענינים פון דער תורה. נאָך איידער ער וועט קומען, וועט שוין אליהו פאַר־ענטפערן און לייזן אַלע קשיות און סתירות (תשבי יתרץ קושיות ואבעיות).

אידן האָבן אַזוי־אַרום זיך אויסגעלעבט רעליגיעז אין דער טעאָקראַטישער עפּאָכע פון צווייטן בית־המקדש מיט דער תורה און דער עבודה אין פאָדער־גרונט און מיט דער משיח־האָפענונג אין הינטערגרונט. פון דער צייט פון צווייטן בית המקדש איז ניט געבליבן פון די סופרים קיין מאמר וועגן משיח׳ן. ערשט אין די לעצטע הונדערט יאָר פון צווייטן בית־המקדש האָט זיך צעפלאַ־קערט די משיח־האָפענונג, און עס איז דעמאָלט אויפגעקומען די סעקטע פון די נוצרים, וועלכע האָבן געשטעלט דעם טראָפּ אין זייער פרומקייט אויף דעם גלויבן, אַז ישו הנוצרי איז געווען דער משיח לויטביידע נוסחאות פון דעם משיח־גלויבן: אי ער איז געבאָרן געוואָרן אין בית־לחם און האָט געשטאַמט פון מלכות בית־דוד, אי ער איז געווען מיטאָלאָגיש־געטלעך און לעבט פון איי־ביק ביז אייביק.

מיט אַ גאָט־מענטש ווי דער פאַרמיטלער צווישן מענטש און גאָט, האָבן די קריסטן מער ניט באַדאַרפט די תורה, און זיי האָבן זי טאַקע באַלד לגמרי פאַרוואָרפן און אַזוי־אַרום זיך אינגאַנצן אָפּגעריסן פון אידן. די קריסטן האָבן דערקלערט זייער גאָט־מענטש פאַר דעם איינציקן פאַרמיטלער צווישן מענטש און גאָט, בעת ביי אידן איז, נאָכן צווייטן חורבן פון ירושלים, די תורה גע־בליבן דער איינאיינציקער וועג צו גאָט.

אָבער דאָס אויסלעבן זיך רעליגיעז אויסשליסלעך מיט דער תורה איז געווען בלויז דער ברייטער וועג פון אידישער פרומקייט. ס׳זיינען געווען אין אי־דישקייט נאָך זייטיקע שטעגלעך. געווען קרייזן וואו מ׳האָט זיך ניט צופרידנגע־שטעלט מיט ראַציאָנאַלער תורה־פרומקייט פון דעם „נגלה״ און מ׳האָט געזוכט אַ נעענטערע, מער אינערלעכע און מיסטישע פאַרבינדונג מיט גאָט אין „חכמת הנסתר״. אין יענע קרייזן האָט מען געזוכט פאַרשיידענע ספּעקולאַטיווע פאַר־בינדונגען צווישן וועלט און גאָט און אויך צווישן מענטש און גאָט. מ׳האָט זיך אויך שטאַרק פאַרנומען אין יענע קרייזן מיט משיח־ספּעקולאַציעס, מיט דער משיח־געשטאַלט, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט דעם מיטאָלאָגישן אור־מענטשן און אַ מין גאָט־מענטש. האָט מען, וואַרטנדיק אויף משיח׳ן, ער זאָל אויסלייזן אידן פון גלות, ממילא אויך געוואַרט אויף דעם גאָט־מענטש, ער זאָל קומען און ווערן דער פאַרמיטלער צווישן מענטש און גאָט.

דורות נאָך דורות, יאָרהונדערטער נאָך יאָרהונדערטער האָט מען אין די אידיש־מיסטישע קרייזן געבענקט אין־דערשטיל נאָך דעם געטלעכן משיח, וועלכער דאַרף ניט נאָר ברענגען אידן צוריק אין ארץ־ישראל, נאָר ער דאַרף

אויך ברענגען אידן נעענטער צו גאָט. מ'האָט אַזוי לאַנג געבענקט נאָך אים ביז איינער איז סוף־כל־סוף געקומען אין זיבעצנטן יאָרהונדערט און זיך אויסגע־רופן ווי דער געטלעכער משיח און אויפגעטרייסלט דאָס אידישע לעבן. דאָס איז געווען שבתי־צבי.

דאָס וואָס שבתי־צבי איז געבליבן מיט אַן אָנהענגערשאַפט אפילו נאָכדעם ווי ער האָט אָנגענומען די מאַכמעדאַנישע אמונה, און דאָס וואָס נאָך זיין טויט האָבן זיך באַוויזן נאָך אַנדערע משיחים, לאָזט זיך דערקלערן נאָר מיט דעם וואָס דער שבתי־צבי'איזם האָט געהאַט צוויי אַספּעקטן: אַ נאַציאָנאַל־פּאָליטישן און אַ רעליגיעז־מיסטישן, און דער רעליגיעז־מיסטישער אַספּעקט האָט ניט אויפגעהערט צו ווירקן אפילו נאָכדעם ווי דער נאַציאָנאַל־פּאָליטישער האָט זיך אַרויסגעוויזן ווי אַ דורכפאַל. שמואל פּרימו, דער הויפּטסעקרעטאַר פון שבתי־צבי, האָט אים גערופן אַ חוץ „משיח אלהי יעקב וגואל עמו ישראל" אויך „בנו יחידו ובן בכורו של ד' אלהי ישראל". שבתי־צבי האָט, בכן, פּונקט ווי דער נוצרי, פאַראייניקט אין זיך פאַר זיינע מאמינים דעם מענטשלעכן און דעם געטלעכן משיח. זיי האָבן אין אים געזען דעם משיח בן דוד, דעם „חוטר מגזע ישי", און ער איז אויך געווען פאַר זיי די געטלעכע אַרויסשטראַלונג, די קער־פּערלעכע אַנטפּלעקונג פון דער שכינה. אַזאַ גלויבן אין אַ גאָט־מענטש איז געווען אַ פולשטענדיקער אָפּקער פון דעם עצם אידישקייט, פון דעם הויפּט־עיקר פון אידישן וועלטבאַנעם. אין דער ערשטער צייט האָט שבתי־צבי חתונה געהאַט מיט דער תורה און ער איז מיט אַ ספר־תורה געגאַנגען, אונטער דער חופה. אָבער דער שידוך צווישן משיח'ן און דער תורה איז קיינמאָל ניט געווען קיין פּאַסיקער, און איז אויך אין דעם פאַל פון לכתחילה אַן געווען פאַר'משפט צו אַ דורכפאַל. שבתי־צבי מיט זיינע מאמינים האָבן זיך צום סוף גע'שמד'ט אויף מאַכמעדאַנער און יעקב פראַנק מיט זיינע מאמינים האָבן זיך גע'שמד'ט אויף קאַטאָליקן.

נאָך שבתי־צבי'ס דורכפאַל זיינען אידן געבליבן צעטומלט און צעטרייסלט. עס איז געווען שווער פאַר זיי אָנצוגיין ווייטער מיט דעם אַלטן דרך פון דער תורה־אידישקייט. זיי האָבן געקאָנט בלייבן ווייטער אין גלות, אָבער עס איז געווען שווער פאַר זיי צו בלייבן ביי דעם רעליגיעזן סטאַטוס קוואָ: ביי דער תורה ווי די איינציקע פאַרמיטלונג צווישן מענטש און גאָט. שבתי־צבי האָט אויפגעוועקט ביי אַ גרויסן טייל פון אידישן פאָלק די בענקשאַפט נאָך דעם גאָט־מענטש, און די דאָזיקע בענקשאַפט האָט מער ניט געקענט אונטערדריקט ווערן. פאַרשיידענע געטלעכע משיחים האָבן זיך באַוויזן און באַקומען אָנהענ־גער. עס האָט זיך געפאָדערט אַ רעליגיעזע רעפאָרם, אַ סינטעז צווישן דער

אַלטער תורה־פרומקייט און דער ניי־אויפגעוואַכטער בענקשאַפט נאָך דעם גאָט־מענטש. אָט דער סינטעז האָבן דורכגעפירט ר׳ ישראל בעל־שם־טוב און זיינע תלמידים.

דער חסידיזם פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב האָט ניט אָנגערירט די אידישע מסורה, אָבער אין צענטער פון פרומקייט, פון דעם וועג צו גאָט, האָט ער אַוועקגעשטעלט דעם רבי׳ן, דעם צדיק, ווי אַ פאַרמיטלער צווישן מענטש און גאָט. דער מתנגדישער רב איז בלויז אַ למדן אין גאָט׳ס תורה, אָבער אַ חוץ זיין לומדות איז ער לויט זיין מהות אַ איד ווי אַלע אידן. זיין זון קאָן אויך זיין אַ למדן, אַ רב אַזוי ווי ער, אָדער ער מעג עס אויך ניט זיין. מתנגדישע רבנות גייט ניט איבער בירושה. דער חסידישער רבי אָבער איז אַנדערש פון אַלע אַנדערע מענטשן. ער איז גאָר ניט מחויב צו זיין אַ גרויסער למדן. ער איז לויט זיין מהות אַ מין גאָט־מענטש, אַ פאַרמיטלער צווישן מענטש און גאָט, און אָט דעם מהות זיינעם גיט ער איבער בירושה צו זיינע קינדער און קינדסקינדער. דורך דער פאַרמיטלונג פון דעם רבי׳ן קומט מען צו נעענטער צו גאָט. דערפאַר איז וויכטיק יעדערע זאַך, וואָס קומט אין באַרירונג מיט דעם רבי׳ן, אפילו די „שיריים״ פון זיין טיש.

די מאַסן אידן, וועלכע האָבן ווינציק־וואָס געקענט לערנען אָדער די וועמען דאָס לערנען גמרא האָט גייסטיק ניט באַפרידיקט, האָט דער בעל־שם־טוב גע־געבן אַ רבי׳ן אַ צדיק ווי אַ פאַרמיטלער צווישן מענטש און גאָט. דערצו נאָך האָט ער געלערנט אידן פרומקייט דורך שמחה, ווי אַ מיטל אויפצואוועקן די התלהבות און אַריינפאַלן אין אַ רעליגיעזן עקסטאַז, כדי צו האָבן אַ דירעקטע, מיסטישע פאַראייניקונג מיט גאָט.

דער ווילנער גאון, דער גרעסטער פאַרטרעטער און וואָרטזאָגער פון דער תורה־פרומקייט, האָט געהאַלטן חסידות פאַר אַ נייער פאָרם פון שבתי־צבי׳איזם און האָט אריינגעלייגט די חסידים אין חרם. ער האָט ניט געזען, אַז דער חסידיזם איז נישט געקומען צו צוברעכן די פרומע אידישקייט, נאָר ער איז געקומען העלפן מיט אַ נייעם דרך די אידן, וועלכע האָבן זיך ניט געקאָנט רעליגיעז מער אויסלעבן אין איר.

דעם קאַמף צווישן חסידיזם און מתנגדיזם איז, בכן, געווען אַ געראַנגל צווישן דער אָפיציעלער פרומער אידישקייט, וואָס האָט ניט געוואָלט אָפנייגן אפילו אויף איין האָר פון איר אַלטן דרך, און אַ ניי־אויפגעקומענער אָרטאָדאָקסישער אידישקייט, וואָס האָט געזוכט צו שאַפן אַ סינטעז צווישן דער אָפיציעלער תורה־אידישקייט און דער ניי־אויפגעוואַכטער בענקשאַפט נאָך דעם גאָט־מענטש ווי אַ פאַרמיטלער צווישן מענטש און גאָט.

אָרגאַניזאַציעס און ספּאָנסאָרס

וואָס האָבן געהאָלפן מאַטעריעל דעם חיים שויס בוך קאָמיטעט

קאָמיטעט אָוו אַדוועגס דזשואיש סקאָלערשיפּ

לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ.

דר. מאַקס נוסבוים, פּאָרזיצער

דר. סעמועל דינין — פּיליפּ בראָדי

וו. דייטש, פּאָרזיצער פאַרבאַנד קאונסיל, ל. א.

* * *

אַרבעטער רינג בילדונגס קאָמיטעט

* * *

רעננה פּאַרק, הײלאַנד מילס

* * *

פאַרבאַנד האָוזינג קאָמיטעט, ניו־יאָרק, נ. י.

* * *

פאַמיליע קאַפּעל

לואי, מייער, ישעיה, מינע (זייער מוטער) און רעי ווישער

* * *

משה און עמאַ שייווער, דיטראָיט

* * *

דיסטריקט נומ. 6 פון פאַרבאַנד, דעטראָיט

דייוויד זיסלין, סעקרעטאַר

* * *

וו. קאַפּלאַן, לייקוואוד, נ. דזש.

* * *

וויליאַם יאַפע, אָהייאָ

פאַרבאַנד ברענטשעס

וואָס האָבן געהאָלפן מאַטעריעל דעם חיים שויס בוך קאָמיטעט

- ברענטש 7, סינסינעטי
- ברענטש 17, סט. לואיס
- ברענטש 20, וויניפעג
- ברענטש 22, ניו־יאָרק
- ברענטש 24, ניו־יאָרק
- ברענטש 50, ניו־יאָרק
- ברענטש 79, דעטראָיט
- ברענטש 82, ניו־הייווען
- ברענטש 121, שיקאַגאָ
  ס. בוירנס, סעק.
- ברענטש 122, לאָס אַנדזשעלעס
- ברענטש 137, דעטראָיט
- ברענטש 169, ניו־יאָרק
- ברענטש 236, ניו־יאָרק
- ברענטש 352, לאָס אַנדזשעלעס
- ברענטש 504, קליוולאַנד

נעמען פון יחידים

וואָס האָבן געהאָלפן מאַטעריעל דעם חיים שויס בוך קאָמיטעט

א. אַבראַמסקי, ניו־יאָרק
נ. איזראַעלאָף, ניו־יאָרק
ש. אַבראַמסאָן, ל. אַנדזשעלעס
ש. אשער, לאָס אַנדזשעלעס
יעקב אַלפּער, לאָס אַנדזשעלעס

קלמן באַכראַך, ניו־יאָרק
א. בלאק, ניו־יאָרק
ל. בראַמבערג, לאָס אַנדזשעלעס
אין אָנדענק פון זעליג בראַמבערג, ע״ה

א. באַרנשטיין (ע״ה), ל. אנדזש.

מ. גערשבערג, ניו־יאָרק

וום. האָרדעס, דעטראָיט
מאַקס האָלצמאַן, לאָס אַנדזש.

מ. וואָלטער. נ. בערגען. נ. דזש.
פרעד וואולף, פּאָרטשעסטער
פיליפּ וויין, לאָס אַנדזשעלעס

ב. טאַוב, ניו־יאָרק

שמחה ליינער, ל. אַנדזשעלעס
נ. לינדען, דעטראָיט
ל. לאַמעד פאונדיישן, דעטראָיט
מ. לעווין, פילאַדעלפיע

ל. מתמידי, ישראל
א. מישעלאָוו, ניו־יאָרק
אָסקאַר מייער, ריווערעדזש,
נ. דזש.

מ. ב. ניומאַן, ניו־יאָרק

טעאָדאָר סטרימלניג, ל. אַנדזש.
אייזיק סומיץ, לאָס אַנדזשעלעס
מ. סטיין, שיקאַגאָ
וואָלף סניידער, דעטראָיט
מ. סאַלאָף, ניו־יאָרק
מ. סינגער, פּאָרטשעסטער
בען סילווער, פילאַדעלפיע

פ. פיליפּס, ניו־יאָרק
אין אָנדענק פון אַלפערט פיליפּס, ע״ה
א. פרידעל, פיטסבורג
י. פליט, ניו־יאָרק
מאַקס פּאָרער, ניו־יאָרק
וו. פאַבריקאַנט, שיקאַגאָ
יוסף פּאַניץ, לאָס אַנדזשעלעס

נ. קאָס, דעטראָיט
י. קעניגסבערג, ניו־יאָרק
ל. ה. קוואָרטלער, פּאַסייק,
ניו דזש.
שרה קאַרדאָן, ניו־יאָרק
פיטער קאָהן, לאָס אַנדזשעלעס

מאַקס ראַגאָווי, עקראָן, אָהייאָ

ס. שוואַרץ, פילאַדעלפיע
ש. שאַפּיראָ, פילאַדעלפיע
הערי שומער, דעטראָיט
מ. שערמאַן, ניו־יאָרק
ישראל שעפּס, פעיר לאון,
ניו דזש.
אַרטור שרייער, ל. אַנדזשעלעס